STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06456

GEKLIBENE SHRIFTN

A. Golomb

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. גאלאמב

נעקליבענע שריפטן

ערשטער באנד

ארויסגעגעבן פון דעם קאָמיטעט ארויסצוגעבן געקליבענע שריפטן פון א. גאָלאָמב צו די פינף און דרייסיק יאָר פון זיין פעדאגאָגישער טעטיקייט.

מעקסיקע תש״ה — תש״ו

A. GOLOMB

BIBLIOTECA YAVNE
No. CLACIF. ____
No. ADQUIS. 1330
FECHA 28-X-70
VALOR ____

OBRAS ESCOGIDAS

I

COMITE
PARA EDITAR OBRAS ESCOGIDAS DE A. GOLOMB
CON MOTIVO DE LOS 35 AÑOS DE SU LABOR PEDAGOGICA
MEXICO, D. F.
1945

פון די ארויסגעבער

... און די בענקשאפט צו דערזען א יידן, באַדיי א שוסטער, א שניידער, איז אלץ ביי אים שטארקער און שטארקער געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן שטארק צו וויינען:

— רבונו של עולם — האָט ער זיך געבעטן — נעם מיך ארויס פון דאנען! בעסער אין גהינום מיט כל ישראל צוזאמען, איידער דאָ איינער אליין!

י. ל. פרץ

וואנדערונגען מתוך בענקשאפט...

אָט אזוי דארפן באצייכנט ווערן אברהם גאָלאָמבס וואָגלענישן איבער דער וועלט.

זיין בענקשאפט צו יידן, צו גאנצקייט אין יידישן לעבן, דאָס האָט אים געטריבן דורכצושפרייזן א וועלט: פון אייראָפּע קיין אזיע און פון אזיע אזש אין די אמעריקעס.

האָט ער דערפילט, אז אין זיין ווינלאנד ווערט געהאמעוועט דער יידישער גייסט און די פליגלען פון זיין שעפערישן געדאנק ווערן געצווימט, האָט ער גלייך געזוכט נייע יידישע ישובים, ווו עס גייט אויף די שכינה פון פאָלק.

און אזוי האָט זיך אָנגעהויבן דאָס קאפיטל „לך לך!"

האָט ער געוואנדערט פון רוסלאנד קיין פוילן, פון פוילן קיין ארץ ישראל, פון ארץ ישראל קיין קאנאדע. ביז ער איז אָנגעקומען צו אונז אין מעקסיקע.

מעקסיקע, דער לעצטער „ויחנו", די לעצטע סטאנציע?...
בשום אופן אָבער, איז א. גאָלאָמב ניט פארבונדן מיט א טעריטאָריע! זיין לאנד, זיין וווינארט איז דאָס יידישלאנד. דאָרטן, ווו עס גייט אויף א יידיש לעבן, דאָרטן איז ער דאָ, דאָרטן גייט אויך אויף זיין יידיש וואָרט. נישט וויכטיק ווו זיין געצעלט איז בדיעבד פארצויגן געוואָרן.

אָנגעהויבן האָט א. גאָלאָמב זיין פעדאגאָגישע און ליטעראריש־געזעלשאפטלעכע טעטיקייט ערגעץ ווו ביי די ברעגן פון דווינע, פון בוג טייך און האלט שוין איצט אין דעם לאנד פון די אצטעקן...

— פאָלג. מיך א מהלך!

און אזוי ציען זיך שוין א קימא־לן פון פינף און דרייסיק יאָר פון עקשנותדיקער און מסירת־נפשדיקער ארבעט איבער אלע תפוצות ישראל. אין פוילן, ווו זיין דערציערישע טעטיקייט האָט זיך ספּעציעל צעבליט און האָט פליגלען באקומען, איז די אייגנארטיקע פעדאגאָגישע שיטה, וואָס ער האָט אנטוויקלט, אָנגערופן געוואָרן אפילו אויף זיין נאָמען: „גאָלאָמביזם".

די גאָלאָמביסטישע שיטה האָט געלערנט:

א. יידישע טראדיציע און יידישער אייגנארט זענען בשום אופן נישט אין סתירה צו וועלטלעכקייט און סאָציאליזם. פארקערט, זיי, די לעצטע, מוזן געפינען די אחיזה, דעם אָנהאלט אין די ערשטע, אנדערש זענען זיי פארמשפט צו דעגענעראציע.

ב. די יידישע שול פירט נישט נאָר קיין קאמף מיטן חדר, נאָר איז גאָר דער המשך זיינער: זי דארף איבערנעמען זיינע הערלעכע טראדיציעס און זיי ממשיך זיין. זי דארף ירשענען דאָס שיינע, דאָס דערהויבענע און דאָס פּאָזיטיווע וואָס איז געווען אין חדר און עס איבערפלאנצן אין דער מאָדערנער יידישער שול.

ג. העברעאיש און יידיש טאָרן זיך נישט באקעמפן, ווייל ביידע זענען א גאָטס געבענטשטער צווילינג, וואָס דארפן זיך איינס דאָס אנדערע ממלא זיין. העברעאיש איז אלט־יידיש און יידיש איז ניי־העברעאיש. אונדזער שול איז אויף יידיש, ווייל אויף אָט דער שפּראך גייט איצט אָן די אינטענסיווסטע גייסטיקע אויפלעבונג פון דעם יידישן פאָלק. מיר דארפן זיך שטעלן מיטן פנים צום איצט, אָבער בשום אופן נישט פארגעסן דעם בראשית פון פאָלק. און מען מוז כסדר ציען צום עתיד פון פאָלק. די מקורים פון אלט־יידיש (העברעאיש) דארפן פארנעמען א חשובן פלאץ. און פון דעם ווערט קלאָר:

תנ״ך איז וויכטיק, תלמוד נאָך וויכטיקער, די מאָדערנע היינטצייטיקע שאפונגען — א פשיטא שוין!״

א. גאָלאָמב האָט די דאָזיקע תורה נישט בלויז געלערנט להלכה, נאָר אויך למעשה, זי פארווירקלעכט אין לעבן.

אין דעם דאָזיקן גייסט האָט ער דערצויגן הונדערטער יידישע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן זיך געגרייט צו זיין לערערס ביי יידן און וואָס ביי היינטיקן טאָג שפּילן זיי א גרויסע ראָלע אויף פארשידענע געביטן פון יידישער קולטור און דערציאונגס ארבעט אין אלע תפוצות ישראל.

נישט קיין קאָנאָניזירטע תורה, נישט קאָנסערווירטע יידישקייט נאָר אַן עלאַסטישע יידישקייט, וואָס קניפּט זיך אָן אין המשך און האלט זיך אין איין אנטוויקלען...

די יידישע שול דארף — לויט א. גאָלאָמב — אויסשמידן דעם רינג פון די היינטיקע דורות אין דער גאָלדענער קייט פון דער יידישער אייביקייט און ער איז טאקע געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך נישט באנוגנט מיט א שול בלויז אויף יידיש, נאָר ער האָט געוואָלט, אז די שול פון יידישן לעבן און יידישן שאפן וואָס זאָל אָנקניפּן דעם היינט מיט דער אייביקייט און איבערגעבן די ירושה צו די קומענדיקע גענעראציעס.

די שול מוז האָבן א יידישן אינהאלט, עס מוז אין איר געלערנט ווערן א ספּעציפיש יידישער לערנמאטעריאל. וועט איר נעמען א פרעמדן אינהאלט, א פרעמדע קולטור און איר וועט זי אפילו איבערגעבן אויף דער יידישער שפּראך, וועט אזא שול אייך גאָרנישט געבן, אזא שול וועט גאָרנישט דערציען.

און נישט יעטווידער יידישער אינהאלט קען באשטעטיקט ווערן פאר דער יידישער שול. עס זענען פאראן יידישע שאפונגען וואָס מיזן דן ווערן לגניזה. נאָר די יעניקע שאפונגען, וועלכע האָבן זוכה געווען צו ווערן איבערפורעמען דאָס יידישע הערצאישע און עטישע לעבן אין קונסט, נאָר די, קענען אריינגענומען ווערן אין דעם נייעם ש״ס, וואָס דארף רעקאָמענדירט ווערן פאר דער יידישער שול, ווייל דורך זיי קאָנען די נייע דורות ירשענען די נשמה פון דעם פארגאנגענעם יידישן לעבן.

און פונקט ווי א. גאָלאָמב האָט געקעמפט קעגן דרויסנדיקע השפעות אין דער יידישער דערציאונג, אזוי האָט ער אויך באקעמפט דעם „בעל״ און עשתורת״-קולט אין דעם יידישן קולטור-לעבן.

עפּעס פון דעם נביאס פּאטעטישקייט איז דאָ אין זיין יידישלעכן סטיל:

„יובלס און יאָרצייטן פון לעבעדיקע און געשטאָרבענע שרייבער זענען נישט מיינע יום־טובים. די פּערזאָן פון שרייבער און זיין פּערזענלעך לעבן, זיין כראָנאָלאָגיע, זיין רייכקייט און אָרעמקייט גייען מיר נישט אָן".

„דער יובל יום טוב איז צו אונדז פון פרעמד; בארג (אָלימפּ) געקומען!"
— אזוי זאָגט צווישן אלעמען א. גאָלאָמב אין זיין עסיי ,אלע טעג אָדער בלויז יום טוב", געווידמעט צו שלום עליכמס אכציק־יאָריקן געבוירנטאָג.

אין די יובילייען און יאָרצייטן, וואָס ווערן געפייערט זעט ער א געצן־קולט, וואָס איז איבערגענומען געוואָרן פון דער פרעמד:

„מען האָט פארלאָזן די נשמה, דעם אינהאַלט, די תורה און מען האָט פארמארינירט אין זכרון פון פאָלק דאָס געשטאָרבענע לייב פון שרייבער".
און מיט רעכט זענען א. גאָלאָמבס טענות.

די דאָזיקע יום טובים זענען פרעמד דער יידישער טראדיציע. מיר, יידן, ווייסן פון א יום־טוב פון „פּתיחת הספר", פון א „סיום הספר". ניט דער שרייבער און זיין לעבן איז געווען פאר אונדז וויכטיק, וויכטיק איז גע־ווען פאר אונז דאָס ווערק זיינס. די אחרים, די בן עזאים, הגם זיי זענען הציץ ונפגע געוואָרן און האָבן אונטערגעהאקט די פלאנצונגען, דאָך זע־נען זייערע געניאלע געדאנקען פארבליבן ביי אונז הייליק ווי די געדאנקען פון די אנדערע יידישע געלערנטע, וואָס האָבן יאָ אויסגעהאלטן די פייער פּראָבע פון דער יידישער רעליגיע.

א. גאָלאָמבס באציאונג און צוגאנג צו דער ליטעראטור און צו אירע שעפער איז קודם כל אויסצוגעפינען דאָס וועזנטלעכע, דאָס אייגנארטיק־יידישע, וואָס דער אָדער יענער שרייבער האָט צוגעטראָגן צו דער נשמה פון דער ליטעראַטור, וואָסערע קולטור השפעות און יניקות האָבן זיי אין יידישן לעבן און ווי אזוי ווירקן זיי — אָט די שאפנגען — בעת מען לערנט אָדער מען לייענט זיי.

פארמאָגט א שרייבערס א ווערק יאָ פון יענע ניצוצות שבקדושה, טאָ זאָל מען נישט מאכן קיין יום טוב פון דעם שרייבערס געבוירנטאָג אָדער יאָרצייט, נאָר עס זאָל גיין א וואָכעדיקער גאנג פון דעם שרייבערס ווערק.

חברות זאָלן זיך גרינדן אויף דעם שטייגער ווי אמאָל ביי יידן, חברות וואָס זאָלן לערנען מסכתות פון דער יידישער ליטעראטור, לערנען און לעבן אין זיי, ווי עס האָבן געטון פריערדיקע דורות.

א. גאָלאָמבס אָנקומען אויף דעם אמעריקאנער קאָנטינענט איז געווען מיט שטורעם. ער האָט געוואגט צו שטורעמען דאָס פארגליווערטע יידישע קולטור־לעבן, דאָס וואָס א סך דעה־זאָגער פון יידישן גייסטיקן לעבן איז נישט געפעלן געוואָרן. מיט זיין פּאָטאָסדיקן עסיי און מיט זיין ממשותדיקער געזעלשאפטלעכער און פּעדאגאָגישער ארבעט האָט ער געמיטער צערייצט און די איינגעשלאָפענע אינערע צעטרייסלט.

יעדער נייער עסיי, צי אויף א געזעלשאפטלעכער, פּעדאגאָגישער צי ליטעראַרישער טעמע, איז געווען ווי דינאמיט. עס האָט אויפגעריסן דעם גייסטיקן פראָנט און האָט געפּאָדערט רעוויזיע. און צי מען האָט געוואָלט, צי מען האָט נישט געוואָלט, מען האָט זיך אָבער געמוזט צוהערן.

זענען אָבער די דאָזיקע פינף און דרייסיק יאָריקע שעפערישקייט געווען צעשפּרייט אין ארבע פּנות העולם, אין פארשידענע זשורנאלן און צייטשריפטן פון כמעט אלע קאָנטינענטן, האָט דאָס יידישע מעקסיקע באַשלאָסן אָפּצוקלייבן דאָס וואָגיקסטע און עס ארויסגעבן אין א בוך־פאָרם.

דאָס יידישע מעקסיקע באַטראַכט זיך ווי א באַרעכטיקטע משפּחה אין דער יידישער וועלט, דערצו נאָך האָט דער גורל — צום באַדויערן — ארויפגעלייגט אויף איר געוויסע התחיבותן פאר דעם יידישן פאָלק. התחיבותן עקאָנאָמישע ווי גייסטיקע.

איז טאקע דער ישוב שטאָלץ מיט דעם, וואָס אויף אים איז אויסגעפאלן ארויסצוגעבן די געקליבענע שריפטן פון איינעם, וואָס האָט אזויפיל צוגעטראָגן צו דעם געביט פון דער יידישער דערציאונג און צו דער יידישער קולטור בכלל.

דער געשאפענער יובל־קאָמיטעט האָט באשלאָסן ארויסצוגעבן אן אויסוואל פון די וויכטיקסטע עסייען פון א. גאָלאָמב.

די אויסגאבע איז אויסגערעכנט אויף פינף בענד (אריבער 1600 זייטן), וואָס וועט ארייננעמען די פּעדאגאָגישע און אלגעמיין־יידישע ארבעטן.

די ערשטע צוויי בענד וועלן ארייננעמען די פּעדאגאָגישע ארבעטן; דער דריטער, פערטער און פינפטער באנד וועלן ארייננעמען עסייען אויף אלגעמיינע יידישע פראגעס.

זאָל דאָס זיין א גוטער אָנהויב פאר פאר פארצווייגטער פארלעגערישער ארבעט אין אונזער יונגן יידישן ישוב.

די הכנסה פון דער אויסגאבע איז באשטימט פאר וויטערדיקער באַרלענערישער ארבעט.

דער קאָמיטעט באשטייט פון: ל. באַיאָן, ה. גרינשטיין, מ. גאָלד־שמיד, י. דינער, פּ. זיידמאן, מ. טראַטנער, א. טיקטין, ט. מייזעל, י. מאר־קעס, ב. פיינשטיין, ב. צמח, ע. קלעצל, א קרעמערמאן, סעם ראָזען, מ. ראַ־באָלין, ה. רובינשטיין, חיים ראפּאָפּאָרט און אליעזר שאפּיראָ.

פון מחבר

אויף אלץ קען זיך א יידישער לערער דערוואַרטן, נאָר דערלעבן צו א קיבוץ גליות פון א טייל פון זיינע שריפטן, — צעזייטע און צעשפּרייטע איבער אלע לענדער פון זיין וואָגלען, — דאָס איז שוין חוץ מדרך הטבע. איך בין זוכה געווען צו דעם בהיסח הדעת, ניט געחלומט אפילו כאָטש ווער פון אונדזער דור איז פריי פון א שמץ מנחם מענדליזם. מאַך איך „שהחינו", און מיט א טיפער אינעווייניקסטער דאַנקבאַרקייט צו די איניציאַטאָרן און אלע חברים פון דעם קאָמיטעט נעם איך זיך צו דער ארבעט. די אויסגאַבע איז ווייט ניט קיין פולע. קודם כל איז לכתחילה אויסגעשלאָסן אלץ וואָס איז געדרוקט געווען אין דער טאָג־פּרעסע. פון די אַרטיקלען האָב איך אפילו ניט קיין רעגיסטער, און איך האָב עס ניט געזאמלט. ניט אלץ וואָס איך וואָלט געוואָלט אריינגעמען, האָב איך צו קריגן, ווייל מיין ביבליאָטעק און אַרכיוו וואַנדערן ווייניקער ווי איך. א סך זאכן האָבן ביי מיר אין די אויגן איצט אָנגעוואָרן זייער ווערט און צולעצט — איך בין אין משך פון לאנגע יאָרן געווען אין יידישן שול־וועזן דער מעטאָדיסט פון נאטורוויסנשאפטן, איך האָב א סך געשריבן אויף די געביטן. אָבער אויף דעם אמעריקאַנער קאָנטינענט זיינען ליידער יידישע לערערס „באַפרייט" פון דער זאָרג פאר דעם געביט. האָב איך אויך אויסגעשלאָסן אלץ פון דעם געביט פון דער זאמלונג.

די גאנצע אויסגאַבע איז אויסגערעכנט אויף פינף בענד. ווען איך שרייב די הקדמה איז שוין דער ערשטער באַנד אָפּגעדרוקט. און ער איז פון אָנהייב פאַרטראַכט געוואָרן גאָר ווי א פּריוואַטע אונטערנעמונג פון פר' מ. רובינשטיין ווי זאמלונג בריוו צו עלטערן. שפּעטער איז צוגעקומען א צוויי־

מע טייל — א לערער צו לערערס. ערשט ווען דער באנד איז שוין געווען פארטיק צו גיין צום איינבינדער האָב איך זיך דערוווּסט פון דעם קאָמיטעט מיט זיין פארלאג־פּראָיעקט, ער האָט איבערגענומען אויך דעם באנד. דער צווייטער באנד האָט אויך צוויי טיילן. אין דעם ערשטן קומען ארבעט פון אלגעמיינעם פּעדאגאָגישן כאראקטער... אמעריקאנער יידן, שרייבערס און אויך לערערס זענען ניט געווינט צו קריטיקירן דאָס אלגעמיינע לעבן פון אמעריקע. מיר יידן מעגן און קענען קריטיקירן (און אָפט גראָב אויסלאכן) אלץ אין יידישן לעבן און אלע אויפטוען פון יידן. מיר וואגן אָבער ניט צו זאָגן א קרום וואָרט אויף דעם אדרעס, וואָס די באלעבאטים טוען. די סיבות פון דער דערשיינונג וויל איך דאָ ניט אָנרירן, ניט דאָס בין איך אויסן. אָבער איך מוז באצייטנס בעטן מחילה ביי די יידן פון דעם שניט פאר מיין „חוצפה": חטאתי, איך האָב געזינדיקט, רבותי, און זאָלן מיר די אומבא־דינגטע גלויבערס אין אמעריקע מוחל זיין אויב זיי וועלן געפינען אין דעם באנד עפּעס וואָס קען אויסקומען ווי א קריטיק אויך אויף אמעריקע.

דער צווייטער טייל נעמט ארום פרינציפּעלע פּראָבלעמעס פון דער יידי־שער פּעדאגאָגיק פון שטאנדפּונקט ניט פון א פראקציע, איין ריכטונג אין יידישן לעבן, נייערט פון דעם גלויבן אין דער גאנצקייט און איינהייטלעכער המשכדיקייט פון אונדזער פאָלק איבער לענדער און איבער דורות און אי־בער אלע פּארטייען.

דער דריטער באנד וועט אריינגעמען ארבעטן וואָס ווילן אויפקלערן די ספּעציפישע אייגנטימלעכקייטן פון אונדזער פאָלק אין זיין לאנגן וועג דורך דער אייביקייט. אין פערטן און פינפטן באנד וועלן קומען אָפּהאנדלונ־גען פון א מער נאָרמאטיוון כאראקטער. די אָפּהאנדלונגען זיינען ניט גע־אָרדנט כראָנאָלאָגיש, דאָך וויל איך גלויבן אז אין זיי איז פאראן אן איינ־הייטלעכקייט. פאראן פעיקערע שרייבערס ביי יידן, וואָס ברענגען ארויס מאָמענטאנע איינדרוקן און געדאנקען. מיר קומט דאָס שרייבן אָן שווערער, ווייטאָקדיקער, און אין אלע ארבעטן איז מער פאראן דער אינעווייניקסטער איך, וואָס בייט זיך ניט. נאָך עפּעס: דער ווייט גרעסטער טייל געדאנקען זיינען ביי מיר געבאָרן געוואָרן און אָפט אויך געקראָגן זייער פאָרמולירונג צוערשט בעל פּה. פון אלע יידישע לערערס האָב איך דאכט זיך מער זוכה געווען צו ארבעטן מיט עלטערע און אינטעליגענטערע תלמידים און אין די לעקציעס, דיסקוסיעס און קאָרעספּאָנדענץ מיט זיי האָב איך געמוזט די גע־דאנקען פורעמען איידער עס איז פון זיי געוואָרן אן עסיי, צי אן ארטיקל.

מיר דאכט זיך, אז די ארבעטן, איבערהויפט די ערשטע בענד וועלן זיין די ערשטע יידישע זאמלונג פון פעדאגאגיק, וואס שטאמט דירעקט פון א יידישן פעדאגאגישן ווארשטאט. רעכן איך עס אויך פאר א זכות.

כ'האב מיטגעמאכט די גאנצע געשיכטע פון דעם יידיש־יידישן שול־וועזן — פון ווען מיר האבן געטרוימט און געבויט, געקעמפט, געבראכן משכיליש־רוסיפיקאטארישע טראדיציעס אין דער געזעלשאפטלעכקייט און אין זיך גופא, געבויט און געשאפן יידישע שולן אונטער דער נאז פון צאר־רישע אינספעקטארן, אט פון דאן ווען עפעס א מאדנער כוח האט א צי געטאן די יוגנט צום פאלק, אין פאלק אריין, אהיים, צו זיך. און שפעטער — די גרויסע פארמעסטן ווען עס האט זיך געדוכט, אז וועלטן קערן זיך איבער, און אונדז האט זיך געחלומט אן אקטיווער חלק אין דער נייער וועלט. און ווייטער קאמף און געראנגל מיט דער פאלשער דעמאקראטיע און מיט אינעווייניקסטער מוטלאזיקייט, — און ווייטער, אין די אמעריקעס ווו יידן טראגן זייער פעקל „אלדקאנטרישער" יידישקייט און צעשיטן עס, און עס צעגייט ווי א שטיקל אייז אין א זומערדיקן טאג... און עס חלומט זיך א אהרון דער כוהן מיט א גרויסער פייער־פאן וואס שטעלט זיך איין און האלט אפ די מגפה...

דורכגעטראגן, דורכגעשלאגן דורך אזוי פיל סיטואציעס, סביבות, גלויבנס, שטימונגען, פריידן און ליידן, גרויסע האפענונגען און נאך גרע־סערע אנטוישונגען, איז דאס וואס איז געבליבן, וואס איז אנגעוואקסן, דורכגעלייטערט דורך א סך פייערן, און — עס ווילט זיך גלויבן אין זיין אביעקטיווער אויסגעהאלטנקייט. דאס און נאך עפעס. אפשר שוין צו אינ־טים, אבער — אם לא עכשיו אימתי? — ס'איז גאר ניט פון די גרינגע זאכן אין יידישן לעבן צו גיין א לעבן אליין, אן דעם ברוב עם פון א פארטיי, צו וועלן האבן רעכט אויף אן אייגענער מיינונג. שווער, זייער שווער. פרעגט ניט דעם רופא נאר דעם חולה... אן א פאס, א „בירגער" נאר פון דער אייגענער אידעישער מלוכה. מען האט פיינט א גר, מען געטרויט אים ניט, „הלנו אתה"?... אבער — פארפאלן, עס איז דערווידער די נארמע, די דאגמע, די אייגענע אויך. עס בענקט זיך צום אמת פון אונדזער אייבי־קייט, זוך איך תמיד דעם בת־קול פון דורות, ווילט זיך מיט דעם קאנטרא־לירן די אייגענע געדאנקען...

איך בין א לערער, אויך אין שרייבן. ווילט זיך האפן אז די דורכגע־וויטאקטע געדאנקען פון א יידישן יידן וועלן געפינען א בת־קול אין הער־

צער פון נאָך יידישע יידן, און עס וועלן זיין באַרעכטיקט די אייגענע און געזעלשאַפטלעכע אָנשטרענגונגען. יהי רצון.

אין אויגוסט 1945.

פּעדאַגאָגישע שריפטן

I

ערשטער טייל:

צו יידישע טאטע-מאמעס

טאטע-מאמע אָדער די דינסט — וועמעס קולמור דארפֿן קינדער ירשנען.

עבדים משלו בנו (קנעכט און דינסטן הערשן איבער אונז).

ווי א יידישער לערער וואס טראגט די גרויסע אחריות פאר דער דערציאונג פון יידישע קינדער, פיל איך א חוב זיך אפטער צונויפרעדן מיט די יידישע טאטע־מאמעס וועגן די פראבלעמעס פון דערציען קינדער. אז דער הילף פון די עלטערן, אז זייער קאארדינירטער מיטארבעט קען די בעסטע שול מיט די בעסטע לערערס ניט אויפטון דאס וואס א שול דארף אויפטון. און דעריבער מוז געשאפן ווערן די נויטיקע הארמאניע צווישן שול און היים, עלטערן און לערערס; איין טייל דארף שטיצן און אונטערהאלטן די אנשטרענגונגען פון דעם צווייטן. אט כדי זיך אפטער צונויפרעדן שרייב איך אט די בריוו צו יידישע טאטע־מאמעס.

די ערשטע זאך וואס עס ווארפט זיך אין די אויגן און וואס מען מוז פריער אויספארריכטן איז דאס איבערגעבן די גאנצע דערציאונג פון די יידישע קינדער אין די היימען צו די דינסטן. קיין אפענע שאפע געטרויט מען זיי ניט, אבער אויסהאדעווען די קינדער — דאס יא.

— פארוואס קענען אייערע קינדער ניט קיין יידיש?

— וואס זאָלן מיר טון? די מאמע איז פאַרנומען, דער טאטע — דאָך געווים, און די דינסט — זי האָדעוועט דאָך די קינדער. די אָרענטלעכקייט פון די דינסטן, זייער פארשטאַנד און אינטעליגענץ, זייער מאראל איז טאַקע גאַנץ ספקדיק — דאָס ווייס מען, היט מען אין שטוב יעדער שטיקל ברויט, אָבער די אנטוויקלונג פון די קינדער — דאָס פאַרלאָזט מען זיך אויף די דינסטן, זייער שפּראַך און זייער גייסטיקע אנטוויקלונג — דאָס אימפּאָנירט שטאַרק די יידן אין יעדער לאַנד.

און עס איז אַ ליגן, ניט די דינסטן זענען שולדיק. שולדיק איז גאָר דאָס געפיל פון דינסטן און קנעכט וואָס ביי די יידן אין די נשמות גופא, ניט די פרעמדע דינסט, ניט דער געדונגענער קנעכט באַהערשן די קינדער פון דעם קלוגן פאָלק ישראל, נאָר אונזער אייגענע קנעכטישקייט, די פּסיכיק פון ניט פרייע מענטשן, וואָס מיר ליידן פון דעם. עבדים היינו — קנעכטיש זענען מ י ר ג ע ו א ר ן און מיר האָבן אַ נייגונג, אַ מין געפיל אזא צו זיין אָפּהענגיק פון עמיצן, פון אַ פרעמדן, מיר זוכן אויף זיך באַלעבאַטים. ווו מיר קומען באַמיען מיר זיך צו זיין סובאָרדינירט און אָפּהענגיק פון יענעמס חסד, און אַלעמאָל דוכט זיך אונז, אַז דאָס פרעמדע איז שענער און בעסער פון דעם וואָס איז אונזערס. און די גוטע טאטע־מאמע ווילן אַז כאָטש זייערע קינדער זאָלן זיין ענלעך צו די בעסערע, צו די באַלעבאַטים. „מילא מיר זענען שוין פאַרפאַלן — צו אַלט זיך צו בייטן, אָבער אונזערע קינדער זאָלן זיי שוין זיין צו לייטן גלייך״ — אַט אַזוי טראַכטן זיך יידישע עלטערן אומעטום ווו זיי לעבן און זיי מאַכן פון זייערע קינדער... מאַלפּעס, וואָס מאַכן נאָך אַלץ וואָס זיי זעען ביי די פרעמדע. און פון דעם שטאַמען גרויסע אומגליקן פאַר די יידן אין אַלע לענדער, איז פאַר די קינדער גופא. לאָמיר גיין כסדר.

ראשית כל גייט פאַרלאָרן דעם פאָלקס לשון. צוזאַמען מיט אים פאַרלירט דער גאַנצער דור די גאַנצע גייסטיקע ירושה פון זיין פאָלק. זענען אַזוינע מענטשן ניט קולטורעלער איידער די ווילדע מענטשן פון די וועלדער. קיין שום שול קען ניט אויסלערנען דאָס וואָס אַ קינד בעמט איבער פון

זיינע טאטע־מאמע ווען זיי רעדן מיט אים די שפראך פון זייער טראדיציע. די קולטור ירושה פון די דינסטן קען דאס ניט געבן.

וואקסט אויס א דור יידן וואס איז גייסטיק און אינטעלעקטועל זייער אפגעשטאנען, ניט אנטוויקלט, — און אז דער בעסטער לערער אין דער וועלט זאל נאך דעם קומען און וועלן אנטוויקלען, קען ער ניט, ווייל — גיי האדעווע גוטע פרוכטביימער, אז מען האט גאר אזוינע ניט פארפלאנצט. אזא טאטע־מאמע האבן ניט מיטגעגעבן זייערע קינדער קיין קולטור־ירושה, ניט פארזייט קיין קערנער פון קיין קולטור, טא וואס זאל דער לערער אנטוויקלען? אויף דער שפראך וואס די קינדער נעמען איבער פון די דינסטן, פון דער גאס קענען זיי זיך צונויפרעדן, אבער קיין קולטור־ירושה נעמען זיי מיט איר נישט איבער. כ'האב געזען אין פארט אלעקסאנדריע פון מצרים טרעגער וואס האבן גוט גערעדט פראנצויזיש און ענגליש. זיי האבן אבער ניט פארמאגט גארנישט פון דער פראנצויזישער אדער פון דער ענגלישער קולטור. אזוי אויך וואקסן אויס דורות יידן, וואס רעדן אלע שפראכן און זיי האבן קיין סימן ניט פון א וואסער עס איז קולטור. טא זאלן עס יידישע עלטערן געדענקען: ווילט איר האבן אינטעליגענטע קינדער, טא רעדט מיט זיי פון ערשטן טאג אן די שפראך פון א יי ע ר קולטור, געוויינט זיי איין זיי זאלן אין דער שפראך רעדן צו אייך, בארויבט ניט אייערע קינדער פון דער ירושה וואס אלע קינדער אין דער וועלט נעמען פון זייער פאלק.

צווייטנס — אין דעם מאמענט ווען יידן וועלן פארלירן זייער לשון הערט אויף צו זיין א יידיש פאלק. עס איז געגליכן צו א כלי וואס ווערט צעבראכן אויף שטיקלעך. כל־זמן די כלי איז געווען גאנץ, איז דאס א כלי. איז זי צעבראכן, זענען די שטיקלעך גארניט ווערט, און מען ווארפט זיי ארויס, ווי טייער די כלי — די מאמע פון די שערבלעך — איז ניט געווען. כל־זמן יידן קענען זיך צונויפרעדן און זיי זענען אייגהייטלעך אין זייער שפראך, אין שטייגער און אין קולטור און זיי האבן איין שפראך־טראדיציע, זענען זיי איין פאלק; קענען זיי זיך פארטיידיקן, באשיצן זיך ווען מען דארף, העלפן איין טייל דעם צווייטן — עס איז א פאלק. פארלירט

מען אָבער די אלגעמיינע יידישע שפּראַך, נעמט מען רעדן אויף די לשונות פון די לענדער, — איז שוין מער ניטאָ קיין גאַנץ יידיש פאָלק. וויפל לענדער, אזוי פיל שפּראַכן, און וויפל שפּראַכן אזוי פיל שערבלעך פון א פאָלק. און איין שערבל קלעפּט זיך ניט צו דעם צווייטן. ס'ווערט א צעבראָכן פאָלק און מען קערט אים אויס, אַרויס. דען מיט איבערנעמען א פרעמדע שפּראַך ווערט מען לגמרי ניט קיין טייל פון דעם פאָלק וועמעס שפּראַך מען רעדט. דייטשישע יידן זענען געווען די בעסטע היטער פון דער דייטשישער שפּראַך, — און זיי זענען קיין דייטשן דאָך ניט געוואָרן. קיין פאָלק נעמט מער אונז ניט אריין אין זיך. פרעמדע בלייבן מיר אפילו ווען מען שמדט זיך, מיט גויישע ווייבער און קינדער. בלייבט מען ניט קיין יידן, ניט קיין גויים. ווערט מען יידן אויף צרות, אויף שלעק, אָבער ניט קיין יידן צו לעבן ווי א פאלק און ניט קיין גויים. אומעטום פרעמדע, אַן א ברעקל אייגנס אין אייגענעם הארצן, בעטלערס וואָס האָבן גאָרניט קיין אייגנס איז וואָס כאַפּן פון אומעטום און פון אלעמען ברעקלעך; הינט וואָס אלע טרייבן, און מען כאַפּט א ביינדל מיט א שטעקן צוזאַמען...

און דעריבער דאַרפן די יידן וואָס האָבן נאָך א ברעקל שכל אין קאָפּ רעדן מיט זייערע קינדער יידיש, רעדן מיט זייערע קינדער די שפּראַך פון זייער קולטור־טראַדיציע!

דריטנס — ווען קינדער זענען קליינע און מען רופט זיי מיט פרעמדע נעמען, געבאָרגטע פון דער דינסט, מען רעדט צו זיי די שפּראַך ניט וואָס טאַטע־מאַמע, זיידע און באָבע נוצן, נאָר די שפּראַך פון דער דינסט, וואַקסט אויס ביסלעכווייז ביי די קינדער א געפיל, אַז טאַטע־מאַמע, זייערע נעמען און זייער לשון זענען זאַכן, וואָס מען שעמט זיך מיט זיי, מיאוסע. דער טאַטע מיט דער מאַמען גופא ווערן פאַר דעם קינד קנאַפּווערטיקער ווי די דינסט. קיין אכטונג, קיין דרך־ארץ, גאָרנישט! א פאַרבאָרגענער בייטערער געפיל וואַקסט אויס צו די אייגענע עלטערן, די „גרינהאָרנס" ווי מען רופט עס אין אַמעריקע. קינדער לאַכן פון טאַטעס, מען שעמט זיך מיט זיי, און אליין אויף זיך קוקט מען מיט פאַרדרוס למאי מען איז יידן, למאַי דער נאָז איז א יידישער. וואַקסן אויס די קינדער מיט ביטערע קאָמפּלעקסן,

אין די קאמפּלעקסן מאַטערן זיי, שוואַכן אָפּ זייער ענערגיע צו לעבן, צו בויען אַ לעבן. מיט איין וואָרט: עלטערן וואָס רעדן מיט זייערע קינדער אויף אַ פרעמדן לשון פאַרסמען אין די קינדער זייערע גייסטיקע כוחות אין עלעמענטאַרן קאַמף פאַרן קיום אויף דער וועלט.

און אַט אַזוי פירן זיך יידן — דער עם הכם וגבון! אַט ווי מאַדפּי־ביסטן פאַרסמען ביסלעכווייז זייער קערפּער. אַט אַזוי סמען יידן זייערע קינדער מיט די פרעמדע לשונות! קלוגע, אינטעליגענטע עלטערן דאַרפן זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּגעווייגען פון דער מיאוסער מידה, און זאָלן אין אייך אייערע קינדער זען שטאָלצע מענטשן וואָס אַכטן זיך אַליין און האָבן דרך־ארץ פאַר אַלץ וואָס עס איז זייער אייגנס. גענוג געמאַלפּעוועט, גענוג צו זיין קנעכטיש ביי די דינסטן!

און זאָגט ניט, אַז איר האָט ניט קיין כוח, אַז די קינדער ווילן אייך ניט פאָלגן, אַז די גאַס איז שטאַרקער פון אייך. ס'איז ניט ריכטיק. ווען אייערע עלטערן האָבן געוואָלט האָבן אַ כשרע היים מיטן גאַנצן הארצן, האָבן די קינדער געפאָלגט. אַז איר וועט וועלן מיטן גאַנצן האַרצן האָבן גוטע יידישע היימען, וועלן די קינדער אייך פאָלגן און... וועלן אייך אַכטן ווי מען אַכט מענטשן וואָס זענען אויסגעהאַלטן, מענטשן מיט אַ כאַראַק־טער.

יידן! ווילט איר האָבן קינדער אויסגעהאַלטענע, שטאָלצע און מוטיקע מענטשן, טאָ זייט אַליין שטאָלצע און אויסגעהאַלטענע י י ד ן. ניט רעדן, אַגיטירן, איינרעדן און בעטן זיך דאַרף מען, נאָר אַליין זיין אויסגעהאַלטן. זייט איר פעסטע יידן, וועט איר האָבן קינדער — פעסטע מענטשן.

היות איך בין אין לאַנד אַ גרינער, האָט מיך אַ גוטער פריינד גע־לערנט ווי זיך צו פירן: — — קודם כל זאָלט איר ניט רעדן קיין יידיש פאַר דער דינסט אין די אויערן; זאָל אייער דינסט פון אייך קיין יידיש וואָרט ניט הערן, איר קאָנט רעדן רוסיש, ענגליש, דייטש — מאַלע וואָס, נאָר ניט קיין יידיש. וואָרום ווי נאָר די דינסטן דערהערן אַ יידיש וואָרט, אַזוי כאַפּט זיי די ניכפּה, זיי צינדן זיך אָן ווי אַ אָקס פאַר דער רויטער טוך, און זיי כאַפּן ס'פּעקל און אַנטלויפן... אַזוי האָט מיך געלערנט מיין גוטער פריינד מיינענדיק דאָס בעסטע...

און איך האב אין הארצן געדאנקט די הענט ניט געוואשן וואס מיין ליבער גוטער פריינד הייסט מיר ניט די נאז אפשניידן כדי צו געפעלן דער דינסט, זאל געזונט זיין; די צונג זיך אפערירן אבי נאר זי זאל האבן לייט־זעליקייט צו מיר און באוויליקן ניט צו אנטלויפן פון מיר, זי — די דינסט — מיט איר גאנצן כבוד און פראכט!

און דער ערשטער קרבן צום גאט פון די דינסטן זענען די קינדער: פון זיי מאכן שוין יידן עפעס אזוינס וואס עס וועט די דינסטן, גאט צו דאנקען, געפעלן...

און עס איז ניט פון היינט. נאך מיט מער ווי הונדערט יאר אין רוס־לאנד אין די צייטן פון ניקאליי דעם ערשטן, אין די שוידערלעכע צייטן פון די קאנטאניסטן, וואס אט דער קייסער „ניקאליי דער שטעקן" (ווי די רוסן אליין האבן אים געקרוינט), — שוין דעמאלט האבן יידישע סוחרים פון קאטערינאסלאוו געשיקט א ספעציעלע פעטיציע צום גוטן קייסער, ער זאל דערלויבן זיי אין זייער גוטסקייט צו האלטן פאר זייערע קינדער רוסישע דינסטן כדי „די קינדער זאלן פון געבוירן־טאג אן זיך אנזאפן מיט דער גרויסער און פראקטיקער רוסישער קולטור ... די גרויסע קולטור פון די רוסישע דינסטן! און יידן גארן צו געניסן די גרויסקייט דורך די קולטור־טרעגערישע דינסטן, נאשן דאס גוטס פון די דינסטן...

מיינט איר, יידישע טאטעס און מאמעס, אז עמיצער אין דער וועלט קען האבן כאטש א טראפן אכטונג צו אזוינע מאראלישע קנעכט פון זייערע קנעכט? צו די גייסטיקע דינסטן פון זייערע דינסטן?

מיינט איר אז אייערע דינסטן, זייערע פריינד אין די גאנצע סביבה ארום קענען ניט האסן אזוינע מענטשן וואס פאכן זיך צו צו אלעמען, וואס חנפענען זיך צו איטלעכן, און מאכן נאך יעדערן?

מיינט איר אז עס קען זיין א מיאוסערע זאך ווי אט דאס באהאלטן דעם אייגענעם „איך", דעם פון דורות איינגעבארענעם אייגענעם גייסטיקן פרצוף און פארשטעלן זיך אומעטום, אין יעדער לאנד — דא פאר א יאש, דא פאר א דזשייק און דא פאר א כאקאבא? און מיינט איר — און דאס איז נאך וויכטיקער, — אז אייערע אייגענע קינדער קענען האבן דורך־ארץ

פאר אייך, פאר אלץ וואס איז אייערס און פאר זיך אליין, ווייל זיי זענען אייערע?

מיינט איר אז ביי אזא באציאונג קענען אייערע קינדער אויסוואקסן צו א שפלות קאמפלעקס וואס פארסמט זייערע נשמות אזוי אז זיי האבן נאכדעם ניט קיין מוט צו לעבן ווי מענטשן, צו האלטן זיך צווישן מענטשן ווי שטאלצע מענטשן און פארטיידיקן זייערע רעכט ווי שטאלצע מענטשן?

און איר, יידישע טאטעס און מאמעס. איר זייט דאס די וואס סמען אפ זייערע אייגענע קינדער! וואס דערשטיקן די נשמות זייערע צוליב דער קולטור פון זייערע דינסטן! דאס איז א קללה פון דער תוכחה — איר דינט צו אייערע דינסטן!

ווילט איר זיין מענטשן און האבן מענטשלעכע קינדער. טא מאכט הערשן אין אייערע היימען אייער קולטור, — ניט דער דינסטס; אייער שפראך, ניט דער דינסטס. געדענקט עס, אויב איר ווילט מענטשלעכע קינדער.

דער קאַרנאָווסקי-קאָמפּלעקס — א גייסטיקע

קראַנקהייט ביי יידישע קינדער.

האָט איר געלייענט דאָס בוך „די משפחה קאַרנאָווסקי״ פון דעם ניט לאַנג פאַרשטאָרבענעם י. י. זינגער? — אויב איר האָט עס נאָך ניט געלייענט, טאָ נעמט און לייענט וואָס פריער. און ניט נאָר דערפאַר וואָס דאָס בוך איז א גוטס, נאָר ווייל אין דעם ראָמאַן איז פאַראַן א גוטער מוסר השכל, וואָס איז וויכטיק אז אלע יידן זאָלן אים וויסן און געדענקען. אייגנטלעך איז עס געוויינטלעכע מעשה פון א סך, א סך יידישע משפחות, אָבער דווקא דערפאַר איז עס נאָך וויכטיקער.

נאָר לאָמיר צוערשט אייך איבערגעבן אין קורצן דעם תוך פון דעם בוך.

א יונגערמאַן א משכיל פון פריערדיקן דור אנטלויפט פון די „פינצטערע חסידים, ער פאָרט אריבער קיין בערלין, אין דער שטאָט פון חכמים און געבילדעטע. אין דער שטאָט פון דעם גרויסן יידישן פילאָזאָף משה מענדעלזאָן און אזוי ווייטער און ווייטער אבי ניט צו זיין צוזאמען מיט די „אָפּגעשטאַנענע און פאַנאַטישע״, יידן פון קליינעם פּוילישן שטעטל. אין בערלין קויפט ער זיך גיך איין אין יחוס ביי די דייטשישע יידן מיט זיין געלט און מיט זיין גראַמאַטישער ריינער דייטשישער שפּראַך. ער דערווייטערט זיך פון די געקומענע ווי ער „אָסט יודען״, ער פריינדלט זיך נאָר מיט די אמת־דייטשישע יידן. זיין ווייב קען ניט אזא פערפעקטן דייטש ליידט נעביך א גאַנץ לעבן ציטערנדיק פאַר א גרייז, חלילה, אין דייטש און האָט גאָר מורא צו קומען צווישן מענטשן.

דער צווייטער דור, דעם ערשטן קארנאווסקיס זון, א, ער איז שוין א דייטש. דער טאטע וויל ער זאל זיך אראפּגעמען א מוסטער פון די גרויסע דייטשן, דער זון אבער גייט אין די וועגן פון די הפקר־יונגען אין די שענקען וכדומה. די גרויסע פילאָסאָפן — זיי האָבן אינטערעסירט דעם טאטן, — דעם זון האט אינטערעסירט גאר אן אנדער דייטשלאנד. א קורצער ראמאן מיט אן אויסטערלישער יידישער מיידל ראטעוועט אים פון זיינע וועגן, ער ווערט א יונגער דאקטאר, און פאלט אריין אויפן פראָנט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. דארט וועקן זיך אין אים אויף אומבאוווסטזיניק אלע אטאוויסטישע יידישע געפילן. ער קומט פון פראָנט מיט א אינעווייניקסטער שנאה צו דער „קונסט פון מלחמה" און צום יונקערטום בכלל. ער ווערט א באריםטער אקושער־כירורג. ער האט חתונה מיט א ריין דייטשישער מיידל, — און אויף זייער זון — דעם דריטן דור פון דעם משכיל ווערט עס אויסגעגאָסן די גאנצע תוכחה, דער קלאג און פּלאג פון אסימילאציע. דער יונגער יעגאר קארנאווסקי איז מיט לייב און לעבן א דייטש, ער איז צוגעבונדן צו זיין מוטער דער גויע, ער האט ליב זיין פעטער, איר ברודער, דעם נאצי, ער איז פארקאכט אין זייערע פּאראדן. איז דעם גאנצן טומל, ער האט עס אלץ ליב, ס'איז אים טייער. א, ווי גליקלעך ער וואלט עס געוועזן ווען ער קען גלייך מיט אנדערע אנטיילנעמען אין די „פּראכטפולע" אונטערנעמונגען, מארשירן און זינגען מיט אלעמען גלייך וועגן בלוט פון אט די פּרעמדע און טונקלהויטיקע יידן אויף די מעסערס! ער קען עס אבער ניט; זיין טאטע האט אומגליקלעך געמאכט זיין מוטער און אים — עכטע דייטשן האט ער פאראומרייניקט און האט אים איבערגעגעבן פארהאסטע שטריכן פון זיין ראסע... ער ווערט איז שול באליידיקט פון די קינדער און די לערערס, — אין אלץ איז אבער שולדיק זיין פאטער דער ייד. דער יידישער זיידע און באבע רופן ביי אים ארויס נאר א האס און עקל. נאך זיין טאטע, דער זון פון דעם משכיל האט אפּגעוואָרפן אלדאָס יידישעס וואס דער רבי האט אים געוואָלט געבן. דער משכיל האט געגלויבט אז יידישקייט איז דאך בלויז א „רעליגיאן", מען קען זיין א „דויטשע", פין „מאָזעסעס רעליגיאן". האט ער געהאָדעוועט זיין זון ווי א דייטש נאר מיט א שטיקל אפּענדיקס פון יידישער רעליגיאָן, א ביסל יידישן

קאטעכיזיס פון ראביים מויל וכדומה — לויט דער בארימטער פארמולע: א ייד אין שטוב און א מענטש אין גאס. אבער דער צוגאנג איז אלעמאל געווען באנקראט. ווייל יידישקייט איז ניט קיין רעליגיע נאר א שטייגער־לעבן, און ווער עס איז געהאדעוועט אין א שטייגער פון דייטשן (אדער פון אן אנדער פאלק) קען שוין במילא ניט זיין קיין ייד. האבן דאך די קינדער פון דעם ערשטן משכיל משה מענדלסאן זיך שוין אלע געשמדט. האט אויך דער זון קארנאווסקי, וואס זיין טאטע דער משכיל האט אים גע־האדעוועט אין דייטשישער שפראך און שטייגער ניט געקענט אננעמען די ברעקלעך „יודאיזם" וואס דער ראביי האט אים געוואלט געבן. הייגט זיין זון — דער דריטער דור — מיט דער גויישער מאמען מיט דעם נאצישן פע־טער — ער האט דאך שוין געוויס ניט געקענט אויפנעמען גארנישט פון יידישקייט. אזוי איז דאס ייגגל געוואקסן אין א סביבה פון ייד, אליין מיט א יידישן אויסזען מיט אלע ליידן און פיין פון יידן, און אין הארצן אן אנ־טיסעמיט, א נאצי מיט א שנאה צו אלע יידן, צו זיינע זיידע־באבע, צו זיין טאטן און — דער עיקר — צו זיך אליין — ווייל ער טראגט אין זיך יידיש בלוט... די משפחה ראטעוועט זיך קיין אמעריקע. אנדערע יידן לעבן זיך איין אין פרייען לאנד. א ייגגל אין זיין עלטער, א זון פון א פרוי וואס איז מיידלווייז געווען שטארק פארליבט אין זיין פאטער, שטייגט אין לערנען, עס עפענען זיך פאר אים פרייע האריזאנטן. דער יונגער קארנאווסקי איז אבער אומגליקלעך: ער קען ניט פארטראגן די יידישע סביבה אין אמערי־קע, ער בענקט נאך „זיין דייטשלאנד", ער האלט ניט פון אמעריקע, ער האט אלץ פיינט וואס עס איז ניט ענלעך צו זיינע דייטשן. ער קען זיך ניט לערנען אין דער אמעריקאנער שול. ער אנטלויפט סוף כל סוף פון זיין פא־טער'ס שטוב, ער פארבינדט זיך מיט א נאצישן שפיאנאזש־אמט — אלץ אין האפנונג אז מען וועט אים געבן די מעגלעכקייט זיך אומצוקערן צוריק „אהיים" — קיין דייטשלאנד. ער פאלט אלץ נידעריקער אין תהום פון אויסגעלאסנקייט און הפקרות ביז ער ענדיקט מיט א מארד און זעלבסט־מארד...

און עס איז ניט אויסגעטראכט. האט דאך סטעפאן צווייג דער וועלט־בארימטער דייטשישער שרייבער, א ייד לויטן געבורט, אויך זיך גענומען

דאָס לעבן ערגעץ אין בראזיל נאָר דערפאַר וואָס ער האָט געבענקט נאָך „זיין היימאַט״, און האָט ניט געקענט לעבן אויסער „זיין דייטשלאַנד״. און וויפל אזוינע פאלן מיט ווייניקער באקאַנטע מענטשן זענען געשען? מיט איין וואָרט — זינגער האָט אונז דאָ געגעבן די טראַגעדיע פון יידן וואָס מען האָדעוועט זיי ניט ווי יידן נאָר ווי מיטגלידער פון אן אנדער פאָלק. און אין איטלעכן יידן וואָס איז אזוי געהאָדעוועט איז פאַראַן מער אָדער ווייניקער פון אָט דעם „קאָרנאָווסקי־קאָמפּלעקס״. עס איז אַ פאַרשפּרייטע קראַנקהייט אזא ביי יידן איבערהויפּט ביי דעם צווייטן דור אימיגראַנטן אין אמעריקע. דער קאָמפּלעקס באַשטייט אין דעם: מען האָט פיינט יידן, מען האַסט זיך פאַרוואָס מען איז אַ ייד, און מען טראָגט אַן אייביקע שנאה און פאַראַכטונג צו אייגענע טאַטע־מאַמע פאַרוואָס מען איז געבאָרן געוואָרן אַ ייד און מען קען זיך ניט באַפרייען פון אָט דער פאַרהאַסטער יידישקייט אין זיך. אזא געפיל מוז מן הסתם האָבן אזא איינער וואָס האָט ניט ווילנדיק אראָפּגעשלונגען אַ מיאוסע מויז, און קען זיך ניט באַפרייען פון איר. ער וואָרפט זיך אין קאָנווולסיעס, ער האַלט אין איין ברעכן, און דאָך מיינט ער אַז אויפהער אַז די מיאוסקייט איז אין אים גופא... איטלעכער מענטש מיט אַ פּסיכאָלאָגישער אינטואיציע קען זייער גרינג באַמערקן אָט דעם קאָמ־פּלעקס ביי יונגע יידן וואָס זענען געוואַקסן צווישן יידן אָבער ניט ווי יידן.

לאָמיר פּרובירן באַשרייבן אַ פאַל פון אָט דעם קאָרנאָווסקי־קאָמפּלעקס וואָס איך האָב געפונען ביי יידישע יוגנטלעכע.

אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן. זי איז נידעריק און ניט איבעריקס שיין. דאָס האָט ביי איר צוגענומען דעם גלויבן אין דערפאָלג און זי מיידט אויס געזעלשאַפט. אירע עלטערן — פּשוטע, האַרציקע יידן פון רוסלאַנד, מאַכן אַ גוט לעבן אין אמעריקע, די געזעלשאַפט — בלויז אַ יידישע. אין שטוב קיינע יידישע מנהגים — די עלטערן זענען וועלטלעך און „פּראָגרעסיוו״. מיט די קינדער ווערט גערעדט ענגליש, מען פּראַוועט פון פריילעכקייט וועגן פאַרשיידענע איבערגענומענע מנהגים. דאָס מיידל כאָטש געלערנט עטלעכע יאָר אין אַ יידישער שול, האָדזשעט זיך צו רעדן אַ יידיש וואָרט מיט דער אַלטער באָבען. קיין יידיש בוך וויל מען נישט אריינלאָזן אין שטוב אפילו פאַר דער מאַמען. אליין וואָרפט מען אַפּ אפילו אן ענגליש

בוך אַ־יף אַ יידישער טעמע. „געגנוג פאַר מיר שוין פון דעם״: ווען עס קו־מען צו די עלטערן יידישע געסט, אַנטלויפט מען פון שטוב אָדער מען באַ־האַלט זיך. אַז עס קומען אין שטוב זאַמלער אויף אַ יידישע זאַך, פאַר־קרימט מען זיך. מען שרייט אויף די עלטערן וואָס מען לאָזט גאָר אַזוינע מענטשן אין שטוב אַריין. דאָס ביסל יידישע ביכער וואָס טאַטע־מאַמע האָט זיך אַמאָל איינגעשאַפט, האָט מען אַראָפּגעטראָגן אין קעלער. אַ נייעם יידי־שען בוך האָבן די עלטערן מורא צו קויפן. מען קערט וועלטן פאַרוואָס די יינגערע שוועסטער לערנט אַזוי לאַנג אין אַ יידישער שול. פאַר איר אין די אויגן האָבן טאַטע־מאַמע מורא צו רעדן אַ יידיש וואָרט — עס רעגט זי אויף, זי ווערט אין כעס און קרימט נאָך. דער ענגליש זייערער רעגט זי אויך אויף.

יידישע יינגלעך זענען אַלע גראָב און ניט איידל און ניט קולטורעל, און בכלל ניט ווערט מען זאָל מיט זיי פאַרברענגען. קיין ניט־יידישע בחו־רים באַגעגנט מען ניט, און אַז יאָ, איז מען פרעמד... ניט איין מאָל האָט די מוטער זיך געקלאָגט, געבעטן אַן עצה ווי צו ראַטעווען די טאָכטער פון דער צערייצטער נערוועזקייט. אָבער עס איז אַ סך גרינגער צו פאַרהיטן קינדער פון דער קראַנקהייט איידער זיי שפּעטער צו היילן פון דעם. אַי־בעריקס גלויב איך קוים אין דער מעגלעכקייט אייכצוהיילן אַ מענטשן פון דעם קאָמפּלעקס. אמת, אַ מענטש מיט אַ גרויסן און שטאַרקן אינטעלעקט און ווילן קאָן דעם קאַרנאָווסקי־קאָמפּלעקס אין זיך דערשטיקן, ער קען זיך צווינגען צו האַנדלען פּונקט פאַרקערט. אַזאַ איינער קען אפילו ווערן אַ גרויד־סער יידישער נאַציאָנאַליסט. דאָס איז די יידישקייט וואָס פּראָפ. פישל שניאורסאָן רופט אָן מיט נאָמען „עקספּלאָזיע־יידישקייט״ („יידן און פּסיכאָלאָגיע״). אָבער איך האַלט ניט אויך פון אַזאַ יידישקייט; עס איז ניט קיין נאַטירלעכע, אַן אַנגעצויגענע, אויף געוואַלט, אַ געצוווּנגענע, עס איז זיך אַליין אויף צולהכעיס. קיין שעפערישע גוטס קען פון דעם נישט אַרויסקומען. האָט איר געלייענט טאָלסטאָיס „דאָס פאַטערל סערגי״? אַט דער וואָס צווינגט זיך אויף געוואַלט צו זיין אַ צדיק? — געטרויט זיי ניט, די געוואָרענע יידן. איך וויל דאָ קיינע נעמען ניט אָנרופן כדי ניט באַליידיקן קיין חשובע לייט. נאָר מען מעג זאָגן:

הונדערט יידישע פורמאנעס פון ווילנער „פּארשיווע רעמיזיע״, הונדערט מארק־יידענעס פון פיש־מארק — זיי זענען א יידיש פאלק. הונדערט איינשטיינס זענען א גרויסער כבוד פארן יידישן פאלק, אבער קיין פאלק זענען זיי ניט.

איך מיין אז עס איז געגוג דער איין ביישפּיל פון דעם קארנאווסקי־קאמפּלעקס וואס איך האב געבראכט. ווער עס וויל זען מערער, קען זיי גרינג געפינען צווישן די יידישע יוגנטלעכע אין זיין סביבה.

די רעזולטאטן פון דעם קאמפּלעקס זענען שרעקלעכע. עס קומט א פולקאמע אטראפיע פון אלע גייסטיקע כוחות, דער מענטש פארלירט זיין מוט און ענערגיע צו לעבן און צו קעמפן, ער פארלירט זיין ווידערשטאנדפעאיקייט קעגן אלערליי שוועריקייטן אין לעבן. כל־זמן מען לאזט אים פארגעסן אז ער איז א ייד, איז נאך א האלבע צרה: ער לעבט און קען זיך אפילו איינרעדן אז ער געהערט צו דער „בעסערער״ געזעלשאפט, און אז זיין יידישקייט שטערט אים ניט. ווי נאר אבער ער ווערט אנגעגריפן ווי א ייד — צי עס איז אויף באדן פון שטילע דיסקרימינאציעס, צי פּשוטער כוליגאניזם אדער ארגאניזירטער אנטיסעמיטיזם, — דא ווערט דער מענטש אין דעם יידן וואס ליידט אויף דער קארנאווסקי־קאמפּלעקס ווי גייסטיק געליימט, אפּהענגיק און קען זיך פּשוט ניט ווערן קעגן אנגריפן. די רעזולטאטן פון דער קארנאווסקי־קאמפּלעקס זענען א סך ערגערע ווי פון אנאניזם, למשל. די קראנקהייט איז אבער א ריין יידישע און דעריבער האבן זיך מיט איר אפּגעגעבן אזוי ווייניק געלערנטע אויך יידן. יידישע געלערנטע ווען גערנער ארבעטן אויף טעמעס וואס אנדערע — ניט־יידן — האבן אנגערירט. פון דער ליטעראטור איז צו דרינגען אז די זעלביקע קראנקהייט טרעפט זיך אויך ביי אינדיאנער אין אמעריקע, ביי נעגערס, און אפשר אויך ביי אנדערע. אבער דא אינטערעסירט מיך די פראגע בלויז ווי א יידישנאציאנאלע פּראבלעם, וואס ברענגט אומגעהויערע צרות יידן און דעם יידנטום בכלל, ווי א גאנצן.

לאמיר פּרובירן זען ווי קען מען אויסמיידן, פארהיטן די יידישע יוגנט פון דעם שוידערלעכן קאמפּלעקס. כדי צו וויסן ווי זיך צו פארהיטן פון א

קראנקהייט, דארף מען קודם כל וויסן ווי זי פארשפרייט זיך. אין אונזער פאל קענען מיר פעסטשטעלן עטלעכע פאקטן: דער קאמפלעקס איז כמעט ניטא דארטן ווו די קינדער וואקסן פון פריסטן עלטער אין היימען מיט אז אויסגעהאלטענעם יידישן שטייגער־לעבן. ניט וויכטיק דא אייראפע, אמע־ ריקע, און אפילו ארץ־ישראל. וויכטיק איז בלויז דער לעבנשטייגער. אויך אין אמעריקע זענען פאראן יידישע סביבות וואס זענען אינגאנצן פריי פון די „קארנאווסקי־מיקראבן״. דאס זענען די היימען ווו די פירונגען זענען דיקטירט דורך דער יידישער טראדיציע. פשוט גערעדט — ווו די עלטערן פירן זייער היים ווי יידן.

די קראנקהייט קען זיך אויך אנטוויקלען אונטער דער השפעה פון שול, פון דער בילדונג. אזוינע זענען געווען די פאלן מיט די משכילים וואס זענען אויסגעוואקסן אין גאנצער יידישקייט, און האבן זיך שפעטער אפ־ געקערט פון איר מיט האס. לאמיר פון די אנדערן איין ביישפיל, דעם משכיל באגראוו, דעם שרייבער פון די בארימטע מעמוארן „זאפיסקי יעווריעא״ (נאטיצן פון א יידן) וואס האט זיך געשמדט, חתונה געהאט מיט א פויער־ טע און געשטארבן, ווי מען דערציילט, אין א ווינשטאק פון „עכט״ רוסי־ שער וואדקא, אבער — ערשטנס, איז דאס דעמאלט געווען אן אויסנאם; צווייטנס האבן יענע דאך געקענט גלויבן אין אסימילאציע אין זיך געקענט „ראטעווען״ מיט שמד ביי א גלח, וואס היינט איז דאס שוין כמעט ווי אוממעגלעך. ווארום א געשמדטער ייד איז איצט ווידער נאר א געשמדטער יי ד, און ניט קיין גוי.

אויך אין ארץ־ישראל איז מיר אויסגעקומען צו באגעגענען עטלעכע פאלן פון דעם קארנאווסקי־קאמפלעקס, איבערהויפט צווישן די וואס זענען געפארן שטודירן אין „חוץ לארץ״.

עס איז פאר מיר קלאר, אז יונגע יידן וואס זאלן וואקסן אין אן אויס־ שליסלעכער יידישער סביבה און באקומען זייער גאנצע בילדונג און דער־ ציאונג אויסשליסלעך אין יידישן לשון, און אויף יידישן מאטעריאל, און די בילדונג זאל דערביי זיין אן אלזייטיקע, — איז עס קלאר פאר מיר אז אזוי־ נע יונגעלייט וועלן זיין אימון פון קארנאווסקי־קאמפלעקס. דער ציוניזם אין זיין ריינער פארמע אז דעם שלילת הגלות האט עס אויך אין זיבן. די

שלילת הגלות איז אבער שטארק פארבונדן מיט דעם קארנאווסקי־קאמ־פלעקס. אמאל קען זי זיין די סיבה פאר אים און אין תוך גענומען איז זי א רעזולטאט זיינער.

מיט איין ווארט — א גאנצע און אן אויסגעהאלטענע יידישע אט־מאספער אין שטוב, א לעבנס־דיסציפלין וואס איז דיקטירט דורך דער יידי־שער טראדיציע, א ווילקע און אויסגעהאלטענע יידישע טאג־טעגלעכקייט, אן אפענע, ניט באהאלטענע פאר שכנים און דינסטן יידישקייט אין שפראך, מנהגים און בכלל שטייגער — דאס אלץ איז די זיכערסטע פארהיטונג קעגן דעם קארנאווסקי־קאמפלעקס.

ווער עס פירט זיך ניט אזוי, דער שטעלט אויס זיינע קינדער פאר דער גרויסער סכנה פון דעם קאמפלעקס. דער איז געגליכן ווי ער וואלט זיי־נע קינדער געבונדן די הענט מיט די פיס און זיי געווארפן פאר ווילדע חיות.

אבער דאס איז ווייניק. אויף דעם באזיס דארף קומען א דערציאונג אין א גאנצער און פולער יידישער שול, וואס זאל געבן די גאנצע קולטור אין שפראך און אין פארמען פון יידישן פאלק. אבער וועגן דעם וועט נאך אויסקומען צו רעדן אין ווייטערדיקע בריוו. דא האבן מיר נאר גענומען די ראלע פון דער היים, ווי יידן סמען אליין אפ די נשמות פון זייערע קינדער, אלץ צוליב די נארישע מאדעס, אז „מיט א קינד און מיט א הינט רעדט מען אויף גוייש״.

עס דאכט זיך מיר אפט, אז בעסער וואלטן יידישע טאטע־מאמעס פאר־קויפט זייערע גאר קליינע קינדער צו זייערע דינסטן. זיי אבגעשמדט און אוועקגעשיקט זיי פאר טויזנטער מייל פון א יידן, איידער זיי האדעווען זיי ביי זיך אין די היימען אן אויסגעהאלטענער יידישקייט. זיי וואקסן אויס אומגליקלעכע, מיט א האס צו זיך און צו אלץ און אלעמען וואס איז זיי־ערס. פאר די עלטערן איז עס אן אמתע טראגעדיע.

יידישע טאטע־מאמעס! פארהיט אייערע קינדער פון אט דעם אומ־גליק, פון דעם קארנאווסקי־קאמפלעקס.

ווּ זענען אהינגעקומען די „יידישע קעפּלעך"?

מיר זענען געווען אויף א יידישער בר־מצוה. אלע געסט האָבן מיט א גרויסער באגייסטערונג זיך צוגעהערט צו דער אויסגעלערנטער עברי פון דעם בר־מצוה בחור. דער טאטע האט אנגעקוואלן, וואס זיינע היפּשע עט־לעכע צענדליק דאלארן האָבן געבראכט דעם גייטיקן דערפאלג...

שטייט לעבן מיר אן עלטערער ייד און גיט זיך א ווענד צו מיר:

— איך בעט אייך, — זאגט ער מיר, — וואס מאכט מען דאָ דעם גאנצן פּאראד? ווער פון די אין מיינע יארן האט עס ביי אונז אין שטעטל צו דרייצן יאָר ניט געקענט קיין צענדליקער בלאט גמרא אויסווייניק, ניט געקענט זאגן עפּעס א חילוק, א דרשה, פירן א וויכוח אין לערנען... אז עליה האט מען דאָס געדארפט לערנען מיט א לערער, וואס? און אז מען האט געוואלט העברעאישע ליטעראטור, האט מען ניט געקענט אליין? זיך באהאלטן פון רבין און געשטודירט, און געקענט! און אז עס האט זיך פארוואלט גאר קענען מאטעמאטיק און גראמאטיק, האט מען געדארפט לערערס, וואס? פלעגט ניט א ישיבה־יינגל דורכמאכן דעם קורס פון א גימ־נאזיע פון אכט יאר אין איינס, צוויי יאר און פארטיק! מיר האבן שוין געוווסט: — א שייגעץ דארף אויף דעם א יאר, וועלן מיר דאס מאכן בהיסח הדעת... און איצט, — זעט ווי מען צאצקעט זיך מיט דעם שטיקל מפטיר! א יאר צייט האט מען דאס געהאקט אין קאפּ, און פרעגט אים בחירום, וואס ער בלאקעטשעט דארטן. אויב ער פארשטייט אווארט וואס ער זאגט... עד, עד, ווּ זענען דאס אהינגעקומען די יידישע קעפּ? — זאגט איר. ס'איז דאך

ביי די לערערס פארדעכנט פאר זייער שלעכטע און טעמפּע תלמידים. דאס עפּעס אייער פּאך צו טראכטן וועגן אזוינע זאכן...

אט אזוי האט זיך דער ייד ארויסגערעדט פון הארצן און איז אוועק מיט אלעמען מאכן קידוש און ווינטשן דעם בעל־שמחה מיט די „פּיק־טשורס" אין די צייטונגען אלדאס גוטס און אים געבן דרשה־געשאנק.

אט די פּראבלעם פון די פּאַרלאָרענע „יידישע קעפּלעך" איז ניט פון דעם מין, וואס מען דארף זיי אוועקמאכן מיט דער האנט. ס'איז פארקערט א וויכטיקע נאציאנאלע פּראבלעם פארן פאלק בכלל און אויך פאר איטלעכן יידן בפרט. צי איז עס ניט אמת אז מיר ווערן פארטעמפּט? די יידישע קינ־דער איצט זענען א סך ווייניקער גייסטיק פעאיק ווי עס זענען געווען די פריערדיקע דורות אין זייער עלטער.

אויב דאס איז אמת, הייסט דאך דאס אז עס גייט אויף אונז א כוואַ־ליע פון עמארצות, פון גראביונגערישקייט, אז מיר ווערן דעגראדירט אין קולטור, אז מיר פארלירן אונזער גייסטיקן פארמעג, און אויך אונזערע פע־איקייטן. עס איז א משל ווי, לאמיר זאגן, א קולטור־פאלק זאל אראפּפאלן צו דער מדרגה פון האטנטאטן, צי בושמענער.

דארפן זיך וועגן דעם פארטראכטן אלע די וואס זארגן וועגן יידישן פאלק בכלל. עס דארפן וויסן אונזערע חשובע כלל־טוערס, אז דאס יידיש פאלק איז ניט נאר אן אביעקט פון צדקה, נאר מען דארף אפּהיטן די פע־איקייטן, כדי די מענטשן פון פאלק זאלן אליין קענען זיך העל־פען, און אליין קענען זארגן פאר זיך.

עס דארפן אבער וועגן דעם טראכטן אויך איטלעכע טאטע־מאמע פאר זייערע קינדער פריוואט. זענען דען די גייסטיקע פעאיקייטן פון א מענטשן אזוינע פאטאלע, איינגעבארענע זאכן, וואס פארפאלן? טאטע־מאמע קענען דא גארניט אויפטון? אט אזוי איז דאס קינד געבוירן און פארפאלן? אדער גייסטיקע פעאיקייטן פון א מענטשן זענען זאכן וואס א קינד דערווערבט זיך נאך דעם געבוירן ווערן, עס קריגט עס אין די ערשטע יארן פון זיין לעבן, און בכן דארף מען העלפן דעם קינד קריגן דאס וואס מערער און וואס בע־

סער. און וואס גרינגער, און ניט לאזן עס זאל אפגעטעמפט ווערן אויף א גאנץ לעבן.

לאמיר דאס פרובירן צעקייצן פאר יידישע אינטעליגענטע לייענערס, און זאל עס זיי זיין צו הילף אין האדעווען זייערע קינדער.

א קו. אז זי ווערט געבארן, קען זי זיך גלייך שטעלן אויף די פיס און גייז. אירע מארד־צענמרען זענען שוין גענוג אנטוויקלט דערצו. זי זאל שפע־טער זיך קענען אויסלערנען טאנצן — דאס איז שוין זייער שווער; עס איז שוין שווער צו ענדערן די געהעריגע צענטרן פון מארך. א מענטש איז אבער דערפאר א מענטש און ניט קיין בהמה, ווייל ער ווערט געבארן די סאמע אומבאהאלפנסטע באשעפעניש, זיין מארך האט נאר אנגעהויבן זיך צו אנטוויקלען, און אלץ איז אנגעוויזן אויף נאך דעם געבורט. דאס באַ־רעכטיקט דעם אזוי־גערופענעם „פעדאגאגישן אפטימיזם״, וואס גלויבט אז דורך דער געהעריקער דערציאונג קען מען מיט א מענטשן אייכטון ניט אין פארגלייך מערער ווי מען מיינט געוויינטלעך.

מיר שיידן אין פעדאגאגיק אונטער „איינגעבארענע אייגנשאפטן״ וואס זענען געגעבן דורך די ביאלאגישע עלעמענטן פון ירושה דירעקט פון די עלטערן און וואס זענען באשטימט, דעטערמינירט, פון געבורט; און פון דער צווייטער זייט — די „דערוואָרבענע אייגנשאפטן״ וואס א מענטש נעמט איבער פון זיין סביבה (אין דער ערשטער ריי ווידער אמאל פון די עלטערן) נאך דעם געבורט. מען רופט עס נאך אנדערש אויך, די „ביאלאָ־גישע ירושה״ און די „סאָציאַלע ירושה״. לויט מיין טיפן גלויבן אין דעם פעדאגאגישן אפטימיזם איז די סאָציאַלע ירושה, דאס אלץ וואס דער מענטש נעמט איבער פון זיין סביבה אין די ערשטע יארן פון זיין לעבן ניט אין פארגלייך וויכטיקער איידער די ביאלאָגישע ירושה — דאס וואס דער מענטש ברענגט מיט זיך אויף דער וועלט אין מאמענט פון געבוירן ווערן. און בכן איז אין דער גרעסטער צאל אומגליקן, צרות אין גייסטיקן לעבן פון מענטשן, אין די מערסטע טראגעדיעס פאר קינדער און עלטערן שולדיק ניט גאט, נאר די עלטערן אליין, די סביבה.

עס איז גרינג צו ווערן א פאטער און מוטער, — עס איז אָבער אויסערגעוויינלעך שווער אויסצוהאָדעווען קינדער אָן טעותים און פעלערן. מיין רבי אין פעדאגאָגיק, כהנשטאם ע״ה פלעגט ליב האָבן אויסצודריקן זיין פּעדאגאָגישן אָפּטימיזם אין דער קורצער פראזע „אין אלץ איז שולדיק דער דערציער״, און ער איז געווען גערעכט.

בכן זענען די פעאיקייטן, די רעזולטאטן פון לערנען אין דער ווייט גרעסטער פּראָפּאָרץ אָפּהענגיק פון דער סאָציאַלער ירושה, און ניט פון דער ביאָלאָגישער.

און איצט, נאָך דעם פּעדאגאָגישן אריינפיר לאָמיר צוריקגיין צו דער פראגע וועגן די „יידישע קעפּלעך״. לאָמיר קודם־כל קלאָר וויסן וואָס מיינט מען מיט דעם ווערטל „יידישער קאָפּ״.

— גליקלעך איז דער וואָס האָט אויף אלץ לערערס, — אָבער אומגליקלעך איז יענער וואָס ד א ר ף אויף אלץ לערערס. איינע פון מיינע תלמידות אמאָל האָט ליב געהאַט זיך צו באַרימען אַז זי האָט אויסגעלייענט די גאנצע ביבליאָטעק און זי געדענקט אלץ וואָס זי האָט געלייענט. א צווייטע תלמידה פלעגט זיך פאר מיר באַקלאָגן אַז זי קען קיין בוך ניט דערלייענען ביזן סוף. זי כאַפּט עפּעס א געדאַנק פון בוך. דאָס רופט ביי איר ארויס א צווייטן געדאַנק שוין ניט פון בוך, דער צווייטער שלעפּט באַלד א דריטן, זי פארטראַכט זיך, און פארגעסט גאַר פון דעם בוך. ווער פון די צוויי מיידלעך איז גייסטיק אנטוויקלטער? — זיכער די צווייטע. די ערשטע האָט א מוח וואָס איז געגליכן צו א לאַגער אָנגעפילט מיט אַלטע אייזן — עס ליגט; דער מוח ביי דער צווייטער איז געגליכן צו א פאַבריק וואָס אַרבעט איבער דעם רוישטאָף אין נייע פּראָדוקטן. דעם ערשטן טיפּ מוח האָט נאָך מיט א הונדערט יאָר צוריק דער רוסישער פּעדאגאָג ק. אושינסקי אָנגערופן „א בית עולם פון טויטן וויסן״. אונזערע אבות אין תלמוד האָבן דאָס גערופן מיט א מילדערן נאָמען „בור סוד שאינו מאבד טיפה״ — א אויסגעקאַלכטע גרוב (אין פעלז) וואָס פארלירט ניט קיין טראָפּן (פון דעם אָנגערעגנטן וואַסער). קיין שעפערישקייט איז אין אַזאַ מוח ניטאָ.

א יידישער קאפ איז קודם כל שפעריש — ער איז „מבין דבר מתוך דבר”, ער כאפט א ווארט, א געדאנק און בויט שוין ווייטער. „פון א ווארט בויט ער אויף א קווארט”, ער האט גאר פיינט איר זאלט אים אלץ דערקלערן ביזן סוף, ביז אלע אויספירן קלאר דייטלעך פארמולירט, ווי דאס פאדערט די דייטשישע פעדאגאגיק וואס האט מער ווי א יארהונדערט געהערשט אין דער גארער וועלט. פאר דעם יידישן קאפ איז גענוג א רמז, א ווונק, און לאזט אים ווייטער בויען אליין. אז איר ווילט אים געבן אלץ פארטיק, טא וואס האט ער צו שאפן? איז דאך מאי קא משמע לן? — וואס לאזט עס מיר צוהערן? פארטיקע זאכן, קלארע און דייטלעכע האט אזא קאפ פיינט. עס איז דאך ניטא דאס וואס „מחדש” צו זיין. א יידישער קאפ קען זיך ניט באנוגענען מיט דעם וואס דער לערער האט געזאגט, ער מוז ווייטער שאפן אייגנס. ער דארף נאר דעם „שטויס”, די אנרעגונג, האט ער זיך שוין „אנגעשטויסן” וואס עס דארף קומען ווייטער. דער לערער אדער דאס בוך איז דא געגליכן צו דער שוועבעלע וואס צינדט אן די האלץ, אבער דער פייער, די ווארימקייט האט דאך דאס האלץ געהאט אויך פריער אין א פאטענציעלער פארמע, ווי די יידישע פילאסאפישע טערמינאלאגיע רופט עס „בכוח” און ניט „בפועל”. אודאי איז דאס א ברכה פון גאט צו האבן א יידישן קאפ, מער ניט וואס וויכטיקע ניט־יידישע מוחות האבן אויך אזוינע שעפערישע פעאיקייטן, און וויסנשאפטלעך וואלט מען געדארפט האבן דא א צווייטן נאמען, וואס זאל זיין גוט אויך פאר ניט־יידן.

אין דער פסיכאלאגיע איז אין היינטיקן יארהונדערט אונטערגעשטראכן געווארן די וויכטיקייט פון דער אינטואיציע, ד״ה די שעפערישקייט פון מוח וואס ווערט אנגערעגט דורך עפעס, די גייסטיקע אקטיוויקייט וואס שטראמט פון זיך, און פארמולירט געדאנקען און אידעען פון זיך ניט קיין איבערגענומענע. די גרעסטע פארדינסטן אויף דעם געביט האט דער יידיש־פראנצויזישער פילאסאף בערגסאן, וואס האט נאך באוויזן אין נאציאקופירטן פאריז זיך אפצוזאגן פון דער טובה גערעכנט צו ווערן פאר אן ערד־אריער. א יידישער קאפ מיינט א אינטואיטיוו דענקנדיקער מוח. און די אינטואיציע איז, פארשטייט זיך, וויכטיק ניט נאר אין גמרא־לערנען, נאר אומעטום. אויף אלע געביטן פון מענטשלעכן דענקען און שאפן.

לאמיר איצט פרובירן באטראכטן ווי עס אנטוויקלט זיך א יידישער אינטואיטיוו שעפערישער מוח, און ווי פארקערט ווערט ביי א קינד די אינטואיציע אפגעטויט. און אז א קינד מיט אן אפגעטויטער אינטואיציע לערנט און לערנט, ער האלט אויס עקזאמענס, קען אפילו קריגן גוטע מיינונגען, אבער פירט אים אפ א טריט ווייטער פון דעם אויסגעלערנטן טעקסט, און ער בלייבט שטיין: — ניין, דאס ווייס ער ניט, ניט געלערנט, אין ביכל ניטא, דער לערער ניט געזאגט, — ניין, ער ווייס ניט...

דער יידישער געדאנק האט זיך שוין פארצייטן פארטראכט וועגן דעם פון וואנען די אינטואיציע נעמט זיך. פארצייטיקע יידן האבן דאס פארענטפערט אויף זייער סימבאלישן אופן: אליהו הנביא קומט ביינאכט און לערנט אויס די בייע „חידושים". די לעגענדע זאגט אונז דא, אז אין דעם פראצעס פון אינטואיטיוון שאפן איז פאראן א מאמענט פון פלוצלונגקייט, מיט א מאל האט „אויפגעבליצט" א פארמולירונג פאר א געדאנק, וואס איז ד א כ ט ז י ך פון קיינעם ניט אונטערגעזאגט געווארן, פון ערגעץ ניט גענומען, און דאכט זיך, גארניט געטראכט פון דעם; — אט ווי מיט א מאל, פון העלער הויט איז דער געדאנק געקומען, ניט אנדערש ווי א מלאך, אדער אליהו הנביא וואלט אים אונטערגעזאגט. האט עס ביי יידן געהאט א ספעציעלן נאמען „גילוי אליהו". דער ווילנער גאון איז למשל דערפאר געווען א גאון ווייל ער האט זוכה געווען צו גילוי אליהו. אין ריכטיק — וואס מער אינטואיציע — אלץ מער גאונות. א אינטואיטיווער געדאנק בליצט קיינמאל ניט אויף אין א געביט וו עס זענען ניטא קיין דויערנדיקע אינטערעסן, וואס מען טראכט ניט וועגן דעם אן לערערס, אליין, פאר זיך. פון דאנען נעמט זיך אויך דער פאקט וואס דאס רוב אזוי גערופענע „די ערשטע תלמידים" אין די שולן, די וואס האבן איז שול די בעסטע מיינונגען פון די לערערס, זענען אין לעבן זייער ניט קיין אנטוויקלטע און אפט אפילו גאנץ טעמפע קעפ. זיי פארמאגן א גוטן זיכרון, א סך זיץ פלייש און אמביציע צו קריגן א גוטע מיינונג, קיין אינטואיציע פארמאגן זיי אבער ניט. פארקערט, א סך גרויסע מענטשן זענען אין זייער קינדהייט געווען נעמט זיך פון דעם, וואס זייערע אייגענע אינטערעסן האבן זיי אפגעצייגן פון דעם וואס די לערערס האבן געלערנט, זייער מוח איז געווען פארטאן

אין זייערע אייגענע זאכן; און די לערערס האבן עס אפילו ניט באמערקט און ניט אפגעשאצט, ווייל פאר זיי עקזיסטירט בלויז זייער פראגראם, אבער ניט דער מוח פון קינד.

בכן קען מען זאגן אז די אינטואיציע פון א מענטשן איז פראפארציאָנעל צו דעם כמות אינטערעסן וואס זענען אנטוויקלט אין דעם מענטשן אין זיין קינדהייט. קיין איינגעבארענע אינטערעסן זענען ניטא. די נאטור גיט נאר פארבאדינגונגען אבער מער ניט. למשל — א פיזיאלאגיש שארפערער אויער קען ברענגען א פריערן און שטארקערן אינטערעס צו דער וועלט פון קלאנגען, צו מוזיק. אבער אויך דאס מוז אנטוויקלט ווערן. אן אנטוויקלונג וועט גיכער די איינגעבארענע פעאיקייט אפגעטעמפט ווערן

דאס איינפלאנצן אינטערעסן הייבט זיך אן א צייט פאר דעם שול־עלטער, אין די ערשטע יארן פון לעבן. שפעטער איינפלאנצן דויערנדיקע אינטערעסן איז שוין זייער שווער און זעלטן געלינגט עס א לערער צו דער־גרייכן. און ווייטער:

וואס פריער עס איז עפעס איינגעפלאנצט געווארן אין מענטשן, אלץ לענגער האלט זיך עס איין ביי אים. וואס עלטער א מענטש הייבט זיך אן צו אינטערעסירן מיט עפעס א זאך, אלץ יינגער ווארפט ער עס אוועק. אין דעם זינען האט דער מאמר אין פרקי אבות צוגעטראפן אין פינטל אריין. דער וואס לערנט אין קינדהייט איז געגליכן צו טינט געשריבן אויף גייעם פאפיר, דער אבער וואס לערנט אלטערהייט איז געגליכן צו טינט געשריבן אייף אפגעמעקטן פאפיר. (עס האלט זיך ניט לאנג). אויף דעם כמך קען מען אויך זאגן מיט דער פולער זיכערקייט אז די סיסטעם פון ארייננפירן באטור לימוד, למשל, ערשט אין א זיבעטן, אכטן קלאס, ווי עס פירט זיך אין אמעריקע און אין קאנאדע, איז לחלוטין ניט פאסיק איינצופלאנצן אינ־טערעסן ביי די תלמידים. און במילא אויך ניט קיין אינטואיציע אויף דעם געביט. אזא לימוד איז געגליכן צו א שפייז אן וויטאמינען.

אינטערעסן אין יינגערן עלטער גיבן זיך איבער דורך פשוטער אנ־שטעקונג. קינהער מאכן נאך די עלטערן און לעבן זיך אריין אין דעם. אפט

אויף א גאנצן לעבן. מעשי אבות סימן לבנים. אט פארוואס אין אמת אינ־טעליגענטע היימען (ביי יידן נוצט מען דאס ווארט אינטעליגענט גאר ניט ווי מען דארף) זענען אויך די קינדער אינטעליגענטע. אט פארוואס אין א קינדערגארטן איז דער עיקר ניט אזוי דאס אויסלערנען, ווי דאס שאפן פאר די קינדער א גייסטיק קולטורעלע סביבה, וואס זאל אנשטעקן די קינ־דער מיט אינטערעסן.

קולטור איז בכלל פאראן פון צוויי מינים: פאראנען קולטור עלעמענטן שוין פארמולירטע, באארבעטע, אריינגעגעבן אין ווארט, אין שטאף, אין קונסט־אביעקטן, אין פאעזיע, וכדומה. און פאראן קולטור וואס איז ניט פארמולירט, פ א ט ע נ צ י ע ל ע קולטור, דער „אור־שטאף פון קול־טור־ווערטן", דער חומר היולי, דער רויער גראניט אין לעבן, וואס פון אים האקט און פורעמט דער קינסטלער דאס וואס עס ווערט דורך זיין האנט קולטור.

די יידישע טראדיציע האט עס אנגערופן „תורה שבכתב" (פארמוליר־טע קולטור) און „תורה שבעל פה" (די ניט־פארמולירטע איינהאלטן פון לעבן און דענקען וואס האבן נאך אפילו קיין נאמען ניט). באשר אין משך פון דער צייט האבן ביי אונז די טערמינען תורה שבכתב און תורה שבעל פה זיך צו פיל באשטימט און אנשטאט אלגעמיינע באגריפן זענען זיי גע־ווארן צוגעפאסט צו באשטימטע זאכן און האבן אנגעוואוירן זייער אלגעמיי־נעם ווערט. דער באדן וואס אויף אים וואקסט אינטואיציע איז די תורה שבעל פה, די אומפארמולירטע פאטענציעלע קולטור.

אין דער טעארעטישער און פראקטישער פעדאגאגיק וואקסן פון דאנען ארויס זייער פיל אויספירן, אנווייזונגען, כללים ווי צו בויען א פראגראם און ווי צו לערנען. דא אינטערעסירט אונז דער כלל נאר אויף אזוי פיל אויף וויפל ער דארף אונז דערקלערן פארוואס אין יידישע היימען און אין יידישע שולן, ווי אויך ביי יידישע קינדער אין אלגעמיינע שולן וואקסן אויס קינ־דער מיט זייער אן ארימע אינטואיציע, און פארוואס עס זענען אין אונזער סביבה אזוי ווייניק קינדער מיט „יידישע קעפלעך". אט לאמיר זען.

שפראך. אין מאדערנע יידישע היימען רעדט מען מיט די קינדער שפראכן וואס האלטן זיך ביי די עלטערן איין אדער צוויי דורות. קיין פאר־

טענציעלע קולטור איז אין דער שפראך פאר די יידישע קינדער ניטא. זיי האבן ניט אין דער גערעדטער שפראך ניט די תורה שבעל פה פון דעם פאלק וואס האט די שפראך געשאפן, און אויך ניט די תורה שבעל פה פון אייגענעם פאלק, וואס האט זיין תורה שבעל פה געשאפן אין זיין יידישער שפראך. מעג די גערעדטע שפראך ביי דעם פאלק וואס האט זי געשאפן זיין ווי רייך, — ביי די יידישע קינדער אין זייער סביבה און אין זייער מויל מוז זי זיין ארים און נאקעט, און אן דעם וואס עס רופט זיך אין מוזיק אויבערטענער און אונטערטענער. טרוקענע ווערטער פון א ווערטערבוך, אן דעם זאפט פון א פאלקלאר, אן דעם גאנצן איראציאנעלן אינהאלט וואס א שפראך האט פאר דעם פאלק וואס האט זי געשאפן. א מענטש וואס זיין מוטערשפראך איז ניט די שפראך פון זיין פאלק איז געגליכן צו א קראם מיט א סך אויסגעשטעלטע פלאשן, נאר די פלאשן זענען ליידיק. ווערטער האט ער, און א סך ווערטער, צומאל, און ער קען זיך מיט זיי באנוצן ווו מען דארף, — אבער ביי אים אין נשמה האבן די ווערטער ניט קיין עכא. די אינטימע איבערלעבונגען זענען ניט פארבונדן מיט די ווערטער פון דער שפראך וואס ער רעדט. די איבערלעבונגען גופא דערגייען ניט צום באוווסטזיין, זיי שטארבן אפ איידער זיי ווערן געבארן. די גייסטיקע שעפערישקייט פון דער פערזאן ווערט במילא אטראפירט; ער קען זיין געלערנט. ער קען האבן פולע קעשענעס מיט אטעסטאטן און דיפלאמען, אבער דאס איז אלץ געקראגענע, געקויפטע, גענומען פון אנדערע; ער אליין אבער קען ניט שאפן. ער קען ניט פארמולירן די איבערלעבונגען פון זיין נשמה (דאס הייסט שאפן). ער פארלירט די פעאיקייט איבערצולעבן, צו דענקען און צו פילן. קיין אינטואיציע. קיין אינעווייניקסטע שעפערישקייט קען שוין ניט געמאלט זיין. פארלארן געגאנגען א יידישער קאפ. — טאטע־מאמע מעגן זאגן קדיש נאך די שעפערישע פעאיקייטן פון זייער קינד! און וואלט ערגעץ ווו געווען אזא איינער וואס מאנט פאר די דערשטיקטע נשמות פון יידישע קינדער וואלט ער געדארפט מאנען פון די עלטערן גופא. זיי האבן דאס פארסמט די אינטואיציע, אראפגענומען פון זייערע קינדער דעם קאפ. דעם יידישן קאפ. קיינע לערערס און קיינע שולן קענען נאך דעם ניט ממלא זיין, וואס עס איז דערשטיקט געווארן אין די ערשטע יארן פון

דעם קינדס לעבן. לערערס, אפילו די בעסטע איז דער וועלט זענען ניט מער ווי גערטענירער — זיין קענען אנטוויקלען דאס וואס עס איז פארזייט געווארן, און זייער אין א מענטשנס נשמה קען מען נאר אין די פריסטע יארן פון זיין קינדהייט, ווען דער מארך האלט נאך אין פארפעסטיקן זיך. און דאס זייען אין מענטשנס נשמה איז ניט דאס לערנען מיט זייער הילף פון פארשטאנד און שכל נאר אן אוממיטלבארער איבערנעמען פון נשמה־איבערלעבונגען באגלייטע מיט אינטימע ווערטער דירעקט דורך גאכמאכן און קינדערשן נאכאמען.

עס זענען מיר באקאנט פאלן ווען דאס רעדן מיט קינדער אויף א שפראך וואס טאטע־מאמע האט זיך אויסגעלערנט דערוואקסענערהייט האט ארויסגערופן ביי די קינדער א נערוועזע צערודערונג. און אט ווי אזוי: נארמאלע און געזונטע קינדער וואס זענען גענוג לעבעדיק אקטיוו זוכן מיט־לען אויסצודריקן זיך און זייערע מעשים. זיי האבן אבער ניט קיין פארמען פאר דעם: טאטע־מאמע רעדן צווישן זיך עפעס אויף איין שפראך, פון די געציילטע ווערטער וואס זענען געווענדט צו זיי האבן זיי גארניט צו נעמען. קינדער זענען דאך נאכמאכער, זיי האלטן אין איין ,,שפילן" עמיצן, און זיי האבן ניט קיין ווערטער דערצו! ווערן זיי קאפריז, נערוועז, עקשנים. צערייצטע צולהכעיסניקעס, און דאס ווירקט אויף זייער כאראקטער אויף דעם גאנצן לעבן שפעטער. מאמעס דערשרעקן זיך און לויפן צו דאקטוי־רים. די ווייסן אבער ניט וואס צו זאגן אין דעם פאל, און עס בלייבט א צרה אויפן גאנצן לעבן: ניט נאר עס איז אטראפירט געווארן דאס ,,יידיש קעפל", עס זענען אפגעטעמפט געווארן די פייאיקייטן פון קינד, — נאך ערגער — דאס קינד גייט אין לעבן אריין מיט א קראנקן נערוון־סיסטעם.

און איטלעכער מענטש קען עס זען אליין: פארגלייכט נאר דעם פראצענט גוטע און פעאיקע קינדער אין אויסגעהאלטענע יידישע היימען און אין די אזוי גערופענע ,,אינטעליגענטע" זייט מיר מוחל, וו מען פוצט זיך אויס מיט פרעמדע שפראכן.

אט די פסיכישע צערודערונג מוז קומען דארטן וו שפראך און שטייגער אין דער היים זענען ניט איינשטימיק. שטייגער און שפראך זענען ווי זאכן און זייערע נעמען. ווען אין א היים לעבט מען א לעבן פון איין פאלק

און מען רעדט א שפּראך פון א צווייטן פאלק, באקומט זיך א צעשפּאלטנ־קייט, א ניט אדעקוואטקייט. עס איז ניט הידים ידי עשו והקול קול יעקב, נאר די ידים זענען ניט קיין ידי עשו און דער קול איז ניט קיין קול יעקב. די קינדער קענען זיך ניט ארײנלעבן אין קיין איין קולטור, און זיי וואקסן אויס ניט קיין יידן און ניט קיין גויים, נאר סתם אזוי ניט קיין בע און ניט מע. קולטורעל, גייסטיק זענען זיי היימלאזע, זיי געהערן ניט צו קיין פאלק. אט די צעשפּאלטנקייט און אפּגעריסנקייט פון אלע פעלקער און קולטורן מוז ארויסרופן א פּסיכישע צערודערונג. און די צערודערונג מוז פארשטארקן דעם „קארנאווסקי־קאמפּלעקס“, וואס וועגן אים האבן מיר גערעדט אין דעם פריערדיקן בריוו.

אזוי ארום וואקסן די קינדער אין אזוינע יידישע נאכמאכערישע היי־מען מאראליש באשווערטע מיט מאטערנדיקע קאמפּלעקסן. מיט דערדריק־טע נשמות, אפּגעריסענע פון זייער פאלק און פון אלע אנדערע פעלקער; מיט סימפּאטיעס צו אלעמען און אנטיפּאטיעס צו זיך און צו אלץ וואס זייערס איז; מיט אטראפירטער אינטואיציע און דערשטיקטע פעאיקייטן. זיי קענען לערנען א סך און דאס אנגעלערנטע זייערס איז ניט מער ווי „בית עולם מיט טויטן וויסן“ ווי ק. אושינסקי האט עס אנגערופן, א לאגער מיט אלטן אייזן וואס ראסט אין קאפּ, אן דעם צו קענען פון דעם „אלטווארג“ עפּעס אליין שאפן...

אזוינע קינדער זענען על פּי רוב אומפעאיק צו פירן די געשעפטן פון זייערע עלטערן און דאס איז איינע פון די סיבות פארוואס יידישע רייכ־קייט האלטן זיך אזוי זעלטן לענגער ווי איין דור, יידישע פּרנסות וואס פּשוטע יידן נאר מיט יידישער אינטואיציע און יידישע קעפּ האבן געשאפן קענען ניט געפירט ווערן ווייטער דורך זייערע געשטודירטע קינדער.

— איר פרעגט ווו זענען אהינגעקומען די יידישע קעפּלעך?

— איר אליין, יידישע טאטע־מאמעס, איר און ניט היטלער האט זיי פארסמט און דערשטיקט. ווי שטייט אין דער הגדה? — פרעה האט געטויט די יינגלעך נאר, און לבן האט געוואלט אויסרייסן אלץ.

אזוי ארום איז דאס האדעווען קינדער ניט אין אויסגעצהאלטענער יידישקייט — די שווערסטע קללה פון דער תוכחה, אבער נאך שארפער און נאך בייזער ווי זי איז דארטן געשריבן. דארטן זאגט זיך „דיינע זין און דיינע טעכטער זענען אפגעגעבן אן אנדער פאלק, דיינע אויגן זעען און בענקען א גאנצן טאג און דו קענסט גארניט העלפן". אונזער קללה איז ערגער: אליין מיט די אייגענע הענט פארקויפן יידן אן געלט, ווארפן ארויס זייערע קינדער צו די הינטערטירן פון אלע פעלקער און קיינער נעמט זיי ניט. און פארוואגלטע נשמות מיט פארסמטע הערצער און פארטעמפטע קעפ גייען זיי ארום איבער פעלקער און איבער וועלטן אין אימעטום זענען זיי פרעמדע. אמאל פלעגן ווילדע פעלקער פארברענען זייערע קינדער פאר דעם גאט „מולך" א קרבן. איצט פארברענען יידן די נשמות פון זייערע קינדער א קרבן פאר אלערליי געצן אין דער וועלט. און מיט פארברענטע נשמות קענען אויך די גופים זיך ניט האלטן אויף דער וועלט... און א שרעקלעכער געדאנק עגבערט אין מוח, א געדאנק וואס עס איז שווער אפילו ארויסצוברענגען אויפן פאפיר — ער בריט ווי זודיק אויל, און עצט אין הארצן ווי עסיק אויף א וווּנד... ווער האט מערער יידישע נשמות אומגעבראכט — היטלער ימ"ש אדער יידישע טאטע־מאמע אליין?..

און אז איך פארטראכט זיך אויף דעם, קען איך מער ניט שרייבן: די ציינער פארשטייפן זיך. עס ווילט זיך א געשריי טאן, נאר מען קען ניט, די ווארצלען פון די האר נעמען שטעכן אין קאפ — גיי העלף...

דער תכלית פון יידישע תכליתים.

פאראן פראזעס וואס עסן זיך אריין ווי זלידנע פליגן און פונקט ווי זלידנע פליגן ברענגען זיי נאר שאדן, און מען קען פון זיי ניט פטור ווערן, אט ווי פאפירענע געלט אפגעריבענע, ווערט זענען זיי גארניט, און מען האלט זיך מיט זיי ווי עפעס וואס האט א ווערט. צופיל אזויגע אפגעריבענע פראזעס וואס קיינער קאנטראלירט ניט מער זייער ריכטיקייט זענען אנ־ גענומען ביי אונז און זיי ברענגען שאדן, ווייל דאס רוב זענען זיי פשוט א ליגן.

איינע אזא צגגענומענע פראזע וואס אלע חזרן איבער און דאך איז זי פאלש און שעדלעך איז דאס ווערטל אז „מען דארף די קינדער צוגרייטן צום לעבן", „די שול דארף גרייטן די קינדער צום לעבן" וכדומה.

איך פרעגט א יידישע מאמע, פארוואס זי רעדט מיט אירע קינדער א פרעמדע שפראך, דאס רוב נאך וואס זי אליין קען ניט, — און זי וועט אייך באלד אפזאגן א פארטיקן ענטפער:

—וואס הייסט פארוואס? — מיין קינד וועט דאך דארפן לעבן צווישן גויים, ער וועט דאך דארפן מאכן א לעבן פון זיי, מוז ער דאך זיך צופאסן צו זיי. וואס דען? צווישן יידן וועט ער לעבן?

— פארוואס שיקט איר, ליבע פרוי, ליבער ייד, אייערע קינדער אין א גוישע שול צו ניט־יידישע לערערס, צווישן גוישע קינדער, מיט גאנץ געשמאקע פארציעס אנטיסעמיטיזם? פארוואס זאל אזא קלוגע און איבטע־ ליגענטע יידישע פרוי, וואס פארנעמט זיך מיט וויכטיקע יידישע ענינים, וואס איר מאן איז פרעזידענט אין א צענדליק יידישע קולטור־אינסטיטו־

ציעס און אגיטירט פאר יידישקייט, — פארוואס זאל אזא היים ניט געבן די קינדער קיין פולע יידישע דערציאונג? פארוואס זאל אייער אייגענע היים זיין כולו גוייש און פאר יידישקייט זאל מען יוצא זיין מיט א געדונגענעם לערער וואס קען העכסטנס לייגן א קליינע יידישע לאטע אויף דעם גאנצן גוישן מאנטל? פארוואס לערנט איר אייער קינד רעדן ריכטיק און מיט א שיינעם אקצענט אויף אלע שפראכן אין דער וועלט, אויסער דער שפראך. וואס איר האלט פון איר און שרייט אז זי איז אייער „נאציאנאלע" שפראך? פארוואס? פארוואס דערציט איר אייערע קינדער אזוי, אז קיין איינ־טעליגענטער מענטש פון אן אנדער פאלק פארשטייט אייך ניט?...

און אז איר הייבט אן צו שטעלן א יידן אזוינע פראגן, וועט ער אויף אייך אויסשטעלן א פאר אויגן, זיך שטארק פארוואונדערן, ער וועט טראכ־טען צי זייט איר ניט אביסל פון זינען, צי וואס...

— וואס הייסט פארוואס, — וועט ער אייך א זאג טאן מיט א רוגזה. איר פארשטייט ניט אז א קינד דארף מען צוגרייטן צום לעבן? אז לעבן לעבט מען צווישן גויים? אז א לעבן מאכט פון גויים? אז פון „אייער" יידיש וועט מיין קינד ניט קענען לעבן? וואס, א נייעס איז דאס? און וואס פרעגט איר מיך? און אלע יידן זענען אנדערש? און די וואס נעמען זיך אן דעם כבוד פון יידיש, צי פון העברעאיש, — זיי מיט זייערע קינדער, מיט זייערע אייניקלעך רעדן ניט די שפראך פון פאלק, צווישן וועמען זיי וווינען? וואס?...

„איז, ערשטנס, רעד איך טאקע צו אלע יידן און איבערהויפט צו די וואס האלטן זיך פאר נאציאנאלע יידן און ווילן זיין נאציאנאלע יידן

צווייטנס איז די גאנצע מעשה ניט געשטויגן און ניט געפלויגן; ניט מען קען צ ו ג ר יי ט ן א מענטשן צום לעבן און ניט יידן גרייטן צו זייערע קינדער צו ק ע נ ע ן מאכן א לעבן. וואלטן יידן באמת גע־טראכט ווי אזוי מען גרייט צו זייערע קינדער צום לעבן, וואלטן זיי שוין לאנג געהאט די מעגלעכקייט צו זען און צו דערקונדיקן זיך אז

די קינדער וואס יידן פון אלע לענדער גרייטן זיי אויף דעם אויבן

באשריבענעם וועג צו מאכן א לעבן, זיי קענען ניט שפעטער מאכן קיין לעבן! א לעבן מאכן די וואס זייערע עלטערן האבן זיי ניט „געגרייט" צום לעבן.

אין דער אמתן האדעוועו יידן זייערע קינדער ווי האלבע גויים גאר צוליב אנדערע מאטיוון: דאס גויישעס איז שענער — זייער לשון, זייערע נעמען, זייערע מנהגים, טאקע שענער און די מאדע איז אזא. און די תירוצים „וועגן לעבן" — דאס איז אויך א מאדע אזא, וואס מען זאגט דאס גאר־ניט טראכטנדיק: אלע זאגן, זאג איך אויך.

אבער דאך לאמיר זען אויף וויפל דאס זאגעכץ וואס מען זאגט — זאגט גארניט מיט גארניט.

איז דען אט דאס לעבן וואס דאס קינד וועט דארפן לעבן א באַ־שטימטע זאך, וואס מען קען פון פאררויס צוגרייטן צו דעם?

ווען א קינד וואלט געבארן געווארן מיט א קוויטעלע אין האנט, איך וועל זיין א שיכלקרעמער צווישן פראנצויזן"; דער צווייטער — מיט א צע־טעלע „איך וועל זיין א דאקטאר אין אמעריקע צווישן נעגערס", — אט אפילו דעמאלט וואלט מען ניט געקענט עקזאקט צוגרייטן צום לעבן. היינט וואסער טאטע־מאמע קען דאס וויסן ווו און צווישן וועמען זייער קינד וועט דארפן לעבן, און צו וואס פאר א מין לעבן מען דארף אים גרייטן? ווער פון די היינטיקע יידן וואס ווינען לאמיר זאגן אין מעקסיקע און זיי מאכן דא א לעבן, ווער פון זיי איז געגרייט געווארן צו לעבן אט דאס לעבן וואס ער לעבט און ווי ער לעבט? האבן זייערע עלטערן זיי געגרייט צו לעבן אין רוסלאנד, אין פוילן, — און דער גורל האט זיי פארטראגן וועמען קיין מעקסיקע און וועמען קיין קובא און וועמען קיין ארגענטינע, און ווער ווייס וווהין. און ווער פון די יידן וואס לעבן איצט און האדעוועו קינדער אין אט די לענדער, ווער פון זיי האט די גאראנטיע אין קעשענע, אז זיינע קינ־דער וועלן לעבן דארטן ווו ער גרייט זיי צו לעבן? צי האבן נאך היינט יידן אין אמעריקאנער לענדער ניט פון וועמען זיך אראפצונעמען א מוסר און וויסן געווי, אז מען קען ניט גרייטן די קינדער צו אזא אדער אן אנדער לעבן?...

מען קען אבער יא גרייטן די קינדער זיי זאלן קענען זיך איינלעבן

אין א ל ע לעבנס, וואס עס קען זיי אויסקומען צו לעבן. מען דארף גרייטן
יידישע קינדער זיי זאלן א ו מ ע ט ו ם ווו עס וועט זיי דער גורל פאר־
װארפן זיך קענען אריענטירן, זיך ניט פארלירן און זיך ניט דערשרעקן פאר
נייע און אומבאקאנטע שוועריקייטן, זיי זאלן האבן גענוג מוט און גלויבן
אין זיך צו קענען אנהייבן פון דאס ניי, און גיין דרייסט ווייטער. דער דייי־
טשיש־יידישער פסיכאלאג פראפ וויליאם שטערן האט בערך אזוי געוואלט
דעפינירן וואס עס הייסט אינטעליגענץ — „די פעאיקייט זיך צו אריענטירן
אין נייע סיטואציעס". און בכן קומט גאר אויס, אז כדי צו גרייטן א מענ־
טשען צום לעבן, דארף מען ניט אים איינגעווינען צו רעדן די שפראך פון
פאלק ווו ער לעבט אין זיין קינדהייט, מען דארף אים ניט אויסלערנען אי־
מיטירן און נאכמאכן יענעם פאלק. נייערט מען דארף פארקערט אין אים
אנטוויקלען זיין קריטישן חוש און פעאיקייט צו קענען אליין גיין זיין וועג
אין לעבן, צו האבן אן אייגענע ריכטונג און ניט זיין א פאסיווער נאכגייער
נאך דעם ווי אלע גייען, אזא איינער וואס טראגט זיך מיט די פארמען פון
דעם לעבנסשטראם פון דער מערהייט.

און בכן: כדי צו גרייטן א קינד צום לעבן, טא האדעוועט אים ניט ווי
אן אמעריקאנער, ניט ווי א מעקסיקאנער, ווי א קאנאדער, ווי א פראנצויז,
ווי א טערק, — האדעוועט אים אומעטום ו י מ ע נ ט ש פ ו ן א
מ י נ ד ע ר ה יי ט וואס איז בכוח ניט נאכצוגיין דער מערהייט; הא־
דעוועט אים ווי א יידן און

 ו א ס מ ע ר יי ד — א ל ץ מ ע ר מ ע נ ט ש. מער פעאי־
קייטן זיך ניט צו פארלירן אין נייע סיטואציעס. מער פעאיקייטן צו קענען
אומעטום זיך אריענטירן און ניט נאכגיין, נאר גיין, זיין ניט קיין מאלפע
וואס קען לעבן נאר אין דער סביבה ווו ער איז אויסגעהאדעוועט, נאר או־
מעטום צו קענען לעבן, זיך איינלעבן און צו מאכן א לעבן.

אמאל פלעגן יידן זאגן: וועט מיין זון קענען א בלאט גמרא וועט ער
קענען אויך זיין א סוחר, אויב עס וועט אים באשערט זיין, און ער וועט
זיך קענען אויסלערנען אויך א פערד איינשפאנען, אויב ער וועט עס דארפן.
און אט אזוי פלעגט מען טאקע אויך האדעווען די קינדער. מען האט זיי־

געלערנט צו זיין א ייד צווישן יידן, אן קיינע אוטיליטאריסטישע אויסרע־כענונגען. און די עמיגראציע פון יידן איבער דער גארער וועלט האט באַוויזן אז די דאזיקע יידן האבן זייער א גוט אנטוויקלטע אריענטאציע־פעאיקייט און זיי קענען זיך גרינג צופאסן צו אלע פעלקער און סביבות ווו דער גורל זאל זיין ניט פארווארפן. דער אלטער צוגאנג, דער טראדיציאנעל יידי־שער גאנג האט אויסגעהאלטן דעם עקזאמען אין די שווערסטע באדינגונגען פון דער נייער צייט.

אין דער גייסטער צייט האבן אבער יידן גענומען זוכן „תכליתם" אין דערציאונג. מען מוז אויף פריער וויסן וואס מיין קינד וועט האבן פון זיין לערנען יידיש, צו וואס עס וועט אים טויגן... ניט דער מענטש איז וויכ־טיק אין קינד, נאר דער תכלית. און לאמיר טאקע זען צי זענען די וואס יידישע טאטע־מאמע „גרייטן זיי צום לעבן" — צי זענען זיי טאקע צו־געגרייט.

עס הייבט זיך גארניט אן. די גרעסטע מערהייט זייערע וואקסט אויס טויגעניכצן. ניט נאר זיי קאנען ניט אויפבויען פאר זיך קיין לעבן, — זיי קענען ניט פירן ווייטער דאס וואס פאטערס האבן זיי איבערגעלאזט. זיי פארטאכלעווען גיך וואס עלטערן האבן מיט מי און פיין, מיט די אייגענע הוילע צען פינגער אויפגעבויט אין נייע לענדער און בלייבן ביי גארנישט. יידישע פרנסות האלטן זיך על פי רוב איין דור. ווי נאר די עלטערן אר־בעטן זיך אביסל ארויף, מאכט מען די זין פאר דאקטוירים און אדוואקאטן. דאס זענען פראפעסיעס פארמיטלערישע. מען האט צו טאן ניט מיט זאכן, נאר מיט מענטשן. קאנקורענץ, דיסקרימינאציעס זענען זייער שטארק אר־מעטום. מען מוז האבן א סך פעאיקייטן און אויסדויער, און אריענטאציע־כוח צו קענען גובר זיין אלע שטערונגען, און אט די פעאיקייטן פעלן אויס. היינט צו וואס נוצט דער דאקטאר־דיפלאם, אז דער מענטש איז קיין מענטש ניט? ווי זאגן דאס יידן א ווערטל אזא? — לעולם יהא אדם — טייטשט טוביה: פריער פון אלץ דארף מען א מענטש זיין. אז דער מענטש איז אבער ניט דערצויגן ווי געהעריק, טא וואס טויג די פאפירענע בילדונג זיינע? גייען טאקע ארום אין ניו־יארק טויזנטער יידישע דאקטוירים און

אדוואקאטן. — דיפּלאָמען האָבן זיי, אָבער קיין לעבן קענען זיי ניט מאַכן, און מען זיצט אויפן קאַרק ביי די טאַטעס, וואָס זענען געקומען קיין אַמע־ריקע אָן אַ שפּראַך, אָן אַ דיפּלאָם, אָן אַ היי־סקול, אָן בילדונג בכלל, און זיי האָבן אויפגעבויט אַ לעבן. זיי האָבן געקענט, — און זייערע קינדער מיט די סקולס און מיט דיפּלאָמען און מיט דעם לשון פון דעם הויפּט פּאָלק, זיי וואָס די עלטערן האָבן געהאָדעוועט „מיט אַ תכלית״ זיי געגרייט צום לעבן, — זיי טויגן ניט צום לעבן, זיי קענען ווי מען זאָגט, אַ קאַץ אַן עק ניט פאַרבינדן!

און אַלץ דערפאַר ווייל מען האָט ניט דערצויגן און ניט אַנטוויקלט דעם יידן אין די קינדער. ווען מען זאָל נעמען אַ שעפּס און ווי עס איז אים מאַכן אויס שעפּס, וועט ער דאָך דורך דעם ניט ווערן קיין באָק. ער וועט זיין ניט קיין שעפּס און ניט עפּעס אַנדערש, נאָר סתם אַזוי אַ גאָר־נישט מיט אַ נישט. ווען אַ מאַן ווערט קאַסטרירט און ער איז אויס מאַן, ווערט ער דען דערמיט אַ פרוי? און ווען אַ ייד פאַרקריפּלט אין זיך זיין יידישקייט, ווערט ער דען דורך דעם אַ רוס, אַן ענגלענדער, אַ טערק? ווען יידישע טאַטעס שניידן אויס פון זייערע קינדער זייער יידישקייט, מאַכן זיי פון די קינדער ניט קיין אַמעריקאַנער, ניט קיין מעקסיקאַנער, נייערט יידן וואָס זענען ניט דאָס און ניט דאָס, ניע בע, ניע מע. און אַ מענטש וואָס איז ניט קיין ייד, און ניט עפּעס אַנדערש קען זיך ניט איינלעבן מיט קיי־נעם, ער איז אַן אומ מענטש.

כדי צו לעבן צווישן רוסן דאַרף מען לחלוטין ניט זיין דוקא אַ רוס, און צווישן מעקסיקאַנער דאַרף מען לחלוטין ניט אימיטירן קיינעם, כדי צו קענען לעבן און מיטלעבן.

איינע פון די סיבות פאַרוואָס מיר קענען אין קיין לאַנד זיך ניט איינ־לעבן אויף לאַנג איז דאָס וואָס אומעטום ווילן מיר אימיטירן און קאָפּירן די בעלי־בתים און נאָכמאַכן זיי און איינרעדן זיי און זיך, אַז מיר זענען אַ טייל פון זיי, כלומרשט. פּונקט פאַרקערט, כדי צו קענען לעבן צווישן מענ־טשען, דאַרף מען אַליין זיין אַ מענטש, און ניט קיין קאָפּיע פון עמיצן, ניט קיין נאָכגעמאַכטער סוראָגאַט פון אַן אַנדערן, אַליין אַ נאַטירלעכער. דאָס

וואס מען איז פון דורות און ניט קיין פארשטעלטער מענטש, ס'קומט אויס איבערצוחזרן די רייד פון דעם נביא אויף אונזערע טאטע־מאמעס, און זיי האפן אויסצוהאדעווען מענטשן, — ערשט עס זענען גאר אוממענטשן; אויף א תכלית אין לעבן, — ערשט מען פארתכלעוועט גאר דאס לעבן.

מיר איז אויסגעקומען ניט לאנג צו הערן א באריכט פון א יוגנט־פירער ביי יידן, א באריכט וואס מען וויל ניט פארעפנטלעכן, אבער מען האט פארקערט געדארפט אים צעקלינגען אין אלע אלארם־גלאקן; יידן, זעט ווי מען איר האדעוועט אויס!

פון א צוויי הונדערט יונגעלייט און מיידלעך זענען בלויז עטלעכע אין צוואנציק אזוינע וואס מיט זיי קען מען רעדן וועגן עפעס א פראבלעם, וועגן א קולטור־ענין. דאס זענען קינדער פון יידיש־יידישע היימען מיט אן אויסגעהאלטענעם שטייגער אין דער היים און זיי האבן אויך דורכגעמאכט א יידישע שול. אלע איבעריקע, כאטש זיי זענען אלע סטודענטן, זענען אינגאנצן אימפעאיק אנטייל צו נעמען אין א שמועס. זייער אינטעליגענץ־קאעפיציענט איז ניט מער ווי צוויי דריטל (ד"ה בחורים פון 18 יאר זענען אנטוויקלט ניט מער ווי צוועלפיאריקע קינדער). דערפאר האבן זיי אבער שוין אויסגעפרווט אלע פארגעניגנס אין לעבן; קיין ביכער נוצט מען ניט, דערפאר אבער איז מען פארקאכט אין מיידלעך, ווייַן און קארטן, און דאס גאנץ לעבן איז בלויז א יאגעניש נאך פארגעניגנס, אלץ נייע, ווייל די „אלטע" דערעסן דאך. אויף א פראגע וועגן דאסטאיעווסקי האבן די מערסטע פון די סטודענטן געענטפערט, אז דעם „פילם" האבן זיי ניט געזען נאך. וועגן א בילד פון הלל צייטלין — „פו, ס'ארא בארדיקער אלטער"!

יוגנט וואס קען אין 1944 זאגן, אז זיי ווילן מען זאל ביי זיי ניט מאנען פאר יידן אין אייראפע, ווייל „וואס גייען זיי אונז אן, יענע יידן? וואס האבן מיר צו טאן מיט די פוילישע יידן? און וואס באדערט מען אינז מיט די מעשיות וועגן דארטן". „איך וועל פשוט ארויסטרייבן ווען מען וועט קומען אין מיין הויז אויף א טאנץ־אוונט מיט זאמלונגען"...

א דאקטאר האט מיר דערציילט אז ייִנגלעך פון פופצן און זעכצן יאר זענען געשלעכטלעך דעמאראליזירט ביז גאר און א גרויסער פראצענט זע־

נען הענעריש קראנק. אט דאס זענען די רעזולטאטן פון דער דערציאונג וואס יידן גיבן זייערע קינדער; דאס זענען די תכליתים, או צר און ווי וואס יידן דערגרייכן, און אט אזוי זענען זיי די יונגע יידן „צוגעגרייט" צום לעבן.

און די גוטע עלטערן, זיי קריגן ווייער אפצאל אויף דער עלטער. אט איז א ביישפיל, וואס מען דארף זיך פון אים אפלערנען א מוסר: אן אלטע מאמע פון דריי זין מיט דריי שניר, געבילדעטע, געשטודירטע — אויף רוסיש און אויף דייטש, אויף ענגליש און אויף שפאניש און אט דארף די אלטע מאמע גיין אויף ראש־השנה און יום־כפור צו א פרעמדער פרוי זי זאל איר דערלויבן בענטשן ליכט דארטן, ווייל אירע קינדער קענען דאס איר ניט דערלויבן — עס איז זיי א חרפה פאר די דינסטן. מילא, אירע בשרע טעפלער קען מען האלטן אין גאראזש, אבער קיין ליכט קען מען דארטן ניט בענטשן, און אין שטוב דאס לאזן איז די חרפה צו גרויס...

אט אזוינע מענטשן האדעווען דאס אויס יידן.

טא זאל עס קלאר זיין פאר אלע יידן אויף דער גארער וועלט:

— א ייד וואס האט ניט קיין יידישקייט איז אויך ניט קיין מענטש.

— ווילט איר גרייטן אייער קינד צום לעבן ווי א מענטש צווישן מענטשן, טא מאכט אים ער זאל זיין קודם־כל א ייד צווישן יידן. אן יידישער דערציאונג קען א יידיש קינד ניט זיין אויך קיין מענטש. עלטערן וואס גיבן ניט זייערע קינדער קיין יידישע דערציאונג מאכן פון זיי אויך ניט קיין מענטשן — אוממענטשן האדעווען זיי. און דאס אלץ!

א דערציאונג וואָס דערציט ניט

עס איז איינע פון די אומפּאָפּולערסטע זאַכן צו זאָגן אַמעריקאַנער יידן, אַז זי אַלגעמיינע שול, מלוכישע שול, די אַמעריקאַנער שול, דערציט ניט די יידישע קינדער און זי גרייט זיי ניט צו צום לעבן. איך בין כמעט זיכער, אַז קיינער פון די וואָס וועלן לייענען אָט די זאַצן, וועט מיט מיר ניט מסכים זיין. אָבער מען מוז זאָגן דעם אמת אפילו ווען ער איז ניט פּאָפּולער. מען מוז, ווייל עס איז א לעבנס־פראַגע פון זיין אָדער ניט זיין. אין טאָמער דאַך וועלן זיך אייניקע פאַרטראַכטן.

מען דאַרף וויסן, אַז:

א) א פאָלק וואָס לאָזט איבער די דערציאונג פון זיין יוגנט פאַר א צווייטן, וועט קיין יוגנט ניט האָבן.

ב) אָן א יוגנט, וואָס איז אויסגעהאָדעוועט אין דער קולטור און אין די טראַדיציעס פון פאָלק, קאָן א פאָלק ניט האָבן קיין מאָרגן.

ג) אַלע אַנדערע אימיגראַנטישע פעלקער אין אַמעריקע קאָנען און וועלן לעבן מיטן כוח פון זייערע מעטראָפּאָליעס, וואָס זענען פאַראַן אַנדערשוואו. ביי יידן אָבער איז היינט אַמעריקע די מעטראָפּאָליע, און דאָס אַמעריקאַנער יידנטום קען האָבן א קיום בלויז מיט יידישקייט.

די אַלגעמיינע פּובליק שול איז אין איר תוך פאַרבונדן מיט א געדאַנק: איין לאַנד, איין שול, איין פאָלק. איז דאָס געווען און עס איז ביי א סך יידן נאָך היינט א אינטימער אידעאַל. „יידן טאָרן זיך ניט איזאָלירן״. איז דאָס אָבער אַביסעלע צו שפּעט: עס זענען שוין אַלע, אויך אין אַמעריקע, אַזוי איזאָלירט פון יידן, אַלע האָבן זיך געמאַכט אַזא גייסטיקע, עמאַ־

ציאנעלע מחיצה, אז קיין שום „האפנונג״ אויסצומישן זיך און זיין איזאלירט, איז שוין איצט ניטא פאר יידן. האדעוועט די אלגעמיינע אמעריקאנער שול אויס פון יידן — ניט קיין קולטורעלע „אנגלא־סאקסן״, וואס זענען פריי פון יידישקייט און ניט קיין יידן וואס פילן זייער יידישקייט אין זיך און זיי זענען מסוגל זי צו טראגן. וואקסט א דור אין פאקטישער מאראלישער און געזעלשאפטלעכער איזאלירטקייט ווי יידן, אבער אן אזא שטאלצן באוווסטזיין. זעט ער ווי די עלטערע באמיען זיך איינצוגרעדן זיך, שאפן זיך א אילוזיע פון כלומרשטער ניט־איזאלירטקייט. זעט דער יונגער דור, ווי זיינע עלטערן און דערציער האלטן אין איין צופאסן זיך צו א געזעלשאפט וואס ווייכט פון זיי, איידל געריידט. זעט דער יונגער דור ווי עלטערן פארגויאישן זיי — די קינדער, און פאסן זיך צו, — צו וועמען? — צו די אייגענע, פארגויאישטע קינדער, וואקסט אין אים א פארדרוס אויף זיינע עלטערן און אויף זיך אליין. ניטא קיין פרייד אין די נשמות פון יידישע קינדער. קיין פרייד פון שאפן.

וואקסט א דור, א גייסטיק פאסיווער, ניט קיין שעפערישער, אן א גאנצן באוווסטזיין; קיין יידישע גאנצקייט פארמאגט ער ניט ווייל ער האט ניט קיין יידישע קולטור, ניט קיין קולטור־שטייגערישע טראדיציע, און צו זיין גאנצע אמעריקאנער שטערט דאס באוווסטזיין פון זיין יידישקייט, פון זיין צוגעהעריקייט צו יידן. אזא דור מיט צעשפאלטענע נשמות קאן ניט זיין שעפעריש, קאן ניט זיין אקטיוו. עס פעלט אים מוט, גלויבן און במילא ענערגיע. און וואס א יאר ווערט מער מאראלישע ענערגיע און מוט געפאדערט דווקא פון דער יידישער יוגנט כדי צו קאנען לעבן.

מען איז געוויינט צו טראכטן: כדי צו מאכן א לעבן, כדי זיך איינצוארדענען ריין עקאנאמיש אין לעבן, מוז א ייד אין אמעריקע זיין אנגליזירט. אביסעלע יידישע דערציאונג — מהיכא־תיתי, שאדט ניט. דאס איז, אזוי צו זאגן, לנוי — פארן פוץ, פאר דער נשמה. דאס איז א מ צ ו ה „פארן פאלק ישראל״, פאר גאט אדער פאר לייט. אבער פאר „א תכלית״ אין לעבן קומט אין באטראכט בלויז ענגליש. יידישע דערציאינג קומט דא לגמרי ניט אין באטראכט. „וואס ווילט איר? — טענהט מיט מיר א ייד. — יידישע קינדער זאלן אוועקגעבן זייער גאנצע צוקונפט פאר יידישקייט?

— מען דארף דאך אבער קודם־כל מאכן א לעבן! מיינט איר, אז מיט דעם וואס מיין זון וועט וויסן נאך אביסל פאגראמען אויף יידן, נאך אביסל איי־בערוואנדערונג, וועט ער קאנען מאכן א לעבן, הא?

דאכט זיך אזוי קלאר, — און דאך פאלש. דורך און דורך.

ניט דאס אויסגעלערנטע וויסן וואס אין מענטשן מאכט דאס לעבן, נאר דער מענטש אליין, זיין כאראקטער. איז איידער מען נעמט זיך צו באַ־זארגן דעם מענטשן מיט דעם אדער מיט יענעם נוציקן וויסן, מוז מען צו־ערשט טראכטן ווי אזוי אויסצוהאדעווען דעם מענטשן גופא: זיין „מענטש־לעכקייט". דאס וויסן דאס איז א געצייג, א האמער. אבער דער בעסטער האמער אז ער פאלט אריין אין גולמשע הענט, מאכט ער אן צרות, אז ער פאלט אריין אין בייזע הענט — מאכט ער אן אומגליקן. כדי צו קאנען מאכן א לעבן, נויטיקט זיך די יידישע יוגנט אין אמעריקע. מען זאל אין איר אנט־וויקלען א שטארקן, א פעסטן, א מוטיקן און דרייסטן כאראקטער; מען מוז זי באזארגן מיט פעסטע מאראלישע פרינציפן אויף דעם גאנצן לעבן, מיט א פייאיקייט צו מאראלישער און סאציאלער קאאפעראציע ווי יידן, ווייל אזוינע וועלן זיי מוזן בלייבן, אפילו ווען זיי וועלן עס ניט וועלן. די יידי־שע יוגנט מוז קודם־כל קריגן א פעסטן און מוטיקן יידישן באוווסטזיין, א שטאלצן יידישן באוווסטזיין. מיט דעם, וואס די ענגלישע שול גיט דער יידישער יוגנט, וועט זי אין אמעריקע קיין לעבן ניט קאנען מאכן. און וואס ווייטער, אלץ שווערער און שווערער וועט עס ווערן ביז דער ענדגילטיקער ארויסשטויסונג פון עקאנאמישן לעבן. כדי איינצוהאלטן די עקאנאמישע פאזיציעס, — דערצו העלפט די בילדונג וואס יידישע יוגנט באקומט אין דער ענגלישער שול ווייניק, און אפשר גארניט, און שטערן שטערט זי גאר א סך.

דאס מאכן א לעבן מיט דעם קולטור־פארמעגן וואס די ענגלישע שול גיט, — דאס איז איינע פון די כלומרשטע „אקסיאמעס". וואס זענען א ליגן, כאטש אלע גלויבן אין זיי. און דא, ווי אומעטום, איז דער „אלגעמיי־נער גלויבן" ניט קיין באווייז פון גערעכטיקייט און אמתדיקייט.

ווי קומט עס? עס איז לגמרי ניט קיין פאראדאקס. און אט איז דער פאקט: עס זענען געקומען כוואליעסווייז יידן קיין אמעריקע; גרינע, פרעמ־דע, אן א שפראך, אן א צוגאנג, פון אן אנדער וועלט. און אט די יידן האבן

געמאכט א לעבן. זיי האבן אויסגעבויט עקאנאמישע פאזיציעס, רייכטימער געשאפן, נייע צווייגן אינדוסטריע געשאפן, אויסגעבויט גרויסע און מעכטיקע ארגאניזאציעס, סאציאלע און קולטורעלע. זיי, אט די פון דער פרעמד געקומענע, האבן רייך געמאכט אמעריקאנער שטעט, האבן צענדליקער און הונדערטער מיליאנען געגעבן אנדערע יידן. מיט איין ווארט — אלץ וואס יידן האבן געשאפן, אויפגעבויט, אויפגעטאן אין אמעריקע אין אנדערשיוו, — אלץ איז געשאפן דורך אט די גרינע יידן. און אט די גרינע יידן האבן רחמנות געהאט אויף זייערע קינדער — „זאלן זיי פארשפארן די מאטערישן וואס מיר האבן געהאט״, זאלן זיי זיין „צוגעפאסט צו אמעריקע״.

איז דער צווייטער דור, דער אמעריקאניזירטער, עפעס לגמרי ניט שעפעריש. קיין עקאנאמישע פאזיציעס ווערן ניט געשאפן, די אלטע, דורך גרינע יידן געבויטע, ווערן אפגעשוואכט. די יידישע געזעלשאפטלעכקייט לעבט בלויז מיט דער אינערץ פונם עלטערן דור. דער יונגער דור האט קיין נייע געזעלשאפטלעכקייט ניט געשאפן, ניט אויסגעבויט. אביסל נאכגעמאכטע ספארט־קלובן און ימה״א ווידער נאכצומאכן. דאס אלץ. דאס איז אבער דאך בלויז צום „אויסלעבן״ זיך, פארוויילונגס־מעטיקייט. עס איז אבער גארניט געשאפן געווארן אין סאציאלן, אין עקאנאמישן, אין קולטורעלן לעבן פון יידן אין אמעריקע דורך דעם צווייטן דור, דורך די אמעריקאניזירטע איינגעבארענע, אין לאנד אוסגעוואקסענע. דער צווייטער דור יידן אין אמעריקע איז סטעריל, פרוכטלאז. ניט בכוח עפעס צו שאפן, אויפצובויען, זארגן ניט נאר פאר אנדערע, פאר א כלל, פאר א פאלק מיט יידן; — זיי זענען ניט בכוח צו זארגן פאר זיך, צו בויען זייער סאציאל עקאנאמישן מצב. איינציקע, יחידים קאנען פון מאל צו מאל אריינדרינגען ערגעץ אין א פאראנענעם יידיקן ארט אין לעבן, אבער שאפן פאזיציעס, בויען עפעס, אויפטאן — דאס איז דער צווייטער דור איגאנצן אומפייאיק. דאס איז דער פאקט.

זענען מיר ניט, צום אומגליק, ביי דער יוגנט וואס איז אויסגעוואקסן אין דער פרייער אמעריקע, קיין מוט און דרייסטקייט צו פארטיידיקן זייער רעכט צו לעבן, צו מאכן א לעבן, צו קעמפן קעגן דיסקרימינאציעס, פראצענט בארמעס, אויסראטונג פלענער. ניטא קיין מוט, קיין רייד אפילו וועגן זעלבסט־

שוץ אויף דעם סאָציאַלן און עקאָנאָמישן באָדן. פאַרגלייכט אָט די יידישע יוגנט פון אַמעריקאַנער שטעט און אַמעריקאַנער שולן צו דער יוגנט פון רוסיש־פוילישע שטעטלעך מיט אַ דור פריער, — דעמאָלט וועט איר זען, אַז פרייע מענטשן זענען ניט קיין רעזולטאַט פון פרייע געזעצן, נאָר פון זעלבסטשטענדיקער, אייגענער נאַציאָנאַלער דערציאונג.

וואָס פעלט דער יוגנט? וואָס פעלט דעם צווייטן דור אַמעריקאַנער יידן?

כדי צו זיין שעפעריש, אַקטיוו, כדי צו קענען אויפטאָן מוז אַ מענטש פאַרמאָגן צוויי ערליי אייגנשאַפטן: ער דאַרף ערשטנס, פאַרמאָגן צוגעפּאַסטקייט צו אָרט און צייט. ער דאַרף פאַרמאָגן די נויטיקע אינפאָרמאַציעס, ער דאַרף באַהערשן אַ פאַך און קענען אַלץ וואָס עס איז שייך צום פאַך. דאָס איז די טעכנישע זייט פון קענען מאַכן אַ לעבן. אויסער דעם און פריער פאַר דעם דאַרף נאָך אָבער אַ מענטש פאַרמאָגן אַ גאַנצע רייע גייסטיקע אייגנשאַפטן כדי ער זאָל קענען מאַכן אַ לעבן. ער דאַרף האָבן איניציאַטיוו, מוט און ענערגיע, שעפערישע אינטואיציע און איבערהויפּט מוטיקע עקשנות ניט אָראָפּצופאַלן ביי זיך, ניט צו דערשרעקן זיך פאַר שטרויכלונגען אין לעבן. אָט די גייסטיקע אייגנשאַפטן זענען לגמרי ניט נויטיק פאַר דעם גרעסטן טייל ניט־יידישער באַפעלקערונג. דאָס זענען פאָרמער וואָס לעבן לויט אַלטע איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס און מער ניט. דאָס זענען שטאַטישע אַרבעטער אין גרויסע מלוכישע קאָמונאַלע אָדער פּריוואַטע אונטערנעמונגען מיט אַ וויטגייענדיקער הערארכיע. דאָ איז קיין שעפערישקייט ניט נויטיק, ניט נוציק. דאָ, פאַרקערט, איז נויטיק פאָלגעוודיקייט, געהאָרכזאַמקייט און גיין אין אויסגעטראָטענע וועגן".

די יידישע באַפעלקערונג אין אַמעריקע איז, ווי אומעטום, אינגאַנצן אָדער כמעט אינגאַנצן אויסגעשלאָסן פון אָט די סאָציאַלע קרייזן. כדי אַריינצודרינגען אַהין פאָדערט זיך פון יידן ווידער אַמאָל אַ סך גייסטיקע כוחות, וואָס דער ניט־ייד דאַרף עס לגמרי ניט. אויף די און נאָך מער אויף אַנדערע, קלענערע, זעלבסטשטענדיקע געביטן מוז מען האָבן שעפערישע כאַראַקטער־שטריכן. מען דאַרף קענען שאַפן די עצם געביטן, אַנטוויקלען זיי. איבערהויפּט אַז דיסקרימינאַציעס און פּשוטער אַנטיסעמיטיזם מאַכן דעם יונגן יידן שווער אַריינצודרינגען אין לעבן אַריין. און בכן איז פאַר אַ יידן

אין אמעריקע די טעכנישע צוגרייטונג צום לעבן א זאך פון דער צווייטער מדרגה. דער עיקר דארף זיין די גייסטיקע. מען מוז זאָגן אז דער יונגער ייד זאָל אין שול באקומען ניט קיין גענוג פולע קופּערטן מיט נויטיקן וויסן, נאָר ער אליין, זיין גייסט, זיין כאראקטער זאָל אין שול צוגעגרייט ווערן צום לעבן, זאָל פארמאָגן גענוג ענערגיע, מוטיקייט, דרייסטקייט, עקשנות, אָריענטאציע, צופּאסונג פייאיקייט, קאָאָפּעראציע גרייטקייט, דערפינדעריי־קייט און אויסדויער. פריער פאר אלץ דארף דער מענטש זיין א מענטש. אָבער אז דער מענטש ווערט שלעכט דערצויגן, וואָס וועט אים העלפן אין לעבן, זיין אקצענט, זיין סטענאָגראפיע, זיין קאָמערץ־קורס אא״וו?

אמאָל האָבן אונזערע עלטערן זייער ריכטיק פארשטאנען צו זאָגן: „ווער עס קען גוט באנעמען א בלאט גמרא (ניט „ווער עס ווייס״), דער וועט זיך קענען גוט אויסלערנען צו זיין א סוחר״. פריער איז דער גייסט פון מענטשן, דעמאָלט ערשט קומט דאָס טעכנישע וויסן. און אין דעם זינען באקומען די יידישע קינדער אין אמעריקע א פאטאלע אומגליקלעכע דערציאונג.

די פובליק־סקול איז לויט איר כאראקטער ווייד און אן אינפאָר־מאטיווע. זי זאָרגט בלויז פאר דעם באגאזש פון טעכניש־אוטיליטארישן וויסן. פאר דעם כאראקטער, פאר דער אנטוויקלונג פון די גייסטיקע כוחות זאָרגט זי גאָרנישט. זי באמיט זיך ניט צו שאפן ביי דער יוגנט א ברייטן האָריזאָנט און וועלט־באנעם, זי וועקט ניט קיין וויסנשאפטלעכע, עטישע פּראָבלעמען און פלאנצט ניט קיין מוט און ווילן זיך מיט דעם אלעם אָפּצוגעבן. און אט דעם איז ניטאָ קיין גייסטיקע איניציאטיווע. פאר קינדער פון א פאָלק וואָס איז איינגעזעסן, וואָס זיין שפּראך, געוואוינהייטן און מנהגים הערשן אין לעבן און אין געזעץ, פאר אזוינע קינדער איז אזא שול כמעט גענוג. דער כאראק־טער בילדעט זיך אויס אין דעם טראדיציאָנעלן לעבן, אין שטוב, אין געזעל־שאפט; די סאָציאַל־עקאָנאָמישע לעבנס־פּאָזיציעס פאָדערן אויך ניט קיין אָנ־שטרענגען זיך. די יונגעלייט קענען זיך באנוגענען מיט א ריין אינפאָרמא־טיווער שול. אמת, אויך דאָ איז פאראן א קאמף צווישן די וואָס מיינען, אז אין א דעמאָקראטיע מוז יעטווידער בירגער זיין פייאיק צו קריטיק, גייס־טיקער זעלבסטשטענדיקייט און צווישן די אויטאָריטאטיווע „דעמאָקראטן״ וואָס גלויבן, אז מען קען פארשפּארן דאָס פאָלק די ארבעט פון טראכטן און

מען קען יוצא זיין מיט דעם וואס די אנפירער וועלן שוין באזאָרגן. גאָר אנ־דערש איז עס אבער מיט קינדער פון אן אימיגראנטישן פאָלק, וואס האָט ניט געוואָלט און ניט געקאָנט איינהיטן זיין שפראך, טראדיציע, קולטור און שטייגער. אזוינע קינדער האָדעיוען זיך אין שטוב אן קולטור בכלל, און אן א פעסטן שטייגער. אז די צוויי עלעמענטן קען זיך ניט אויסבילדן קיין כאַ־ראַקטער. און אז עס פעלן דעם מענטשן די קולטור־עטישע יסודות פון א כאַראַקטער, קען די אינפאָרמאציע־שול גאָר נישט שאפן פון דעם מענטשן. אן פאָזיטיווע קולטור־השפעות פון היים און שול בלייבט דאָס קינד אונטער דער דירעקטער השפעה פון גרויס־שטאָטישער גאס, מיט אירע ביליקע און לייכטע פאַרגעניגנס, מיט אירע אזארט־שפּילן און אפּטער אויסגעלאַסנקייט. קולטור, איינגעשטעלטקייט פון שטייגער איז תמיד א קמיע קעגן אט די גאסיקע פסיידאָ־קולטור־השפעות, אן קולטור און איינגעשטעלטקייט, ווערט די גאס די דערציערן פון דער יוגנט. וואקסט אויס א יוגנט א פלאכע, א לייכטזיניקע, אן עגאָאיסטישע, א קנעכטישע, געטריי צו די „גאס־טראדי־ציעס", פאַרשקלאפּט צו די ביליקע גאס־שונדיסטישע פאַרגעניגנס. וואקסט זי אן אויסדויער, אן אָריענטאציע־פייאיקייט. אן טיפער צוגעבונדנקייט צו וואסערע עס איז פּראָבלעמען, אידייעס, אן אידייאישע און אן מאָראלישע יסודות. אזא יוגנט קען העכסטנס גיין מיטן שטראָם, קען נאכגיין „נאָך אלעמען", טאָן וואס „אלע טוען". אזא יוגנט קען געטראָגן ווערן אויף די כוואליעס פון לעבן. זי קען אבער ניט בויען קיין לעבן, אפילו ווען זי איז געצוואונגען, ווען זי מוז. וואס איז דאָ דער ריכטיקער ענגלישער אקצענט, וואס טויג די אויסגעלערנטע סטענאָגראפיע, אז דער מענטש איז קיין מענטש ניט?

פאַרלירט דער צווייטער דור די יידישע שפּראך, פאַרלירט ער אויך אלץ וואס דאָס פאָלק האָט אין דער שפּראך אריינגעשאפן אין משך פון דורות — די גאנצע קולטור. נעמט ער אן א צווייטע שפּראך, נעמט ער אי־בער בלויז די שפּראך, די ווערטער, בלויז די שאָלעכץ פון א קולטור, אבער ניט די קולטור. קולטור איבערנעמען קען בלויז דער, וואס איז אויסגעוואקסן אין א קולטור. איז די פאַרענגלישטע יידישע יוגנט בלויז כלומרשט פאַרענג־לישט. אין תוך אבער — קולטורלאָז אויף אלע שפּראכן. עס וואָלט אויך ניט

געהאלפן ווען מען זאל איבערזעצן אויף ענגליש אלדאס גוטס פון דער יידי־שער קולטור.

אויסגעהאדעוועט אויף „קאמיקס", אויף „סטאריס", אויף „גיימס", וועט די יוגנט ניט קענען אויפנעמען קיין קולטור אין קיין שפראך. איך בעסטן פאל מוזן אריבערגיין יארהונדערטער ביז א יידיש לעבן אין ענגליש וועט פארוואקסן מיט קולטור, ווי דאס איז געווען דער פאל מיט אראמיש און מיט יידיש. און אויך דאס איז מעגלעך בלויז ביי צוויי תנאים: אויסער־לעכע, פאליטישע רואיקייט און אינעווייניקסטער ספעציפישער לעבנס־שטייגער, וואס מען האט גערופן „רעליגיע". אן די צוויי פאקטארן און אן יידי־שער דערציאונג מוז קומען דעקולטוריזאציע. מיט איר צוזאמען קומט דע־מאראליזאציע און כאראקטערלאזיקייט. אן דעם דערוואָרבענעם „אייגנס" וועט מען ניט קענען לעבן צווישן פעלקער.

דאס און נאך עפעס: ערשט אויפן שוואך עטיש־מעגטשלעכן יסוד קומט נאך צו דער „יידישער קאמפלעקס". דער קאמפלעקס קען ווירקן אמאל אק־טיוויזירנדיק און אמאל, פארקערט, אטראפירנדיק די לעבנס־ענערגיע, שאפן א גייסטיקע דעפרעסיע און ברענגען צו פאסיווקייט, אפהענטיקייט.

דאס באוווסטזיין פון זיין א ייד איז פאראן ביי אלע יידן, אפילו ביי די וואס ווילן אים באהאלטן פון זיך און פון זייערע קינדער. צו ניט־גלייכגילטיק איז די וועלט צו ייד און יידישקייט, אז מען זאל קענען פאר־געסן אליין די אנגעהעריקייט צו יידן און מאכן אז אנדערע זאלן דאס פאר־געסן. וויפל קלוגע און כלומרשט פראקטישע יידן באמיען זיך ניט אייבצור־ריידן זיך און אנדערע, אז „מיר זענען ניט קיין יידיש פאלק", וועט עס זיי ניט העלפן צו באפרייען זיך פון א ספעציפיש־יידישן באוווסטזיין, וואס יאגט נאך דעם יידן, צי ער וויל צי ער וויל עס ניט, און ער מאכט דאס גאנץ לעבן זיינס אנדערש.

איז אט דאס באוווסטזיין פון זיין א ייד, עפעס אן אנדערער, עפעס ניט דאס וואס „אלע", ניט דאס וואס איך בין אין דעם אויסגעהאדעוועט געווארן, ניט דאס וואס איך גלויב, אז דאס איז דאס בעסטע אין דער וועלט, ניט דאס וואס מען האט מיר אנגעפילט מיין מח דערמיט, — דאס סמט אפ די ענערגיע און אקטיווקייט פון מענטשן, דאס מאכט דעם מענטשן אומ־

פייאיק צו לעבן, צו קעמפן, צו זוכן, צו זיין אקטיוו. עס איז א שווערע „סבי־
זאפרעניע״: א גאנצן לעבן זיך איינגעלעבט אין איין וועלט און דא ארום
האקט מען מיר אין קאפ אז איך אליין געהער עפעס צו אן אנדער גרופע,
וואס איך קען ניט, וואס איז מיר פרעמד, ניט באקאנט, ניט באליבט, וואס
איז ביי קיינעם ניט באליבט...

מענטשן מיט אזא מין צעשפאלטענער נשמה קענען ניט זיין שעפע־
ריש אין לעבן. נאכמער קאנען זיי ניט שאפן קאלעקטיוו; צו שווער איז דא
צו טראגן אפן און אנטפלעקן דאס באוווסטזיין פון יידישקייט...

דאס באוווסטזיין פון יידישקייט קען זיין א ברכה, א סטימולירנדיקער
פאקטאר אין לעבן. דאס איז ווען דאס באוווסטזיין איז גאנץ, ווען עס נעמט
ארום דעם גאנצן מענטשן, ווען עס דרינגט דורך אלע פיברען פון דער נשמה.
ווען אבער אט דאס באוווסטזיין איז א צוגאב, א ניט געוווּנטשענער קאמ־
פלעקס, וואס מען וויל פון אים פטור ווערן, דעמאלט איז עס א סם וואס
אטראפירט די גייסטיקע כוחות פון מענטשן. יעדער ייד וואס ווערט דער־
צויגן ניט אין פולן שטאלצן באוווסטזיין פון יידישער גייסטיקער זעלבסט־
שטענדיקייט, יעדער ייד אזא, איז פארשאלטן צו טראגן זיין ייד־באוווסט־
זיין ווי א קללה, ווי גייסטיקע באצילן וואס פרעסן אויף די גייסטיקע צער־
גאנען, די גאנצע נשמה. — און זאל קיינער ניט האפן צו קאנען אנטלויפן,
אויסמיידן אט די „יידישע באצילן״. יידן אין אמעריקע זענען נאך ווייט
ניט אזוינע אמעריקאנער ווי די דייטשישע יידן זענען געווען דייטשן. און
נאך ווייניקער ווי יענע קאנען זיי זיכער זיין מיט עפעס... בלייבט איין וועג,
איין אויסוועג — גאנצע יידן מיט גאנצער יידישקייט.

ווייסן קינדער אז יענעמס יום־טוב איז דיקטאטאריש פעסט אויך פאר
זיי, זייער יום־טוב אבער מוז זיך ברעכן. יענעמס שפראך, טראדיציעס,
מנהגים, יענעמס אלץ מיט אן אנדער איז וויכטיק אויך פאר מיר ווי דאס
שווארצאפל אין אויג. מיינס אבער, דאס אלץ מיט וואס טאטעס און זיי־
דעס לעבן, דאס אלץ קאן מען, מעג מען, דארף מען ברעכן. צעשטערן, עס
איז בכלל ניט וויכטיק. שבת איז אינזערס, אבער ס׳איז גארנישט. זונטיק איז
יענעמס, אבער דאך אונזערס. ניט דאס אין גיט דאס. קיין פרינציפיעלע,
אויסגעהאלטענע מענטשן קענען אין אזא אטמאספערע ניט אויסוואקסן.

ווייסן קינדער אז עלטערן ציטערן איבער א פיצעלע. ברעקלעך פון יע־געמעס תורה, און דאס, וואס מען זאגט זיי, אז עס איז זייערס איז אין בעסטן פאל א שטיקל צוגאב צו באַרואיקן בלויז דאס געוויסן. ווערט איינגעפלאנצט אין מח און הארץ א באוווסטזיין, אז יענער איז באלעבאס, אז מיר זענען בלויז א צוגאב, אז מיר מוזן זיך צופאסן, קנעטן זיך לויט יענעמס פורעמס. אין אזא גייסטיקער סיטואציע קען קיין פרייער מענטש, מיט זעלבסטאכ־טונג ניט אויסוואקסן. זענען מיר יידן, אבער אלע ארום מיר באמיען זיך ווי ווייט מעגלעך דעם פאקט פון יידישקייט ניט קענטיק צו מאכן. זאגט מען אין שול קריסטלעכע תפילות, טא מאכט ניט פון דעם קיין וועזן — עס וועט זיך ניט צוקלעפן צו דיר גארניט. דער לערער מאכט עפעס א גאליקע באַ־מערקונג, — מאך זיך ניט הערנדיק. ווילסט א גוט באזוכטע פארזאמלונג, ברענג א גויאישן רעדנער. — אין אזא סביבה קאנען קייז שטאלצע מענטשן ניט אויסוואקסן. וואקסן יונגע מענטשן מיט דעם קראנקן קאמפלעקס: „פאר־וואס זענען מיר געצוווּנגען צו זיין יידן, אז מיר ווילן דאס גארניט״! האבן אזוינע מענטשן קנאה צו אנדערע און איבערגעטריבענעם דרך־ארץ צו יענעם און כעס און בייז ווילן צו אלץ וואס מאכט זיי דערמאנען זייער יידישקייט... צי קאנען אזוינע מענטשן ארגאניזירן זייער יידישן לעבן? צי קאנען אזוינע מענטשן עפעס טאן פאר זייער קאלעקטיוו ווי יידן? — ניין! מיט פארסמטע יידישע נשמות קענען יידישע גופים ניט האבן קיין קיום.

בכן, עס רעדט זיך דא ניט וועגן עפעס א „יידישער קולטור״. מיר נע־מען זיך דא ניט אן דעם כבוד פון א שטיקל פרץ, מענדעלע, ביאליק, שלום־עליכם, „לאזן אייערע קינדער אויך וויסן פון זיי״, טוט א טובה, ווי ווייסן פון מארק טוועין, טא פארוואס, גוטע יידן, זאלן זיי אויך ניט וויסן פון אונזער שלום־עליכם?״ — מען בעט זיך דא ניט — טוט א מצוה. לאזט אריין אין אייערע מיט גרויסארטיקער וועלט־קולטור אויסגעפוצטע סאלא־נען, אן ארימע קרובה, און זאלן אייערע קולטור־רייכע קינדער וויסן אויך פון דער ארימער קולטור פון זייערע זיידעס. אזוי שטעלן זיך עס כאר א סך עלטערן און קינדער וואס האבן זיך אויסגעפוצט מיט עטלעכע גלאנצי־קע בלעכלעך און האלטן זיך גרויס ווי מיט אמת גאלד. בכלל איז דאס ניט קיין פראגע וועגן אבסטראקטער קולטור.

נייז, ניט פון דעם רעדט זיך. עס רעדט זיך ניט פון גורל פון דער יידי־שער קולטור, וואס וועט ניט קאנען לעבן אז די יונגע דורות. — עס רעדט זיך פונקט פארקערט וועגן גורל פון די יונגע דורות יידן, וואס זיי. די יידן, וועלן ניט קאנען לעבן סאציאל און עקאנאמיש און במילא אויד פיזיש אן א טיפער צוגעבנדנקייט צו יידישער קולטור. דורות יידן וואס ווערן רויט ווען מען דערמאנט זיי עפנטלעך זייער יידישן נאמען, ווען מען רעדט צו זיי אין גאס יידיש; דורות יידן וואס פארקוקן זיך אז א זייט בשעת זיי באגע־גענען זיך אין גאס מיט זייערע „צופיל יידישע" טאטע־מאמע; דורות יידן וואס ווייסן, אז זיי געהערן פיזיש צו א פאלק א פארהאסטן. א פארפאלגטן, א פארמיאוסטן און מער גארניט, אזוינע יידן, וואס זייער גאנצע יוגנט האט מען זיי געלערנט צו שעצן, צו אכטן, צו לערנען ניט־יידישעס, אזוינע יידן וואס זייערע עלטערן ציטערן איבער דעם ניט־יידישן אינהאלט פון זייערע קינדער און פארבויגן כסדר די יידישקייט כדי צוצופאסן זיך צו די — ניט „פארגויאישטע", נאר צו די אויסגעיידישטע קינדער, — אט אזוינע יידן, אין אזא אטמאספערע אויסגעהאדעוועטע, וועלן קיינמאל ניט קאנען זיין קיין שטאלצע, מוטיקע, קיין דרייסטע און אקטיווע געזעלשאפטלעכע יידן. און לעבן וועלן זיי מוזן ווי יידן, וועלן זיי ניט קאנען לעבן ניט ווי גוים, ניט ווי יידן. וועלן זיי צעריסן ווערן, צעמאלט ווערן אויף איש און שטויב אונטער די שווערע און וואס ווייטער אלץ שווערערע מילשטיינער פון דער ווירק־לעכקייט. מען בעט ניט ביי יידן קיין נדבה, קיין טובה עפעס אן ארימער יידישער קולטור. די יידישע קולטור בעטלט ניט. נאר מען מוז מיט האר־מערס ארייננקלאפן אין די מוחות פון פאלק, אז מען מוז געבן די קומענדיקע דורות כוחות צו לעבן און אז יידישער קולטור, אן יידישער דערציאונג איז גלייך ווי מיר וואלטן זיי געבונדן און פארקויפט אין שלאכט־הייזער, געבונ־דען און געווארפן צו די נעגל און ציין פון טיגערן און היענעס, וועלף און שאקאלן. אן יידישער קולטור און אן אויסבילדונג פון גאנצן כאראקטער אויף יידישער קולטור וועלן יידן (און יידן וועלן זיי מוזן בלייבן) מוזן זיין ווי א גוף אן לעבנס הארמאנען... אן גייסטיקע הארמאנען וועלן יידן מוזן פארקריפלט ווערן.

לאמיר זיך אויף א ווייַלע פארשטעלן, אז עס וואלט איצט געווען דא

אין אמעריקע א צווייטע יידישע יוגנט, א יוגנט א אימיגראנטישע, געקו־מען אקארשט פון ליטע, פוילן, א יוגנט אן א ענגלישער בילודנג, נאר מיט א געוויינטלעכער יידישער דערציאונג. בין איך זיכער, עס איז פאר מיר ניטא קיין ספק אויף קיין איין מינוט, אז אט די אימיגראנטישע, געקומענע יוגנט וואלט זיך איינגעארדנט אין לעבן, וואלט געמאכט א לעבן א סך גרינ־גער, א סך בעסער און א סך גרזעלשאפטלעכער איידער די היגע, די אמע־ריקאניזירטע.

יעטווידער יידישער טאטע וואס דערציט ניט זיינע קינדער אין פוילן יידישן קולטור־באוווסטזיין, האדוועט שוצלאזע שאף צו שחיטות, אדער פארדעטער; יעטווידער יידישער פארבאנד, געזעלשאפט, סאסייטי, קאנגרעסן, קהלות וואס דערלאזן צווישן זייערע מיטגלידער אזוינע נאציאנאלע פארדע־טער זענען אליין פארברעכער און זייער גאנצע געזעלשאפטלעכע ארבעט איז גארניט ווערט. אן יידישער דערציאונג איז ניטא און עס וועט קיינ־מאל ניט זיין קיין יידיש לעבן. און קיינער וועט פון גורל, פון גורל פון די יידן, וואס טויגן בלויז אויף צרות, אויף פאגראמירט צו ווערן, אויף צו הא־דעווען מיט זיי אלע אנטיסעמיטישע וועלף פון גאר דער וועלט, קיינער וועט פון אט דעם גורל ניט קאנען זיך אויסבאהאלטן. ניט אין ראטשילדס פא־לאצן, ניט אין הייליקע קלויסטערס, ניט אין ערגעץ. די יידישע באבע שמעקט פון אלעמען, פון אלע יידן אן א יידישער נשמה אויף אייביק שוין.

„און שטייענדיק ביי פרעמדע שוועלן, וועט איר די וווּנדן זיך אויפ־דעקן און וועט פאר פרעמדע זיי אויסשטעלן. א ציטערדיקע האנט אויס־שטרעקן און בעטן הילף אויף בעטלער לשון׳׳ (ביאליק).

אט די נייע תוכחה איז שוין מקוים געווארן. און זי ווערט אלץ שטאר־קער. און ענדיקן וועט זי זיך בלויז ווען מיר וועלן אויפהערן צו זינדיקן מיט פרעמדע געטער, פרעמדע קולטורן, און מיט וועלן לעבן פרעמדע לעבנס. און זאל מען זיך ניט פארלאזן אויף די קליינע צוגאב־שולכלער. דער עצם באגריף פון יידישקייט ווי א קליינער צוגאב צו עפעס אנדערש איז שוין גע־נוג צו אטראפירן די גוטע רעזולטאטן פון יידישער דערציאונג.

שרייבן שוין יידישע שרייבער אז „מען מוז קאפיטולירן און געבן דער

פארענגלישטער יוגנט יידישע קולטור אין ענגליש״. באגרייפן זיי אבער ניט, אדער זיי ווילן זיך איינריידן און ניט באגרייפן אז

א) אין ענגליש איז ניטא קיין יידישע קולטור. זי וועט ניט זיין כל־זמן עס וועלן ניט זיין קיין דורות יידישער שטייגער, יידישע רעליגיע און יידיש לעבן אין ענגליש, ווי דאס איז געווען ביים געבורט פון יידישן אראמיש און אונזער יידיש.

ב) די יוגנט וואס וואקסט אן יידיש, וואקסט אן קולטור בכלל. אט די יוגנט פארשטייט ניט און וועט ניט פארשטיין קיין שום קולטור אויף קיין איין שפראך ניט, אפילו אין ענגליש. דאס איז א יוגנט וואס איז יידיש בלויז לויטן אפשטאם און צרות צו ליידן. לויט זייער גייסטיקן פרצוף אבער זענען זיי ניט קיין יידן, ניט קיין ענגלענדער, נאר — א ווילדער, פרימיטיווער שבט, וואס האט זיך אויסגעלערנט רעדן ענגליש.

ג) אן דערציאונג און יידישער קולטור קען אט די יידיש־ענגליש־האטענטאטישע יוגנט ניט אנטוויקלען קיינע איינגעבארענע טאלאנטן, קיינע קונסטן, קיין שום זעלבסטשטענדיקע אקטיוויטעט.

ד) די טראגעדיע פון ניט־יידישער דערציאונג איז ניט אסימילאציע, ניט אנגליזאציע, רוסיפיקאציע, פאלאניזאציע א. א. וו. („לויט דער צאל פון דיינע שטעט זענען דיינע געטער״). די טראגעדיע איז קולטורלאזיקייט, „האטענטאניזאציע״. קולטורלאזיקייט — אן שפראך, אן וועלטלעכער, אן רעליגיעזער קולטור, אן שטייגער, אן מנהגים, אן ווארצלען — מוז פירן צו דעמאראליזאציע און דעגענעראציע — צום אומקום גייסטיקן און פיזישן.

מיט איין ווארט: די דערציאונג פון יידישע קינדער אין אמעריקע פירט צום אונטערגאנג פון יידישן פאלק אין לאנד און במילא אויך אנדערש־ווו. פשוט און פראסט. נאר בלינדע, וואס ווילן עס ניט זען, — זעען עס ניט.

וואָס קאָסט דעם אמעריקאנער יידנטום די ענגלישע דערציאונג?

קודם כל בעט איך א ביסעלע טאָלעראַנץ. עס איז זייער ניט פּאָפּולער צו זאָגן א וואָרט פון קריטיק אויף „אמעריקע״. די גרעסטע רעוואָלוציאָנערן אונזערע זענען דאָ געוואָרן אָרטאָדאָקסישע חסידים פון אלץ וואָס עס איז פאראַן אין אמעריקע. בעט איך א ביסעלע געדולד און איינזעעניש. עס וועט פון „אמעריקע״ גאָר ניט געמינערט ווערן און מיר זענען דאָך אויסן ניט סתם קריטיק לשם קריטיק. איצט צום ענין:

פאַר א מענטשן וואָס האָט א לעבן דורכגעמאַכט אין די טראַדיציעס פון דער יידישער פּעדאַגאָגיק איז גאָר ניט פון די גרינגע זאַכן צוצופּאַסן זיך צו דער יידיש־אמעריקאַנישער דערציאונגס־איינשטעלונג. די יידישע שול אין איירּאָפּע האָט תמיד פּרעטענדירט צו דערציען דעם מענטשן בכלל. עס האָט זיך קיינמאָל ניט געהאַנדלט וועגן עפּעס א יידישער הוספה צו א גאַנצער ניט־יידישער דערציאונג. מיר האָבן תמיד געהאַלטן פאַרן חוב אויסצוהאָדעוען אָן אָרגאַניש־גאַנצן יידישן מענטשן, ניט קיין געשטוקעוועטן, דערריבער, פאַרשטייט זיך, האָט די יידישע פּעדאַגאָגיק געהאַט צו זאָרגן ניט בלויז פאַר עפּעס באַזונדערע יידישע צוגאָב־שטריכן, נאָר זי האָט געהאַט איר צוגאַנג צו אַלע אַלגעמיינע פּעדאַגאָגישע פּראָבלעמען. און ווי אזא אַלגעמיינע דערציאונג־סיסטעם האָט די יידישע שול אין מזרח־איירּאָפּע תמיד געהאַט געדינט די פּרינציפּן פון „דערציערישן לערנען״. בשעת די ענגלישע שול, וואָס האָדעוועט אַלע יידישע קינדער אין אמעריקע, שטייט, ווי מיר

דאכט זיך לויט דעם קנאפן מוסטער, וואס מיר איז באקאנט, אויפן פרינציפ פון „אינפארמאטיוון לערנען".

וואס איז דער אונטעריכיידן? —

דער טערמין „דערציערישע לערנען" שטאמט פון הערבארטן אויפן שוועל פון נייגצנטן יארהונדערט. אבער דער זינען, דער געדאנק פון דערציערישן לערנען איז געווען דער גאנצער אינהאלט פון דער טראדיציע, וואס ציט זיך פון דעם אלטן יוחנן־עמוס פון קאמען (קאמעניוס) דורך דעם אידעאישן וואל־קאז, רוסא און זיינע נאכפאלגער, איבערהויפט ביי די צוויי גאונים פון אויפ־ריכטיקער פעדאגאגישער הארציקייט — פעסטאלאצי און פרעבל. דער זינען פון באגריף איז: דאס לערנען מוז אנטוויקלען די גייסטיקע כוחות פון דעם קינד. עס מוז זיי מאכן וואקסן, אט ווי די ארבעט פון גערטנירער העלפט וואקסן די אפגעקליבענע בלומען און געוויקסן. אזוי ווי די בעסטע קולטור־ביימער קען מען בלויז העלפן וואקסן פון זיי גופא, אזוי אויך איז די אנט־וויקלונג פון די גייסטיקע כוחות פון מענטשן א פראצעס אן אינעווייניקס־טער. דער לערער — דער גערטנירער — דארף און מוז מיט זיין לערנען באווירקן אט די גייסטיקע און מאראלישע אייגנשאפטן פון מענטשן, זיי זאלן וואקסן, פון דאנען — ניט שול, נאר „קינדערגארטן" (פרעבל „דער־ציאונג פון מענטשן").

צו א גאנצער סיסטעם האט דאס אנטוויקלט הערבארט און זיינע נאכ־פאלגער, וואס האבן געהערשט אין דער אייראפעאישער פעדאגאגיק ארי־בער הונדערט יאר. (דער לעצטער הערבארטיאנער — פראפ. ריין אין יענא). פאר דער צייט זענען אויף דער סיסטעם אנגעוואקסן אן א שיעור דעטאלן און דייטשישע רעגלאמענטאציעס, און אזוי ווי די ראלע פון אינטואיציע אין לערנען האט הערבארט אליין נאך פארזען, — איז די גאנצע סיסטעם גע־ווארן צו א קאלטע סכעמע. ניט אומזיסט האט די פראגרעסיווע פעדאגא־גיק אין דער קורציאריקער דייטשישער דעמאקראטיע פאר היטלערן באקעמפט דעם הערבארטיאניזם. אבער דער זינען און ווערט פון געדאנק בלייבט:

„די וויכטיקייט פון לערנען ליגט אין דער דערציערישער ווירקונג, וואס דער פראצעס פון לערנען האט אויף די גייסטיקע אייגנשאפטן פון קינד".

די יידישע שול אין מזרח־אייראפע איז איר גאנץ לעבן געשטאנען אויף

דעם באזיס פון „דערציערישן לערנען". זייענדיק פריי פון די דייטשישע רעגלאמענטאציעס, האט די יידישע שול געלאזט מער פרייהייט פאר דעם אינטואיציע־רייכן לערער און פאר דער אינטואיטיווער השפעה אויף די קינ־דער.

* * *

גאר פון אנדערע פרינציפן גייט ארויס די היגע ענגלישע שול: אין לעבן זענען פאראן א גאנצע ריי נייטיקע ידיעות און אינפארמאציעס, וואס א מענטש דארף זיי פארמאגן כדי זיך דערמיט צו באנוצן. מען מוז קענען טעכ־ניש לייענען און שרייבן, רעכענען וכדומה. דאס איז אלץ פאזיטיוו פראק־טיש־נוציקע ידיעות, אינפארמאציעס און קענטעניש. די שול ה"ד איז דער איבערגעבער פון די נוציקע און פראקטישע אינפארמאציעס. דאס איז דער יסוד פון „אינפארמאטיוון לערנען". אין פראגראם (קוריקולום) דריקט זיך דאס אויס, למשל, אין באציאונג צו נאטור־וויסנשאפט און ליטעראטור. די הערבאַטיאַנער און די דערציערישע פעדאגאגן בכלל לייגן די גרעסטע וואָ־גיקייט אויף דעם ליטעראטור־לימוד. זיין אנטוויקלונגס־השפעה איז זייער גרויס (אויב ער ווערט געלערנט ווי געהעריק). די אינפארמאטיווע שול רוקט אפ ליטעראטור אויף א ווייטערדיקן ארט, זי דעגראדירט דעם לימוד צו אינ־פארמאציעס וועגן עטלעכע אנגענומענע שרייבער און ווערק. אז די יוגנט זאל זיך פארטיפן אין די ערנסטע ליטעראטור און אריינלעבן זיך אין פראָב־לעמען פון ליטעראטור, — דאס איז „פראקטיש" גענומען אומנוצלעך, צו קיין „דזשאב" און צו „ביזנעס" העלפט עס ניט, — דארף מען דאס ניט אין שול. די זעלביקע זאך איז בנוגע צו נאטור־וויסנשאפט. די „דערציאונגס"־שול שטעלט אַט דעם לימוד אויפן סאמע אויבנאן. א גראנדיעזע מעטאָ־דישע ליטעראטור איז געווידמעט דעם לימוד, שולן גיבן אויס באדייטנדיקע סומעס געלט אויף מכשירים, לאבאראטאריעס. די „אינפארמאטיווע" שול רעדוצירט דעם לימוד צו א סכום ידיעות פון היגיענע און געזונטהייט.

טעארעטיש איז דער שטאנדפונקט צום שארפסטן און צום קלארסטן אויסגעדריקט ביי ספענסערן אין זיין „דערציאונג" (פאראן אויך א יידישע איבערזעצונג). איך וויל דא ניט אנרירן די סאציאלע ווארצלען פון די צוויי שול־אידעאלאגיעס. איך וויל אויך פארבייגיין די ברענענדיקע, אקטועלע

פראגע: וואָסער פון די צוויי אידעאָלאָגיעס פירט צו דעמאָקראַטיע און וועל־כע האָט אין זיך מיקראָבן פון דיקטאַטור. דאָ איז אונז וויכטיק אַנצוווייזן, אַז דאָס הערשערישע פאָלק האָט בכיוון פאַרשמעלערט די דערציערישע ראַ־מען פון דער שול. זייענדיק אַליין שטאַרק רעליגיעז, האָבן זיי דאָך אַרויס־גענומען די רעליגיעזע דערציאונג פון שול. די שול דאַרף געבן דעם נייטיקן סכום אינפאָרמאַציעס. אַנטוויקלען די רעליגיעזקייט פון קינד, — פון דעם האָבן די רעליגיעזע גרינדער פון שול זי באַפרייט, ווייל זי איז בלויז אַן אינפאָרמאַטיווע. פונקט אַזאַ איינשטעל איז בנוגע צו דעם גאַנצן קולטור־פּרצוף פון יונגן מענטשן. דאָס דאַרף איבערגעלאָזט ווערן פאַר דער שטוב, פאַר דער היים. דאָס פאָלק וואָס האָט אַ היים מיט שטאַרק איינגעוואָרצלטע קולטור־טראַדיציעס אין שטייגער־לעבן, אין וואָד און אין זיינע יום־טובים, אין זיינע פאָלקס־שפּילן און פאַרוויילונגען, אין דעם סטיל פון די הייזער און אין אָנגענומענע מאכלים און געטראַנקען, דאָס פאָלק, וואָס לעבט זיך אויס אַ גאַנץ לעבן אין זיין שפּראַך און זיינע אַלע געוווינהייטן און טראַדי־ציעס, — אַזאַ פאָלק דאַרף כמעט פאַר דער דערציאונג פון קולטור־פּרצוף פון זיין יוגנט ניט זאָרגן, — די אין זיך געשלאָסענע היים מאַכט עס אויף אַ נאַטירלעכן אופן אָן דער הילף פון דער שול.

גאָר אַנדערש איז דאָס מיט אַ פאָלק, וואָס איז דיפערענצירט צווישן דעם הערשערישן פאָלק, וואָס דאָס סאָציאַלע לעבן אַנערקענט ניט זיינע מנהגים און יום־טובים, זיין שטייגער, שפּראַך און קולטור בכלל. עס מוז אַנדערש זיין ביי אַן אימיגראַנטן פאָלק אָן אַ פעסטער אייגענער קולטורעלער שטיי־געררישקייט אין היים אפילו. דאָ מוז די שול זאָרגן ניט בלויז צו באַזאָרגן דאָס קינד מיט נוציקע אינפאָרמאַציעס. דאָ מוז די שול זאָרגן פאַר דעם גאַנצן קולטור־פּרצוף פון תּלמיד. דאָס וואָס די היים אָן טראַדיציעס, וואָס די פרעמדע גאַס קען ניט געבן, — דאָס מוז באַזאָרגן די שול. אַניט דראָט דעם פאָלק אַ סכנה פון „געבילדעטער קולטורלאָזיקייט". די לעצטע איז מסוכנער איידער אַן איגנאָראַנטישע קולטורלאָזיקייט. דאָ בין איך אינגאַנצן מסכים מיט דעם קאַטוילישן פּעדאַגאָג פערסטער („שול און כאַראַקטער"), אַז בילדונג אָן דערציאונג קען געגליכן זיין צו אַ שאַרפער האַק אין די הענט פון אַ מענטשן אָן מאָראַל.

איז די היים אָן אן איינגעוואָרצלטן פיר פון דורות, אָן פעסטע מנהגים, קען זי ניט דערציען. זויג־קינדער הייסט מען האָדעווען אין באַשטימטע רעגלאַמענטירטע צייטן. דאָס „דערציט" די אינעווייניקסטע אָרגאַנען פון זויג־קינד. פונקט אזוי איז מיט דעם גאַנצן פסיכאָ־פיזישן אָרגאַניזם פון קינד בכלל. אונזער יידישע היים האָט איצט גאָר ווייניק רעגלאַמענטירטע, איינגעשטעלטע זיטן. שטייגער, וואָס קענען אין קינד איינשטעלן פעסטע באַציאונגען און שטענדיקע נאָרמעס, וואָס קען דערציען. דאָס איינגעפירטע ענגליש קען דאָס אויך ניט שאַפן, דען, עס איז דאָך אויך בלויז נאָכגעמאַכט, און „אימיטאַציע", אַפילו די בעסטע, בלייבט אימיטאַציע. די איבערגענומענע שפּראַך איז דאָך ניט פאַרבונדן מיט קיינע ענגלישע קולטור־און שטייגער ירושות, טראַדיציעס. בלייבט יעטווידער יידיש קינד אין סכנה צו וואַקסן אַן יידישער, אַן ענגלישער שטייגערישער קולטורישקייט און איז שול — צו באַקומען בלויז אינפאָרמאַציעס אַנשטאָט פאָרמירונג פון גייסט און כאַראַקטער.

עס איז, געזאָגט פשוט — קולטורלאָזיקייט. ביימער, בהמות, וואָס ווערן ניט קולטיווירט, ווערן „פאַרווילדעט" — זיי קערן זיך אום צו זייער נאַטירלעכער, פרימיטיווער פאָרמע. מיט מענטשן, וואָס ווערן ניט גוט קולטיווירט קומט פאָר, צום אומגליק, עפּעס ערגערס: איז ניטאָ קיין ערנסטע, גוטע קולטור, קומט די „פסיידאָ קולטור", זי „דערציט", זי פירט אין אירע דרכים. אין א בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, ווו די פּראָפיט־זוכענישן ווערן ניט געצאַמט, ווערלן תמיד זיין „הענדלער, וועלכע פילן אָן דעם בית המקדש"... אַנשטאָט ערנסטן טעאַטער וועלן זיי געבן באַלאַגאַן, אַנשטאָט ליטעראַטור — שונד, אַנשטאָט קונסט — קאָמיקס, קיי־גומי אַז"וו און גרויס־פּראָדוקציע צו ביליקע פּרייזן; די גרעסטע גייסטיקע דערגרייכונג ווערט אויסגענוצט — סינעמאַ און ראַדיאָ, רעקלאַמע, דזשאַז. דאָס רייצט, דאָס רעגט אויף; אויבנאויפיק, דאָס געווינט אָפּ פון אריינטראַכטן זיך, פון דענקען, פון ערנסטן איבערלעבן עפּעס. מענטשן ווערן אַלץ מער להוט נאָך שטאַרקערע רייצן. אַנשטאָט קולטור קומט ניט נאַטירלעכע פרימיטיווע ווילדקייט, נאָר א מין שיכרות, א זוכן פון רייצן, וואָס זענען קעגן דער נאַטור.

אויב עס איז כאָטש טיילווייז אמת, וואָס אונזער טאָג־פּרעסע שרייבט

פון צייט צו צייט וועגן דעם מאראלישן פרצוף פון דער יוגנט, — האלטן מיר שוין גאנץ ווייט... לאמיר בעסער האפן, אז עס איז א גוזמא *).

אזוי ארום איז די אינפארמאטיווע שול, וואס איז גאנץ ניט צוגעפאסט פארן הערשנדיקן פאלק און זיינע דערציערישע באדארפן, לגמרי ניט צו־געפאסט צו די אלגעמיינע דערציערישע באדארפן פון יידן אין אמעריקע. אין היימען מיט א שטארקן איבעריכטיקן רעליגיעזן רעזשים איז די סכנה קלע־נער. אין א סך „וועלטלעכע" היימען איז די סכנה גרעסער.

אבער דאס איז נאך ניט אלץ: אן א גאנצער יידישער דערציאונג ווערן באדראט די סאציאל־עקאנאמישע פאזיציעס פון יידן אין אמעריקע. יעט־ווידער באאבאכטער, מעג ער זיין פול מיט קריטיק, ווערט ער נתפעל פון די אויפטואונגען, וואס עס האט געשאפן דער ערשטער דור יידן אין אמע־ריקע. דאס עצם אויסבויען א לעבן פאר זיך, דער גרויסער סאציאלער אפא־ראט, די רעליף־ארבעט אא״וו, ממש פיתום און רעמסס אויפגעבייט. אין עטלעכע צענדליק יאר אויסגעבויט א יידיש לעבן אין א נייעם לאנד. גראנ־דיעז! און געבויט האבן עס גרינע, ניט קיין אמעריקאניזירטע. דער צווייי־טער דור איז, דאכט זיך, מער צוגעפאסט צו אמעריקע, מער איינגעוואקסן, נאטירלעכער, — און דאך אזוי פאסיוו, אזוי ניט שעפעריש אפילו אויף עקא־נאמישע געביטן: אויב מען קריגט א דזשאב, האלט מען זיך, אבער שאפן, אויסבויען נייע עקאנאמישע פאזיציעס, ווי דאס האט באוויזן דער ערש־

---

*) זאל אגב דא געזאגט ווערן: סעקסועלע אויסגעלאסנקייט קאן מען קיין מאל ניט אויסהיילן מיט „אנטשפרעכיקער" אויפקלערונג און אינפאר־מאציע. כמעט אלע הונדערט פראצענט רויבערער, שיכורים, נארקאטיקער ווייסן זייער גוט די שעדלעכקייט און די סכנות. דער גרעסטער טייל ווענע־ריקער זענען „ארייגעפאלן" זייענדיק גוט אינפארמירט... ניט „אינפאר־מאציע" נייערט שטארקע מאראלישע דערציאונג, איינפלאנצן העכערע אינ־טערעסן, אידעאלן. א סך פעדאגאגן האלטן פון רעדן אויף די טעמעס, ווייל זיי האבן הנאה פון אזוינע שמועסן מיט קינדער — ס'איז א מין „ווערבא־לער אנאניזם"...

טער דור געקומענע, אנגעלאפענע, קליינשטעטלדיקע יידן, — דאס קען ניט דער צווייטער דור. פארוואס? וואס פעלט אים?

די אלגעמיינע דערציאונג פון פאבליק סקול מיט אלע איבעריקע גע־זעלשאפטלעכע פאקטארן האבן פאר א ציל אויסצופורימען אין דער יוגנט צוויי שטריכן:

א) סטאנדארט־כאראקטער. ניוועלירטער טיפ מענטש — יעטווידער ווי אלע, אט ווי א מאשין פון מאסן־פראדוקציע, ווי איין טראפן וואסער איז ענלעך צום צווייטן. ב) אט די סטאנדארט־מענטשן פון מאסן־פראדוקציע דארפן אבער בנוגע צום פראבלעם פון מאכן א לעבן זיין שטארק אינדיווי־דואליזירט. יעטווידער זאל זועלן גיין באזונדער. וואס ווייניקער קאאפערא־ציע, וואס ווייניקער קאלעקטיוויטעט, וואס מערער יחידישע קאנקורענץ צווישן אנאנד. געזעלשאפט — דאס איז א פלאץ, וואס יעטווידער וויל דא אריבערשטייגן אלע אנדערע און ארויסהייבן זיך אליין איבער זיי. די שול שוין זוכט מיטלען אויפצורייצן די אינדיווידועלע אמביציעס, „העלף זיך אליין", דערשלאגנדיק די וואס פארלירן די אמביציעס. דאס לעבן איז גע־גליכן צו א געיעג, „רייסעס"...

עס איז לגמרי ניט שווער אויסצוגעפינען די סאציאלע קרובהשאפט צווישן דער הערשאפט פון גרויס־בורזשואזיע און אט די דערציאונגס־נאר־מעס: א קופע, א גרויסער שטח מיט זעמדעלעך, גלייכע און ענלעכע צווישן אנאנד, וואס זענען אבער צווישן אנאנד לויז, ניט באהעפט. — ווי גרינג עס איז צו בלאזן אזא מאסע וווהין דעם ווינט גלוסט זיך...

אט דער טיפ מענטש פון הערשנדיקער נאציע וועט קענען מאכן א לעבן. א ייד אבער מיט אזא פראצענט שטאטישע איינוווינער, ביי דיסקרימינא־ציעס, ביי אזא קליינעם אויסוואל פון ארבעטס־מעגלעכקייטן. — א ייד מוז פארמאגן פארקערטע אייגנשאפטן: א) פערזענלעכע איניציאטיוו, אינטואי־ציע, אריגינעלקייט און דערפינדערישקייט, עקשנותדיקע אויסגעהאלטנקייט און מוטיקייט.

ה) און דערביי א שטארקע נייגונג צו שותפות. קאלעקטיוויקייט. האט עס פארמאגט דער געקומענער ייד אין אמעריקע פון קליינע שטעטלעך. איז דאס אבער לגמרי ניט אנטוויקלט ביי דעם אויסגעהאדעוועטן אין אמעריקע. דאס

מאכט פאר אים א סך שווערער צו מאכן א לעבן. צו געפינען מעגלעכקייטן זיך איינצואָרדענען אין לעבן. איבערהויפּט ווערט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעם פון דערציאונג שווערער אין געדיכטע יידישע קיבוצים. ווייל אַט אַזוינע יידן אַן דעם יידישן „ברעז'' און „אימפּעט'' זיי קענען בלויז „דיי־פונדירן אין די פּאַרן'' פון געזעלשאַפט. וואָס מער יידן, אַלץ שווערער צו געפינען אַזוינע פּרייע „פּאַרן''. יידן קענען אָבער שאַפן א לעבן ווען זיי זענען געזעלשאַפטלעך אַקטיוו, שעפעריש.

אַזוי אַרום איז די פּראָבלעם פון יידישער דערציאונג אין אַמעריקע נישט קיין פראַגע וועגן די אָדער יענע יידישע אינפאָרמאַציעס, ידיעות, מען זאָל זיך קענען „אויסלעבן אין יידישקייט''. עס איז א פּראָבלעם פון עצם קול־טורעל־מאָראַלישן טיפּ יידן. עס גייט אין קענען אָדער נישט קענען מאַכן דאָס לעבן אין נאָרמאַלע צייטן און, ווער רעדט, חלילה, די שעה זאָל נישט זיין, אין נישט נאָרמאַלע צייטן. עס גייט נישט וועגן דער אָדער יענער הוספה צו דער נאָרמע. עס שטייט אין קאַן די עצם נאָרמע פון יידן־מענטשן.

עס איז פאַר מיר קלאָר: די געוויינלעכע ענגלישע דערציאונג קאָסט דעם אַמעריקאַנער יידנטום צו טייער, צו טייער. אפשר זענען דאָ פּאָליטיש־קולטור־רעלע, סאָציאַלע מעלות אויך. צום באַדויערן, איך זע זיי נישט.

וועגן רעליגיע און רעליגיעזער דערציאונג.

ווען מען רעדט געוויינטלעך וועגן רעליגיע מישט מען צונויף עטלעכע זאכן צוזאמען און פון דעם קומט ארויס א פּלאָנטער וואָס מאכט שווער צו פארשטיין דעם אזוי אויך שווערן ענין. כדי די זאך צו מאכן פּשוטער לאָמיר נעמען איטלעכן עלעמענט באזונדער, און זיי זענען:

1. די רעליגיעזע עמאָציע, דאָס עצם רעליגיעז געפיל, די ריין פּסיכישע רעליגיעזע איבערלעבונגען.

2. רעליגיעזע פארשטעלונגען, באגריפן און גלויבנס;

3. די רעליגיעזע דאָגמען, פּרינציפּן און טעאָריעס;

4. די רעליגיעזע פּראַקטיק און מעשים, געבאָטן און פארבאָטן־מצוות און עבֵרות און

5. רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס און זייער סאָציאַלע און פּאָליטישע ווירקונגען אין לעבן.

לאָמיר זשע גיין כסדר און באטראכטן איטלעכן עלעמענט באזונדער. זיין ווירקונג אויפן מענטשן און זיין דערציערישן־מאָראַלישן ווערט.

דאָס רעליגיעז געפיל איז איינס פון די סאַמע העכסטע און איז אימגעהויער וויכטיק. בכלל זענען די עמאָציעס, די גייסטיקע איבערלעבונגען די וואָס מאכן פון א חיה א מענטשן. א חיה האָט דאָך אויך אלע אינסטינקטן וואָס א מענטש. נאָר דאָ ווערן די אינסטינקטן ניט באגלייט מיט דויערנדיקע איבערלעבונגען. ביי מענטשן אבער ווערן די זעלביקע אינסטינקטן דער מקור פון טיפע און דויערנדע איבערלעבונגען און אט זיי זע־

נען דאס די נשמה פון א מענטשן — די איבערלעבונגען אדער ווי מען רופט זיי געפילן. פון צווישן די געפילן טיילט די פסיכאלאגיע ארויס די „העכערע" געפילן, די וואס ווירקן לאנג אויף א קאמפליצירטן וועג און זייער ריין חייש־פיזיאלאגישער באזיס איז ניט קיין שטארקער. צו די העכערע געפילן רעכנט מען צו די עסטעטישע, עטישע און ועל כולם די רעליגיעזע איבערלעבונגען.

וואס מיפער, אפטער און קאמפליצירטער אט די איבערלעבונגען זענען אין א מענטשן, אלץ העכער און מענטשישער איז דער מענטש.

די רעליגיעזע איבערלעבונגען זענען בראשיתדיקער, זיי אנטוויקלען זיך גיכער און פריער אין דער מענטשלעכער געשיכטע ווי אויך אין דער געשיכטע פון איטלעכן יחיד (אין דער וויסנשאפט רופט מען דאס „פילאגענעטיש" און „אנטאגענעטיש"). נאך מער — דאס רעליגיעז געפיל איז מקורדיק בנוגע צו די אנדערע העכערע געפילן; עס איז דער „אבי אבות" פון די אנדערע העכערע געפילן. א מענטש וואס איז קינדווייז געווען שטארק רעליגיעז אין זיינע איבערלעבונגען וועט זיכערער זיין א עטישער מענטש דערוואקסענערהייט. אן רעליגיעזע געפילן אין קינדהייט איז זייער שווער צו אפן אויף עטיש־אלטרואיסטישע עמאציעס אין דערוואקסענעם עלטער. עס איז א גוואלדיקער שאדן וואס א טייל וועלטלעכע יידן (און גאנץ קולטורעלע אויך) פארמיידן די רעליגיעזע איבערלעבונגען פון זייערע קינדער. א גרויסער טייל פון דער שולד ליגט אויף די גזעלשאפטלעכע כיהות וואס רעדן אין נאמען כלומרשט פון רעליגיע און מיינען גאר די סאציאל־פאליטישע הערשאפט. זיי טענהנען וועגן גאטס הערשאפט און מיינען גאר זיך. דערמיט שטויסן זיי אפ פון רעליגיע די וואס ווילן אפווארפן זייער קלעריקאלע הערשאפט און מיט די שמוציקע וואסערן גיסט מען שוין אויס דאס קינד — די עצם רעליגיעזע איבערלעבונגען, וואס זייער גייסטיקער ווערט איז אומגעהויער גרויס.

עס איז זייער צום באדויערן וואס עס זענען פאראן „גאטספארכטיקע" יידן, וואס האבן מורא טאמער וועט חלילה דאס קינד הערן דאס ווארט „גאט". שרעקט אייך ניט אפילו פאר די וואלגארע פערזאניפיקאציעס. אדער

פאר די גראבע אנטראפאמארפישע פארשטעלונגען וועגן גאט וואס קינ־דער האבן. דאס זענען די קינדיש פרימיטיווע פארשטעלונגען וואס פון זיי קען זיך אנטוויקלען די מער ראפינירטע אלטרואיסטישע און אבסטראקטע אידעען וועגן גאט און א „גאט אין הארצן״. דאס שענסטע פלאטערל מוז דורכגיין א סטאדיע פון א ווארעם־ארטיקן שלייערל; אזוי מוזן אויך דעם מענטשנס שענסטע און טיפסטע פארשטעלונגען דורכמאכן א נאאיוו־קינ־דישע סטאדיע. אינטעליגענטע עלטערן דארפן דעם קינד ניט אנבינדן זיי־ערע באגריפן, זיי דארפן זיי פארקערט העלפן זיין קינדער אין זייער קינד־הייט מיט אלע קינדישע „נארישקייטן״. איבעריקס דארף דא גילטן דער ביאגענעטישער געזעץ, וואס מיר האבן אים דערמאנט שוין איין מאל.

לויט דעם ביאגענעטישן געזעץ איז נאטירלעך און געזונט אז א קינד זאל אין זיין קינדהייט דורכמאכן די עטאפן פון גייסטיקער אנטוויקלונג וואס זיין גאנצער קאלעקטיוו האט דורכגעמאכט אין זיין קאלעקטיווער קינד־הייט.

דארפן די נאאיווע פארשטעלונגען און גלויבונגען פון די קינדער וואס שטימען ניט מיט די ראציאנאלע און אבסטראקטע פארשטעלונגען פון די על־טערן לגמרי די עלטערן ניט אפשרעקן. לאזט די קינדער זיין קינדער און מאכט זיי ניט פאר דער צייט פאר דערוואקסענע. האט איר געזען א גער־טענירער וואס זאל אויף געוואלט עפענען זיינע בלומען ווען זיי זענען נאך אין בוטאנען פארמאכט? און פארקערט, זענען די „דערוואקסענע״ ראציא־נאלע פארשטעלונגען פאר קינדער גאר שעדלעך, ווי עס זענען שעדלעך פאר דעם קינדערשן פיזישן ארגאניזם א סך דערוואקסענע פארוויילונגען, אזוי זענען שעדלעך פארן גייסטיקן ארגאניזם א סך דערוואקסענע פארשטעלונ־גען. זייער ווייט פון קלוג זענען די עלטערן און לערערס וואס דערקלערן די קינדער אז „אמאל האבן די יידן געגלויבט״... איך האב אמאל דערהערט ווי א לערער האט דערקלערט פאר זיינע תלמידים אז משה׳ן האט זיך אויס־געדוכט ווי עמיצער רעדט צו אים פון דארן, וואס האט געשיינט אין די שטראלן פון דער זון... ווען איך האב דעם לערער געפרעגט וואס דאס באַ־טייט, האט ער מיר דערקלערט: „ווי א ראדיקאלער מענטש קען איך דאך

ניט זאגן די קינדער אז גאט האט גערעדט פון סנה״. קלאר אז דער דא־זיקער ראדיקאלער מענטש האט ניט קיין אנונג וועגן קינדישער פסיכאלא־גיע, וועגן זינען פון ליטעראטור און וועגן אמתן וואס זענען פארסימבא־ליזירט אין לעגענדעס. עס פעלן מיר אויס ווערטער צו טאדלען אט די דא־זיקע „קלארע און שכלדיקע״ ראדיקאלן וואס בארויבן אין זייער נאריש־קייט די קינדער פון דער גרעסטער מתנה פון קינדהייט — פון דער פּאעטי־שער פאנטאזיע און פון קענען זיך באהעפטן מיט זייער אינדיווידועלער קינדהייט צו דער קאלעקטיווער קינדהייט פון זייער פאלק. איינער אזא רא־דיקאל, זאל גאט היטן, האט מיך אמאל געפרעגט אין אן ארטיקל: ווי קען איך לערנען מיט קינדער, אז גאט האט גערעדט צו משה׳ן, נו, ווי קען דאס זיין? און דאס איז א מענטש וואס נעמט אויף ליטעראטור אין עטלעכע שפראכן און ער זעט ניט אין דער אויסגעטראכטקייט וואס סימבאליזירט דאס לעבן קיין ליגן, — דעם „ליגן״ אבער פון גאטס רייד קען ער ניט אריבערטראגן... איז נאך א מאל און נאך א מאל: לאזט די קינדער זיין קינדער און קלעפּט ניט צו זיי קיין ראציאנאליזם וואס איז זייער נאטור פרעמד.

דאס זעלביקע איז אויך גילטיג צו רעליגיעזע מעשים אין פירונגען. דאס אלץ רופט מען מיטן נאמען ריטואל. אן האנדלונגען קענען ניט זיין קיין איבערלעבונגען. פונקט ווי א גוף קען ניט זיין קיין נשמה אזוי קענען אן האנדלונגען ניט זיין עמאציעס אין איבערלעבונגען. אין די דאזיקע רעלי־גיעזע האנדלונגען און ריטואלן איז פאראן א סך פּאעזיע און סימבאלן, און דאס איז פאר א קינד ווי זונשיין פאר א געוויקס. ביי אונז האט די רעלי־גיעזע פּראקטיק נאך א צווייטן אין א פיל וויכטיקערן ווערט. ביי אנדערע פעלקער איז די רעליגיעזע פּראקטיק ניט נאציאנאל. די רעליגיע איז מחוץ דעם נאציאנאלן אינהאלט פון פאלק. עס זענען צוויי פּאראלעלע שטראמען אין לעבן: די נאציאנאלע טראדיציע און די רעליגיעזע פּראקטיק. ביי אונז יידן איז דאס לגמרי אנדערש: אונזער נאציאנאלע טראדיציע — זי איז געווארן אונזער רעליגיע. אן דער „רעליגיעזער״ פּראקטיק איז פאר אונז ניטא קיין נאציאנאלע טראדיציע און במילא קיין פאלק. דער וואס זאגט זיך

אפּ פון דער נאציאנאלער טראדיציע מחמת איר רעליגיעזקייט, דער זאגט זיך במילא אפּ פון דער נאציאנאלער טראדיציע פון פאלק, איז דאס מוז פירן צו נאציאנאלן אומקום.

פאראן ביי יידן פארשיידענע פארמען פון אסימילאציע אונטער פאר־שיידענע מאנטלען. איז צווישן אנדערע אסימילאציעס מיט גאנץ כשרע מאנטלען אויך פאראן א „וועלטלעכע" אסימילאציע. ד"ה אונטערן צודעק פון וועלטלעכקייט ווערט געפירט א לעבנס פראקטיק וואס ברענגט אין משך פון איינעם ביז דריי דורות צו פולשטענדיקער אסימילאציע און אויסיידי־שונג. אט די וועלטלעכקייט וואס איז אין תוך אן אראפּוואַרפן פון זיך דעם יאך פון נאציאנאלן פיר איז אן ווייטערדיקע דערקלערונגען פאלש אין שעד־לעך: דעם קינדס נשמה נייטיקט זיך אין סימבאלן, אין צערעמאניעס, אין האנדלונגען, וואס זיי, די קינדער, זאלן זיי קענען נאכמאכן און מיטמאכן. טראדיציאנעלע שטייגער פירונגען און יום־טובים אין משפחה זענען ניט אפּ־צושאצן אין דעם זינען. זיי גיבן איבערלעבונגען און עמאציעס וואס בלייבן אויף א גאנץ לעבן און זענען א מקור פאר פּאעטישע זכרונות. דערביי איז וויכטיק אונטערצושטרייכן, אז עס איז לגמרי ניט נייטיק די צערעמאניעס און יום־טובים זאלן זיין פּונקט א קאפּיע פון דעם וואס עס איז אמאל גע־ווען. פארקערט, איז וויכטיק און נייטיק אז איטלעכער דור זאל דעם שטיי־גער צופּאסן צו זיין פארשטעלונגען און באגריפן. איטלעכער דור און זיין טראנספארמירטע טראדיציע. דער עיקר איז, אז קינדער וואס וואקסן אין א סביבה אן טראדיציע־שטייגער מוזן בלייבן טרוקן און אן גייסטיקע זאפטן.

מיר גייען איבער צו דעם פערטן פונקט — דאגמען און פרינציפּן, די רעליגיעזע טעאריע. ביי די קריסטן איז דאס א קארדינאלער עלעמענט. מען מוז האלטן פון די דאגמען און זייער פארמולירונג, און מיט דעם „האלטן" פון זיי קען מען שוין יוצא זיין. ביי יידן פארקערט שפּילט דער עלעמענט קיין שום ראלע ניט. כדי צו זיין א ייד דארף מען לעבן ווי א ייד און ניט „האלטן" פון דער אדער יענער יידישקייט. דער לעבנספּיר דעצי־דירט צי מען איז א ייד אדער אן „ערב גוי" און ניט די טעאריעס אין

פרינציפן וואס מען האלט פון זיי. דאס לערנען די דאגמען פון יידישקייט איז א פשוטע נאכמאכונג פון די גויישע דרכים. עס האבן דאס אריינגעפירט די אסימילאטארישע משכילים די „קאטעכיזמען פון יידישקייט״. קיין וועלטלעכע; ד״ה, אין נאמען פון גאט דארפן ניט מענטשן הערשן איבער ניט זיין פאליטישע קאריערע וועט ניט מסכים זיין צו פארוואנדלען רעליגיעזע דערציאונג אין א לערנען דאגמען.

און צום סוף, — רעליגיע ווי א פאקטאר פון סאציאלער און פאליטישער הערשונג, די קלעריקאלע געזעלשאפטלעכקייט. אט דא ליגט דאס שלעכטס וואס רעליגיע האט געבראכט דער וועלט. ריכטיקער, וואס בייזע כאציאלע כוחות האבן צוליב דעם עקספלאאטירט די רעליגיע צוליב הערשערישע מאכט־פארלאנגען. איבערהויפט איז דאס שייך די אייראפעאישע פעלקער, וואס ביי זיי איז שטארק אנטוויקלט דער קאמף־און הערש־אינסטינקט. דאס האבן זיי אויסגענוצט די רעליגיע ווי א מאטיוו זיך צו שלאגן. דאס זעלביקע איז געשען אויך מיט אנדערע אידעען וואס זענען אריינגעפאלן צו די אייראפעער אין די הענט. דער גאנצער קאמף קעגן רעליגיע מיינט בעיקר אט דאס: באפרייען די וועלט פון דער הערשאפט פון די וואס נוצן אויס די רעליגיע כדי צו הערשן. דאס מיינט דער לאזונג אפטיילן די רעליגיע פון דער מלוכה וכדומה. די ארגאניזאציע פון דער מענטשהייט דארף זיין א וועלטלעכע; ד״מ, אין נאמען פון גאט דארפן ניט מענטשן הערשן איבער אנדערע מענטשן. דאס איז דער זינען פון דעם גאנצן קאמף אירום רעליגיע. אבער מען טאר בשום אופן פון דאנען ניט מאכן קיין אויספיר אז רעליגיעזע איבערלעבונגען זענען פאר זיך גופא שעדלעך און ניט נוציק. בשום אופן ניט! רעליגיע איז זייער נוציק און וויכטיק כל־זמן זי העלפט דעם גלויביקן באהערשן אנדערע מענטשן. עס האט עמיצער געזאגט: יידישקייט הייסט זארגן פארן גוף פון אנדערע און פאר דער אייגענער נשמה; די קריסטלעכע וועלט האט ליב צו זארגן פאר די פרעמדע נשמות, דעמאלט ווערט זי שעדלעך.

אין היץ פון קאמף קעגן דעם דראנג פון די רעליגיעזע באהערשער האבן

טייל קעגנער געוואלט אפווארפן אלע עלעמענטן פון רעליגיע. די שלעכטע צוזאמען מיט די גוטע אויך. און עס איז א גרויסער טעות; די רעליגיעזע איבערלעבונגען אין דער אייגענער נשמה זענען פון די ווערטפולסטע פסי־כישע פראצעסן.

וואס פון די רעליגיע עלעמענטן קען און וואס קען נים אויסגעלערנט ווערן אין א שולז? —

מען קען נים שווער אויסלערנען די דאגמען און פרינציפן. אין די נים־יידישע שולן וו מען לערנט רעליגיע, איז טאקע אט דאס דער איבערהאלט פון די לימודים. פאר יידן האט דאן אבער עלעמענט נים קיין באטייט.

די ווערטפולע עלעמענטן פון רעליגיע קענען אבער נים אויסגעלערנט ווערן.

1) די דערהויבענע רעליגיעזע צוגעבונדנקייט און געטרייקייט צו אי־דעאלן און אידעען וואס זענען העכער פון „מיר" און פון „מיינע" פריי־וואטע אינטערעסן; —

2) די דיסציפלינירנדיקע רעליגיעזע גארמען פון „מען מוז" און „מען טאר נים"; — און

3) דאס צובינדן א מענטשן צו דער שטייגערישער טראדיציע פון א פאלק, — אט די עלעמענטן קען צום באדויערן קיין לערער אין דער וועלט נים אויסלערנען אויף קיינע לעקציעס און פון קיינע ביכער. דאס איז גע־גליכן ווי עמיצער וואלט געוואלט אז א לערער זאל אויסלערנען די קינדער ליב האבן טאטע־מאמען אדער מען זאל מאכן לעקציעס ווי זיך אפהאלטן פון גנבענען. אמת — נאך מיט א הונדערט יאר צוריק האט אין רוסלאנד די קלוגע צארישע רעגירונג פון ניקאליי דעם ערשטן געשאפן גאנצע צוויי ביכער און געצוואונגען מען זאל פון זיי לערנען יידישע קינדער „ווי טייער צו האלטן די קייסארים" און ווי „מען טאר נים אפנארן קיין גויים"... אבער מאלע וויפל נארישקייטן און שארלאטאנעריי עס ווערן אפגעטאן אויפן גע־ביט פון דערציאונג?

ניין, קיין לערער און קיין לימוד קען בשום אופן נים אויסלערנען

קיינע עטישע און קיינע רעליגיעזע עלעמענטן פון כאראקטער. דער וואס זאגט דאס פארקערטע איז אדער א נארישער עם הארץ אין פעדאגאגיק אדער — א שארלאטאן און אפנארער.

די עלעמענטן זענען און מוזן זיין נאר א פראדוקט פון דירעקטער השפעה, פון דער אזוי גערופענער „סאציאלער ירושה", וואס מיר האבן פון איר גערעדט אין א פריערדיקן בריוו. דאס נעמען קינדער איבער פון דעם לעבן אין זייער היים, פון זייערע עלטערן און אויך פון זייערע לערערס. אויב די קינדער האבן צו זיי א באציאונג. די קינדער קענען די געירשנטע עלעמענטן, טראנספארמירן, אבער בשום אופן ניט אויסלערנען.

ווען איר זעט א וועלטלעכן מענטשן וואס איז זיך מוסר־נפש פאר געזעלשאפטלעכע אינטערעסן און איז ניט אויסן קיינע זייטיקע און פערזענלעכע פניות, טא זייט וויסן, אז ער האט געהאט אן אויפריכטיק פרומען טאטן אדער אנדער דערציער: דעם טאטנס ערלעכע פרומקייט האט זיך ביי דעם זון טראנספארמירט אין ערלעכע געזעלשאפטלעכקייט. ווען איר זעט פארקערט ביי א רב צי ביי אן אנדער גאטס סטראפטשע א זון אן עגאאיסט און א מיאוסן קאריעריסט, טא זייט ווידער וויסן אז אין זיין טאטנס פרומקייט איז געווים פאראן א פגימה פון צביעות און אומאויפריכטיקייט. עס איז א כלל. נאך די גמרא האט געוווסט צו זאגן „מעשי אבות — סימן לבנים" פשוטע יידן זאגן עס בילדערישער: „דאס עפעלע פאלט ניט ווייט פון ביימעלע".

מיט איין ווארט — ווילט איר האבן רעליגיעזע קינדער (און עס איז זייער גוט!) טא פארלאזט זיך ניט אויף לערערס און אויף פראגראמען אין שולן. דאס האבן זייער גוט פארשטאנען די אויפריכטיק רעליגיעזע גרינדער פון די פארייניקטע שטאטן ווען זיי האבן פארבאטן רעליגיע אין די פאלקשולן. זיי האבן עס געטאן ניט ווייל זיי האבן ניט געוואלט קיין רעליגיע, נאר דערפאר ווייל זיי האבן געוואלט אמתע, אויפריכטיקע רעליגיע, און ניט קיין פארמעל אויסגעלערנטע ליידיקע רעליגיעזע ווערטער. ביי יידן איז צו די אויסגעלערנטע און ניט דורכגעלעבטע רעליגיעזע ווערבאליסטיק טריף גאר. „רחמנא ליבא בעי" — גאט פארלאנגט הארציקע אויפריכטיקייט און

האט פיינט דאס „אחד בפה און אחד בלב" — אט די רעליגיעזע פּיסק־מלאכה, וואס גייט פון א ליידיקן הארץ ווי פון א גראמאפאן.

זיכער איז גיט אז די רעליגיעזע עלמענטן וואס דאס קינד האט אין זיין היים זאל שפּעטער דער לערער אין שול דערקלערן. אבער ווען די שטוב גיט גארניט, דעמאלט איז דעם לערערס אויסלערנען ארויסגעווארפן.

אט די אמעריקאנער בר־מצוה־בעלער מיט דעם „לעצטן" מפטיר... זיכער איז די טראדיציאנעלע בר־מצוה א וויכטיקע דאטע, ווען א קינד ווערט א באוווסטזיניקער אחריותדיקער ייד און מען רעכנט אים צו א מנין יידן. אבער אז ניט קיין מנין און ניט קיין יידישקייט, טא וואס איז די בר־מצוה? — א באל ווען „דאס קינד הערט אויף צו זיין א ייד" און זאגט (דאס קינד און ניט דער טאטע) ברוך שפּטרני פון דעם יידישע לערער מיט אלע יידישע מעשיות... אויף אט די בר־מצוהס וואלטן די יידישע נביאים היינט ווי אמאל געלארעמט: „אייערע בר־מצות מיט אייערע פּאראדן האט פיינט מיין נשמה, איך קען זיי ניט פארטראגן". אודאי, קען די שול אויסלערנען וואס עס באטייט דאס ווארט „קינות" און דערקלערן א קאפּיטל תהילים, אבער — דעם עמאציאנעלן אינהאלט, די איבערלעבונג פון קינות דאס קען א קינד קריגן נאר מיטמאכנדיק מיט זיין טאטן די קינות בציבור. פארטייטשן די ווערטער פון א קאפּיטל תהילים קען דער לערער. אננעמען זיך מיטן כוח, מיט דער רעליגיעזער ענערגיע פון דעם זעלביקן קאפּיטל תהילים. — דאס קען מען נאר מיטמאכנדיק ערגעץ און ניט לערנענדיק. אט פארוואס ביי יידן איז א „שטומע נשמה" ווי פּרץ האט עס אנגערופן א סך וויכטיקער ווי די גרויסע תורה פון דעם גרויסן תלמיד־חכם נחמיה („מסירת נפש", פּרץ).

אודאי איז גוט אז א ייד זאל קענען מיטדאווענען מיט יידן און קענען בלעטערן, אויפמישן א סידור, — אבער אט דאס דאווענען וואס א לערער לערנט אויס אויף לעקציעס אין שול איז דאס זעלביקע ווי דאס בראנפן וואס מען רעדט פון דעם ווען עס איז ניטא קיין בראנפן... דאס אלץ זענען זאכן וואס מען מוז איבערנעמען דירעקט מיטמאכנדיק עס, אבער ניט פון לעקציעס. פאראן וועלטלעכע לערערס וואס מיינען יוצא צו זיין לגבי יידישקייט מיט דערציילן אדער לייענען וועגן יידישקייט. ווי עס וואלט למשל

געווען גענוג אנצולייגנען זיך וועגן ענגלאנד כדי צו ווערן אן ענגלענדער. און מיט א פאר יאר צוריק האט נאך אט די פעדאגאגישע חכמה איבערגע־חזרט אזא טיפער ייד ווי יואל ענטין. אזוי טיף איינגעווארצלט איז דער שקר ביי אונז. מיר איז אמאל אויסגעקומען צו הערן א קלארע טענה פון א קינד צו אזא לערער וואס האט די קינדער „דערקלערט'' ראש־השנה: — „האלט איר דאס פאר וויכטיק, טא פארוואס דאוונט איר ניט, איז דאס ניט וויכטיק, טא צו וואס דערציילט איר עס אונז?''

נאך שעדלעכער איז די רעליגיע וואס געדונגענע לערערס לערנען ווייל מען האט זיי אויף דעם געדונגען: אויף דעם געביט ווי אומעטום ווען עס גייט וועגן אידעען איז יעדער אומאויפריכטיקער אדער צביעות סם־המוותדיק שעדלעך פאר דער אנטוויקלונג פון רעליגיעזן געפיל פון תלמיד.

מיט איין ווארט — ווילט איר דערציען אייערע קינדער אין טראדי־ציאנעל־רעליגיעזן גייסט, טא שאפט פאר זיי אין די היימען א פאסיקע סבי־בה פון שבת, יום־טוב, נאציאנאלע תעניתים, כשרות, יידיש לשון, ספרים און מינהגים: — דאוונען — אדראבא, — נאר מיטן טאטן, מיט א זיידן, מיט א שכן צווישן אנדערע יידן. מען טאר אבער פון דעם ניט מאכן קיין פראגראם „זאל דער לערער אים אויסלערנען'', שיקט ניט דאס קינד דאוו־נען אין ספעציעלע „קינדערשע מנינים'' ווי מען מאכט עס אין אמעריקע. דען דעמאלט ווייס דאס קינד אז דאוונען איז א זאך פאר קינדער בלויז און מער ניט. מען גיט נאך אפט דערפאר גוטע זאכן, בילעטן אין סינעמא, נאַ־שעריי‏ען... — מיט איין ווארט — דורך די קינדערשע מנינים באהעפט זיך ניט דאס קינד צו א מנין יידן. עס איז אן אמעריקאנער מאכערייקע פון די פיפיקע דערציערס, א „טריק'' רופט מען דאס. עס איז אבער ניט קיין באהעפטונג צו יידישקייט. ניט קיין ספעציעלע קינדערשע מנינים, ווי עס איז א מאדע געווארן אין אמעריקע, נאר — „מיט כל ישראל צוזאמען''.

צום באדויערן איז אין דער בויאונג פון יידישע שולן פאראן מער פא־ליטישע, פארטייאישע חשבונות איידער נאציאנאל־דערציערישע אמביציעס: ראובן האט זיך צעקריגט מיט שמעונען, גייט ער און שטעלט אן א לערער און בויט אויס א נייע שול. נאכדעם זוכט ער א אידעאישן תירוץ — מוז דאך שוין די נייע שול זיין „אן אנדערע''... איין ארגאניזאציע האט שולן,

מוז דאך די צווייטע ארגאניזאציע אויך האבן שולן... — „וואס, מיר וועלן לאזן זיי באהערשן די יידישע גאס?!” אט אזוי זענען יידן בריהס צו בויען די „צווייטע” שול נאכדעם ווי מען האט זיך צעקריגט מיט דער ערשטער. דער אידעאישער אונטערשלאק ווערט אונטערגעניט שפעטער...

קינדער פון רעליגיעז־טראדיציאנעלע היימען זענען כמעט תמיד מאַראליש און אינטעלעקטועל העכער. די אבער וואס האבן באקומען זייער רעליגיעזע דערציאונג אין שול נאר פון לערער, די האבן ניט קיין רעליגיעזקייט און דאס אויסגעלערנטע מוז פארגעסן ווערן. מיט א סך יארן צוריק נאך האב איך באמערקט אזא דערשיינונג: אלע יינגלעך פון קליינע שטעטלעך, וואס זענען נאך יארן לערנען אין חדר אוועקגעפארן אין ווילנע זיך צו לערנען א פאך, האבן זייער גיך, אין איין אדער צוויי יאר פארגעסן די גאנצע תורה פון חדר. ניט אין פארגלייך ערגער איז דאס מיט די אזוי גערופענע רעליגיעזע שולן. בלייבן קען נאר די סאציאלע ירושה פון די היימען און די מאראלישע השפעה פון דעם לערערס פערזענלעכקייט, ניט די רעליגיע וואס ער האט אויסגעלערנט.

ניט אין שפּראַכן איז יידישקייט

ניט אין שטורעם איז גאָט,

ניט אין פייער איז גאָט,

ניט אין ווינט איז גאָט.

(פון תנך, מלכים)

א מאָדנע פאָלק זענען מיר יידן: מיר האַלטן זיך צוזאַמען, אָבער צו־ליב וואָס? — כדי מיר זאָלן האָבן מיט וועמען זיך צו קריגן. צייט מיר זע־נען א פאָלק האַלטן מיר אין איין קריגן זיך און אַרומרייסן זיך. און נאָך די גמרא טיילט איין אונזערע קריגערייען אין צוויי מינים: מחלוקת לשם שמים — מען צעקריגט זיך צוליב אן אידעע פון יידישן קיום, ווי בעסער איינצוהיטן דעם יידישן אייגנאַרט אָט ווי היסטאָרישע מחלוקת צווישן בית הלל און בית שמאַי. און פאַראַן אַנדערע מחלוקת פון א פאַרקערטן מין: ווייל מען איז פאַר עפּעס א הינטערגעדאַנק ברוגז, זוכט מען זיך אויס א אידעע און מען נעמט זיך כלומרשט אָן פאַר דער אידעע, אָט ווי קורח — ער איז מקנא געווען משה׳ן, האָט ער געוואָלט כבוד ווי משה זייענדיק א פּאַסקוד־ניאַק ווי קורח. פּאַסט דאָך אָבער ניט צו שרייען „גיט מיר כבוד!״, — נעמט ער און ווערט גאָר א דעמאָקראַט — ער קעמפט גאָר כלומרשט קעגן משה׳ס אַליינהערשאַפט און ער איז א פיינער מענטש...

פאַראַן נאָך א מין שעדלעכע מחלוקתן: ווען יידן זענען עפּעס ביי פרעמ־

דע און מען שלעפּט די פרעמדע אידעע צו זיך. פון דער מעשה מיט בעל פעור נאך אין מדבר ווען יידישע יונגעלייט האבן דערזען דעם שיינעם געץ מיט די נאך שענערע מדינישע טעכטער וואס דינען צו אים מיט רעליגיע־זער פּראָסטיטוציע, דורך דעם געשמאקן אסטארטא־קולט און די עסטעטי־שע העלעניסטישע טראַדיציעס און ביז היינט כאפּן יידן ברעקלעך פון פרעמ־דע שטייגערס און מען שלעפּט צו זיך און מען קריגט זיך דערפאַר, כאָטש אַלע אַזוינע פרעמדע בלוטן האבן אונז תמיד געבראַכט אומגליקן און אומ־קום. נאָר דערווייל קריגט מען זיך, מען לאַרעמט און מען שרייט כלומרשט אין נאָמען פון גאָט און פון זיין פאַלק, אָבער אין אמתן איז דאָס גאַר אין נאָמען פון בעל און אַנדערע געצן.

פאַרוואָס זענען מיר אין גלות? — צוליב אונזערע קריגערייען, מחלוקתן, צאַנקערייען וואָס מיר טראַכטן אויס. יידישקייט — די אידעע פון יידישן קיום איז איינע און מער קיינע. דאָס איז די פּאַרעקשנטע, אויסגעהאַלטענע פאַרזיכיקייט און אינזיכיקייט. דאָס איז די שכינה אונזערע, דער גאָט פון ישראל וואָס איז אַראָפּ פון אַלע הימלען און זיך אַריינגעקליבן אין יידי־שע הערצער. ניט מאָנאָטעאיזם — איין גאָט־פּרינציפּ איז דער איפּטו פון יידן — איין גאָט וואָס זיצט ערגעץ איבער די מענטשן און אויסער די מענטשן איז אויך אַ געץ און איך וויים ניט וואָס איז בעסער איין געץ פון אַ גאַנצן פאַנטעאָן מיט שיינע געצן. אונזער איפּטו איז דאָס וואָס מיר האָבן אַפּגעוואָרפן אַלע געצן אפילו אַן איינציקן, און מיר האַלטן זיך מיט דער אידעע פון איינהייט און גאַנצקייט פון מענטש, פון פאָלק און פון וועלט. יידישקייט איז איינע און איינציקע — „אחד״.

און די אַלע „יידישקייטן״ וואָס אין זייער נאָמען שטורעמען די שטור־מער און עס קריגן זיך די קריגער און עס שרייען די שרייערס, און עס קעמפן די קעמפערס און עס טומלען די טומלערס — דאָס אַלץ זענען געצן און געצנדינערס, און מיט פויק און גרזאַנגען צום כלומרשטן יידישן גאָט פירן זיי ווייט אַוועק ווער ווייס אין וואָסערע אומקום וועלטן. און ווען איך קוק זיך צו און הער זיך צו, צו דעם טומלדיקן דונער פון קאַמף טראַכט איך: ניין, ניט אין דעם איז דער גאָט פון יידישקייט, נאָר אין דעם שטילן קול

דממה דקה וואס גייט פון אינעווייניק, אין דעם שטילן פייער פון דעם אייביק ברענענדיקן דארן וואס ווערט ניט פארברענט. דא, אין דער איינזיייקייט און פארזיכיקייט איז דער אייביקער אחד פון שמע ישראל. און די אייביקע קריגערייען אונזערע? — אייביק איז דאס יידיש פאלק און אויך אייביק זענען די קריגער אין אים, די קמצא און בר קמצא, די קורחס וואס האלטן אין איין זוכן פארוואס זיך צו קריגן, אט ווי אנדערע זוכן כסדר פאר וואס זיך צו שלאגן...

אט האבן מיר געהאט א לאנגן און א פרוכטבארן קאמף צווישן חסידות און מתנגדישקייט. איז פון דעם געווארן ביי אונז א רייסעריי מיט חרמות און מסירות און מיט וואס ניט. איז דאס געווארן א נארישער קאמף צי מען דארף זאגן „הודו" אדער „ברוך שאמר" פאריס. און פאר א חסידישן „ויצמח פורקניה" האט מען געקענט א יידן קעפן, דורס זיין. און וואס איז געווארן פון דעם גאנצן היציקן קריג? — גארניט מיט גארניט. מיט וואס ענדיקן זיך אלע מלחמות?

און מיר קריגן זיך און מיר מיינען אז מיט אונזערע קריגערייען דינען מיר אונזער גאט. אט איז שוין באלד א האלבער יארהונדערט ווי מען האט ביי אונז אויסגעטראכט דעם שפראכן־קאמף און מען קעמפט. איטלעכער צד שרייט „אלה אלוהיך ישראל" אין דער שפראך וואס איך האלט פון איר איז די גאנצע יידישקייט, און מער דארף מען גארניט. און ארויסגעוויזן האט זיך אז ביידע צדדים זענען ניט גערעכט. ניט די און ניט יענע שפראך איז ניט דאס „אלץ מיט אן אנדער פון יידישקייט". געוויס איז א ייד וואס ווייס ניט „מאי דקאמרי רביצין" און פארשטייט ניט קיין „שייטל עברי," געוויס איז ער אן עם הארץ, און דער וואס קען ניט זיך צונויפריידן און פארשטיין זיך מיט א טביה דעם מילכיקן דער איז אפגעשניטן פון יידישן פאלק, ווי א צווייג וואס איז אפגעשניטן און קען מער ניט ציען קיין יניקה פון זיינע ווארצלען. געוויס זענען יידן וואס רעדן מיט זייערע קינדער ניט אויף יידיש, קראנק אויף דער ספעציפישער יידישער קראנקהייט — „אויטאפאביע". געוויס זענען יידן וואס לאזן זייערע קינדער רעדן א פרעמדע

שפראך צו זיך, מענטשן, וואס עס פעלט זיי א ברעקל דרך־ארץ צו זיך.

דאס אלץ איז זיכער אמת. אבער — אז מען קען יידיש איז מען נאך ווייט ניט קיין ייד און אז מען קען העברעאיש איז מען נאך אויך ווייט ניט קיין ייד. ערשטנס איז עס בכלל א יידישע איינריידעניש אין אמעריקע אז מען בויט שולן כדי דארטן אויסצולערנען א שפראך. אט קענען דאך אלע קינדער פון אלע פעלקער אויף דער וועלט (אויסער, פארשטייט זיך, די קינדער פון דעם יידישן פאלק) זייערע שפראכן איידער זיי קומען אין שול, טא צו וואס דארף מען די שולן? קענטיק אז אויסער דער שפראך דארף די שול געבן מער און עפעס אנדערש. און ניט ווי די יידישע שולן אין אמעריקע זענען געוויינט צו מעלדן „אונזער שול לערנט צו ריידן און צו לייענען יידיש”. און א שול וואס לערנט אויס נאר דאס האט נאך גארניט אויסגעלערנט.

איך בין אמאל אריין צו א יידן אין שטוב, שטעלט ער מיר פאר זיין זון און רעקאמענדירט: ער איז א ייד, ער פארשטייט יידיש. האב איך געזאגט: דער באדינער פון מיין שול אין ווילנע האט גערעדט א בעסערן יידיש. און איז דאך געווען א גוי. איך האב געהאט אמאל א קאלעגע אין אוניווערסיטעט — א גלח, וואס האט גוט געקענט העברעאיש, און איז ניט נאר געווען א גוי, נאר אויך א ניט קליינער אנטיסעמיט. און אז א ייד רעדט רוסיש, פויליש, ענגליש, שפאניש, איז ער דען דערמיט אייגנצייטיק א רוס, פאליאק, אן ענגלענדער אדער ווייס איך וואס?

אוודאי איז אין יידישע ווערטער אפגעלאגערט גאר די יידישע נשמה ניט ווייניקער ווי די רוסישע נשמה האט זיך אנגעשפייכלערט אין די רוסישע ווערטער און זאגענישן, און אזוי מיט יעדער פאלק און זיין שפראך וואס ער רעדט לאנגע דורות. אוודאי איז דער גאנצער „אלטער וויין” פון אייביקער יידישקייט אנגעגאסן אין העברעאישע לאגלען. אבער —

ערשטנס, אויב לאנגע יארהונדערטן זענעןביידע שפראכן געגאנגען צוזאמען און האבן ביידע אייגנצייטיק געדינט ווי כלים פאר דעם יידישן גייסט, זענען זיי אזוי צונויפגעוואקסן געווארן, אז אפטיילן זיי — נעמען העברעאיש אן יידיש און יידיש אן העברעאיש, איז זייער א מסוכנע אפערא־

ציע און א סך עקספערימענטן האבן באוויזן אז אונטערן מעסער שטארבט דער פאציענט: דער אויסגעיידישטער העברעאיש און דער יידיש אן העברע־איש —ביידע זענען ווי ליידיקע פלאשן וואס אמאל איז אין זיי געווען ווייז, גאר איצט זענען זיי ליידיק. דער יידישער תלמיד־חכם קען נאך היינט זיך ניט באגיין אן דעם אמאליקן יידיש, אראמיש מיין איך, וואס אין אים איז געשאפן געווארן דער תלמוד, דער זוהר, דער קדיש און נאך און נאך. היינט ווי קען מען זיין היינט א העברעאישער ייד אן דעם פאלקס יידיש? אדער פארקערט? — איז דער תירוץ — מען קען טאקע ניט. האט נאך מיט יארן צוריק געשריבן אליעזר שטיינמאן אין דעם „מאזנים" אין תל־אביב, אז מען קען זיין אן איינוווינער פון ארץ־ישראל, רעדן העברעאיש, האדע־ווען די קינדער אין העברעאישע שולן און דאך זיין אסימילירט... אזוינע געדאנקען האט ניט איין מאל ארויסגעזאגט אויך ביאליק ביי פארשיידענע געלעגנהייטן. ווייס איך פון עטלעכע יידישע היימען ווו מען היט אפ צו ריידן יידיש, אבער דער יידיש האט קיין יידישן טעם ניט.

דער וואס רעדט וועגן דער אדער יענער שפראך ווי וועגן א ציל אין דערציאונג, דער וואס מיינט אז מיט יידיש אדער מיט העברעאיש קען מען יוצא זיין און זוכט ניט דעם יידישן אינהאלט וואס אין זיי, — דער דינט צו געצן אנשטאט צו דינען דעם יידישן לעבעדיקן גאט; דער גיסט ארויס דעם יידישן אינהאלט און צאצקעט זיך מיט די אויסגעליידיקטע פלאשן.

יידיש אן יידישקייט איז גאר ניט ווערט — ס'איז פלאשן אן דעם ווייז. העברעאיש אן יידישקייט איז גארניט ווערט — ס'איז פלאשן אויס־געליידיקטע פון דעם וויין.

יא, ס'זענען פאראן יידן וואס זאגן אפן — און א סך מערער זענען פאראן וואס מיינען דאס, אבער זיי וואגן עס ניט צו זאגן:

— מיר זענען אנגעפילט מיט „אלטער" יידישקייט, אבער מיר ווילן אז אונזערע קינדער זאלן פון דעם זיין פריי, זיי זאלן פארמאגן א „נייע" יידישקייט, אזא וואס מיר גייען ערשט שאפן. די „אלטע" יידישקייט איז מיאוס, איז טריף, איז מוקצה — זי איז גלותדיק, זי איז רעליגיעז, זי איז ווייס איך וואס...

— „מיין זון, וויל איך, זאל זיין א „העברעאישער שייגעץ" — אזוי האט מיר אמאל אפן געזאגט א יונגער מאן, דאס וואס א סך פארבאהאלטן.

אבער דאס איז שוין נים קיין העברעאיזם, ניט קיין יידישיזם, — דאס איז „לאוואניזם" (פון לבן ביקש לעקור את הכל — לבן האט אלץ געוואלט אויסרייסן). און אט דער לאוואניזם איז... לאנגזאמער שמד און אסימילאציע אויב אפילו מען פארדעקט אים מיט מאנטלען פון נאציאנאלע פראזעס.

די יידישע געשיכטע לערנט אונז אין ביטערע לעקציעס, אז איטלעכער „משיח" וואס האט געוואלט איבעררייסן מיט דער „אלטער" יידישקייט און אויף איר ארט אויפשטעלן א נייע, אלע זיי האבן געענדיקט ניט מיט גאולה, נאר מיט שמד און אומקום. און ניט קיין אנדערער ווי דוקא דער פראפ. יוסף קלויזנער שרייבט עס, אז ביז איצט האט יעדער אפנייג פון דער טראדיציע (פון דער אלטער יידישקייט) געבראכט צו „דעהיסטאריזאציע" — צום אומקום, מיט פשוטע ווערטער.

און בכן דארף מען ניט ריידן וועגן שפראכן, מען דארף ריידן וועגן יידישע אינהאלטן אין זייערע אריגינעלע פארמען... אז מען קויפט ווייַן שאפט מען זיך במילא איין די פלאשן.

צייט מען האט ביי יידן גענומען זיך צו לערנען די שפראך העבריאיש (און ניט די יידישע מקורים וואס אין העברעאיש), איז פאטאל געפאלן די צאל לייענער פון העברעאיש. וואס מער לערנביכער מען דרוקט פאר קינדער (גאנצע פאבריקן פון דעם) אלץ ווייניקער ספרים פאר דערוואקסענע. און די זעלביקע מערכה איז אויך מיט יידיש.

איז אמאל אין די אייגנעפונדעוועטע יידישע צענטערן ווען א ייד וואס האט ניט געלערנט איז געווען אן עם הארץ, אבער א יידישער עם הארץ איז ער געווען, און איז געווען פול מיט יידישקייט ווי א מילגרוים, דעמאלט האט מען נאך געקענט זיך פארגינען דעם לוקסוס פון שפראך־דיס־קוסיעס. היינט אבער און דא אבער ווען מיר האבן ניט קיין יידישע עמארצים נאר פארגויישטע יידן גאר, היינט איז דער שפראכן קולט און אלע רייד פאר דער אדער יענער שפראך א זינד, א פארברעכן! יידן דארף מען האדעווען און ניט קיין שקצים וואס קענען ריידן יידיש ווי א האלבער גוי

אדער וואס קענען אנשטאט „טיש״ זאגן „שולחן״ און אנשטאט „זיצונג״ זאגן „ישיבה״.

ניין, ניט אין שפראכן איז יידישקייט און ניט אין שפראכן־קולט איז דער יידישער קיום, נייערט אין די אינהאלטן. און די אינהאלטן ציען זיך פון „בית־לחם ביז קאסרילעווקע״. אט דעם לאזונג האב איך ארויסגערוקט מיט א סך יארן צוריק (אין איינעם פון די לעצטע נומערן פון „וועסטניק יעווריסקאוואַ פראסוועשטשעניא״ — (ידיעות פון יידישער דערציאונג) אין פעטראגראד אין 1917. און וואס ווייטער אלץ בולטער זע איך זיין ריכ־טיקייט. איטלעך צעשניידן אונזער גאנצקייט „פון בית־לחם ביז קאסרי־לעווקע״ און נעמען פון דארטן איינציקע שטיקער — איטלעכע שיטה אזא איז... א געפאלמעסטע ידישקייט.

געדענקט: א ייד אן העברעאיש איז אן עם הארץ; א ייד אן יידיש איז ניט קיין ייד. אבער מיט יידיש און מיט העברעאיש וואס זענען אויס־געלערנט אין קלאס איז מען נאך ווייט־ווייט ניט קיין ייד. אז מען האט זיך אויסגעלערנט שפאניש איז מען נאך ווייט ניט קיין שפאניער, ארגענטינער און אפילו ניט קיין מעקסיקאנער. יידישע אינהאלטן אין זייערע יידישע פאר־מעס דארף מען געבן אין שול. און זיי, די אינהאלטן, דארפן ווערן דער גייסטיקער אינהאלט פון די קינדער.

דער קולטור-ווערט פון א שפּראך

איך וויל דאָ רעדן ניט וועגן א סתם א שפּראך, נאָר וועגן אן איבערגעג־בומענער שפּראך, א שפּראך אן אויסגעלערנטער, א צוגעקומענער. ווייל באַ־הערשן א שפּראך קען מען אויף צוויי דיאַמעטראַל קעגנגעזעצטע וועגן. אדער א מענטש לעבט אין זיינע איבערלעבונגען, פאַרשטעלונגען און באַגריפן, וואָס ווערן באַגלייט דורך די אנטשפּרעכיקע ווערטער; אדער א מענטש לערנט זיך אויס די ווערטער און לייגט אין זיי אריין דעם אנטשפּרעכדיקן אינ־האַלט פון זיינע איבערלעבונגען, פאַרשטעלונגען, באַגריפן און געפיל־טענער.

אויף דעם ערשטן וועג קומט פאַר דאָס באַהערשן די מוטער־שפּראך אין נאַרמאַלע באַדינגונגען, ריכטיקער געזאָגט — די לעבנס־שפּראך פון דער שטוביקער סביבה. אויף דעם צווייטן וועג קומט פאַר דאָס איבערנעמען אַ נייע שפּראַך, וואָס איז ניט אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן מיטן קולטור־שטיי־גער פון דער סביבה. דאָ גייט אונז בלויז וועגן אַט דעם צווייטן פאַל און די פראַגע קען פאַרמולירט ווערן אזוי: צי נעמט מען איבער צוזאַמען מיט דער ניי־באַהערשטער שפּראך אויך די קולטור, וואָס אין איר איז די שפּראַך אויסגעוואַקסן, אדער ניין?

פאַר אונז יידן, מיט אונזער גיכן, פלינקן איינלעבן זיך אין שפּראַכן פון גאָר דער וועלט, האָט די פראַגע אן ערשטראַנגיקע באַדייטונג: צי גיסט זיך איבער די קולטור דורך די קאַנאַלן פון שפּראַך, וואָס א מענטש באַהערשט.

עס איז לחלוטין אויסגעשלאָסן א וואָסער עס איז קולטור־עלעמענט, וואָס זאָל ניט זיין נאַציאָנאַל. קולטור מוז האָבן פאַרמעס, אן אויסדרוק; קול־טור איז דער אינהאַלט פון האַנדלונגען, באַנעמען, אויפפיר און די לעצטע

זענען גענומען פון לעבן, שטייגער, במילא זענען זיי נאציאנאל. וואס טיפער עס איז א קולטור־שאפונג, וואס ברייטער און אלמענטשלעכער עס איז איר ווערט, אלץ מער איז זי נאציאנאל, ווייל אלץ טיפער דרינגט זי אריין אין מענטשלעכן לעבן און איבערלעבונגען און זייער פארם קען ניט זיין ניט־נאציאנאל.

בכן, רעדן מיר דא וועגן איבערנעמען קולטור דורך דער שפראך, וואס מען באהערשט, מען לערנט זיך אויס. ביי אונז האט מען גרויס כבוד פאר שפראכן. די משכילים האבן שיר ניט געמיינט, אז דורך א „קולטורעלער״ שפראך ווערט מען אליין קולטורעל. ביז היינט דענקען נאך אזוי א סך יידן. א הונדערט פופציק יאר ווי די קולטור־פראבלעם ביי יידן איז פארוואנדלט געווארן אין א שפראכן־קאמף. יידיש („זשארגאן״) און די מלוכה־שפראכן, יידיש און העברעאיש. „אומה ללשון״, „רב לשונות״, „יידישיזם און העברעאיזם״ — אלץ דרייט זיך ארום שפראך. כ׳הייסט ווי אין עצם שפראך וואלט שוין געלעגן אויך די אנטשפרעכיקע קולטור.

צי איז עס אבער ריכטיק?

עס איז שוין אויבן געזאגט געווארן, אז קולטור איז דער שטייגער, די פארמעס פון לעבן און דענקען, האנדלען און טאן, פילן און איבערלעבן, באגרייפן און רעאגירן: מענטש צו זיך, מענטש צו מענטש און מענטש צו וועלט. און דער אויסדרוק פון קולטור, זיין פנים און געשטאלט ליגט אין אלע אויסדרוק־פארמען: זשעסטיקולאציע, זיטן און פארשטייט זיך אמשטארקסטן אין שפראך. אבער ווו ליגט אין דער שפראך אט דער קולטור־אינהאלט אירער? די לאגישע זייט פון דער שפראך, די „טייטש־ווערטער״, דער אינהאלט פון די באגריפן איז אין תוך אריין אנאציאנאל און אקולטורעל. עס הייסט, אז דער אינהאלט פון א באגריף בלייבט דער זעלביקער אויף וואסער שפראך ער זאל ניט אנגערופן ווערן. דער קולטור־אינהאלט איז אויך נויטיק אין דער אינטאנאציע פון דער שפראך. די גאנצע באבע־מעשה וועגן וויל־קלינגעוודיקייט אדער שלעכטן קלאנג פון א שפראך האבן אויסגעטראכט בלויז יידן־אנטיסעמיטן, כדי צו דערקלערן זייער מיאוסן זיך מיטן יידישן לשון.

דער קולטור־אינהאלט קלעפט צו דער שפראך ווי אן איבערלעבונג פון ליבע אדער פאראכטונג צו א בליק פון אויגן. ער ליגט אין די אסאציאציעס

פון באגריפן און איבערלעבונגען, וואס דאס ווארט רופט ארויס און וואס האבן גארניט צו טאן מיט זיין לאגישן אינהאלט.

נעמט אזא פשוטן יידישן ווארט ווי „פלאקן״ און זעצט אים איבער אויף אן אנדער שפראך. זיין אינהאלט בלייבט, אבער זיין ספעציפישע באַפארבונג וועט גלייך גיין פארלארן. ער האט אנגעזווארן זיין „יידישן טעם״. און אזוי מיט דער גאנצער שפראך בכלל. אט די זייט פון שפראך איז און בלייבט א שטומע אין דער רייכסטער שפראך. די ווערטער פון א שפראך קענען בלויז ארויסרופן די עמאציאנעלע און אינטעלעקטועלע קאמפלעקסן אויב זיי זענען ביי דעם הערער (אדער לייענער) פאראן פון פריער. זיי קענען עס אבער בשום אופן ניט איבערגעבן. איך האב אמאל פארגעלייגט א גרופע יונגע לייט צו שרייבן אסאציאציע־רייען אויף אזעלכע ווערטער ווי טיש, שולחן, „סטול״ און בוך, ספר, „קשיענגא״ (אין דריי פאר זיי באַקאנטע שפראכן אין פארשידענע צייטן, פארשטייט זיך). די רעזולטאטן האבן באוויזן, אז די אסאציאציע קאמפלעקסן פון די אין תוך דיזעלביקע ווערטער זענען געווען אין גרונט פארשידענע אין פארשידענע ריכטונגען אפילו. ניין, די קולטור־קאמפלעקסן זענען אנגעבונדן אן ווערטער און אויסדרוקן ווי אן סיגנאלן בלויז, ווי איבערלעבונגען צו טעלעגראף־סימנים און מער ניט. מען קען דורך דער שפראך אויסדריקן די קולטור, וואס מען פארמאגט פון פריער אבער ניט איבערנעמען דורך דער שפראך די קולטור.

מ׳קען רעדן פויליש, ענגליש, דייטש, אפילו „ווי א מוטער־שפראך״ און דאך גארניט פארמאגן פון די קולטורן פון די שפראכן. נאך ווייטער — מען קען אויסהאדעווען א דור העברעאיש־ריידער, וואס זאל זיין ניט מער יידיש ווי די פויליש־ריידער אויף קראכמאלנע גאס אין ווארשע און בראנזווילער ענגליש־ריידער אין ניו־יארק.

פון דאנען נעמט זיך אויך די גייסטיקע דעגענעראציע פון א סך משכילישע משפחות. פון דאנען נעמט זיך אויך דער גראנדיעזער פאקט, וואס די העברעאישע דערציאונג אין ארץ־ישראל איז קולטורעל לגמרי ניט פרוכטבאר. דער יידישער יונגערמאן אין „גלות״ וואס האט זיך אויסגעלערנט עטוואס העברעאיש פון תנ״ך, גמרא, בית־מדרש (ניט דוקא צום רעדן) האט דאס ארייגעזאפט פון זיין קולטור־סביבה און דורך איר. פאר אים איז דאס

העברעאישע א גרויסער קולטור־עלעמענט. אויף וויפל גראנדיעזע טיילן פון יידישער קולטור און שטייגער זענען צונויפגעבונדן מיט העברעאיש. אנדערש איז עס אבער אין ארץ־ישראל. דארטן לערנען זיך די קינדער אויס העברע־איש רעדן. די שפראך איז אבער נים צונויפגעבונדן מיט דער יידישער קול־טור. דאס קולטורעלע וואס איז ביי יידן צונויפגעבונדן מיט העברעאיש באַ־קומען די קינדער נים, זיי פארמאגן נים אפילו דאס, וואס עס האט די על־טערן געטריבן קיין ארץ־ישראל. קומט ארויס דארטן אויך א קולטורלאזיקייט.

פון דעם איז לגמרי נים געדרונגען, אז מען קען דורך דער ליטעראטור פון א פרעמדן פאלק נים ארײַנדרינגען אין זיין קולטור. פארקערט איז עס מעגלעך. אבער בלויז אינטראספעקטיוו, פונקט ווי בנוגע צו פסיכיק. בלויז א מענטש וואס גיט זיך אפ א חשבון אין זיינע אייגענע גייסטיקע איבער־לעבונגען, קען מען אדער ווייניק ריכטיק באגרייפן די גייסטיקע איבערלע־בונגען פון צווייטן, אזוי אויך בנוגע צו קולטור: בלויז א מענטש וואס גיט זיך אפ א חשבון אין דער קולטור, וואס ער לעבט אין איר, קען מער אדער ווייניקער ריכטיק באגרייפן קולטורן פרעמדע. בלויז דער וואס פארמאגט קולטור קען איבערנעמען קולטור.

אזוי ארום קומען מיר צום אויספיר, אז מיר האבן פאר זיך אין יידישן לעבן נים קיין שפראכן־קאמף, נאר א קולטור־קאמף. פאר די יידישיסטן פון גאר דער וועלט שטייט די פראגע נים וועגן יידיש רעדן, נים וועגן אויס־לערנען יידיש רעדן, נאר וועגן איינהאלטן, פארזעצן, אנטוויקלען, צופאסן, מאדיפיצירן יידישע קולטור־עלעמענטן און זיי צונויפבינדן מיט דער שפראך. פאר הער יידישער שול דארף זיך אויך דער שווער־פונקט איבעררוקן עטוואס אין דער ריכטונג פון יידיש לעבן. פאר יידישע קולטור־קעמפער דארפן זיך עפענען נייע און ברייטערע פראנטן. וואס זאל מעגלעך מאכן א יידיש־קולטור לעבן, און דאס גייט שוין אריבער די גרעניצן פון „ריינער קולטור".

דיסציפלין.

ווען מען זאָגט דאָס וואָרט „דיסציפלין״, מיינען אַנדערע אַז דאָס מיינט עפּעס אַ שטרענגן היטער מיט אַ בייטש אין האַנט. אין דער אמתן מיינט דאָס וואָרט גאָר עפּעס אַנדערש. עס מיינט אַ סיסטעם אין לעבן, אַן אויסגעהאַלטענעם גאַנג, וואָס אייניקע אַמעריקאַנער פּסיכאָלאָגן רופן מיט דעם ענגלישן וואָרט „בעהייוויאַר״, דאָס איז דער סכום נאָרמעס, וואָס „מען פירט זיך אַט אַזוי״ און געענדיקט.

דיסציפלין קען זיין אַן א י נ ע ר ל י כ ע, א י נ י ק ס ט ע — מען פירט זיך אַזוי ניט טראַכטנדיק, ניט אַנשטרענגנדיק דעם ווילן, עס איז אַ געוווינהייט, אַן איינגעשטעלטע פירונג.

עס קען זיין אויך אַ ד ר ו י ס נ ד י ק ע דיסציפלין — מען צווינגט מיך אַזוי זיך צו פירן כאָטש איך וויל ניט... אינעווייניקסטע דיסציפלין איז אַן אַ צוואַנג, דרויסנדיקע — מיט אַ צוואַנג. לאָמיר געבן אַ משל: אין איין לאַנד שטעלן די באַלעבאָסטעס אַרויס אויף נאַכט זייערע מילך־פלאַשן און געלט הינטער דער טיר כדי אויף מאָרגן צו געפינען פרישן מילך. אין אַ צווייטן לאַנד וואונדערן זיך די בירגער: „ביי אונז וואָלט איר שוין ניט געפונען ניט קיין מילך און ניט קיין געלט״...

אין דעם ערשטן לאַנד פאַרשפּאַרט מען אין אַ גרויסער מאָס די ביי־טיקייט פון אַ פּאָליציי; אין דעם צווייטן לאַנד קען די פּאָליציי ווייניק וואָס העלפן. כאָטש אין ביידע לענדער אין פאַראַן אַ געזעץ אַז מען טאָר ניט גנבענען: דאָ דאַרף מען ניט דעם געשריבענעם געזעץ, ווייל דאָס ניט

גנבענען איז שוין געוואָרן אַ טייל פון דער אָרגאַנישער אינעווייניקסטער דיסציפּלין, — אין דעם צווייטן לאַנד אָבער מוז מען היטן יעדן בירגער און היטן די היטער אַליין, ווייל כדי ניט צו גנבענען דאַרף מען דאָ האָבן אַ דרויסנדיקע דיסציפּלין.

ווייל איז דעם מענטשן וואָס זיין פּיר איז איינגעשטעלט, וואָס פאַר־מאָגט אַן אינעווייניקסטע דיסציפּלין, — ווייל איז אים און ווייל איז די וואָס דאַרפן האָבן צו טאָן מיט אים. אַ גרויל איז צו די וואָס זייער פּיר און לעבנס־גאַנג איז אַרויפגעצוואונגען. איר קענט קיינמאָל זיי ניט געטרויען; נאָך מער — עס זיינען פאַראַן מענטשן וואָס צווינגען אַליין אַרויף אויף זיך אַן אָנשטענדיקן פּיר; זיי צווינגען זיך אַליין צו זיין אָרנטלעך, — און עס טויג אויך ניט; זייער אַפּט פּעלט אויס כוחות זיך צו צווינגען, און עס שפּרינגט אַרויס די אינעווייניקסטע שלעכטס וואָס איז געווען איינגעצאַמט אַ לאַנגע צייט. מיט דער טערמינאָלאָגיע פון דער יידישער טראַדיציע קען מען דאָס זאָגן אַזוי: אַ מענטש קען אַ צייט לאַנג איינצאַמען זיין יצר־הרע און לאָזן הערשן איבער זיך דעם יצר־טוב. דאָס פאָדערט אָבער תמיד אַ גרויסע אָנשטרענגונג פון געוויסן און פון ווילן. ווען עס מאַכט זיך אָבער, אַז דער יצר־טוב ווערט שוואַך, שפּרינגט אַרויס דער יצר־הרע מיט זיין גאַנ־צער איינגעצאַמטער ענערגיע, אַזוי ווי אַ ווילדע חיה פון שטייג אַרויס. די סכנה איז פאַראַן אַלע מאָל ווו די דיסציפּלין אין לעבן איז אַ דרויסנדיקע, אַ אָנגעצוואונגענע, ווען אפילו דורך דעם מענטשן אַליין. עס טרעפן צומאָל פאַקטן; איר דערקענט פּשוט ניט אַ מענטשן — ער איז תמיד געווען אַ פיינער, אַזאַ אָנשטענדיקער, און מיט אַ מאָל „וואָס איז דאָ מיט אים גע־וואָרן?" קיינער פון די באַקאַנטע קען ניט פאַרשטיין. און געשען איז גאָר פּשוט; דער יצר־הרע וואָס איז געווען איינגעצאַמט, האָט צעריסן זיינע קייטן און ער הערשט שוין...

אין די אינטערעסן פון דערציאונג איז תמיד נייטיק איינצופלאַנצן אין מענטשן אַן אינעווייניקסטע דיסציפּלין, — און היות ווי דער כאַראַקטער פון מענטשן ווערט איינגעפלאַנצט אין אים דווקא אין די ערשטע יאָרן פון

זיין לעבן, איז דא נייטיק דורכצורעדן זיך מיט עלטערן ווי אזוי מען פאר־פלאנצט עס אזא אינעווייניקסטע דיסציפלין.

מיר דארפן אנהייבן פון א שטיקעלע פיזיאלאגיע.

א מענטשנס ארגאניזם איז אייגנטלעך א גאנצער קאמפלעקס אויטאמאטישע מעכאניזמען. טייל פון זיי זיינען איינפאכע רעפלעקסן לויט דער סכעמע רייץ און רעאקציע. די גרעסטע צאל רעפלעקסן ארבעט אינגאנצן אומאפהענגיק פון דעם באוווסטזיין. מיר טראכטן גארניט פון זיי. אבער זיי רעגולירן אלע וויכטיקסטע ארגאנען אין אונזער קערפער. ווען א ריי רעפלעקסן גייען אין א קייט איינער נאך דעם צווייטן און זיי זיינען פארבונדן מיט עמאציעס באקומען זיך אינסטינקטן, וואס זיי זיינען דער יסוד פון לעבן. די גרעסטע צאל רעפלעקסן זיינען ד ע ר וו א ר ב ע נ ע, אזוי ווי דער וויכטיקסטער פארשער אויף דעם געביט, פאוולאוו האט זיי אנגערופן „באדינגטע רעפלעקסן". א ווייסער טישטאך אויפן טיש רופט ארויס א הונגער־רעפלעקס, שפייעכץ, מאגן־זאפט. ווען איך קום אהיים נאך דער ארבעט ביין איך הונגעריק. ווען אט די רעפלעקסן זיינען נארמאליזירט און זיי ארבעטן ווי א זייגער, איז דער מענטש אין גאנצן א נארמאלער, אן איינגעשטעלטער, א רואיקער. אזוי ארום ליגט אין די רעפלעקסן דער יסוד פון כאראקטער. און מהאי טעמא הייסן קינדער־דאקטוירים יונגע מוטערס שטילן דעם קינד אין באשטימטע צייט־אינטערוואלן, אלע דריי שעה, לאמיר זאגן, לייגן דאס קינד אין בעטעלע, זעצן אים אויפן טאפ, וואשן — אלץ אין באשטימטע און פעסטע רעגלאמענטירטע צייטן. דאס אלץ איז וויכטיק ניט אזוי פאר דעם קינדס פיזישן געזונט ווי פאר דער נארמירונג פון זיינע רעפלעקסן און פאר דער איינשטעלונג פון א פעסטן כאראקטער אויפן גאנצן לעבן.

איז אבער די מאמע א „צעפארענע", א „פינטיפלושקע" ווי מען רופט עס, און זי לעבט מיט אירע שטימונגען וואס האלטן זיך אין איין בייטן — היינט אזוי און מארגן גאר אנדערש, און זי האלט אין איין בייטן דעם רעזשים פון איר קינד, — ביי אזא מוטער וועלן די קינדער זעלטן זיין אויס־

געהאלטענע מענטשן, סיידן וואסערע עס זאל ניט זיין אנדערע סיבות וועלן דא ווירקן. דאס רוב אבער וועלן ביי די קינדער די רעפלעקסן זיין ניט קיין איינגעשטעלטע, ניט קיין נארמירטע און ניט קיין שטענדיקע. די האנדלונ־גען און די פירונג בכלל איז דא שוין אפהענגיק פון מאמענט־ווירקונגען און שטימונגען; עס באקומען זיך קאפריזן. די ארבעט פון די ארגאנען וואס דארפן ארבעטן אויטאמאטיש ווערט צעשטערט, די נערוון פון די ארגאנען — צערודערט אט ווי די סטרונעס פון א צעפארענער פיאנע, דער מענטש אין גאנצן ווערט נערוועז מיט שטארקע נייגונגען צו היסטעריע.

ניטא קיין ערגערע זאך אין דערציאונג פון יונגע קינדער ווי ניט איינגעשטעלטקייט, צופעליקייטן, צו אפטע בייטענישן. רוטין אין לעבן פלאנצט איין פעסטן כאראקטער אין קינדער. דער כאראקטער און דער „בע־הייוויאר" (דער פיר) פון א מענטשן איז דער שפיגל פון דעם לעבן־שטיי־גער ביי זיינע עלטערן אין היים ווען ער איז געווען א קינד. מעשי אבות ירשו בנים. טאטע־מאמע דערציען זייערע קינדער דוקא ווען זיי טראכטן גארניט וועגן דערציען זיי. א צייט פריער איידער זיי הייבן אן צו טראכטן וועגן דערציאונג. און אט פון דער אומבאוווסטזיניקער דערציאונג וואקסט עס אויס דער כאראקטער פון מענטשן.

וואס מער דיסציפלין אין שטוב, אין שטייגער־לעבן, וואס מער איינ־געשטעלטקייט און פעסט נארמירטקייט, — אלץ א פעסטערער און געזינ־טערער כאראקטער ביי די קינדער.

— אוי ווי, — הערט איר אפט קלאגן זיך יונגע מוטערס — מיין קינד איז אזוי נערוועז, עס איז אזוי שלעכט און קאפריז; עס פאלגט ניט פון דאנען אהין; און גיסטו אים ניט נאך באלד זיינע קאפריזן, איז גלייך — גוואלדן ביזן הימל און ער מוז שוין אויספירן, און זאגסט אים עפעס, איז רעד צו אים און רעד צו דער וואנט... ווער איך דאך אין כעס און איך נעם זיך שלאגן, — איז נאך ערגער...

וויפל מאל הערט מען אזוינע טענות? הייבט קומען נאך צו אנדערע רייד, בערך אזוינע: — "כ'ווייס ניט פארוואס עס קומט דאס מיר?". וואס האב איך געהאט אין מיין היים? מיין קינד איז דאך טויזנטער מאל גליקלעכער

פון מיר ווי ווען איך בין געווען אין זיינע יארן, און פארוואס זיינען מיר געווען אנדערש? פארוואס איז דאס ביי אונז געווען א ווארט פון דער מא־מען הייליק, פארוואס האבן מיר געהאט אזוי פיל דרך־ארץ פארן טאטן? פארוואס?

און די יונגע מאמע, אפט אפילו געשטודירט און געבילדעט פארשטייט ניט, אז אויב קלעפ, — קומט עס איר ווייל זי איז שולדיק אין די קאפריזן פון איר קינד, און נאך מער — דאס האט זי צעשטערט די נערוון־סיסטעם פון איר קינד אויף א גאנץ לעבן און זי האט עס באשווערט זיין כאראק־טער פאר אים און פאר די מענטשן וואס וועלן דארפן לעבן מיט אים. און אומזיסט די טרייסט — „עס וועט איבערגיין", „עס וועט עלטער ווערן, וועט עס קליגער ווערן". גאר ניט אלע מאל וועט דאס קינד ווען עס וועט עלטער ווערן האבן אזא שטארקן ווילן עס זאל קענען גובר זיין די איינגע־פלאנצטע קאפריזן.

און מיט וואס איז שולדיק די מאמע? — מיט דעם וואס זי האט איר היים ניט געפירט אויסגעהאלטן נארמירט און פעסט איינגעשטעלט. אז זי האט גאר קיין צייט ניט פאר איר קינד, און זי לאזט עס איבער פאר דינסט. די ווייס שוין גוט ווי צו האדעווען דאס פרעמד קינד, אבי נאר די באלע־באסטע זאל ניט וויסן... די מאמע פאלט אריין אהיים ווען עס מאכט זיך און ווי עס מאכט זיך. כדי דאס קינד זאל הנאה האבן וועט זי פאר אים אלע מאל צוטראכטן עפעס א נייעס, א נייעם פארגעניגן. קיין זאך איז אין שטוב ניט איינגעשטעלט, קיינע נארמעס זענען ניטא. אז ביי דער מא־מען זענען צופעליקייטן, מוזן פון דעם קומען קאפריזן ביים קינד. און זי יונגע מאמע פארגעסט זיך גאר אז אין דער ארעמער היים פון אירע על־טערן האט זיך אלץ געפירט איינגעשטעלט ווי א זייגער. דאס גאנצע לעבן פון וואך און פון שבת איז דאך געווען נארמירט אויפן האר, איז שוין במילא ניט געווען קיין ארט פאר קאפריזן.

און ווייטער — זי אין איר קינדהייט האט ביי אירע טאטע־מאמע געזען, אז זיי לעבן ניט „ווי עס ווילט זיך", נייערט ווי „גאט הייסט"; ד"ה, ווי מען „מוז", ווי ע ס א י ז א יי נ ג ע ש ט ע ל ט פ ו

ד ו ר ו ת. און אַט די איינגעשטעלטע נאַרמעס הערשן איבער די דערוואקסענע. האָבן זיך קינדער ניט וויסנדיק און ניט טראַכטנדיק איבערגענומען מיט די איינגעשטעלטע נאַרמעס און זיי זיינען געבליבן נאַרמירט אויף לאַנגע יאָרן. ״ אָבער, די יונגע מאַמע, פירט איר היים „מאָדערן״, אַן די „זאַבאַבאַנעס״ פון „אַלטן כאַנדריקעווע״. זי טוט ווי זי פאַרשטייט... טוט איר קינד איר נאָך אויך אין דעם און ער וויל זיך פירן ווי ע ס פּ אַ ר־ ש ט יי ט... וויל די מאַמע אויספירן ביים קינד, אַז איר פאַרשטאַנד איז פאַרשטאַנדיקער, קליגער. אַפּעלירט זי צום קינדס שכל; ס׳טייטש קינד! מען דאַרף אַזוי ווי איך היים, ווייל אַזוי איז געזינטער, בעסער, שענער... איז אָבער ביים קינד אַט דער אוטיליטאַרער פאַרשטאַנד גאָר ניט אַנטוויקלט. דאָס קינד זעט: די מאַמע טוט וואָס זי וויל, און מיר לאָזט זי ניט טאָן וואָס א י ך וויל!... פאַרשטייט זיך, אַז דאָס קינד קען לגמרי ניט דערקלערן וואָס עס טוט זיך אין אים, און פאַרוואָס עס טוט אַזוי און ניט אַנדערש. אָבער פונקט ווי די פיזיאָלאָגישע פּראָצעסן זיינען ניט אינגאַנצן אָפּהענגיק פון דעם צי מיר וויסן פון זיי, אַזוי זיינען אויך די פּסיכיישע פּראָצעסן אין קינד ניט אָפּהענגיק פון דעם צי עס ווייס ניט פון זיי... איין זאַך פירט אויס די מאַמע מיט איר אַפּעלירן צו דעם וואָס „מען דאַרף״ אַזוי: דאָס קינד געוויינט זיך צו ביסלעכווייז אַז טאָן דאַרף מען נאָר וואָס עס איז נוציק. קיין אימפּעראַטיוון פון א העכערער קאַטעגאָריע, ווי למשל, מען דאַרף אָפּטאָן קעגן דעם ווי עס ווילט זיך ווייל אַזוי הייסט גאָט, ווייל אַזוי הייסט דאָס געוויסן, דאָס געפיל פון רחמנות... דאָס האָט שוין ניט דאָס קינד. בכלל ווערט ביים קינד אין נשמה אַלץ וויניקער אָרט פאַר עטישע באַפעלן. עס ווערט באַהערשט פון עגאָאיסטישע אימפּולסן.... און אין אַלץ איז שולדיק דאָס וואָס אין היים פעלט אַן איינגעשטעלטע דיסציפּלין אין שטייגער. אויסער די צרות, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן, מוז דאָס אומדיסציפּלינירט לעבן ברענגען צו:

א) א פיזיאָלאָגישער צערודערונג פון די רעפלעקסן אין אָרגאַניזם,

ב) א נערוועזער אָנמאַכט צו באַהערשן זיך אַליין. במילא מוז קומען צו

ג) א קנעכטשאפט ביי די אייגענע צופעליקע גלוסטונגען, און פון דאַ־נען איז איין טראַט צו

ד) היסטעריע. און שפעטער קומען

ה) מאראלישע חרטות, א אומצופרידנקייט מיט זיך אליין און א גע־פאלנקייט ביי זיך און אן אלגעמיינע שוואכקייט פון כאראקטער וואס קען זייער אפט שטארק שטערן דעם פשוטן איינאָרדענען זיך אין לעבן.

א דיסציפלין אין א היים איז זייער א נאטירלעכע זאך וואס מען דאַרף וועגן דעם כמעט ניט ריידן; אלע נאָרמאלע מענטשן האָבן ליב זיך צו פירן ווי „מיין טאטע־מאמע האָבן זיך געפירט‟. אויף דעם געפיל איז באזירט די גאנצע טראדיציע פון פעלקער און לענדער.

א פּראָבלעם איז דאָס געוואָרן ביי מאָדערנע יידן, וואָס וואַרפן אָפּ דעם טראדיציאָנעלן שטייגער פון זייער פאָלק. זיי האָבן ניט קיין דיסציפּ־לין אין האלטן אין איין קאָפּירן, און פון דעם קען ניט אויסוואַקסן קיין שטייגער, קיין דיסציפּלין.

געלינגט א יידן איינצופירן ביי זיך אין שטוב א גאנצן און דיסציפּ־לינירנדיקן שטייגער פון א צווייטן פאָלק, באַקומט זיך דאָך פּאַרט ביי די קינדער צעשפּאָלטנקייט: לויט זייער אָרט לעבן און לויט זייער לעבנסדיס־ציפּלין געהערן זיי צום אנדערן פאָלק, אָבער לויט זייער סאָציאלער לאַגע געהערן זיי ניט ווילנדיק צו יידן און דאָס איז שוין דער קאַרנאַווסקי־קאָמפּ־לעקס (צווייטער בריוו).

די אומדיסציפּלינירטקייט מוז אויך אריינטראָגן א גאנצע צערודערונג אין די אינסטינקטן פון דעם מענטשן.

אונזער גאנץ לעבן איז באזירט אויף אינסטינקטן. פון דער נאַטור זיי־נען די אינסטינקטן נייטראל — ניט מאָראליש און ניט אוממאָראליש. ביי מענטשן אָבער איז אויף די אינסטינקטן אויסגעוואַקסן די גאנצע קולטור. און די קען שוין זיין פּאָזיטיוו און אויך נעגאַטיוו. נעמען מיר פאַר א משל דעם הונגער־אינסטינקט. די גאנצע ציוויליזאציע נעמט זיך פון דעם וואָס

מענטשן זוכן ברויט און ווילן זיך פארזארגן מיט ברויט. מענטשן פלאנצן איין קולטור אין די קינדער כדי זיי זאלן האבן צו שטילן זייער הונגער. אבער — פון דער צווייטער זייט טרייבט דער זעלביקער הונגער־אינסטינקט צו גנבה, רציחה און נאך און נאך. די דיסציפלינירטקייט פירט אין א פאר־קערטע ריכטונג. נאך וויכטיקער אין דעם זינען איז א צווייטער, אפשר דער מעכטיקסטער אינסטינקט אין מענטשן — דער סעקסועלער אינסטינקט; ער איז דער מקור פאר דער גאנצער עסטעטיק און קונסט, פון אים שטאמט פאעזיע, שיר השירים, דאס העכסטע און דאס געטלעכסטע אין מענטשן איז ליבע און משפחה־לעבן, דער יסוד פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט. אבער דער זעלביקער אינסטינקט קען ברענגען די שווערסטע קראנקהייטן און פאר־ברעכנס. בנוגע צו די אינסטינקטן איז געוויס ריכטיק דער אויסדרוק פון חומש: „ראה, נתתי לך את החיים ואת המות, ובחרת בחיים". די אינס־טינקטן קענען פירן צום לעבן און צום טויט. אין דער יידישער מאדערנער געזעלשאפט איז די סעקסועלע צערודערונג ניט אין פארגלייך גרעסער איי־דער ווען עס איז און ווו עס איז ביי אונז געווען. אין אלע לענדער פון אונזער וואנדערן נעמען מיר איבער איבערהויפט דאס שלעכטס. אין אימי־גראציע איז תמיד די דיסציפלין שוואכער, עס פעלט די איינגעשטעלטקייט, עס פעלט די געזעלשאפטלעכע מיינונג און קאנטראל. און אומדיסציפלינירט־קייט מוז פירן צו פארווילדונג פון אינסטינקטן, און איבערהויפט פון דעם סעקסועלן. נאך די גמרא קלאגט זיך אז מיר מאכן נאך אלע מאל דאס ערגס־טע. מיר קאפירן כלומרשט דאס גוטס, און עס קלעפט זיך צו צו אונז דאס שלעכטס...

פרעמד בלוט איז אפט א סם; קראנקהייטן נעמען זיך בכלל פון פרעמ־דע שטאפן. געזונט איז בלויז די אנטוויקלונג פון גערירשנטע אייגנשאפטן, פון אייגענער טראדיציע.

די סעקסועלע צערודערונג פון דער יידישער יוגנט אין די אימיגראַ־ציע־לענדער, ווענערישע קראנקהייטן און צעשטערטע לעבנס איז גוואלטיק גרויס. און דער ווארצל פון דעם אלעם איז די אומדיסציפלינירטקייט אין לעבן אין די יידישע היימען.

טויזנטער יארן האט אונזער יידיש פאלק זיך געהאלטן מיט אן אומ־געהויער פעסטער און איינגעפונדעוועטער נאציאנאלער דיסציפלין, וואס האט געטראגן דעם נאמען „יידישקייט“ און שפעטער „רעליגיע“. אט די נאַ־ציאנאלע דיסציפלין האט ניט נאר צעמענטירט דאס פאלק און איינגעהיט די אייניקייט אין צושפרייטונג, נאר אויך דיסציפלינירט איטלעכן יחיד און געשמידט זיין מענטשלעכן כאראקטער. און דא קען בפירוש זאגן: א י י ד ק ע ן ז י י ן א מ ע נ ט ש נ א ר ו ו ע ן ע ר א י ז א י י ד.

און זאל עס נאך געזאגט ווערן: קיין שול קען ניט אויספארריכטן די דעפעקטן אין כאראקטער וואס די אומדיסציפלינירטקייט אין די היימען שאפט. זייער זעלטן גיט זיך איין א לערער א קינסטלער אזוי איבערצוברעכן א כאראקטער, אן איינגעפלאנצטן אין דער קינדהייט, און נאך זעלטענער איז דער איבערברוך א דויערנדיקער. מיט איין ווארט: דאס אומדיסציפ־לינירט לעבן אין יידישע היימען, אן א שטייגער און אן א טראדיציע, אן פעסטע און איינגעשטעלטע נארמעס, אן מאראליש־עטישע מצוות און עבירות, דאס לעבן א קאפירט לעבן שטעלט די קינדער אין די גרעסטע סכנות פון פיזישן, מאראלישן און אויך אינטעלעקטועלן כאראקטער.

און נאך מער איז עס אין יונגע יידישע ישובים וו עס האט זיך נאך ניט אויסגעקריסטאליזירט קיין געזעלשאפטלעכע מיינונג און קאנטראל.

האט איר קינדער אין די וויגן

מוזט איר פאר זיי אחריות קריגן. (פאלקס־ווערטל)

דיסציפלין און פאָלק

אין פריערדיקן בריוו האָבן מיר געזען ווי וויכטיק עס איז אויסצוהאָדעווען א קינד אין א פעסטער און איינגעפונדעוועטער דיסציפלין. עס איז ממש דער גורל און געזונט פון מענטשן אָפּהענגיק פון דעם. אָבער קיין מענטש שאַפט זיך פאַר זיך ניט קיין דיסציפלין, קיינער שטעלט ניט איין קיין דיסציפלין פאַר זיין משפחה, פאַר זיין היים און קינדער. איטלעכער מענטש נעמט די דיסציפלין פון זיין סביבה, איטלעכער גייט מיט דעם וועג וואָס איז אָנגענומען אין זיין געזעלשאַפט. און אָט דאָס מיטלעבן און מיטמאַכן די אָנגענומענע דיסציפלין, דאָס בינדט צו א מענטשן צו זיין סביבה, צו זיין פאָלק.

— צו וואָסער פאָלק געהערט א מענטש?

— צו דעם פאָלק, וועמעס דיסציפלין ער היט אין זיין לעבן.

בכן קען מען זאָגן אַז דיסציפלין און שטייגער פון לעבן איז אַלץ איינס.

ביאָלאָגיש קען מען זיין א ייד און לויט דעם לעבן־שטייגער גאָר עפּעס אַנדערש. אין משך פון עטלעכע דורות ווערן די ביאָלאָגישע סימנים פון יידישקייט צו נישט

וואָס איז אַזוינס דאָס וויכטיקסטע אין געהערן צו א פאָלק? מיט וואָס איז א ייד א ייד? א רוס א רוס א. א. וו.?.

— ניט דאָס קענען די שפּראַך און געשיכטע פון א פאָלק מאַכט פון מענטשן א מיטגליד פון יענעם פאָלק. מיט דעם וואָס א ייד קען די ליטעראַטור און קולטור פון א צווייטן פאָלק ווערט ער נאָך ניט מיטגליד פון יענעם פאָלק. און פאַרקערט — די גרעסטע קענער פון יידישער קולטור זע־

נען געווען און געבליבן גויים און דערצו נאך אפט גאנץ היפשע אנטיסע־מיטן. און אפילו אויב א וולאדימיר סאלאוויאוו אדער א קאקאווצעוו זענען געווען אוהבי ישראל און גרויסע קענער פון דער גאנצער יידישער קולטור זענען זיי דאך נאך אלץ ניט געווען קיין יידן.

אלא, וואס דען? א ייד איז דער וואס לעבט ווי א ייד, וואס פירט א יידישן שטייגער, וואס זיין לעבנס־דיסציפלין איז א יידישע, אנדערש גע־רעדט — דער איז א ייד, וואס היט אפ אין זיין טאג־טעגלעכקייט זיין יידי־שע טראדיציע.

— וואס איז יידישקייט?

— ניט תנך, ניט גמרא, ניט די נייע יידישע ליטעראטור, ניט יידי־שע פילאזאפיע, ניט יידישע מוזיק און קונסט — ניין און ניין. יידישקייט איז ניט ציוניזם, ניט בונדיזם, ניט די רעליגיעזע טעאלאגיע, ניט אפילו די אויסשליסלעך יידישע נבואה — ניין און ניין! דאס אלץ זענען פריכטן פון יידישקייט, דאס זענען אלץ תולדות פון יידישקייט, פראדוקטן אבער ניט יידישקייט אליין. די פרוכט זענען קיינמאל ניט דער בוים גופא. יידיש־קייט איז — א י י ד י ש ל ע ב ן, א לעבן לויט טראדיציע פון דעם יידישן פאלק. די גמרא וואס האט ליב די וויכטיקסטע אידעען ארויסצוזאגן אין קורצע, לאקאנישע זאצן, זאגט אויך דעם געדאנק אט אין וואס כאר א פארמע: „גאט האט ניט געמאכט קיין בונט מיט יידן נאר דורך דער תורה שבעל פה" און תורה שבעל פה מיינט תמיד דאס שטייגערדיקס אין לעבן וואס איז נאך ניט פארמולירט געווארן, די געוויינהייטן פון פאלק.

ווילט איר אייערע קינדער זאלן זיין צוגעבונדן צו א קאלעקטיוו, פילן א צוגעבונדנקייט צו א קאלעקטיוו, ווילט איר אז אייערע קינדער זאלן ניט זיין קיין גייסטיקע נע־ונדניקעס, אפגעשניטן פון אלעמען, — טא האדע־וועט זיי אין א דיסציפלינירנדיקער טראדיציע פון אייער פאלק. דערביי וועלן זיי זיך איינווארצלען אין א קולטור, — און די פרוכט קענען זיין פארשיידענע.

עס איז ווייטער ניט וויכטיק צי מיר געפינען די עלעמענטן פון דער טראדיציע פאר ריכטיקע אדער זיי געפעלן אונז ניט. איז דען א האלדזטוך

אזא קלוגער בגד. וואס מיר נעמען אן מיטן שכל? זענען די טאפעלע מאב־קעטן אויף די הויזן אזוי קלוג און שיין? און אזוינע זענען פאראן טויזנ־טער עלעמענטן אין לעבן וואס מיר היטן אפ אן קריטיק. און מיר האלטן זיך ניט פאר היפאקריטן און ווייס איך וואס. אונזער שארפע קריטיק ווענדן מיר אן נאר צו די געביטן פון יידישן שטייגער און טראדיציע. און עס איז שעדלעך: א מענטש אן א דיסציפלין איז א קראנקער; א מענטש אן דער שטייגערישער דיסציפלין פון זיין פאלק איז אן אומגליקלעכער אן א גייס־טיקער היים, א בוים אןווארצלען!

מעגן די קינדער שפעטער ענדערן דעם שטייגער, מעגן זיי אוועקגיין אין אנדערע וועגן, זיי האבן אבער ווארצלען און זיי זענען איינגעווארצלט אין עפעס.

אבער דאס איז נאך ניט אלץ. איטלעך פאלק ווי אויך איטלעכער מענטש (א רוסישער געלערנטער האט אמאל געזאגט אז א פאלק איז א קאלעקטיווער ארגאניזם) האט זיין כאראקטער, זיין גייסט, זיין נשמה. און ביי איטלעך פאלק איז דער כאראקטער אנדערש ווי ביי איטלעכן מענטשן אויך. אט דעם קאלעקטיוון גייסט פון יידישן פאלק, זיין נשמה האט די יידישע טראדיציע אנגערופן מיטן נאמען „די שכינה" און אין דעם האט דאס יידיש פאלק געזען זיין געטלעכקייט. אבער דא זענען מיר ניט אויסן די פילאזאפישע פראגע ווי יידן פארשטייען גאט אנדערש פון אנדערע פעל־קער. מיר גייען דא צו אן אנדער געדאנק. און אט וואס עס איז: וווּ ווייזט זיך ארויס דער כאראקטער פון א מענטשן? — אין זיינע האנדלונגען, אין זיינע פירונגען און מעשים. ווילט איר דערקענען א מענטשן, טא הערט זיך ניט צו צו זיינע רייד, נאר קוקט זיך צו צו זיינע מעשים, צו דעם ווי ער לעבט און צו דעם ווי ער האדעוועט זיינע קינדער.

ווילט איר דערקענען דעם כאראקטער פון א פאלק, זיין גייסט און נשמה, גייט און פארשט זיינע פאלקס־פירונגען, זיינע זיטן און מינהגים. עס קען ניט זיין קיין ענערגיע אן מאטעריע, עס איז אוממעגלעך א גייסט אן א גוף, — און אזוי איז אוממעגלעך א גייסט פון א פאלק אן א שטייגער.

ווילט איר באהעפטן אייערע קינדער צו זייער פאלק (און אויב איר טוט עס ניט, ברענגט איר זיי צו דעם קארנאַווסקי קאמפלעקס!), טא האט איר קיין אנדער וועג ניט ווי צו באהעפטן זיי צו דער שטייגערישער דיסציפלין, צו די זיטן און מינהגים פון אייער פאלק. דאס איז קודם כל און ראשית כל, שפעטער, אויף די ווארצלען קען קומען דאס לערנען די געשריבענע קולטור פון דעם פאלק, זיין „תורה שבכתב" הייסט עס. לערנען אין שול יידישע קולטור און אין די היימען לעבן ניט קיין יידישן לעבן איז געגליכן צו דעם ווי מען וואלט געקלעפט פארטיקע פרוכט צו א בוים וואס האט ניט קיין ווארצלען. קיין מאל טארן ניט די עלטערן זיך פארלאזן אויף דער שול: „דאס קינד וועט גיין אין שול וועט עס שוין דארטן ווערן א ייד"... עס איז פאלש. אין אזוינע פאלן קען אמאל דאס לערנען פון לערער ארויסרופן א פארקערטע רעאקציע. אויך דאס איז פאראן ערגעץ אין גמרא: די תורה איז א סם חיים (א לעבנס עלעקסיר) אבער זי קען פאר אנדערע, וואס זענען ניט ווערט, ווערן אויך א סם המות. דאס דארפן עלטערן גוט געדענקען: א קינד ווערט א ייד אין דער היים, ניט אין שול.

וואס זענען די עלעמענטן פון דעם נאציאנאלן שטייגער? פון דער נאציאנאלער דיסציפלין?

— דאס זענען שפראך, יום־טובים, מאכלים, זיטן אין פירונגען אין היים און אין געזעלשאפט. און דא זענען פאראן אויף יעדער געביט צווייערליי — געבאטן און פארבאטן, וואס מען מוז און וואס מען טאר ניט. מען מוז אין אלע מאמענטן פון לעבן נאכגיין דער טראדיציע פון פאלק און מען טאר ניט איבערנעמען קיין זאך פון א פרעמדער טראדיציע. די עלעמענטן פון דער אייגענער טראדיציע דארפן ניט זיין סתם קאפירט פון דעם וואס עס איז געווען אמאל. יעדער דור לייגט אריין אין די פארמען פון פיר די אידעען און אידעאלן פון זייט צייט. בייטן זיך די אידעאלן פון פאלק — בייט זיך אויך דער אינהאלט פון דעם יום־טוב. איז פסח למשל געווען אין פארשיידענע צייטן: דער יום־טוב פון וואנדערער־שאף פיטערערס, דער יום־טוב פון לאנדווירטשאפטלעכן פרילינג, פון נאציאנאלער באפרייאונג און

שפעטער — פון רעליגיעזער אויסגעהאלטנקייט. אלעמאל אבער זענען אלע יידישע שבתים און יום־טובים „זכר ליציאת מצרים" — דער סימבאל פון נאציאנאלער פרייהייט און באפרייאונג. מעג און דארף יעדער דור איבער־שמידן די עלעמענטן פון דער אלטער טראדיציע פון די נייע אידעען פון פאלקס־באפרייאונג. דארף קיינער ניט מיינען אז אויב טראדיציע מוז זי זיין א קאפיע פון דער פארגאנגענהייט. פונקט פארקערט: אזא פארגליווער־טע טראדיציע וואס פאסט שוין ניט צו די נאציאנאלע אידעאלן, איז א טויטער באלאסט. יעדער ייד, יעדער היים דארף אט אזוי אפהיטן די אלטע טראדיציעס אין פארמען וואס זאלן איינהאלטן אין זיך די אידעאלן פון קיום האומה און די נאציאנאלע גאולה.

פירט אזא דיסציפלינירנדיקע טראדיציע איין מענטש, איז דאס א אינ־דיווידועלער ענין, פירן אזא איינהייטלעכע טראדיציע א סך מענטשן, — ווערט עס שוין פון זיי א פאלק. און בכן איז אפהיטן אזא דיסציפלינירנ־דיקע טראדיציע ניט בלויז אן ענין וואס איז נוציק פאר די קינדער גופא, נאר עס איז אויך אין די אינטערעסן פון דעם גאנצן פאלק ווי אזא. די אינ־טערעסן פון יחיד פאלן זיך דא אין גאנצן צונויף מיט די אינטערעסן פון כלל.

און זאלן די ריין וועלטלעכע היימען ניט מורא האבן פאר דער רע־ליגיעזקייט פון דער טראדיציע. עס איז אין גאנצן ניט אמת: ביי אנדע־רע פעלקער זענען דא צוויי פאראלעלע געביטן פון לעבן: די נאציאנאלע דיסציפלינירנדיקע טראדיציע און מחוץ פון דעם קומט די רעליגיע. עס זע־נען צוויי באזונדערע פאקטארן. ביי יידן איז דער נאציאנאלער שטייגער פארהייליקט געווארן און איז געווארן די רעליגיע פון פאלק. מען קען זיך ניט אפזאגן פון נאציאנאלן שטייגער, פון יידישער דיסציפלין און בלייבן א ייד.

אין די אינטערעסן פון די קינדער, אין די אינטערעסן פון דעם פאלקס קיום, דארפן יידישע היימען זיין אויסגעהאלטן דיסציפלינירט אין גייסט פון דער יידישער טראדיציע.

אין וואָס פאַר א שול זאָל איך שיקן מיינע קינדער.

ביי קיין פאָלק אין דער וועלט וואָלט זיך אזא פראַגע ניט געשטעלט. פּוילישע עלטערן וועלן אומעטום און אלע מאָל שיקן זייערע קינדער אין א פּוילישע שול, טערקן — אין א טערקישע שול, וועגן ענגלענדער, פראַנצויזן איז דאָך אפגערעדט.

ביי אונז יידן איז אָבער דאָס א גאַנצע פּראָבלעם; איך בעט אייך, וואָסער טאַטע־מאַמע זוכן דאָס ניט „עפּעס אן אנשטענדיקע שול" (און עס איז דאָך באַקאַנט, אַז אַנשטענדיק איז פאַר א יידן עפּעס וואָס עס איז „געוואַקסן ניט אויף אונזער מיסט"). ווען יידישע קינדער אָנפילן די שולן פון אלע פעלקער, איז זיך האַלטן גרויס מיט דעם. שיקן די קינדער אין א יידישע שול — דערצו דאַרף מען איינריידן, אַגיטירן, דערקלערן, אויפקלערן, און עס העלפט ווייט ניט אויף די הונדערט פּראָצענט...

און פאַר די עלטערן וואָס שיקן שוין יאָ זייערע קינדער אין א יידישע שול, הויבט זיך ערשט אָן א פּראָבלעם; וואָסער שול זאָל מען אויסקלייבן, אַז עס זענען ברוך השם דאָ אזוי פיל מינים שולן, און גיי ווייס וואָסערע איז די בעסערע!

ביי אלע פעלקער אין דער וועלט איז די אָנהייב־שול אן איינהייטלעכע; אלע קינדער פון אמעריקע — אָרים און רייך, קינד פון אַרבעטער און פון באַנקיר — אלע דאַרפן דורכמאַכן איין און דעם זעלבן טיפּ שול מיט איין און דער זעלביקער פּראָגראַם. רעפּובליקאַנער און דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן — פאַר אלעמען איז פאַראַן איין א מ ע ר י ק א נ ע ר

שול. אזוי אויך ביי אלע אנדערע פעלקער. מער ניט אין דער פאר־היטלער־שער דייטשלאנד זענען געווען א גאנצע ריי פארשיידענע שולן. יענע זענען אבער געווען ריין פעדאגאגיש עקספערימענטן. די איינהייטלעכקייט פון שול־וועזן איז פאררעכנט פאר איינעם פון די יסודות פון דעמאקראטיע. אויך ביי אונז איז אמאל געווען איין איינהייטלעכע שול פאר אלע יידן. דער חדר איז געווען אזא אלגעמיינע שול פאר די קינדער פון דעם רב און פון דעם בעדער, פון דעם גביר און פון דעם אונטערשמש. איין פראגראם און איין אינהאלט פאר אלע קינדער פון דעם גאנצן פאלק.

איצט איז אבער אנדערש ביי אונז. אמאל האט זיך דער נביא באקלאגט, אז וויפל שטעט, אזוי פיל געטער ביי יידן, — היינט וואלט א נביא געקלאגט, אז וויפל פארטייען און ריכטונגען, — אזוי פיל שול־סיסטעמען. יידישע קאמוניסטן האבן זייער שולן, ארבעטער־רינג, דער פארבאנד, ציוניסטישע גרופעס, מזרחי און אגודה — איטלעכע גרופע בויט זיך שולן פאר זיך. אפילו אין ארץ־ישראל זענען דא עטלעכע באזונדערע שולנס־וועזנס פון הסתדרות (די צעירי ציון ווידער באזונדער), פון די אלגעמיינע ציונים, פון מזרחי און פון אגודה. און אז גאט גיט, צעקריגן זיך עטלעכע יידן סתם אזוי, שוין גאר ניט צוליב אידעען און אויף צולהכעיס בויט מען נייע שולן און מען טראכט שוין צו א אידעאישע אנדערשקייט... די מאטיוון קומען שפעטער. טא גיי זיי א בריה און וויים וואסער שול איז בעסער און וואהין זאל מען שיקן די קינדער.

לאמיר פרובירן קומען די עלטערן צו הילף!

קודם־כל דארף געזאגט ווערן: די רייכקייט אין שולוועזנס איז ניט קיין סימן ברכה. וואלט ביי יידן געווען טייער דאס וואס עס מאכט פון יידן יידן, וואלטן אלע שולן געווען איינהייטלעך... איך מיין דערמיט צו זאגן, אז ווען די היימישע, פאלקסטימלעכע יידישקייט (וואס דאס איז דער יסוד פון פאלק) וואלט געווען ביי יידן ליב און טייער, וואלטן אלע שולן אומאפהענגיק ווער עס האט זיי געגרינדעט און ווער עס האלט זיי אויס — וואלטן זיי אלע געווען ענלעך.

אויב אבער יעדער שול און יעדער שול־סיסטעם האט אן אנדער איי־

האלט, איז דאס א סימן אז זיי אלע ווייכן פון יידישקייט ווי זי איז אונז געגעבן געווארן און „מען טראכט צו ב יי ע יידישקייטן" וואס האבן נים קיין ווארצלען אין אונזער לעבן. אלע אזוינע שולן ווען אפילו זיי זאלן האלטן די קינדער צוואנציק יאר קענען אויך נים צובינדן די קינדער צום יידישן פאלק. דען צובינדן קינדער צו זייער פאלק קען נאר ווען מען פאר־ווארצלט זייער גייסט אין די אינהאלטן פון פאלק. ווארפט מען אפ די אינ־האלטן וואס ס'פאלק האט מיט זיי געלעבט אין זיין געשיכטע, בלייבן אלע אידעען בלויז „צוגעקלעפטע", סוגעסטירט, איינגערעדט, פאראגיטירט. אבער אין נשמה זענען זיי ניטא. אזוינע סוגעסטירטע אידעען קענען זיך האלטן זייער שטארק איבערהויפט ביי היסטערישע נאטורן. אבער עס מוז קומען א צייט ווען מען „ניכטערט" זיך אויס פון זיי און מען פארווארפט זיי ווי אלטע שמאטעס, ווי קינדערשע נארישקייטן.

מען הערט זייער אפט פון יידישע „פעדאגאגן" און נאך אפטער, פון איגנאראנטן, פון עמארהצישע דעה־זאגערס, פון אזוינע מענטשן וואס ווייסן, אז כדי צו זאגן א דעה וועגן שיך דארף מען זיין א מבין, אבער זיי שטעלן זיך גארניט פאר, אז כדי צו זאגן דעות אין דערציאונג דארף מען אויך עפעס וויסן און עפעס זיין א מבין: איז אט אט די טומלדיקע טומלערס און אלצווייסנדיקע חוצפהניקעס פארשרייען דאס אויף אלע גאסן אז:

— די יידישע, שול דארף האדעווען סאציאליסטן!

— די יידישע שול דארף גרייטן קאמוניסטן!

— די יידישע שול מוז ארויסלאזן פארטיקע ציוניסטן!

— די יידישע שול דארף לכתחילה האדעווען מעדעמיסטן, בארוכאָ־וויסטן, פועלי־ציון, צעירי־ציון, פשוטע ציוניסטן, מזרחיסטן און אזוי אן א סוף און אן און עק... ניטא קיין יידיש פאלק. פאראן נאר אלערליי ..יסטן.

און אין דער אמתן זענען אלע די טענות און פאדערונגען פאלש און שעדלעך. לאמיר דאס דערקלערן מיט א יידישלעכן משל:

צוויי גערטנירער האבן זיך פארמאסטן צו האדעווען עפלביימער פון איין באשטימטן סארט. האט איינער גענומען יונגע ווילדע ביימלעך און זיי פארפלאנצט און געלאזט זיי זיך טיף און פעסט פארווארצלען. ערשט שפע־

טער האָט ער אויף דיביימלעך מיט די שטאַרקע וואָרצלען אַרויפגעגרעפּט „אויגעלעך“ פון דעם גוטן סאָרט. און געוואַרט געדולדיק ביז פון די צאַרטע אויגלעך וועלן אין משך פון יאָרן אַרויסקומען צווייגן מיט עפּל.

דער צווייטער גערטנער האָט קיין צייט ניט געהאַט און די נאַטור פון ביימער ניט געוווסט, האָט ער צו די צווייגן פון די יונגע ביימלעך געקלעפּט פאַרטיקע און גוטע עפּל... האָט ער זיך באַרימט „אַט זעט ס׳אַר א בריה איך בין — ביי יענעם זענען די ביימלעך ווילד, און ביי מיר זעט ס׳אַר אַן עפּל עס וואַקסן!“

און דער נמשל איז קלאָר: מען טאָר ניט אויף די קינדער אין פאָלקשול אַרויפגרעפּטן קיינע פאַרטיקולאַרע אידעאַלן, קיינע איזמען און קיינע לאָזונגען. די אַרויפגעקלעפּטע אידעען מוזן פּונקט ווי אַרויפגעקלעפּטע עפּל נעמען פוילן, ווי אַלץ וואָס צימ ניט קיין זאַפטן פון די וואָרצלען. און די גייסטיקע, די מאָראַלישע ווי אויך די אינטעלעקטועלע וואָרצלען פון א קינד, דער באָדן ווו א מענטש דאַרף זיין פאַרוואָרצלט, — דאָס איז די מונדלעכע און די פאָרמולירטע קולטור פון זיין פאָלק. די תורה שבעל פה און די תורה שבכתב.

פאַראַן אין פּעדאַגאָגיק א געזעץ וואָס איז איבערגענומען פון דער ביאָלאָגיע. אין ביאָלאָגיע רופט מען אים „ביאָ־גענעטישער“ געזעץ און ער זאָגט אַזוי: איטלעכער יחיד דאַרף אין זיין אינדיווידועלער אַנטוויקלונג איבערחזרן די הויפּט־עטאַפּן וואָס זיין מין האָט דורכגעמאַכט אין זיין פילאָגענעטישער אַנטוויקלונג (אַנטוויקלונג פון דעם גאַנצן כלל). אַזוי קען מען אין עמבריאָן פון א מענטשן געפינען מאָמענטן ווען ער איז ענלעך צו א פיש, צו א פראָש וכדומה.

אין פּעדאַגאָגיק קען מען צוליב גרינגקייט דעם געזעץ פאָרמולירן בערך אַזוי: איטלעכער מענטש דאַרף אין זיין דערציִאונג איבערחזרן אין א פאַרקירצטער פאָרמע די וויכטיקסטע קולטור־מדרגות וואָס זיין פאָלק האָט דורכגעמאַכט אין זיין נאַציאָנאַלער געשיכטע. דערציִאונג דאַרף אָנהייבן פון דעם מאַטעריאַל וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן אין זיין קינדהייט. דאָס איז דער פאָלקלאָר און אַלדאָס פאָלקסטימלעכע בכלל. פון דאַנען קען דאָס קינד בהדרגה און ביסלעכווייז דורכמאַכן אַלע עטאַפּן פון זיין פאָלקס־קולטור ביז

אירע העכסטע שפּיצן. פון א באבע מעשהלע און א קינדישן שפּיל־לידל ביז די טיפסטע פּראָבלעמען פון א כוזרי, א ביאליק און א פּרץ. דאָס איז דער געזונטער וועג אין דערציאונג ביי אלע פעלקער און אויך ביי יידן. עס איז און עס מוז זיין א נאטירלעכער און א דויערנדיקער פּראָצעס אין די מאָרד־קעמערלעך פון קינד. דאָס איז דער זינען פון דער „פאלק־שול"; ס'הייסט א שול וואָס נוצט אויס פאר דער גייסטיקער אנטוויקלונג פון קינד דעם מאטעריאל און די אינהאלטן וואָס דאָס פאָלק האָט געשאפן און איבערגעלעבט. דאָס איז דער זינען פון דער פאַרשול דער־ציאונג, וואָס דער פאָטער פון דער מאָדערנער פּעדאגאגיק, יאַהאַן עמוס קאָ־מעניוס האָט אינטואיטיוו אנגערופן „מוטער שול". אָט פארוואָס פרידריך פרעבל, וואָס האָט אזוי פיל געליטן פאר זיינע געדאנקען אין זיין יונקערישן דייטשלאנד נאָך מיט קנאַפּע הונדערט יאָר צוריק, פארוואָס ער האָט זיין דערציאונג סיסטעם אנגערופן „קינדער־גאָרטן". — א קינד, הייסט עס, מוז זיך אנטוויקלען פון זיך, פון אינעווייניק, אָט אזוי ווי א בוים אין א גאָרטן.

אלץ וואָס איז די קינדער אריינגעגעבן פון דער פרעמד איז שוין ניט דערציאונג, גארניט קיין דערציאונג. עס האָט א צווייטן נאָמען. דאָס איז דרעסירונג.

פּונקט ווי חיות קען מען אויך קינדער דרעסירן, און נאָך א סך גרינ־גער איידער חיות! מען קען זייער גרינג פון קינדער אויסדרעסירן וואָס איר ווילט. מען קען זיי אין איין יאָר מאכן, צו זיבן יאָר, פאר גאנצע „יסטן, פון וואָס פאַר א מין דער לערער (אנטשולדיקט — ניט לערער, נאָר דרעסירער) וויל.

אָבער דרעסירונג איז ניט דערציאונג. זי אנטוויקלט ניט די אינעווייניקסטע גייסטיקע כוחות פון קינד. דרעסירונג איז א סך מערער גאָר א פּראָ־צעס פון היפּנאָז, פון סוגעסטיע, וואָס שוואכן גאָר אָפּ דעם גייסטיקן „איך" פון קינד. א פאראנטוואָרטלעכער דערציער וועט זיך גיט גאָר דערלויבן צו פארביטן דערציאונג מיט דרעסירונג. דאָס איז א דערציאונג אויף פארקערט. מיר איז אויסגעקומען צו באטראכטן א יוגנט אין עלטער פון די צוואנצי־

קער וואס מען האט אין קינדהייט דרעסירט פאר סאציאליסטן. פון צענדלי־
קער איז בלויז איינע געווען א סאציאליסטקע; און פארוואס? — ווייל דורך
דעם האט זי זיך דערווארבן א גוטע קאריערע... די איבעריקע האבן געהאסט
דעם סאציאליזם און די „גוטע" לערערס זייערע, וואס האבן זיי אמאל דרע־
סירט. ס'איז געווען א געפיל ווי מען וואלט זיי אין קינדהייט פארגוואל־
טיקט גייסטיק. ווער עס פארנעמט זיך מיט יידישער דערציאונג ניט פון
נעכטן און ניט צוליב פאליטישע אמביציעס, — דער האט געוויס זיך דער־
קונדיקט אז ארץ־ישראל האט זיך געבויט, בויט זיך און וועט זיך בויען ניט
דורך די וואס מען האט זיי אין קינדהייט דרעסירט פאר ציוניסטן... זענען
אבער פאראן ביי אונז צום באדויערן א סך עלטערן און לערערס וואס האבן
ליב זיך צו שפילן מיט דרעסירטע הינטלעך און מיט דרעסירטע קינדער: —
א נו, קום אהער, כאפ א שטיקל צוקער און שטעל זיך אויף די הינטערשטע
פיסלעך. אדער — אנו, קום אהער און זאג איבער די רעדע וואס דו פאר־
שטייסט אווארט ניט פון איר, וועסט כאפן א קניפ אין בעקל. ביי אונז איז
אט די קינדער־דרעסירונג דערצו נאך געווארן גאר א מיטל אין פאליטישן
קאמף פון פארטייען און ריכטונגען. און עס ווילט זיך אויסשרייען: — יידן!
דרך־ארץ פאר דער נשמה פון קינד! יידן פון אלע פארטייען און פון אלע ריכ־
טונגען! לאמיר קודם־כל אלע, אלע צוזאמען, דערציען יידן, איינגעווארצלטע
יידן, יידן פון א גאנץ יאר און פון אלע דורות יידישקייט. דעמאלט וועט
זיין גענוג יוגנט פון וואנען צו ווערבירן אמתע אנהענגער פון אלע אידעען
אין יידנטום...

פון דאנען ווערט קלאר דער ענטפער אויף דער פראגע, וואסער שול
אויסצוקלייבן. קודם־כל מוז דאס זיין א יידישע שול. קיין קינד קען זיך ניט
אנטוויקלען נארמאל אין א פרעמדער סביבה, ווי א געוויקס קען זיך ניט
איינווארצלען אין א ניט צוגעפאסטן באדן.

און צווייטנס דארף עס ווידער זיין א י י ד י ש ע שול, א שול וואס
באמיט זיך צו ציען די ווארצלען פון קינד וואס טיפער אין זיין פאלקס־
טראדיציע, עס זאל פילן א גאנץ לעבן זיין המשך אין פאלק, אט ווי א יונג
צווייגעלע פילט זיין המשך ביז די טיפסטע און די עלטסטע ווארצלען פון

דעם אלטן בוים. דאָס ארויפגרעפּטן אידעען, — דאָס מוז קומען שפּעטער, אין צייטיקן עלטער. ווען א קינד אריינוואַקסן אין זיין פאָלק, ווען אין אים אויסוואַקסן א אידעאישע צוגעבונדנקייט צו א אידעאל פון זיין פאָלק. דאָס איז דער איינציק ריכטיקער וועג אין דערציאונג. די גמרא רופט עס אָן „דרך ארוכה וקצרה״.

און זאָלן עלטערן, שולן און לערערס ניט זיין געגליכן צו יענעם נאַרישן גערטנירער פון משל וואָס קלעפּט ארויף עפּל אויף א ביימל וואָס האָט נאָך גאָר ניט קיין ווארצלען...

— די שול מוז זיין א יידישע און ניט קיין „...„יסטישע״; א פאָלקישע און ניט קיין פּארטייאישע; א כלל ישראלדיקע און ניט טייל פון ישראל.

— פון איין שטאַם שטאַמען צעצווייגן זיך אַלע צווייגן. צעשטערט ניט דעם שטאַם — פון וואַנען וועלן די צווייגן קומען?!!

א שול פון וועמען? — פון יידישן פאָלק, אָדער פון פארטיי?

א יידישע שול געהערט צו א גרעסערן קיבוץ ווי די דירעקטע טוערס פון דער שול. מיר זענען דאך איין פאלק, אלע שולן אומעטום טוען דאך די זעלביקע ארבעט, אלע האבן זיי דאך די זעלביקע צילן, מיר זענען אלע גלידער פון איין ארגאניזם, און מיר דינען אלע איין אידעאל — דאס יידיש פאלק און זיין קיום. וואלטן מיר געווען א געזונט פאלק, מיט א געזונט באַוווסטזיין וואלטן מיר שוין לאנג געהאט אן אלוועלטלעכע ארגאניזאציע פון די יידישע שולן איבער דער גארער וועלט, מיר וואלטן געמיינזאם גע־זארגט וועגן לערערס, וועגן פראגראמען, וועגן ביכער פאר אלע שולן פון דעם יידישן פאלק אין אלע לענדער פון אונזער צעשפרייטונג. דען ווו מיר זענען זענען מיר, —

אָבער יידן זענען מיר אומעטום און אלע מאל.

האט אן אסימילירטער ייד, וואס איז צוריקגעקומען פון דער וייטער פרעמדער וועלט (דאכט זיך, סטעפאן ווייז) געזאגט, אז אן אמעריקאנער איז ער איין דור, א ייד, אומצאליקע דורות, אין דער אייביקייט אריין. איז אָבער ביי אונז אלעמען אין נשמה אט דער פאלקס־באוווסטזיין אפגעשוואכט ביז גאר. מיר זענען צעפיצלט און צעברעקלט, צעשאטענע בלעטער פון א בוים, וואס טראגן זיך מיט אלע ווינטן אין אלע זייטן, און ווילן גארניט וויסן, אז: אדער מיר זענען א גאנץ פאלק אדער מיר זענען שטויב פון א פאלק; אז דער גאנצער זינען פון דעם אייביקן „אחד" באטייט אייגנטלעך

און האט דעם ציל די גאנצקייט און די אייגהייט פון דעם יידישן פאלק דורך אלע דורות און איבער אלע וועלטן און לענדער.

ווייס איטלעכער ענגלענדער, ער מעג געהערן צו וואסער קלאס ער גע־הערט, צו פארשיידענע פארטייען און ריכטונגען, אז איבער אלעמען איז דער ענגלישער „דזשאן בול״ זייער סימבאל פון דעם גאנצן פאלק; מעג אן אמעריקאנער געהערן צו וועמען נאר איר ווילט, איז דאך פאר אים „אנקל סעם״ העכער און וויכטיקער פון אלץ. ווייס איטלעכער בירגער פון דעם גרויסן סאוועטן פארבאנד, אז „דאס מוטערל רוסלאנד״ — דאס פאטער־לאנד איז העכער פון אלץ און עס פארבינדט אלעמען, אלעמען, זינגען אלע קאנאדער — אן ערב רב פון מענטשן פון אלע פעלקער און לענדער. וואס זענען לויט זייער אפשטאם גאר ניט קיין פאלק, דאך זינגען אלע „א, קע־נעדא״... מיט אזא פיעטעט צו דעם אלגעמיינעם לאנד, און מען וויל שאפן איין גאנץ פאלק.

נאר ביי אונז איז עס אנדערש: שוועסטערקינדער — קינדער פון ברי־דער וואס דער עמיגראציע־שטראם האט זיי פארטראגן אין פארשיידענע לענדער קענען זיך דאך ביי אונז ניט צונויפרעדן: די האלטן פאר זייער כבוד צו ריידן נאר ענגליש, יענע ריידן גאר שפאניש, און אז דער טאטע איז פארטראגן געווארן קיין בראזיל, וועלן די קינדער ניט מפסיק זיין פון זייער פארטוגעזיש, און אז איין ברודער איז געזעסן א פאר יאר אין פראנק־רייך, זענען די קינדער דאך סאמע פראנצויזן... לייבלעכע קרובים, זענען מיר דאך פרעמד איינער צום צווייטן. אייניקלעך וואס טראגן דעם נאמען פון איין און דעם זעלביקן זיידן רופן זיך דא יאש, און דארטן דזשייק, און דארטן גאר כאקאבא און ווער קען גאר וויסן נאך ווי אזוי מיר זענען צע־שפרייט איבער אלע אומות און צעברעקלט איבער אלע לשונות. און עס וואקסן ביי אונז דורות וואס ווילן פארגעסן און זיי האלטן אין פארגעסן אז

וואס מיר זיינען און ווו מיר זיינען

אבער יידן זיינען מיר!

נאך מער. עס איז גאר ביי אונז געווארן א מצוה צו ברעקלען זיך אין צו שפאלטן און ניט וועלן וויסן איינער פון דעם צווייטן, — און וואס מער

גרופקעלעד און פיצעלעד איז הרי זה משובח — אלץ בעסער. די האלטן אז היות ווי זיי זענען דאך דייטשישע „יודען" שטייט זיי דאך ניט אָן צו זיין צוזאמען מיט די „פאלנישע שווייגען". יענע זענען אונגארישע, מוזן זיי דאך זיין אפגעזונדערט. דער איז א ליטוואק, היינט אויב איינער האט גאר, שטעלט זיך פאר, אן אמעריקאנער פאס, טא ווער איז צו אים גלייך... און אזוי בלאזט זיך יעדער איינער מיטן יחוס פון „זיין לאנד", צו אין ווייט צו אונז אין אלע אט די „אונזערע" לענדער!

דאס איז איין צעברעקלונג — א געאגראפישע.

קומט נאך צו א צווייטע — א אידעאלאגישע. די האלטן אז "כל ישראל" איז די גרעסטע עבירה אין דער וועלט, און דער וואס דערלויבט זיך גאר צו האלטן פון כל ישראל, דער איז גאר ניט ווערט וואס די ערד טראגט אים. עס איז פאראן אין פוילן א יידישער פראלעטאריאט, אים דיי־נען מיר און אלדאס איבעריקע איז א שמעק טאבאק ניט ווערט. די יידן אין רוסלאנד האבן א פערטל יארהונדערט ניט געוואלט וויסן פון אלע אנ־דערע יידן, האבן זיך געגרייסט און געלאכט פון זיי און געשפאט פון זייערע צרות. די בלאזן זיך אז זיי זענען ניט קיין יידן נאר „עברים", א היברו ביישאן זענען זיי און זיי ווילן גארניט האבן צו טאן מיט דעם „צווייטן" פאלק, מיט די יידן פון גלות. זיי ווילן ניט וויסן און דארפן גארניט פון די יידן אין גלות, סיידן דארטן, ווייס איך וואס, קליינגעלט א ביסל. און די גרעסטע טייל — לאזט זיי בכלל צורו. מען לאזט נאך, — מאכט מען דעם דאלאר און מען שפייט בכלל אויף אלץ און אלעמען. מען מאכט א קעדטל און „באדערט" ניט, דרייט ניט קיין קאפ מיט יידן־שמידן. גענוג פאר אונז צו טראכטן פון דעם וועך מען צווינגט, איז כל זמן מען צווינגט ניט. איז חי געלעבט און א סוף. ווי זינגט מען דארטן? —

שוין ניטא דער נעכטן

נאך ניטא דער מארגן.

פאראנען נאר א פיצעלע היינט,

טא פארשטערט אים ניט מיט זארגן...

אט דער „היינטיזם", דאס פרעסן און זויפן ווייל מארגן וועט מען

שטארבן און ניט קענען — דאס נעמט גאר צו דאס לעצט ביסל געפיל. מיר זענען שערבלעך צעבראכענע פון א פאלק און מיר לעבן אן אחריות, אן א זארג פארן מארגן, פאר דער צוקונפט פון די קינדער, פון דעם פאלקס מארגן.

מען טוט ביי אונז: די קלייבן געלט און יענע קלייבן געלט — אלע קלייבן געלט. איטלעכער פאר זיין קלייזל, און ער וויל גארניט וויסן פון דעם צווייטן טייל. ער איז איינער און ווייטער קיינער. איטלעכער ציט צו זיך, אין זיין ווינקעלע.

מען רעדט ביי אונז א סך וועגן „יידיש פאלק", פאלק און פאלק איז פאלק. אבער איטלעכער איינער מיינט אז פאלק איז ער און די וואס פאלגן אים, וואס גיבן געלט פאר וואס ער קלייבט און וויפל פאנדן אזוי פיל „יידי־שע פעלקער" זענען מיר גאר. און דאס איז אונזער קללה. אפשר די שווערס־טע פון אלע קללות. אז גאט האט געוואלט ניט לאזן דער וועלט בויען דעם הויכן טורעם וואס זאל פארייניקן און פארבינדן, איז ער אראפ און צע־מישט די לשונות, מענטשן זאלן ניט פארשטיין איינער דעם אנדערן; איז געווארן א דור הפלגה, די מענטשהייט איז צעפיצלט און צעברעקלט גע־ווארן. מיר, דאס יידיש פאלק זענען פארשאלטן געווארן, כ'ווייס ניט פאר וואסערע זינד, מיט אן אייביקן דור הפלגה. אז עס קומען זיך צונויף א מנין יידן, דארף מען דאך דאנקען גאט וואס מען צעגייט זיך בשלום און מען האט איינער דעם צווייטן די קעפ ניט צעשפאלטן. פארשטייט זיך — מיט רייד, ניט מיט פויסטן. אבער מיט דעם „הקול קול יעקב" שלאגן מיר זיך ניט ערגער ווי עשו מיט זיין „הידים ידי עשו". דער אונטערשייד איז אויך דאס וואס עשו שלאגט יענעם, און מיר שלאגן זיך אליין...

אין איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאבן פון א יידישער שול אייננצו־פלאנצן אין די קינדער דעם געפיל, דעם באגריף, דעם ווילן און גלויבן פון יידישן פאלק אין זיין גאנצקייט, מען מוז געבן די קינדער דעם נאציאנאלן „אחד" —

וואס מיר זיינען. זיינען מיר
אבער יידן זיינען מיר!

וו מיר זיינען זיינען מיר
אבער יידן זיינען מיר!

איבער לענדער, צווישן פעלקער, אין מיטן פון אלערליי קולטורן; אי־בער דורות, דורך אלע צייטן און אייביקייטן, פון פרת און ירדן ביז דער וואלגא און האדסאן, פון די מיצרישע פיראמידן און ביז עראפלאנען און טעלעוועזיע זענען מיר איין פאלק — מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, איין גאט און איין פאלק.

איינפלאנצן דאס אין די הערצער און אין די מוחות פון יידישע קינ־דער — דאס איז די הייליקסטע אויפגאבע פון דער שול אומעטום און פון אלע טיפן. צום באדויערן פארשטייען דאס ווייט ניט אלע לערערס און אויך ניט אלע שול־טוערס. זייער אפט, צו אפט שפאנט מען איין אויך די שול אין די סעפאראטיסטישע וועגענער. מען באמיט זיך שוין אין שול אפשניידן די קינדער פון דעם כל ישראל, מען לערנט די קינדער פון קליינווייז אז: „ איר זייט טאקע יידן, אבער אנדערע, ניט יענע און יענע, וואס מען דארף זיך אפשיידן פון זיי״. אזוינע שולן שטרייכן תמיד אונטער אז זיי געהערן ניט צום יידישן פאלק נייערט צו א טייל פון אים, וואס איז לויט זייער מיינונג דער בעסטער און אלע איבעריקע — נו, זיי טויגן אויף כפרות.

איינפלאנצן אין די קינדער די „אחדות האומה״ וואס איז איצט באד וויכטיקער ווי אחדות הבורא, דאס איז די הויפט־אויפגאבע פון דער שול, פון דער יידישער שול, פון אלע יידישע שולן.

ווי אזוי קען עס א שול אויפטאן? — ערשטנס דורך דעם מאטעריאל וואס עס ווערט געלערנט. אין א יידישער שול מוז געלערנט ווערן נאר דאס וואס דאס פאלק האט דערמיט געלעבט דורך דורות. אלץ וואס ס׳פאלק האט מיט דעם געלעבט איז זיין תורה. לערנענדיק אט די תורה פון פאלק, ווערט מען באהעפט צום פאלק. אלע מענטשן וואס ווערן דערצויגן אויף אט דעם זעלביקן פאלקס־אינהאלט, זיי פארשטייען זיך נענטער, טיפער, זיי זענען ארגאנישע קינדער פון איין פאלקס קאלעקטיוו. קיין זאך וואס עס האט ניט זוכה געווען צו ווערן א גייסטיקער אינהאלט ביים פאלק, וואס ס׳פאלק האט ניט גענוצט ווי א פאלק, זוכנדיק אין דעם אויסצודריקן זיין פאלקיש־

קייט, — קיין זאך אזא דארף ניט זיין קיין אינהאלט אויך אין שול. דארף אין שול ניט געלערנט ווערן, מעג עס זיין פון שטאנדפונקט פון קונסט, פון אנדערע שטאנדפונקטן זיין ווי וויכטיק! די יידישע שול טאר ניט זיין קיין שפראך־שול, זי האט ניט קיין אויפגאבע אויסצולערנען די אדער יענע שפראך. די יידישע שול איז שול פון אינהאלטן, און דער אינהאלט פון שול דארף זיין און קען זיין נאר דער אינהאלט פון פאלק אין זיין נאציאנאלן פאלקס לעבן. ווילסטו צובינדן א קינד צום פאלק, — טא בינד צו דעם אינהאלט פון פאלקס נשמה צום קינדס נשמה. בלויז אזעלכע ווערק און אזוי־נע שאפונגען דארפן ווערן דער אינהאלט פון שול וואס ס'פאלק האט זיי געניצט אדער וואס דעם פאלקס לעבן און זיין נשמה איז דער אינהאלט פון ווערק.

לויט דעם צוגאנג דארף רעווידירט ווערן דער גאנצער לערן־מאטע־ריאל פון שול. שוין אין קינדערגארטן דארף אויפן ערשטן ארט קומען א פאלקסטימלעכער מאטעריאל וואס איז ניט זייער קינסטלעריש אבער ער איז גאנגבאר אין פאלק, און א קינסטלעריש ווערק ניט קיין פאלקסטימלעכע — וואס דארף קומען פריער? — דאס ערשטע, דאס פאלקסטימלעכע. אזוי אין ליטעראריש, אזוי אין געביט פון פאעזיע, אין מוזיק, אין בילדער און צייכענונגען, אין אלץ. תנ"ך? — געוויס קיין פראגע ניט! אין עטלעכע ציקלען. צוערשט אין פארם פון מעשהלעך דערציילט דורך דעם לערער נאך אין קינדערגארטן, שפעטער אין טעקסט אין עטלעכע ציקלען. און דא אויך ניט ווי די וויסנשאפטלער לערנען דעם תנ"ך, נאר ווי דאס פאלק האט אים גענוצט. ניט אונזער באבעס דאגה וויפל ישעיהס עס זענען געווען, ווען זיי זענען געווען, פון וועמען זיי האבן געשטאמט, וואס פאר א מעטריקעס זיי האבן געהאט, וואסערע דרויסנדיקע סיבות אין ז יי ע ר צ יי ט עס האבן ארויסגערופן זייערע רייד און מיינונגען. ניט צובינדן דעם אינהאלט פון די תנ"ך־טיילן צו זייערע שעפער און שרייבער, נייערט פארקערט. ווי דאס פאלק האט זיך געפירט: דער עיקר איז דער אינהאלט, און דער דארף געלערנט ווערן אומאפהענגיק פון זיין צייט און פון זיין ארט; דער אינ־האלט איז ניט קיין טעקסט פון אן אלטן פארצייטיקן שריפט וואס ווערט

ווי אזא קריטיקירט און אנאליזירט. ניין, עס איז און עס דארף אין לער־נען זיין א ווארט, א מעשה, וואס איז אייביק און אלע מאל אקטועל און גיל־טיק אין אלע דורות און אין אלע ערטער. און וואס יעדער דור און יעדער מענטש קען אין דעם זען א סימבאל פון זיינע אידעען און געדאנקען. איז תנ״ך אזוי ארום א וויכטיקער אינהאלט פון שול לשם אחדות האומה. און דאך —

דאך איז דער תלמוד, טיילן פון תלמוד נאך וויכטיקער, נאך נאציא־נאלער, נאך מער ווירקזאמער פאר דער אחדות האומה.

מען האט ביי אונז פון דער השכלה אן ניט באצויגן זיך ווי געהעריק צו דער גמרא. קודם כל דערפאר ווייל... די גויים האלטן דאך ניט פון תלמוד. און מיר פון דער השכלה אן — קוקן מיר אויף די גויים ווי אויף אונזערע רביים. דער תנ״ד, א דאנק גאט האט א הסכמה פון די גויים.

פאר אונז אבער, אין דער אמתן, איז דער תלמוד וויכטיקער ווי דער תנ״ד. דער תנ״ך איז צו אוניווערסאל, ער איז אנגעמבאר פאר אלעמען, אויך פאר ניט־יידן, בעת דער תלמוד אבער איז דאך געשאפן געווארן לשם ולשמה צו פורעמען און צו פארמולירן דאס ספעציפיש יידישעס, דאס וואס שיידט אונז אפ פון אלע אנדערע פעלקער. מיטן האלטן פון תנ״ך ווערט מען ניט קיין ייד. מיטן האלטן פון תלמוד — יא. נאך אין גמרא איז ער־געץ פאראן אז ניט די תורה שבכתב טיילט אונז אפ פון די אומות העולם און נאר די תורה שבעל פה, געמיינט ניט נאר דאס פארשריבענע אין תלמוד, נאר אלץ וואס עס איז דא ספעציפישעס אין יידישן לעבן.

וועלטלעכע יידן שרעקן זיך פאר דער רעליגיעזקייט פון דער גמרא, אבער עס איז אויך א טעות און א גרויסער. דער תנ״ך איז ניט אין פאר־גלייך מער רעליגיע ווי דער תלמוד. רעדט דאך דער תנ״ך תמיד אין נאמען פון גאט, פאר גאט, צוליב גאט דער תלמוד אבער רעדט אין נאמען פון יידישקייט, פון דער יידישער תורה, ווי מען האט עס דעמאלט געררופן, דער תלמוד קען זיך דאך פארגינען אוועקצוזעצן צדיקים אין גן־עדן צו פירן א וויכוח מיט גאט (ער זאגט טהור און זיי זאגן אז ניט), ווייל די תורה־יידיש־קייט, הייסט עס, איז ניט ביי גאט, נאר ביי יידן, אין פאלק, און פסקענען

דעם וויכוח דארף ניט דער בורא עולם, נאר א ייד — רבה בר נחמני. בכן איז אויך די רעליגיעזקייט פון תלמוד איבערגעטריבן. זיין נאציאנאלער ווערט איז ביי אונז, פארקערט, ניט דערשאצט. אין תלמוד אין דער הלכה איז דער יידישער שטייגער, די אגדה — דער יידישער טרוים און געדאנק, אין פשט און פשטל — די יידישע פסיכיק. ניט דער תנ״ך האט אונז געמאכט פאר א פאלק און אויפגעהאלטן, נאר דוקא דער תלמוד. ער איז געשאפן געווארן פון יידישקייט און פאר יידישקייט און ער האט עס אויפגעהאלטן יידישקייט. ניט אומזיסט האט דאס די יידישע טראדיציע פון אייביק אן געלייגט מער אכט אויף לערנען דעם תלמוד איידער אויף לערנען תנ״ך. און גערעכט אזוי. די מעטאדיק פון תלמוד איז ווייט ניט באארבעט, אבער דאס האט שוין ניט אהער קיין שייכות.

די געווייינטלעכע „היטער״ פון תלמוד באגייען אבער אויך א גרויסע עוולה קעגן דעם פרינציפ פון אחדות האומה. דאס פאלק איז איינס דורך אלע דורות און אין אלע דורות איז עס שעפעריש, און אין אלע דורות שאפן זיך נייע ווערק וואס שפיגלען אפ דאס לעבן פון פאלק ווי די ספרים פון תנ״ך אין זייער צייט, ווי דער תלמוד אין זיינע צייטן. און פונקט אזוי ווי אין די צייטן פון תלמוד זענען געווען קעגנער וואס האבן ניט געוואלט אריינפירן דעם תלמוד אין לעבן און אין שול, אזוי טוען היינט די געשוואוירענע אנהענגער פון דעם תלמוד און ווילן ניט אריינלאזן אין דערציאונג גארנישט וואס עס האבן געשאפן די נייע דורות אין זייער פארמע און געשטאלט. פונקט ווי יענע האבן לייקענענדיק די שעפערישקייט פון יידישן פאלק אין זייער צייט, זיך אפגעריסן פון דעם לעבעדיקן פאלק און זיך אפגעשניטן ניט ממשיך זייענדיק דעם קיום פון פאלק, פונקט אזוי קען דאס לייקענען די היינטיקע שעפערישקייט פון פאלק ברענגען צו ניט קיין אנדערע און ניט קיין בעסערע רעזולטאטן. אין די צילן פון אחדות האומה און פון קיום האומה מוז אין שול אריינגעבראכט ווערן אלץ פון די שאפונגען פון די נייע דורות וואס זיי שפיגלען אפ די נשמה פון פאלק אין זיין לעבן היינט.

לויט דעם פרינציפ איז אזא ווערק ווי טוביה דער מילכיקער ניט ווייי־

ניקער יידיש און ניט ווייניקער נאציאנאל וויכטיק ווי למשל איוב פון תנ״ך, און אפשר נאך וויכטיקער, ווייל ער איז נענטער און אקטועלער, עס איז גרינגער אים אויפצונעמען און צו פארבינדן מיטן היינט און ארויסצוציען פון אים דעם מוסר־השכל פארן היינט. און אזוינע ווערק פון דער היינטי־קער ליטעראטור, און אזוינע עלעמענטן פון דער היינטיקער שאפונג פון פאלק מוזן זיין אויך מאטעריאל פון דערציאונג ווי דאס אמאליקע, די וואס ווילן ניט אנערקענען דעם פאקט און דעם פרינציפ, די שניידן אפ דאס יידיש פאלק, זיי שניידן אפ זיין המשכדיקייט, און א פאלק וואס הערט אויף צו שאפן, איז ווי א בוים וואס הערט אויף צו וואקסן — ער מוז אפ־שטארבן.

דער אויספיר פון דעם ביז איצט געזאגטן איז —

דער הויפט־ציל פון דער יידישער שול איז אחדות האומה און קיום האומה. צוליב דעם דארף די יידישע שול זיין א שול פון מקורים, ניט אויס־לערנען א סכום ידיעות, באגריפן, קענטעניש, כללים, געזעצן, אייספירן, — נייערט זי דארף אריינפירן אין קינד די מקורים פון פאלק כדי דאס קינד אריינצופירן אין פאלק.

מיט דעם נאמען „מקורים״ רופן מיר דא אן איבערהויפט טעקסט; וואס דאס פאלק האלט זיי אין ניצן און לייגט אין זיי אריין זיינע איבער־לעבונגען און אויך די ווערק וואס שפיגלען אפ די איבערלעבונגען פון פאלק.

גליקלעך איז דער און געבענטשט זאל זיין יענער

וואס וועט פאראייביקן אייערע טרערן,

הייליקע צווייטוויזנטיעריקע טרערן! (ביאליק)

די איינהייטלעכקייט פון פאלק ווערט דא דערגרייכט דורך דער איינ־הייטלעכקייט פון דעם מאטעריאל וואס אויף אים דארפן זיך האדעווען די דורות פון פאלק. ביי אנדערע פעלקער איז דער מאמענט ניט אזוי וויכ־טיק. זיי האבן אנדערע פאקטארן פון איינהייט, זייער שול איז מערער א וויסנשאפטלעכע, מערער א באלערנדיקע איידער א געשטאלטנדיקע.

אבער דאס איז נאך ווייניק. די גאנצקייט פון פאלק און די צוגעבונדנ־קייט צום פאלק קען זיך ניט באגנוגענען נאר מיט דעם איינהייטלעכן איג־

האלט פון שול. עס מוזן נאך צוקומען מעשים מיט א „לשם יחוד" פאר דער גאנצקייט פון פאלק און זיין אייניקייט. צווערשט א פאר „לא תעשה"עס, וואס מען טאר ניט טאן כדי זיך ניט אפצורייסן פון פאלק. ריידן העברעיש איז געוויס ניט קיין עבירה. נאר קוים קומט עס אונטערצושטרייכן, אז מען איז אנדערש פון אלע יידן, אז מען שיידט זיך אפ פון זיי, קען דאס פירן צו א פארקערטן פונקט ווי דער וואס מען מיינט. אנשטאט צו פארשטארקן דאס יידיש פאלק, קען עס פארקערט אים אפשוואכן, צעשניידן, צעברעכן. נאך ערגער איז מיט דער הברה ספרדית אין אלע לענדער ווו אלע יידן דאוונען און זאגן ארויס די העברעאישע ווערטער וואס אין יידיש אויף אשכנזיש. די וואס נוצן אין די שולן די ספרדישע הברה רייסן אפ די קינדער פון דער גאנצער פאלקס טראדיציע און בינדן זיי צו קיין זאך ניט צו. דאס איז א חטא לא יכופר קעגן דער אחדות האומה. די גאנצע שלילת הגלות איז א סכנה וואס דראט מיט אפרייסן זיך פון פאלק און אנשטאט דעם גלות ניט געבן קיין גאולה, נאר א גרעסערן גלות. שלילת הגלות אין שול איז א נאציאנאלער פארברעך — מען רייסט ארויס פון קינדס הארץ זיין שנור וואס בינדט אים צו צום פאלק, אנשטאט וואס די שול דארף אט דעם שנור פארשטארקן, פארפעסטיקן. אויסטיילן לאמיר זאגן דעם פראָלעטאריאט פון פאלק, אים פארהייליקן כדי אלע אנדערע מבטל צו זיין; איז ווידער אמאל דער זעלביקער חטא.

לאמיר אנרופן אויך עטלעכע פאזיטיווע מצוות.

ערשטנס, די מקורים פון פאלק דארפן געלערנט ווערן, — און די מנהגים פון פאלק דארפן אפגעהיט ווערן. און ניט דוקא מנהגים פארשריבענע, ווי רעליגיעזע. אויך זיטן ניט פארשריבענע, אנגענומענע אויב נאר זיי זענען אנגענומען לשם יידישקייט, ניט כדי נאכצומאכן און צו קאפירן פרעמדע פעלקער. זיי — די נאציאנאלע פארמען פון שטייגער זענען ניט ווייניקער וויכטיק ווי דעם פאלקס מקורים אויב נאר זיי ווערן א דיסציפּלין, א חוק אין לעבן.

און צום סוף — עס ווערן אין שולן געמאכט זאמלונגען. ווי דער מנהג איז ביי אונז זענען דא ארגאניזאציעס אן צאל און זאמלונגען אן א שיר.

דארף עס אין שולן ניט זיין. דא מוזן מיר זיך א ביסל אפשטעלן אויף דעם באגריף „קיום האומה״.

אלע יידישע פארטייען האבן אייגנטלעך אין זינען דעם קיום פון יידישן פאלק. מער ניט וואס זיי גייען צו צו דעם ניט מיט דעם ריכטיקן פּערא־גאגישן וועג. איין פארטיי וואס האט א סך שולן ביי יידן האלט אז אין פאר־בינדונג מיט רוסלאנד וועט פאר יידן זיין בעסער, און דעריבער דארף מען אין די שולן פלאנצן קאמוניזם. אנדערע מיינען אז אין פארבינדונג מיט דעם פראלעטאריאט וועט קומען די הצלה פאר יידן, און דעריבער דארף די יידישע שולן לערנען און פלאנצן די אידעען פון א וועלט־פראלעטאריאט. אנדערע ווידער האלטן אז אין דער דעמאקראטיע פון אמעריקע ליגט באַ־האלטן דער יידישער משיח, און מהאי טעמא דארפן די יידישע שולן פלאנצן א ליבע און געטרייקייט צו דער אמעריקאנער דעמאקראטיע, צו רוזוועלטן און צו זיין אדמיניסטראציע וכדומה, און דער גאנצער אינהאלט פון שול דארף זיין אמעריקאניזם. ס׳איז א מין קיום האומה. ס׳איז אבער, ווי זאגט מען — ר׳ בער אבער ניט דער. די פארשפרייטסטע אידעע איז: ארץ־ישראל וועט ראטעווען דאס יידיש פאלק און מהאי טעמא דארף אלץ אין שול צו־געשפיצט זיין צום ציוניזם, דער אינהאלט פון די לימודים, דער מאטעריאל וואס ווערט געלערנט, אלץ וואס עס ווערט געפייערט אין שול, די אקטיווי־קייטן — אלץ דארף גענומען ווערן פון ציוניזם און ניט פון די פאלקס־אוצ־רות וואס האבן ניט קיין שייכות צום ציוניזם, ניט פון דעם גלותדיקן מא־טעריאל. די קארטע פון ארץ־ישראל איז א לימוד אין שול, די ארץ־ישראל־דיקע יום־טובים און טענץ און געזאנגען דארפן ארויסשטויסן אלץ דאס וואס עס שמעקט מיט גלות־יידישקייט. עס איז געוויס א קיום־האומה, אבער — לאמיר זאגן אפן ווי וווייטאקדיק עס זאל ניט זיין — א פאלשער און א שעדלעכער. און אט פאר וואס.

מיט דעם ווארט „אומה״ — פאלק, מיינט מען ניט די צאלן מענטשן וואס זענען געבארן געווארן יידן און זיי ליידן פון דעם און מען דארף זיי פיזיש ראטעווען, געבן זיי א מעגלעכקייט צו לעבן רואיק אן פחד. ניט דאס איז קיום האומה. דאס איז פאר זיך א גרויסע מצווה פון אייביק אן ביי

יידן, ראטעווען א יידן איז געגליכן ווי ראטעווען די גאנצע וועלט; פדיין שבויים פלעגט ביי יידן דוחה זיין אלע אנדערע מצוות. אמת, אבער ניט דאס איז קיום האומה. מיט דעם אויסדריק מיינט מען ראטעווען און אייג־האלטן און איינהיטן דאס אלץ וואס עס האט יידן געמאכט פאר יידן, אלע גייסטיקע אינהאלטן און פארמעגן פון לעבן וואס זיי האבן אויסגעצייכנט אונז צווישן פעלקער אין משך פון טויזנטער יארן און אונז געגעבן ענערגיע, כוח, מוט, דרייסטקייט אריבערצוטראגן אלץ פאר אונזער איד. קיום האומה מיינט קודם־כל ראטעווען די „נ כ ס י ה א ו מ ה" — דעם פאלקס גייסטיקן פארמעגן און זיינע אייגנטימלעכקייטן אין לעבן און ארום דעם ווי ארום א צענטער צונויפזאמלען וואס מער יחידים פון פאלק. אלע פאר־טייען וואס קומען ראטעווען יידן דורך אפזאגן זיך פון יידישקייט, פון אונ־זער היסטארישן המשך, פון טיילן פון אונזער גייסטיק פארמעגן — די אלע מיינען ניט קיום האומה, נאר קיום היידן, מיר אבער ריידן דא נאר פון קיום האומה און מיר גלויבן אז דער קיום היידן וועט קענען זיין נאר דורך קיום היידישקייט — דורך קיום האומה.

אוודאי דארף א ייד קענען די קארטע פון ארץ־ישראל! אבער לאמיר לערנען א גזרה שווה מיטן בארג סיני. וועגן בארג סיני זאגט די גמרא אז ער איז הייליק נאר ווען די שכינה האט אויף אים גערוט. נסתלקה השכינה — נסתלקה קדושתו. — אן יידישקייט איז דער בארג סיני גארניט ניט ווערט. אודאי דארפן מיר אלע יידן שטרעבן צו א היים, צו ארץ־ישראל. אבער נאר דערמיט וועט ארץ־ישראל ווערן באמת אן ארץ־ישראל ווען מיר וועלן אהין אריבערטראגן אלע אינהאלטן פון דעם פאלק ישראל, אלע אייגנ־טימלעכקייטן וואס האבן אונז איינגעהאלטן אין גלות. אז די קינדער וועלן אויסוואקסן מיט די נכסי האומה אין קאפ און אין הארץ, וועט מען פאר־שפארן צו לערנען די קארטע פון ארץ־ישראל. אז מען וויל האדעווען א בוים וואס זאל געבן גוטע עפל דארף מען ניט נעמען קיין עפל און קלעפן צום בוים. מען דארף גאר געבן די ווארצלען מיסט, מען דארף גרעפטן א צווייג — די פרוכט וועלן קומען. ווי איז צו די פלאנצער וואס פלאנצן די עפל ניט די ביימער. דער וואס איז אנגעפילט מיט די נכסי־האומה, דער וועט

זוכן במילא א היים פאר זיי, פארן פאלק. דער אבער וואס וויל ארץ־ישראל ווייל ער איז דערוויטערט פון די נכסי־האומה, ווייל ער האט פיינט דעם גלות, די יידישקייט וואס אין גלות, ווייל ער וויל בויען א נייע יידישקייט, א נייע אומה, — דער גייט אויף דעם וועג ניט פון קיום־האומה, נאר פון א פאלשן משיח. די געשיכטע אונזערע ווייס צום באדויערן צופיל פון אזוי־נע פאלן. אט די מחלוקת ציט זיך שוין ביי אונז פון ירמיהו הנביא אן, און מיר האבן אייגנטלעך ניט וואס מחדש צו זיין. מיר דארפן נאר היטן די דרכים וואס די אייביקע „שומרי החומות״ האבן שוין פאר אונז אנגעצייכנט.

און בכן דארף די יידישע שול לויט איר אינהאלט, לויט איר ציל פון אחדות־האומה און קיום־האומה זיין א כל ישראלדיקע, ניט קיין פארטיי־אישע, מעג די פארטיי זיין די ריכטיקסטע און די וויכטיקסטע. צום באַ־דויערן זענען כמעט אלע אונזערע יידישע שולן דוקא פארטייאישע און ניט קיין כלל ישראלדיקע. און דאס איז איינע פון די סיבות פון די שוואכע אויפטועו פון די יידישע שולן אומעטום און בעיקר אין אמעריקע.

קענען מיר איצט איבערגיין צו א פרט, לאמיר זאגן צו די זאמלונגען אין שולן. מיר זענען א פאלק וואס האט זיך אויפגעהאלטן מיט אן אינעווי־ניקסטער דיסציפלין, מיט פרייוויליקע שטייערן וואס האבן געטראגן דעם נאמען צדקה. דארפן קינדער עס זען אין די היימען ווי טאטע־מאמע גיבן צדקה, דארפן זיי אויך זיך געוויינען צו טיילן זיך מיט וואס זיי האבן, צו געבן פון זייערס. אבער אלע די זאמלונגען צווישן קינדער דארפן גיין אין נאמען פון פאלק און ניט אין נאמען פון דעם אדער יענעם קאמפיין.

— פאר וועמען גיט איר עס?
— פארן פאלק ישראל גיבן מיר
— ווער זייט איר?
— וואס מיר זענען זענען מיר
אבער יידן זענען מיר.

אט אויף אזא וועג דארף די יידישע שול דינען די צוועקן פון אחדות־האומה און פון קיום־האומה.

וועגן א פראָגראם פון א יידישער שול.

א ייד פון א ווייטער אמעריקאנער שטאָט ווענדט זיך צו מיר מיט אזא פראגע: עס איז צו זיי אין שטאָט געקומען א נייער לערער אין א שול אריין און אריינגעבראכט א נייע פראָגראַם. מען דארף לערנען, לויט אים א גאנצע ריי באזונדערע לימודים וואס דער פריערדיקער לערער האָט פון זיי נים געהאלטן. און אָט זענען זיי:

יידיש, העברעאיש, געשיכטע, רעליגיעזע יום־טובים, תעניתים, וועלט־לעכע יום־טובים, יידישער לעבנס־שפּייגעל, יידן אויף דער וועלט, יידישע אינסטיטוציעס, פארטייען און באוועגונגען, ציוניזם, הסתדרות, ארץ־ישראל קענטעניש, סאָציאלע באוועגונגען און פארבינדנדע ידיעות. און דער ייד פרעגט אין בריוו ווער פון די צוויי לערערס איז גערעכט.

היות ווי די פראגע וועגן פּראָגראם אין די יידישע שולן איז לגמרי נים קיין לאָקאלע. פארקערט, איז כמעט ניטאָ קיין איין שול וואָס זאָל זיך נים ווארפן צווישן די צוויי פּאָלוסן — פיל לימודים˙ און הויפּט־לימודים, פּאָליצענטריזם און מאָנאָצענטריזם; און היות ווי די פראגע האָט בכן א אינטערעס פאר אלע יידן, וועל איך דאָ פּרובירן ענטפערן אויף דער פרא־גע עפנטלעך.

פאראן צו דער פראגע וועגן פּראָגראם צוויי היפּוכדיקע צוגענג — א מאַטעריאַליסטישער און א פאָרמאַליסטישער. דער ערשטער צוגאנג מיינט, אז אלץ וואָס א מענטש קען דארפן האָבן אין לעבן דארף די שול פון פאָרויס געבן דעם תלמיד. א מענטש דארף קענען˙ ריכטיק אָנשרייבן אן אדרעס, דארף עס די שול אויסלערנען; א מענטש דארף קענען ריכטיק וואָש: ד־

ציינער, — דארף מען דאס אין שול לערנען; א וועש־צעטל צוזאמענשטעלן, האלטן א האמער אין האנט, א נאגל ארײנשלאגן, א קנעפל אריינגייען, — מיט איין ווארט: די שול איז די צוגרייטונג צום לעבן, א „פרוזדור" וואלט איך געזאגט און אלץ וואס דאס לעבן פאדערט דארף די שול געבן, לערנען.

די פארמאליסטן אין פעדאגאגיק זאגן: ניט מען קען אין שול אויס־לערנען אלץ, ניט מען דארף עס. די שול איז ניט קיין „דעפארטאמענט סטאר" ווו א קינד קומט אריין און קריגט אלץ וואס עס וועט דארפן האבן אין זיין רייזע דורכן לעבן. די שול גיט קיין זאך ניט אויף שפעטער, זי דארף דורך דעם מאטעריאל און דורך די מעטאדן פון ארבעטן איבער דעם מא־טעריאל אזוי אנטוויקלען דעם קינדס אלע פייאיקייטן, עס זאל אליין קע־נען אין אלע סיטואציעס אין לעבן געפינען וואס מען דארף און מאן עס. די שול, הייסט עס, דארף פורימען דאס קינד, ניט אנפאקן זיינע וואליזשעס מיט נוציקן באגאזש; זי דארף געשטאלטן, פאנאנדערוויקלען דעם קינדס כוחות און פייאיקייטן, אזוי אז עס זאל קענען אלץ דערגרייכן אן דער הילף פון לערערס.

די מאטעריאליסטן מוזן זען ארײנצוגעבן אין זייער פראגראם אלץ, וואס א מענטש דארף קענען און וויסן. די פארמאליסטן, פארקערט, קלייבן אפ פון אלע מעגלעכע לימודים נאר דאס וואס עס איז לויט זייער מיינונג דאס וויכטיקסטע. דאס וואס קען ווי צום מערסטן אנטוויקלען דאס קינד, ארײנגעבן אין אים ברייטערע און וויכטיקערע קרייזן פון אינטערעסן, שארפן און שלייפן זיין אריענטאציע און דענקען און דאס איז פאר זיי גענוג. אל־דאס איבעריקע, גלויבן זיי, וועט שוין דער מענטש מיט זיינע פייאיקייטן אליין קענען דערגיין ווער ער וועט דארפן.

די „אבות פון פעדאגאגיק" — קאמעניוס, פעסטאלאצי און דערהויפט פרעבל זענען אלע געווען פון די פארמאליסטן. אויפן שוועל פון ביינצײטן י"ה נאך האט הערבארט געשאפן דעם טערמין „דערציעריש לערנען" מיי־נענדיק דערמיט צו זאגן אז דאס פארמירנדיקע, די געשטאלטנדיקע השפעה פון דעם לערנען — דאס איז דער עיקר. האט ער טאקע געגלויבט און ניט אן רעכט אז לערנענדיק האמערס עדיסעא קען ער אנטוויקלען א פולקאמען מענטשן אין זיין דור און זיין צייט. מיין רבי כהנשטאם ע"ה פלעגט ליב

האבן צו זאגן אז ער נעמט זיך אונטער צו אנטוויקלען א מענטשן אפילו לערנענדיק מיט אים כינעזיש, אונטערשטרייכנדיק דערמיט אז ניט וויכטיק איז דער מאטעריאל וואס מען לערנט, נאר די געשטאלטנדיקע ווירקונגען פון דעם לערנען: קרייז־אינטערעסן, שעפערישקייט און מעטאדן פון דענקען און רעאגירן. איבעריקס האט עס אויך אזוי געהאלטן די אלטע יידישע טראדיציע. אונזערע עלטערן פלעגן ליב האבן צו זאגן אין א וויץ, אז דער וואס קען א בלאט גמרא דער וועט קענען אויך פארקויפן אן ארשין געוואנט און אויך איינשפאנען א פערד. אין דעם וויץ איז געלעגן אן ערנסטער גלויבן אין דעם „פעדאגאגישן אפטימיזם” אז מען דארף נאר די תלמידים *אויסלערנען לערנען*, ווייטער וועלן זיי שוין קענען גיין אליין און אין יעדן מאמענט זיך אליין אויסלערנען וואס זיי וועלן דארפן.

אין דער פראקטיק אבער, אין די מלוכהשע שולן איז מען מערער גענייגט צו א מאטעריאליסטישן צוגאנג. איבערהויפט איז דאס צו זען אין די שטארק קאפיטאליסטישע לענדער: די פראגראמען זענען אנגעפיקעוועט מיט זאכן וואס זייער דערציערישער ווערט איז זייער ספקדיק, אבער זיי זענען נייטיק אין דעם טאג־טעגלעכן לעבן. אין מאטעמאטיק ווערט געלייגט די הויפט־וואג אויף דעם פראקטישן רעכענען, אין נאטור למשל, ווערט מער אכט געלייגט אויף היגיענע א. א. וו. די דערציערישע ווירקונג אויף דעם גייסט פון תלמיד ווערט אפגערוקט אין הינטערגרונט. צי איז דאס נוציק? צי פאלגט אויס דער דערוואקסענער מעגמש די היגיענישע כללים וואס ער האט געלערנט קינדווייז אין שול? — אין ניין און נײַנציק פראצענט איז דאס ניט אזוי: היגיענישע און אנדערע זיטן ווערן איינגעפירט דורך דער פראקטיק, דורך געוויינהייטן אבער ניט דורך אויסלערנען. שרייבן אן אדרעס, קאנטראלירן דעם חשבון פון ק־אם, צונויפרעכענען א פראקטישן חשבון — די גאנצע תורה פון שול ווערט דא זייער ווייניק גענוצט. עס איז אין דעם סיסטעם צו בויען אזוי א פראגראם פאראן א ביטערער „פעדאגאגישער פעסימיזם”. מען זאגט אים ניט ארויס, אבער ער ליגט אין גרונד. דער געדאנקען־גאנג איז אזא: די שול איז א מאסן־דערשיינונג, לערערס דארף מען אין די צענדליקער טויזנטער; די לערערס אליין זענען גייסטיק ניט גע־

נוג אנטוויקלט זיי זאלן קענען אנטוויקלען די אינטואיציע פון די תלמידים. די עצם אינטואיציע איז גאר ניט נויטיק פאר דער גרעסטער מערהייט בירגער, וואס זיי דארפן זיין אויספאלגער פון באפעלן און טאן וואס מען הייסט. ניט די לערערס קענען אנטוויקלען דעם גייסט, ניט די טעכניק פון פראדוקציע פאדערט עס. גענוג אז מען פארשטייט וואס מען הייסט און מען איז גענוג שרייב־און לייען־פייאיק דאס דורכצופירן.

ווי א מוסטער פון דעם ווי ווייט זיבלאז דער פעדאגאגישער מאטעריאליזם קען ווערן וועל איך דא ברענגען איין פאקט: מיר איז אויסגעקומען צו הערן א רעדע פון א בילדונגס־מיניסטער אין איינער א קאנאדישער פראווינץ וועגן דער בילדונג נאך דער מלחמה. דער עיקר אויף וואס דער השובער רעדנער האט זיך אפגעשטעלט איז געווען דאס וואס היות נאך דער מלחמה וועט מען זיך אין פארקער באנוצן איבערהויפט מיט עראפלאנען, וועט מען אין קורס פון געאגראפיע דארפן רעדוצירן די טיילן וואס באהאנדלען די מארפאלאגיע פון דער ערד־אויבערפלאך: טייכן, בערג וואסערן וכדומה... אזוי ווי כלומרשט וואלט דער לימוד פון געאגראפיע געהאט אין זינען אז די תלמידים זאלן שפעטער קענען וויסן ווו און ווי צו פארן. דער מיניסטער האט ניט געוווסט אז נאך מיט מער ווי הונדערט יאר צוריק האט אין א רוסישער קאמעדיע א מאדאם געענטפערט אז ווו און ווי צו פארן וועט שוין דער... פורמאן, און קיין געאגראפיע דארף איר זון צוליב דעם ניט לערנען. לגבי היינטיקע צייטן איז געוויס די מאדאם פראסטאקאווא (סימפליציססימא) גערעכט. די באן־אינזשינערן האבן שוין פעסטגעשטעלט די וועגן ווי צו פארן. און געאגראפיע דארף מען גאר לערנען ניט האבנדיק אין זינען קיינע רייזעס, נאר איינצופלאנצן אינטערעס צו גאטס וועלט און צו די פראצעסן וואס קומען דארטן פאר. דער חשובער מיניסטער פון בילדונג האט אבער פארגעסן צו טראכטן וועגן דעם גייסטיקן אינהאלט פון די צוקונפטיקע בירגער. ער קען טראכטן נאר אין קאטעגאריעס פון פראדוקציע: עס גייט אן א גרויסע „ביזנעס”, עס קומען אריין נייע מאשינעס, — דארפן מענטשן זיין צו זיי צוגעפאסט. אויב איר ווילט, איז עס געצנדינערייי אין ערגסטער פארמע. און לייענט איבער

פּרצעס „וואָס אַ מאָל ווייניקער" און פּסקנט ווער עס איז גערעכט; דער מיניסטער אָדער יוחנן דער מלמד.

דער מאַטעריאַליסטישער צוגאַנג האָט אין זינען „הענט"; די פּראָדוקציע ברויכט הענט, און די שול גרייט צו.

דער פאָרמאַליסטישער צוגאַנג איז דער הומאַניסטישער; איטלעכער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן בצלם און ער איז ווערט צו ווערן אַליין אַ „הייסער", אַליין שעפער פון זיינע מעשים, אַ פירער פון זיך אַליין און נים נאָר אַן אויספירער.

דאָס איז שייך דערציאונג בכלל. און איצט עטוואָס וועגן דעם זעלביקן פּראָבלעם בנוגע יידישער דערציאונג אין אַמעריקע. איז דאָ אַ ריכטיקער דער פּעסימיסטישער מאַטעריאַליסטישער צוגאַנג אָדער דער אָפּטימיסטישער פאָרמאַליסטישער צוגאַנג.

לאָמיר זען:

א) קיינער פון אונז קען ביי יידן ניט וויסן פאָרויס די באַדינגונגען און די סביבה ווו עס וועט אויסקומען אונזערע תלמידים צו לעבן ווען זיי וועלן אויסוואַקסן. קיינער קען זיך ניט נעמען „אָנצולאָדן" זיינע תלמידים מיט אַלץ וואָס זיי וועלן דאַרפן. אַזאַ מיינען איז מער ווי נאַאיוו און אַ לערער דאַרף זיך עס ניט דערלויבן. די דערציאונג אין די אַלטע שטעטלעך אין פּוילן און אין רוסלאַנד האָט אויסגעהאַלטן פולקאָם דעם עקזאַמען; די דאָרטן דערצויגענע האָבן זיך געקענט איינפּאַסן אין נייע סביבות און מאַכן אַ לעבן אין די פאַרשיידנסטע באַדינגונגען, וואָס קיינער האָט זיך אויף זיי נישט געריכט און קיינער האָט ניט געטראַכט „צוצוגרייטן" די קינדער צו זיי. קיין מאָל אין דער וועלט וועט אַ מאַטעריאַליסטיש געבויטע דערציאונג אַזאַ עקזאַמען ניט קענען אויסהאַלטן. אָט האָבן מיר פאַר זיך אַזאַ בולטן ביישפּיל: די יידישע יוגנט אין אַמעריקע, דערצויגן אין דער שפּראַך פון לאַנד, אויף דער קולטור פון לאַנד, — און זי ווייזט אַרויס אַ סך ווייניקער צופּאַסונג פייאיקייטן צום לעבן. אין אַ גרויסער מאָס איז דאָ שולדיק דער מאַטעריאַליסטישער צוגאַנג אין דער דערציאונג.

ב) ווייל ניט אַלץ קען מען אויסלערנען אין קינדהייט עס זאָל טויגן

אין דערוואקסענעם עלטער. אן אדרעס קען מען אויסלערנען שרייבן אויף א גאנץ לעבן. אבער אויב מען וויל אין שול אין קינדהייט איינפלאנצן סא־ציאליזם אדער ציוניזם אזוי עס זאל זיין געגוג אויף א גאנץ לעבן, — דא איז שוין די זאך ניט אזוי איינפאך. פאקו קען מען צישטעלן, אבער אי־דעען ניט אזוי זיכער.׳׳

אלץ וואס דאס קינד באקומט טראנספארמירט זיך אין משך פון יארן און עס ווערט פון דעם עטוואס גאר אנדערש ווי דאס וואס די גוטע לע־רערס האבן געטראכט. אפטמאל ווערט דאס וואס די לערערס גיבן, פארענ־דערט ניט צו דערקענען. אזוי ווייניק דערוואקסענע סאציאליסטן זענען ארויסגעקומען פון די וואס מען האט זיי אין קינדהייט געשטאפט מיט סא־ציאליזם, און דאס זעלביקע קען געזאגט ווערן בנוגע צום ציוניזם און צו אלע אנדערע אידעען. אין דער ארגאנישער וועלט איז דאס גאר אנדערש; כדי צו באקומען גוטע עפל דארף מען גאר אונטער די ווארצלען לייגן מיסט און ניט קיין פארטיקע גוטע עפל. אויב דער אלגעמיינער דידאקטישער מא־טעריאליזם שטאמט פון א פעדאגאגישן פעסימיזם, איז דער מאטעריאליזם אין די יידישע שולן געבענטשט מיט א צו נאאיוון אפטימיזם, זייט מיר מוחל, אז עס איז גענוג צו דערקלערן די קינדער עפעס און זיי וועלן דאס שוין האבן און איינהאלטן.

ג) און איצט ווייטער: וואס פארא זינען האט עס צו לערנען יום־טובים, תעניתים? וואס גיט עס און וואס דארף מען דאס? וואס איז בעסער — דורכמאכן און איבערלעבן א יום־טוב אדער אויסלערנען אים און וויסן? ביי וועמען איז פסח מער אין נשמה — ביי די וואס האבן איבערגעלעבט א פסח אין זייער קינדהייט אדער ביי די וואס האבן אויסגעלערנט און קע־נען אויף א 100 אלץ וואס עס שרייבט וועגן פסח דער אויטאריטעטער קע־נער פון דעם, חיים שויס? און אזוי ווייטער.

פאראן זאכן וואס זענען געגעבן געווארן זיי צו לערנען און פאראן זאכן וואס מען מוז זיך אין זיי ארייגלעבן. דאס וואס מען מוז דורכלעבן קען מען ניט אויסלערנען! איך ווייס ניט פון וואנען עס נעמט זיך אין די יידישע שולן די פעדאגאגישע עמארצות צו מיינען אז יידישקייט, סאציא־ליזם, ציוניזם, רעליגיע און אלע גוטע זאכן קען מען אויסלערנען און מען

קען פון דעם מאכן פונקטן אין א פראגראם? סיידן אפשר האבן עס יידי־שע לערערס איבערגענומען פון די יאהודים וואס פאר זיי איז יידישקייט א טויטע זאך און זיי ווילן עס זאל בלייבן טויט, נאר זאל מען וויסן וואס יידישקייט איז געווען אמאל! זיי האבן פיינט יידישקייט היינט, אבער זיי גֶעמען זיך איבער מיט יידישקייט אמאל. וואס געווען איז אונז ליב, וואס עס איז דא האבן מיר פיינט. פאר זיי, פאר די יאהודים, איז יידישקייט נאר א זאך פון לערנען און וויסן. אין לעבן איז עס ניטא און מען וויל עס ניט אין לעבן. פאר זיי איז יידנטום אן אביעקט פאר וויסנשאפט און מער ניט. אבער שולן נאציאנאלע אין לערערס וואס טראגן טליתים פון כולו תכלת, וואס מאכן זיי פון יידישקייט א לימוד בלויז? איך מוז זאגן אז דא שפילט א ראלע דאס אויספעלן פון פעדאגאגישן געדאנק, ווען מען קאפירט פרעמדע געדאנקען אדער מען אימיטירט. דער כלל איז: א שול וואס וויל מיטגעבן דעם תלמיד אלץ, גיט אים גארניט און דער עיקר — זי לערנט אים ניט אויס זיך אליין צו לערנען. דאס וואס זי לערנט אים אויס פארגעסט ער, אדער ער נעמט זיך באציען צו דעם ווי א דערוואק־סענער באציט זיך צו קינדערשע נארישקייטן, און קיין אריענטאציע פייאי־קייטן האט זי אים אויך ניט מיטגעגעבן, בלייבט די פארמולע „גרייטן צום לעבן" א פוסטע פראזע און ניט מער.

ד) היות ווי דאס ביסעלע צייט וואס די יידישע שולן קענען אויסטיילן פאר די יידישע לימודים ווערט דא צעטיילט אויף א סך לימודים קען קיין איינער פון זיי ניט איינבירגערן זיך אין קינדס קרייז פון אינטערעסן, זיי פארנעמען ניט קיין ארט אין זיינע געדאנקען אויסער די לעקציעס, זיי ווערן ניט קיין טייל פון זיין „איך".

גאר אנדערש איז דאס ווען די פראגראם פון שול איז א קאנצענטריר־טע. קודם־כל מוזן באזייטיקט ווערן פון דער לערן־פראגראם אלע די גע־ביטן וואס דארפן איבערגעגעבן ווערן די קינדער איז מעשים און ניט איז ווערטער. א דערקלערטע יידישקייט איז ניט קיין יידישקייט, ווי אן אויס־געפארשטע געפאלמעסטע טויב קען גוט אויסגעלערנט ווערן, אבער קיין טויב איז שוין דא ניטא מער. די יידישקייט למעשה דארף דאס קינד קריגן די־רעקט דורך מעשים און סביבה. שפעטער קען און דארף קומען א אינטערעס

צו לערנען וועגן דעם וואס עס איז שוין דא. דאס קענען זיין בכן לימודים פון דער צווייטער מדרגה. ניט זיי מאכן דאס קינד פאר א יידן, נייערט א קינד וואס שוין פריער דערצויגן ווי א ייד איז גוט עס זאל עס וויסן, און על פי רוב קען מען זיך פארלאזן אז עס וועט דערגיין פון זיך, אן דער הילף פון לערערס און פראגראמען אין שול.

גייען מיר איצט צו צו די ״הויפט־לימודים״ וואס זיי זענען אנערקענט פון אלע לערערס און שול־סיסטעמען. דאס זענען יידיש, העברעאיש און געשיכטע.

אויך דא איז די מאדערנע יידישע שול געגאנגען ניט אין די וועגן פון לאנגער יידישער טראדיציע, נאר מען האט אימיטירט פרעמדע מוסטערן וואס לאזן זיך אבער ניט נאכמאכן ווייל דאס וואס עס שטימט מיט די צילן פון אנדערע פעלקער פאסט גאר ניט פאר אונזערע צילן. און אט פארוואס.

א קינד פון וואסער פאלק עס זאל ניט זיין בלייבט אין די ראמען פון זיין פאלק אויב אפילו עס לערנט ניט אין קיין שול. עס בלייבט אן עם־הארץ, אומשרייבפייאיק (אנעבריניק). אבער מיט זיין גאנצן אומבאוווסט־זיין (און דאס איז א סך וויכטיקער ווי דער באוווסטזיין!): מיט זיין האבי־טוס, געוויינהייטן, שטייגער, מיט זיין לשון און שטוביקן פיר, מיט זיינע סימפאטיעס און איינגעפלאנצטע מיינונגען בלייבט ער א אומגעבילדעטער מיטגליד פון זיין פאלק. און טאקע דא, אין דעם ליגט דער כוח פון א פאלק. אזוי איז אויך געווען ביי יידן, כל־זמן מיר האבן געהאט א נאציאנאלע דיס־ציפלין און ארגאניזירטקייט (געטא בלע״ז). פון דער צייט אבער ווען מיר האבן פאר אן אויסגעחלומטן טאפ לינדזן פון גלייכע רעכט (וואס זענען אגב קיין מאל און אין ערגעץ ניט מקוים געווארן) אוועקגעגעבן אונזער אינע־ווייניקסטע ארגאניזירטקייט און נאציאנאלע גאנצקייט (גלייכע רעכט מיינט אין תוך אריין נאר די רעכט אוועקצוגיין פון יידנטום מיט אדער אן שמד), — פון דאנען אן איז יעדער ייד וואס באקומט ניט קיין פולע יידישע דער־ציאונג ניט קיין עמארצישער ייד, נייערט א געבילדעטער גוי, וואס מוז ניט ווילנדיק נעבעך בלייבן צווישן יידן, ווייל דאס פאלק וואס צו אים געהערט ער לויט זיין דערציאונג, בילדונג און וויסן, וויל אים ניט אריינ־נעמען. איז בכן די ראלע פון יידישן לערנען אין שול ניט ליקווידירן די

עמארצות ווי ביי אנדערע פעלקער, נאר גאר פשוט איינפלאנצן אין תלמיד יידישקייט, מאכן פון אן אומבאוווסטזיניקן א באוווסטזיניקן אין א פולווי־ליקן יידן.

אין די צייטן ווען דאס יידיש פאלק האט זיך ביסלעכווייז אפגעזאגט פין אלע מאטעריעלע אטריבוטן פין פאלקס קיום, האט זיי אפגעזארגט ווי „געצן" (נאציאנאלע ווי רעליגיעזע) און האט געגומען באזירן דאס לעבן פון פאלק נאר אויף דעם גייסטיקן אינהאלט פון לעבעדיקע יידן, — פון דעמאלט אן און ביז היינט גילט די פארמולע פאר דעם: על התורה. על העבודה ועל גמילת חסדים. איטלעכער דור טייטשט זיי אייס אין הסכם מיט די נאציאנאלע באדארפן פון זיין צייט. די לעצטע צוויי עלעמענטן געהערן דער היים, דער סביבה, דעם ארגאניזירטן קאלעקטיוו און אויך דער שול ווי א סביבה. צום פראגראם אבער פון די לימודים אין שול האבן זיי ניט קיין שייכות. דא איז נאר דער ערשטער טייל — תורה.

וואס איז תורה? — אלדאס ספעציפישעס אין גייסט וואס דאס פאלק האט דערמיט געלעבט און זיך אונטערגעשיידט פון אלע אנדערע; קריי־אינטערעסן, מיינונגען און בייגונגען שטימונגען און וועלט־באנעם, ווי אויך אלע פראדוקטן, קולטור־שאפונגען וואס וואקסן ארויס פון דעם ווי ליטע־ראטור, קונסט, געזעצן און נארמען.

קענען אהער געהערן די שפראכן יידיש, העברעאיש און געשיכטע? איך ענטפער מיט א קאטעגארישן ניין. א ייד מוז קענען יידיש, ער דארף קענען העברעאיש און עס איז געוווּנטשן ער זאל וויסן יידישע געשיכטע, אבער מיטן קענען די אלע דריי זאכן קען מען נאך בשום־אופן קיין ייד ניט ווערן. כדי צו ווערן א ייד דארף מען ארייננעמען אין זיך די יידישע אייגנטימ־לעכקייט, די יידישע „תורה". און אלדאס אויבנאויסגערעכנטע קען נקנה ווערן אגב דער ליטעראטור פון פאלק. דער „עם הספר" האט זיין גאנצע אייגנטימלעכקייט ארייגגעגעבן אין דעם „ספר העם". און אט דאס דארף ווערן דער הויפט־אינהאלט פון דער שול. ניט די שפראכן נאר דאס וואס דאס פאלק האט אנגעזאמלט אין די שפראכן, ניט דער קנקן נאר דער מה שיש בו איז דאס וויכטיקסטע. אט אזוי האט דאס יידיש פאלק איינגע־שטעלט זיין לעבן און זיין דערציאונג ווען עס האט זיך אויסגעטיילט פון אלע

אנדערע פעלקער און פון זייערע מאטעריאליסטישע לעבנסצילן און איז אוועק אין דער אייביקייט אריין לא בחייל כי אם ברוח. און אויך איצט קען דא קיין אנדער וועג ניט זיין.

אויך דא ארום דעם גייט אן אן אייביקע מחלוקת: די צדוקים פון אלע דורות ווילן אננעמען נאר דעם טייל פון דעם פאלקס ליטעראטור וואס איז אלט גענוג פארהייליקט און עס האט ניט קיין שייכות מער צום לעבן פון דעם היינט. זיי לייקענען אלע מאל די תורה שבעל פה פון פאלק, דאס אלץ וואס פאלק פראדוצירט אין דעם געגעבענעם מאמענט און וואס עס איז אק־טועל. די אלטע צדוקים האבן אפגעווארפן די גאנצע קולטור פון זייער׳ע דורות און פארשריען דאס לייקענען מיט א היסטערישער ליבע צו דער אמא־ליקער תורה (שבכתב). די היינטיקע צדיקים מיען עס אויף א האר ניט אנ־דערש: די שרייען מיט קולי קולות אז נאר דער תנ״ך דארף ווערן די אק־טועלע תורה פון פאלק און מער גארנישט: אנדערע האלטן נאר פון תלמוד. אבער ביידע — אלא ואלה — ווארפן אפ אלדאס מאדערנע וואס דאס היינ־טיק לעבן האט געשאפן.

און ווי יענע, די ערשטע צדוקים, ווי זייער צווייטער גילגול — די קא־ראימער אזוי וועלן אויך די היינטיקע צדוקים אפגעמעקט ווערן פון דער יידישער געשיכטע אן א שפור און אן א יורש און דאס יידיש פאלק וועט ציען זיין גאלדענע קייט נאר דורך די וואס קענען אין זיך און אין זייער קול־טור־ארבעט פאראייניקן און פארבינדן אלע יידישע קולטורן און ליטעראטורן פון אלע דורות אין איין הארמאנישע גאנצקייט. די פראגראם פון דער יידי־שער שול איז באזירט אויף דער יידישער ליטעראטור, אויף די שאפונגען פון אלע דורות. די אלע איבעריקע לימודים קומען ווי הוספות, ווי הילפס־מיטלען, ווי ״תולדות״ פון דעם „אבי אבות״ פון די לימודים. ווי דאס אויס־צופלאנירן און ווי צו פארטיילן — דאס איז שוין א פראגע א מעטאדישע וואס דארף באהאנדלט ווערן גאר באזונדער.

יידישקייט און דער יידישער קיום

לויט אלע סימנים איז אנצונעמען, אז דער ציקל יידישע געשיכטע אין אמעריקע פון די זיבן גוטע יאר ביז „ויאנחו בני ישראל״ גייט מיט א סך שנעלערן טעמפא ווי אין אייראפע. וואלטן מיר געהאט אין אמעריקע אן אמתן נביא, ניט אזא וואס האלט אין איין טרייסטן שלום, שלום, — וואלט ער איצט געקלאגט אויף דעם חורבן פון יידישן פאלק אין אמעריקע. די צו־קונפט פון יידן אין אמעריקע איז ניט אויף א האר מער גאראנטירט ווי אין דייטשלאנד פאר היטלערן. די קאנסטיטוציע פון לאנד, די בעסטע אין דער וועלט, קען גארניט באווארענען און גארניט גאראנטירן: אין אלע לענדער הערשן ניט די געשריבענע געזעצן, נאר די נייגונגען, זיטן און געוווינהייטן פון דער באפעלקערונג. די פאטענצן פון דעם יידישן מארגן אין לאנד ליגן אין די סאציאלע דיסקרימינאציעס, אין די פראצענט־נארמעס, אין די שטי־פערישע שקאצערייען פון יונגאטשעס, אין דער קאלטבלוטיקייט פון די פירנ־דיקע פערזאנען, אין זייער פארגעסן אן אונז, אין דעם ניט־וועלן קאמפרא־מיטירן זיך מיט „צופיל פריינטשאפט״ צו אונז. אט די טענדענצן הערשן און זיי קענען באהערשן דאס לעבן אויב קעגן זיי וועט ניט אויסוואקסן קיין פעסטער ארגאניזירטער יידישער כוח. קיין שום שמעלצטאפ וועט שוין אונז ניט אריינשמעלצן, ניט צונויפשמעלצן מיט קיינעם. ניט מיר האבן זיך אי־זאלירט, — מיר זענען איזאלירט און אלע ראבייס און אנדערע „רילייזשאן״־מאכערס וועלן שוין די איזאלאציע ניט אפשרייען און ניט אפשפרעכן. און זאל קיינער זיך ניט איינרעדן, אז אים וועט דער שטורם אויסמיידן, ווייל

זיי זענען שוין גאט צו דאנקען אמעריקאניזירט. „אמעריקע" האלט זיי אבער פאר יידן, וואס מוזן טראגן דעם גורל פון יידן, אויב אפילו זיי ווילן עס ניט! און וואס עס וועט זיין מיט כל ישראל וועט זיין מיט ר׳ ישראל — ניטא קיין אנטרינונג פון יידיישן גורל!...

און יושר? — אוודאי איז דא יושר, אבער יושר איז גוט נאר דעמאלט ווען מען באפעסטיקט אים מיט אן ארגאניזירטן סאציאלן כוח. גוטוויל, גוט־פריינדשאפט וכדומה — דאס איז א נדבה וואס גוטהארציקע פריצים גיבן א בעטלער. און ווי איז צום בעטלער וואס וויל זיך איינרעדן אויפן סמך פון אט די נדבות, אז ער איז גלייך מיטן פריץ...

פראפאגאנדע און אגיטאציע און די גאנצע „האב אונז ליב־טעטיקייט" צעבלאזן נאר די שנאה און דעם אומווילן צו אונז; אונזער באמיען זיך צו געפינען חן אין די אויגן פון די וואס האבן מאכט, ווירקט פונקט פארקערט ווי מיר ווילן...

די אלטע מעשה: זיבן פעטע קי און זיבן מאגערע; יידן בויען פיתום און רעמסס און שפעטער לויפן זיי קוים מיטן לעבן און מען שרייט נאך „וינצלו את מצרים"... און זאלן היסטאריקער ציילן וויפל מאל די מעשה חזרט זיך שוין איבער.

אין פעלקער זענען גארניט שולדיק: קיין מלאכים זענען ניטא און איט־לעכער ציט צו זיך. און ווי איז דעם שוואכן אין צען מאל ווי איז דעם וואס אטראפירט זיינע אייגענע כוחות: איטלעכער מענטש לעבט אין די ראַ־מען פון זיין פאלק און געניסט פון די פריווילעגיעס וואס זיין פאלק האט זיך דערוואָרבן ווי א פאלק. דער קאסמאפאליטיזם איז פשוט זייער נאאיוו פארשטאנען געווארן פון אסימילאציע־גיריקע יידן. די וועלט איז פארט צע־טיילט אויף נאציעס. היטלערס נאציזם באווייזט נאר, אז פרינציפן וואס מענטשן נוצן ניט אויס מענטשלעך, קומען שדים און נוצן דאס אויס פאר זיי. אויב היטלער עסט, הייסט עס דען אז עסן איז היטלעריזם? פונקט אזוי ווערט דער געזונטער נאציאנאליזם ניט אפגעפרעגט פון היטלערס נאציזם. און נאר יידישע אסימילאטארן וואס זענען פארגליווערט געווארן אמאל, נוצן אויס דעם היטלעריזם כדי צו „באווייזן", אז נאציאנאלער פרינציפ איז פסול

בכלל. קיין מענטש קען ניט האפן אפצוהיטן זיינע מענטשלעכע רעכט אויב עס זענען ניט באווארנט די זעלביקע רעכט פון זיין פאלקס־קאלעקטיוו. מוזן די אינטערעסן פון פאלק ארגאניזירט געטראגן ווערן פון די יחידים פון פאלק. דער יידישער כלל אבער אין אמעריקע האט ניט קיין שום צוואנג־ארגאניזאציע איבער זיינע מיטגלידער.

מיליאנען יידן און איטלעכער פון זיי זארגט פאר זיין פריוואטן עולם הזהדיקן הייגט, בלייבט דער מארגן פון פאלק במילא הפקר און אין קאנקו־רענץ צווישן יחידים און גרופעס מוזן ארויסגעשטופט ווערן די וואס האבן פאר זייער מארגן ניט געזארגט אויף א קאלעקטיוו ארגאניזירטן אופן. דער היינט עסט אויף דעם מארגן; צוליב דעם עולם־הזה פארלירן מיר דעם עולם־הבא פון גאנצן פאלק און פון אלע זיינע מארגנדיקע יחידים. מען דארף געדענקען: מיר זארגן רק צו פארפעסטיקן אונזער פראנט פון „אמעריקא־נישקייט״ בעת די וועלט גייט אויף אונז אויף דעם פראנט פון אונזער יידיש־קייט. און ווייל דעם פראנט לאזן מיר אויף הפקר, שטויסט מען שוין אונז ארויס אויך פון אונזער אמעריקאנישקייט. יא, אונזער אמעריקאנישקייט, אונ־זער צוקונפט אין אמעריקע וואלט געווען ניט אין פארגלייך פעסטער און שטאנדהאפטיקער ווען מיר וואלטן פארשטאנען צו פארפעסטיקן אונזער יידישקייט אין אמעריקע. מיר זענען א פאלק און בלויז ווי א יידיש פאלק וועלן מיר קענען האבן א קיום אין אמעריקע און אין דער וועלט. אונזער אמעריקאנישקייט האלט זיך אויף דעם פונדאמענט פון אונזער יידישקייט.

אבער וואס איז פאלק? — דער וויכטיקסטער פון אלע סימנים איז די געמיינזאמקייט פון שטייגער־לעבן. די געמיינזאמע און איינגעווארצלטע פאר־מעס און נארמען פון לעבן — זיי זענען דער מקור ראשון פון אלע אנדערע און ווייטערדיקע סימנים. דאס איז דער אינהאלט פון דעם באגריף פאלק. יידיש פאלק מיינט לגמרי ניט די אלגעמיינע צאל מענטשן וואס זענען גע־בארן געווארן ביי יידישע עלטערן. עס מיינט — די צאל מענטשן וואס די פארמען פון זייער לעבן (זייער פיר) שטימט מיט די איינגעשטעלטע לעבנס־נארמען פון יידישן פאלק. צום יידישן פאלק, ווי אזא, געהערן נאר די, וואס פארמאגן איז זיך, אין זייער לעבן דעם אינהאלט פון דעם באגריף „ייד״. אלע איבעריקע „יידן״, וואס זייער יידישקייט ליגט נאר אין פיזישן אפ־

עטאם, זיי זענען בלויז פאסיווע יידן אויף צו ליידן יידישע צרות, געשלאגן צו ווערן, געטריבן צו ווערן אין געטא אריין, אויף פאגראמען, זיי טויגן אויף צרות. דאס זענען אביעקטן פאר אנטיסעמיטן און קאנדידאטן צו נעמען הילף פון יידן. און ווען עס קומט דער שווערער טאג, אין מען פאלט אן אויף אונז יידן, זענען זיי — פאסיוו אין זייער יידישקייט — אויך פאסיוו אין קאמף פאר זייער מענטשלעכקייט. דען בלויז דער ייד און יידן קענען אויס־קעמפן און שיצן די מענטשלעכע רעכט פאר יידן. — די זיכערקייט פון יידן, די פעאיקייט אפצוהיטן די זיכערקייט און אויסצוהאלטן די אומזיכערקייט איז פארקערט פראפארציאנעל צו דער צאל פאסיווע יידן אין געגעבענעם קי־בוץ. אין אמעריקע איז דער פראצענט פאסיווע יידן צו גרויס מיר זאלן קע־נען רואיק קוקן דער צוקונפט אין פנים אריין.

אנדערע פעלקער קענען ארויפצווינגען אויף אלע יחידים די נאציאנא־לע אקטיווקייט. מלוכה, געזעץ, געריכט, פאליציי — דאס זענען אלץ פאק־טארן פון צוואנג. מיר פארמאגן ניט אזא נאציאנאלע דיסציפלין, איז אונ־זער יידישקייט הפקר און אין דעם ליגט די גרויסע סכנה פאר אונזער קיום; אז יידישקייט איז ניטא קיין ארגאניזירטער יידישער קיבוץ און ווי א ניט ארגאניזירטע מאסע וועלן מיר אין די בעסטע פאליטישע סיטואציעס ניט אויסהאלטן די אנגריפן אויף אונז. און ווו איז דער אויסוועג? ווו איז די הילף? ווי פארפעסטיקט מען די פונדאמענטן פון אונזער לעבן אין דער גרוי־סער און רייכער אמעריקע?

„אמעריקאניזאציע'' איז א נארישער און שעדלעכער ליגן: עס איז גאר ניטא קיין אייגנהייטלעכע אוניפיצירטע אמעריקע. עס זענען פאראן א גאנצע ריי אמעריקעס — גרופעס וואס האלטן זיך אפגעזונדערט און לעבן פאר זיך, איטלעכע אין איר טראדיציע; די אמעריקע וואס ציט איר יחוס פון די פוריטאנער איז לגמרי ניט די וואס שטאמט פון די פלאנטאטארס פון די דרום־שטאטן, און זיי ביידע זענען לחלוטין אנדערש ווי די וואס ציט איר טראדיציע פון די לויפער נאך גאלד א. א. וו. פעלקער און טראדיציעס שמעלצן זיך ניט צונויף אין עפעס א געשמעלץ ווי טויטע מעטאלן. דאס וואס עס שמעלצט זיך יא צונויף, איז דאס אפפאל — א נאמענלאזע, הפקר־דיקע, פרצופלאזע, קולטורלאזע, וואלגארע און אויסגעלאסענע צעלאזנקייט

וואס הולעט אפ א נאריש לעבן אין ביליקע, קיצלדיקע פארגעניגנס און אחריות פאר א נעכטן און א מארגן. אט די „אמעריקע'' איז א שרעקלעכע פלאג אויף דעם ארגאניזם פון דעם אמעריקאנער פעלקער־קאלעקטיוו, וואס ער וועט נאך צאלן זייער טייער פאר אט דער אויך מיר „קולטור'' (און פון דער גארער וועלט). אט די „אמעריקע'' האלט זיך מיט דער ברכה פון דער מעכטיקסטער גרויס־בורזשואזיע, וואס זי פראדוצירט דאס די ספקדיקע ביקל־פארגעניגנס. איך אט דער „אמעריקע'' גיסט זיך דאס אריין די אימיגראנטן־מאסע, וואס פארלירט איר טראדיציע און במילא איר קולטור־פרצוף. אט די לעגענדע וועגן „אמעריקאניזאציע'' האלטן אונטער בלויז די וואס ווילן פטור ווערן פון יידישקייט. אמתע אמעריקאניזאציע וועט פאר אונז קענען קומען ווען מיר וועלן זיי ניט נכנע צו אמעריקעס וואס אנדערע שאפן בצלמם ובדמותם, נאר ווען מיר וועלן אין אמעריקע אויסבויען א יידישע אמעריקע בצלמנו — לויט אונזער גייסט און נאציאנאלע אמביציעס. אלע „אמעריקאניזירונגען'' וואס דארפן גיין דורך צופאסן זיך און די קינדער צו פארמען און נארמען וואס זענען געשאפן דורך אנדערע פעלקער, אלע זיי פלאנצן איין און מוזן איינפלאנצן אין דורות יידן א געפיל פון סובארדינירטקייט, פון מאראלישער פארשקלאפקייט, פון „עבדות בתוך חירות''. און מיט דעם געפיל אין הארצן וועלן יידן אין אמעריקע ניט קענען האבן קיין בעסערן גורל ווי אין אייראפע. — א ביטערער אמת! פארפאלן, בעסער פון אלע זיי־סע ליגנס!

ארץ־ישראל איז געווייס אן ענטפער אויף א סך פראבלעמעס. א משפחה דארף האבן א היים. אבער אויב א צונויפגעלאף פון מענטשן זאל קריגן די בעסטע דירה, וועט עס דען ווערן א משפחה? און בפרט, אז כדי צו קריגן ארץ־ישראל מוז זיין א פאלק. מיט געלט און גוטע רעזאלוציעס פון די בעס־טע גויים אין דער וועלט וועט א"י ניט ווערן קיין יידישע, ניט בלייבן קיין יידישע אויב אפילו מען וועט אונז זי געבן. בראשית — פריער פאר אלץ מוז זיין א פאלק — א ציבור מענטשן וואס זיין לעבנס־שטייגער איז איינ־הייטלעך און אויסגעהאלטן אין המשכדיקייט.

אן יידישקייט איז ניטא קיין יידיש פאלק, און אן אן ארגאניזירטן אין לעבנס־פארמען צעמענטירטן יידישן פאלק איז דאס לעבן און די צו־

קונפט פון איטלעכן יידן באזונדער לגמרי ניט זיכער און ניט פארזיכערט אפילו ווען אין אמעריקע וואלט לחלוטין ניט געווען קיין אקטיווער יידנהאס. און יידישקייט קען איינגעפלאנצט ווערן נאר דורך צוויי וועגן: א) דורך באַוווסטזיניקע און פרייוויליקע איינפירונג פון יידישן שטייגער אין די היימען מיט א בפירושן לשם יחוד אריינצופלעכטן זיך אין המשך פון פאלקס לעבנס־גאנג און מיט פארעקשנטער כוונה אויסצומיידן אלץ וואס שטאמט פון פרעמדער טראדיציע; ב) דורך דערציאונג און לערנען.

איינער פון די גרעסטע פעלערן פון דער וועלטלעכער דערציאונג ביז איצט איז געווען דאס, וואס מען פלעגט „באקענען" די קינדער, דערציילן זיי וועגן דעם „יידישן שטייגער וואס אמאל פלעגן יידן פון דעם האלטן". מיט דעם וויסן וועגן יידישקייט קען מען קיין ייד ניט ווערן. מיט דעם טיפסטן שטודיום וועגן לעבן פון די כינעזער ווערט מען נאך אלץ ניט קיין כינעזער; אן תורה שבחיים, אן פראקטישער יידישקייט אין טאג־טעגלעכן לעבן איז מען ניט קיין ייד, און — דער עיקר — מען קען קיין יידן ניט אויסהאַלטן בשום אופן. דא ליגט דער עיקר־חטא פון דער גאנצער וועלטלעכער יידישקייט און איבערהויפט אין איר דערציאונגס־סיסטעם.

בכן — די זארג פארן קיום פון יידישן פאלק איז מחייב אלע באוווסטזיניקע יידן צו מצוות מעשיות אין יידישקייט. די אלגעמיינע ריכטונג זייער מוז זיין: אנהאלטן די טראדיציע פון פאלק און דערווייטערן זיך פון פרעמדע טראדיציעס.

און איצט בנוגע צו דער שול־דערציאונג! אלע וואס רירן זיך צו צו דער הייליקער ארבעט, מוזן ווי מיט האמערס זיך אריינשלאגן אין די מוחות, אז: מיר לעבן ניט אין קיינעמס זכות און מיט קיינעמס רשות; — מיר האלטן זיך און וועלן זיך האלטן נאר מיט אונזערע אייגענע מאראלישע כוחות ווי א פאלק אין זכות פון אונזער אייגענעם קיום און ווילן צו לעבן. מיט אונזער אייגענער קאלעקטיווער אחריות און קאלעקטיוון גורל — אומעטום און אויך אין אמעריקע. דאס איז איינס.

און צוויי — ניט ס'הארץ און ניט די לונגען קענען ניט האבן קיין קיום אויסער דעם ארגאניזם — ניט העברעאיש און ניט יידיש ווי שפראכן אן יידישן אינהאלט, פאר זיך אליין קענען קיין יידן ניט אויסהאלטן. קיין

יידישקייט ניט איינהאלטן. אויך ניט דאס גוט וויסן די יידישע געשיכטע. א ייד דארף וויסן יידישע געשיכטע, אבער מיטן וויסן די געשיכטע ווערט מען ניט קיין ייד.

ניט רעכט און גוטע פאפירענע געזעצן פון גוטהערציקע הערשער איז דער אידעאל וואס דארף געפלאנצט ווערן, נייערט א ווילן און גלויבן אין דעם אייגענעם קאלעקטיוון פאר־זיכיקן לעבן.

ניט טעריטאריעס — א סך טעריטאריעס האבן מיר געקענט האבן ווען מיר וואלטן געווען א פאלק מיט דעם געפיל „פאלק״.

ניט ארץ־ישראל — א סך מאל האבן מיר פארלארן ארץ־ישראל און די סכנות פון היינט קומען אויך פון אונזער שלעכטן פאלקס־באוווסטזיין און פון אונזער ניט צעמענטירטקייט. און אויך ניט משיח — דער אמתדיקסטער משיח וועט מוזן ווערן א פאלשער, ווי דאס איז געווען. קיין מיליאנען מענטשן קען מען ניט אויסלייזן, — א פאלק וואס לעבט ווי א פאלק, קען זיך אויס־לייזן, קען אויסגעלייזט ווערן. דער סוד פון אונזער קיום און גאולה איז אין אונזער יידישקייט, אין דער ענערגיע, וואס מיר קענען אקטיוויזירן ווי אן ארגאניזירטער קאלעקטיוו אויפן פראנט פון אונזער יידישקייט. מיט איין ווארט — די דערציאונג פון יידן דארף זיין אן ענערגעטישע: דורך דער שול און היים, דורך דעם לערנען און דעם לעבן דארף מען פלאנצן ענערגיע צו זיין א ייד, צו אויסגעהאלטענער יידישקייט, צו שעפערישקייט אין קאלעק־טיוון יידישן לעבן.

לאמיר אנמערקן אייניקע געזעצן פון ענערגעטיק וואס זענען גילטיק אויך אין סאציאלן לעבן.

1. אן ענערגיע איז ניט מעגלעך קיין אקטיווקייט. אן נאציאנאלער ענער־גיע איז אוממעגלעך דאס לעבן פון א פאלק.

2. ענערגיע קומט ניט פון גארנישט, ווייל מען דארף זי. זי מוז זיין גאר טראנספארמירט פון א צווייטער ענערגיע. דער פראצעס פון טראנספארמי־רונג גייט דורך ארבעט. אויך מענטשלעכע ענערגיע קען זיך אקומולירן נאר אין פראצעס פון ארבעט. יידישע ענערגיע — נאר דורך יידישער אקטיווי־קייט. רייד, אגיטאציע, אויפקלערונג, פראפאגאנדע קענען דערקלערן אבער

ניט אויסהאדעוועט אקטיווע יידן. אן יידישער דיסציפלין אין לעבן איז ניטא קיין יידיש לעבן ביי אויסגעהאדעוועטע יידן.

הויך אין געטלעך איז געווען דאס ווארט פון די נביאים און קיינער קען זיך צו זיי ניט גלייכן. און דאך האט איין עזרא אויפגעטאן פארן קיום פון פאלק מערער ווי אלע נביאים צוזאמען. און אזוי פון עזראן אן ביז דעם ״חיי אדם״. און אזוי וועט עס זיין אויך ווייטער — קען זיך דאס יידישע פאלק האלטן נאר מיטן כוח פון דיסציפלינירנדיקע יידישע המשך־נארמען.

די וועלטלעכע יידן האבן געוואלט געניסן פון די פרוכט פון יידישקייט. פארוואנדלען יידישקייט אין קונסט און זיך קוויקן מיט דעם „גייסטיקן פאר־גענינגן״ פון דעם. אבער עס איז אומעגלעך: וואס עס איז ניטא אין לעבן, קען זיך ניט האלטן אין קונסט. אין לעבן ווי אין דער נאטור בכלל גייען אלע פראצעסן אין קרייזן: קונסט איז דעמאלט לעבנסוויכטיק ווען זי גייט אין לעבן ווי א פאקטאר. לויט ביאליקס טערמינאלאגיע — די אגדה מוז זיך פארוואנדלען אין נייע הלכות. קונסט און לעבן, לעבן און קונסט זענען צוויי זייטן פון איין גאנצקייט. קונסט אן לעבן איז ווי א נשמה אן א גוף. קונסט אן לעבן — לערנען, דערציילן און ניט טאן פארשווענדט אנגעזאמלטע ענערגיע, עס אקומולירט אבער ניט קיין נייע.

3. וויכטיק איז ניט דער סכום פאראנענע ענערגיע. די גרעסטע סכומים ענערגיע זענען פאראן אין פארם פון ווארימקייט אין די וואסערן פון די אקע־אנען. אבער זי איז דא מער־ווייניק גלייכמעסיק פארטיילט איבער גרויסע שטחים. אין גלייכמעסיקע ענערגיע מוז בלייבן פאסיוו. אקטיווע ענערגיע מוז האבן אן אונטערשייד אין די פאטענציאלן. ענערגיע איז אקטיוו אין דער ריכטונג פון א העכערער שפאנונג צו א נידעריקערער. אנטקעגן א שטארקן דרוק דארף זיין א וואקום, אנטקעגן דעם איבערגעהיצטן קעסל געפינט זיך א קילער א. א. וו. אין סאציאלן לעבן שטראמט די ענערגיע, וואס ווערט אקומולירט אין מענטשן דורך דעם דיסציפלינירנדיקן שטייגער צו דעם וואס עס דארף זיין, אין ריכטונג פון אידעאל אדער גלייבן. דארפן דערציערס גע־דענקען: נאציאנאלע דיסציפלין אין לעבן און נאציאנאלער אידעאל אין גלויבן — הלכה און אגדה; פעסטער, נארמירטער שטייגער אין לעבן און נאציא־נאלער טרוים אין הארצן. אן די צוויי עלעמענטן איז ניטא קיין יידישע דער־

ציאונג. אן אידעאל איז ניט קיין ריכטונג, קיין פאסטר־ציאל, איז דאס דער צושטאנד פון פאסיווער ענטראפיע, אויסגעשלאסן פאר־סיזה, טויט.

יא, מיר ווילן א ביסעלע „יידישע ווארעמקייט”. אבער ווארעמקייט איז אויך אין פיזיק די אמווייניקסט ווערטפולע ענערגיע און זי איז אם־שנעלסטן געענייגט צו פאסיווער ענטראפיע. און בעסער איין ייד אן ווארעמקייט נאר מיט אקטיווע און נארמירנדיקע לעבנספארמען איידער צען יידן מיט יידישער ווארעמקייט אבער אן יידישקייט אין מעשים און אין שטייגער. די מעשים וועלן זיך ביי קינדער אויך טראנספארמירן אין יידישע ענערגיע, — די ווארעמקייט, ניט אויסגעדריקט אין מעשים וועט קיין דיסציפלינירנדיקע ענערגיע אין די קינדער ניט אויפוועקן. יידן מיט ווארעמע געפילן זענען די לעצטע יידן, אן יורשים אין יידישקייט.

בכן — המשך פון יידישער נאציאנאלער פארזיכיקייט און אידעאל פון ווייטערדיקער גייסטיקער פארזיכיקייט אויסגעדריקט אין מעשים און נאר־מעס פון לעבן; גלויבן אין דער נאציאנאלער פארזיכיקייט און גאנצקייט פון יידישן פאלק און וויליקע אנגעהעריקייט אויף דעם סמך פון איינגעפלאנצטע געוווינהייטן — דאס דארף געלייגט ווערן אין יסוד פון שול־דערציאונג. ליבע צום פאלק איינגעפלאנצט ניט מיט ווערטער נאר דורך איינגעוויינען דאס קינד אין דעם פאלקס־געוווינהייטן, אנפילן זיין גייסט און זיין לעבן מיט דעם אלעם, וואס דאס פאלק לעבט מיט דעם — דאס איז דער פרינציפ. עס קען ניט זיין קיין יידישע דערציאונג אן דעם המשך פון קולטור־היסטארישער און סאציאלער פארזיכיקייט פון יידישן פאלק, ניט רעליגיע אדער וועלטלעכקייט, יידיש אדער העברעאיש, נאר המשך פון פאלקסטימלעכער יידישקייט אין יסוד און אידעאל פון פארזיכיקייט און שטרעבונג. — דאס איז דער יסוד פון נאציאנאלער דערציאונג.

— רעליגיע איז המשך. — ניט תמיד, ווייט ניט תמיד; אויף וויפל זי נעמט אריין אלדאס פאלקסטימלעכע איז גוט, אויף וויפל אבער זי נעמט ניט אן דאס ניט קאנצענטרירטע און איז עס מבטל, איז די רעליגיע ניט בעסער פון די אמאליקע צדוקים און פירוש צו „פראנקפורטקייט” — נאציאנאלע אסימילאציע פלוס פרומקייט. פאר אונז דארף זיין מאסגעביק ניט

טער קאנאן, נאר אלדאס פאלקסטימלעכע וואס שיידט אונז אפ פון אנדערע פעלקער און פעדעמט אונז אריין אין אייביקער און אלוועלטלעכער יידישקייט.

— ציוניזם איז אידעאל פון פארזיכיקיים. — געוויס! אבער ביי איין תנאי, ווען ציוניזם זאגט זיך אפ פון פאלקסטימלעכן המשך ווערט ער, חלילה, א שבתי צבי באוועגונג, און די סכנה איז גרויס, און נאך איין תנאי: ישראל איז קודם לארץ ישראל, און יידישקייט קען און מוז אפגעהיט ווערן אומעטום, ניט נאר אין ארץ־ישראל. וואס וואלט געווארן פון יידישן פאלק ווען יידן אין גלות־בבל פאלגן ניט ירמיהו — דעם ערשטן בויער פון „גלות יידישקייט". יידישקייט ד״ה אפגעהיטקייט אין נאציאנאל־פאלקסטימלעכע מנהגים און זיטן — רעליגיעזע ווי ניט רעליגיעזע — דאס איז מצוות המשך, אידעאל פון נאציאנאלער פארזיכיקיים; אנטוויקלען קינדער מיט מאטעריאלן געשעפטע פון פאלקס־קוואלן, ווי די פארשריבענע אזוי און נאך מער די ניט פארשריבענע. און די יידישקייט איז ניט פון די מצוות התליות בארץ. — זי איז מחייב אומעטום. און דער וואס איז ניט מסכים, איז בדעביד אן אסימילאטאר וואס ווארפט ארויף זיין אסימילאציע־גיריקייט אויף דעם „גלות".

און דאס דארף זיין הלכה למעשה פאר דער יידישער אינטעליגענץ אין פאר אלע באוווסטזיניקע יידן. אין פוילן און אין אמאליקן רוסלאנד ווו עס איז געווען א פעסט־איינגעפונדעוועט יידיש לעבן, האבן מיר זיך געקענט פארגינען צו לעבן אינטעליגענטיש, פריי פון טראדיציעס און שטייגער: אויך אן אונז האט יידישקייט געלעבט אין שטייגער פון פאלק, דארטן האבן מיר געקענט לעבן ווי, מען מעג מודה זיין, פאראזיטן אויף דער פעסטער יידישקייט פון טראדיציע־טרייע מאסן. דא ווו עס איז ניטא, דא מוזן זיך די אינטעליגענטן אליין איינשפאנען אין יידישקייט. מיר זענען דא ניט נאר נאה דורשים, נאר מען מוז זיין אויך נאה מקיימים. און אויב מען דארף צוליב דעם זיך אפשיידן פון די וואס לעבן אין הפקרדיקער נאכמאכערישקייט, — דארף מען! ווען דורך דעם געשאפן ווערן וועלטלעכע אויסגעהאלטענע קהילות, — איז געוויס גוט! און דא איז ניט שייך די עברה פון אפזונדערן זיך פון יידן; אלץ וואס יידן טוען כדי אונטערצושטרייכן זייער יידישקייט, איז דאס כשר; אלץ אבער וואס יידן טוען כדי צו זיין ענלעך צו אנדערע, איז טריף.

און אויסגעהאלטענע יידן דארפן זיך פון דעם דערווייטערן. זענען די אמע־ריקאנער בר־מצוות מיט זייער גאנצער נארישקייט דאך יידישקייט און מען טאר זיי ניט מבטל זיין און די ניי־יאר בעלער דארפן פאר אונז זיין לחלוטין טריף.

בכלל דארפן מיר נעמען פאר א מוסטער צוויי היסטארישע באוועגונ־גען אין יידישקייט און דאס זענען — די פרושים, וואס האבן בפירוש גע־שמידט א פאלק ניט פאר גאט אין הימל און די פאלקסטימלעכקייט דער־הייבן ביז רעליגיעזער קדושה; דאס זעלביקע האבן אויך אויפגעטאן די חסידים אין זייער צייט. ניט די השכלה איז אונזער פארגייערין, נאר דוקא אט די צוויי פאלקסטימלעכע באוועגונגען.

אייניקע פארמאריגירטע אפיקורסים וועלן אין דעם דאזיקן אייגזען רעאקציע, און היפאקריטסטווע און וואס ניט! — מער ווי מיט א באדויערן קען איך זיי ניט העלפן; זייער מוח איז נעבעך פארגליווערט געווארן אויף פייגנבוימס קאסמאפאליטיזם, וואס איז אויך אין זיין צייט אויסגעטראכט געווען ווי א פייגנבלאט צו פארדעקן די אסימילאציע (נאציאנאלער שמד) פון די קינדער.

מאדערנע צדוקים טענהן, אז אויב יידישקייט מיינט עס רעליגיע און אויב רעליגיע, דארף מען הונדערט פראצענט, גאר די יידישקייט פון די זיידעס, און אז ניט — איז שוין גארניט. אבער דאס איז פאלש. עס גייט ניט וועגן רעליגיע, וועגן טעאלאגיע, — עס איז א פראבלעם פון אויסגע־האלטענער יידישקייט, פון אפהיטן אין אייגענעם לעבן אזוינע פארמען וואס זאלן צעמענטירן אונז און אונזערע קינדער: אט אזוי פירן מיר זיך דערפאר ווייל מיר זענען יידן און מיר ווילן זיין יידן. און קיין „הונדערט פראצענט" איז גאר ניטא און ניט געווען און קען ניט זיין, סיידן מען נעמט אויף יידיש־קייט און רעליגיע ווי פיקסירטע און במילא טויטע זאכן און ניט מער. און דאס איז צדוקיזם. איטלעכער דור אין יידישן פאלק בויט פון טראדיציע־מאטעריאלן לעבנספארמען, וואס דינען דעם אידעאל פון קיום האומה. און —

אט אין דעם ליגט די היינטיקע אויפגאבע פון דער פאלקסטימלעכער צילבאוווסטער יידישער אינטעליגענץ: נארמירן און דיסציפלינירן יידישלעך

דאס אייגענע לעבן אין די היימען און אין געזעלשאפט און אויפבויען א יידישע דערציאונגס־סיסטעם. און אנהייבן מוז מען פון זיך און פון די אייגענע קינדער.

און דער אלגעמיינער אויספיר — דער גורל פון גאנצן יידישן פאלק איז איצט אין די הענט פון דער יידישער אינטעליגענץ. — און זי איז עתיד ליתן את הדין, — זי מוז האבן גלויבן און מוט צו טרעטן פארויס אין א בייעם וועג, אדער זי וועט ווי ביז איצט שלעפן זיך אהינטער אלעמען אויף אלע אומוועגן, טוליען זיך צו „פירנדיקע" ריכטונגען און זיך פארדינגען פאר אמך־זאגערס.

סוף פון ערשטן טייל.

אינהאלט:

זייט:

הקדמה. —

טאטע־מאמע אדער די דינסט — וועמעס קולטור דארפן קינדער ירשנען. 15

דער קארנאווסקי קאמפלעקס — א גייסטיקע קראנקהייט ביי ייד. קינדער 23

ווו זענען אהינגעקומען די „יידישע קעפלעך“? — — — — — -- 31

דער תכלית פון יידישע תכליתים — — — — — — — 43

א דערציאונג וואס דערציט ניט — — — — — — — 51

וואס קאסט דעם אמעריקאנער יידנטום די ענגלישע דערציאונג — 65

וועגן רעליגיע און רעליגיעזער דערציאונג — — — — — — 73

ניט אין שפראכן איז יידישקייט — — — — — — — 85

דער קולטור־ווערט פון א שפראך — — — — — — -- 93

ד י ס צ י פ ל י ן — — — — — — — — — — 97

דיסציפלין און פאלק — — — — — — — — — 107

אין וואס פאר א שול זאל איך שיקן מיינע קינדער — — — — 113

א שול פון וועמען? — פון יידישן פאלק, אדער פון פארטיי? — — 121

וועגן א פראגראם פון א יידישער שול — — — — — — 135

יידישקייט און דער יידישער קיום — — — — — — — 147

מיין חברטע און פרוי רבקה גאלאמב־סאוויטש, וואס פון איר פעדאגאגישער אינטואיציע און פראקטיק האב איך זיך זייער פיל געלערנט.

צווייטער טייל

פעדאגאגישע שריפטן

(אַ לערער צו לערער)

איך גלייב

איך גלייב: אויב מיר יידן זענען ווי א בריק וואס אונטער איר שטראמט דורך די גאנצע וועלט־געשיכטע, האלט זיך אט די בריק אויף צוויי זיילן: א) אייגנטימלעכער, כבעציפישער קולטור־שטייגער, ריכטיקער, די קולטור פון שטייגער, וואס באשטייט פון שפראך און מנהגים, און ב) אייגנטימלעכע זעלבסטשטענדיקע דערציאונגס־סיסטעם, א גאנצע, אן אייגענע יידישע פון קינדערגארטן ביז אוניווערסיטעט.

איך גלייב נישט, אז אן דעם וועלן יידן אונטערגיין. דאס נישט, — דאס וועלן אנדערע נישט דערלאזן. אבער פון דעם נישט לאזן יידן שטארבן ביז קענען לעבן איז זייער ווייט. נישט לאזן אויסגיין, אויסמישן זיך, צעגיין, — דאס קענען אנדערע און דאס טוען זיי זייער גוט. אבער לעבן קען א פאלק בלויז מיט אייגענע כוחות פון אייגענעם, ארגאנישן לעבן. עס קען זיין ערגער — נישט געלעבט, נישט געשטארבן, נישט אפילו גאר און נישט געלעבט אויף א האר.

איך גלייב אז די יידישע גאנצע, מאניכטישע דערציאונג אן א שותפות פון א צווייטער שול איז און מוז זיין דער פונדאמענט פון יידישן קולטורעל־גייסטיקן לעבן, וואס דאס קען געבן יעטווידער יידן וויפלע כוחות צו בויען זיין סאציאלן און עקאנאמישן לעבן.

איך גלייב, אז א פאלק, וואס גיט איבער די דערציאונג פון זיין יוגנט צו א צווייטן, וועט קיין יוגנט נישט פארמאגן. ווי א מומער, וואס צעזייט

אירע קינדער אין בלייבט עלנט, אויף חסד און לאסקע פון גוטע און שלעכטע שכנים. איך ווייס אז אלע יידישע קיבוצים אין דער לאנגער געשיכטע אונזערער, וואס האבן זיך „באפרייט" פון דעם „יאך" אליין צו דערציען זייער יוגנט — אלע אזוינע קיבוצים זענען אונטערגעגאנגען (כל זמן מען האט געלאזט יידן זיך צעשמעלצן און אונטערגיין), אדער זיי לעבן ווי פארדארטע, פאראליזירטע כלומרשט לעבעדיקע גופן, וואס געשלאגן ווערן קענען זיי, אבער רעאגירן, אפילו שרייען, אפילו אנשפייען די שלעגער אין פנים — דער כוח איז ביי זיי אטראפירט.

איך גלייב — אז יידישער דערציאונג און קולטור האט נישט קיין ממשות קיין שום געזעלשאפטלעכע ארבעט, קיין שום הילף איז נישט קיין הילף, ליטעראטור — אויפן ווינט, קולטור־ארגאניזאציעס — מושב זקנים; סאציאלע עקאנאמישע פארבאנדן — ווי פארדארטע ביימער אין הארבסט. ווי שטייט דארטן ערגעץ — ירושלים איז חרוב געווארן נאר מחמת קינדער האבן דארטן אויפגעהערט צו לערנען יידישע תורה. ווייל תורה (קולטור) לערנען (פראקטיצירן) איז איבער א ל ץ".

יועט מען זאגן: אט דער וואס האט דאס געשריבן איז, נישט פאר קיין יידן געדאכט, א טרוימער, א פאנטאזיאר, ווייט פון לעבן און האט נישט קיין חוש פארן רעאלן, ממשותדיקן לעבן. איז דאס אבער א ביסעלע אנדערש: דאס רעאלסטע אין לעבן איז — דער טרוים. די גרעסטע צרה פון די יידישע שולן אין אמעריקע איז דאס זיי וואס זענען נייעט פארבונדן מיט א גרויסן יידישן טרוים. וואס זיי זענען דאס וואס זיי ווילן אין ווילן דאס וואס ייי זענען — א הוספה, א שטיקל צוגאב. א לעבן אן טרוימען. אז שטרעבן איז קיין לעבן נישט. איז משיח־טרוים געווים א „נארישע" פאנטאזיע, אבער טויזנטער יארן האט אט די „נארישע פאנטאזיע" געגעבן א פאלק כוח, אמתן, ר ע א ל ן   כ ו ח   צולעבן. האט אט דער טרוים געהאלפן גיבר זיין דאס „רעאלע" אין אלע לעבנס און פארוואנדלען א ווילדע פאנטאזיע אין א ווירקלעכן אמת פון אן אייביקן פאלק. דאס איז דער כוח פון א טרוים.

איז דער סאציאליזם א טרוים, א טרוים פון מיליאנען, אבער א טרוים.

און אַט דער טרוים האָט געשאַפן אַ סאָציאַלן קלאַס, וואָס איז געוואָרן צו אַ רעאַלן כוח. האָבן אַנדערע געוואָלט דעם טרוים מאַכן אַזוי טרויב. „מיט געוואַלט ברענגען דעם משיחן", — האָבן זיי דערשטיקט דעם מיטיחן אין דעם אידעאַל טמא געמאַכט. זיין גרויסן מאָראַלישן כוח אין רעאַלן לעבן געשטערט. דען די כוחות אין רעאַלן לעבן זענען די טרוימען, נישטאָ קיין ווירקלעכקייט וואָס איז נישט אויסגעוואַקסן פון אַ טרוים, און יעטווידער טרוים, וואָס אַ פאָלק וויל, ווערט שוין אויך טרוים.

טרוימען און גלויבן

וועלן אַלץ באַהויבן.

לאָמיר וועלן אַ גאַנץ, מאָניסטיש יידיש פאָלק.

לאָמיר וועלן אַ גאַנצע יידישע, מאָניסטיש־יידישע דערציאונג, און גאָט דאָס שטרעבן וועט שוין פאַר זיך אַליין זיין יידישקייט.

און לאָמיר זיך באַמיען צו קעמפן פאַר אַט דעם אידעאַל. לאָמיר זוך שאַפן פּראָגראַמען פון אַרבעט און בויען.

1. ווער זיינען מיר און וועמען דינען מיר.

ווער זענען מיר און וואָס זענען מיר? מיר יידישע לערערס, ווער זע־
נען מיר? אמאָל אין צאַרישן רוסלאַנד נאָך איז דאָס געווען קלאָר: מיר זע־
נען געווען א טייל פון דעם יונגן אוואַנגאַרד, וואָס האָט געשטורעמט אַלץ
באַסטיליעס, א טייל פון דעם אַזוי גערופענעם „דריטן שטאַנד", פון געצאָל־
נע געזעלשאַפטלעכע טוערס, וואָס האָט געבויט און איבערגעבויט דאָס יידיש
לעבן. אויפן געביט פון דערציאונג זענען עס געווען מיר די לערערס, וואָס
האָבן אויסגעטרוימט און אויסגעקעמפט און אויסגעבויט די יידישע שול.
מיר האָבן דאָס גענומען שולן רוסיפיצירנדיקע, געגאַרט די צאַרישע אינס־
פעקטאָרן, באַקעמפט געזעלשאַפטלעכע בעלי בתים, געקעמפט אין דער פרע־
סע, געריבן זיך אין דער חברה „מפיצי השכלה" און אויסגעבויט אין דער
צייט פון יענער מלחמה א יידישע שול. מיר האָבן דורך נעכט געשאַפן טער־
מינאָלאָגיעס, געשריבן לערן־ביכער. דיסקוטירט און געשאַפן מעטאָדיקעס,
געגרייט לערערס. און — מיר זענען געווען די שעפער פון דער יידישער שול.
אַזוי איז עס געווען איך אין פוילן. מיר האָבן גענומען געלט פאַר אונדזער
אַרבעט (וויפל און ווען עס איז געווען), אָבער קיין אָנגעשטעלטע זענען מיר
ביי קיינעם ניט געווען. די ציש"א. דעם צב"ק (אין ווילנע) האָבן אָרגאַניזירט
יידישע לערערס, די לערער־פאַרבאַנדן און די וועמען זיי האָבן, אָפט מיט
אָנשטרענגונג, צוגעצויגן צו דער אַרבעט.

ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע האָב איך דערקענט אַן אַנדער

סיטואַציע, אַ שלעכטע סיטואַציע: אַ לערער וואָס אַרבעט אַ לאַנגע צייט אין איין שול האָט מיר אַמאָל אַ זאָג געטאָן: וואָס גייט מיר אָן „זייער" שול? איך אַרבעט אַף אַרענדעלעך מיין צייט, און מער וויל איך נישט וויסן. איך האָב דערזען פאַר זיך אַ לערער אַן אויסגעשטעלטן, עלעהיי אַ קרעמער אין אַ קראָם, וואָס פאַרקויפט שטיקלעך פון דער שולפּראָגראַם, צו גענבטן פון זיין באַלעבאָס... וואָלטן מיר געווען אַ פאָלק מיט אַ פאָלקישער אָרגאַניזירטקייט, מיט אַ צענטער, אַ מיניסטעריום וואָס בויט שולן, גרייט לערערס און אַלץ וואָס לערערס דאַרפן האָבן צו דער אַרבעט, וואָלט אַזאַ מצב נישט געווען אַזוי שעדלעך און טרויעריק. דאָס גאַנצע לעבן פון אַ פאָלק ווערט געטאָן פון „אָנגעשטעלטע" — פון פּרעזידענט ביז דעם לעצטן באַדינער. איז אַ לערער — דאָ נישט מער ווי אַן אָנגעשטעלטער, וואָס שניידט שטיקער פון פּראָגראַם און טיילט איין זיינע „קונדן" — די תלמידים, איז מילא — ס'איז דאָ ווער עס זאָל טאָן די אַלע אַנדערע אַרבעטן וואָס אַ שול דאַרף האָבן, וואָס דערציאונג דאַרף האָבן. די שול איז אַ מלוכה נאָרמע, אַלע גייען, איז עס אַ שטראָם, און מיטן שטראָם צו גיין איז נישט שווער. גאָר אַנדערש איז דאָס מיט דער יידישער שול — זי איז דאָך קעגן שטראָם, דאַרף מען אַ כח, אַ סך מער אָנשטרענגונג. זענען דאָך די יידישע שולן צעאיינצלט, איטלעכע באַזונדער מיט אירע עטלעכע געזעלשאַפטלעכע מוערס, און פון דער „אייגענער" שול ביז דער אידייע פון פאָלקס גאַנצקייט איז אָפטמאָל אַזוי ווייט, אַז מען כאַפּט עס גאָר נישט. איז נישטאָ קיין פאָלקס־נאָרמע, איז נישטאָ און קיינער שאַפט נישט די אַלע העכערע אינסטיטוציעס וואָס אָן זיי איז אַ שול אַ יתום. איז דער יידישער לערער אַליין: ער דאַרף זיין דער פּראָגראַמען מאַכער און זייער איבערפירער אויך; ער דאַרף מיט זיין נשמה שאַפן אין די קינדערשע מוחות די קאָנצענטרירטקייט וואָס אין אַנדערע שולן שאַפט זי זיך דורך דער מלוכה־נאָרמע, אייב אפילו דער לערער לייגט נישט אַריין קיין נשמה גאָרנישט. דער יידישער לערער דאַרף פון זיין נשמה פלאַם אָנצינדן ביי די תלמידים, ער דאַרף אינדוצירן ענערגיע צו ווילן און צו קענען גיין קעגן שטראָם... דער מלמד אין חדר האָט עס נישט געדאַרפט: דאָס יידישע לעבן האָט געהאַט נאָרמעס. מיר אָבער, יידי־

שע לערערס אין די אמעריקעס. ווי קענען מיר זיך פארגינען צו זיין אנגע־שטעלטע? אז די נארמעס ארום פאר די קינדער זענען פרעמדע, אז די שפראך פון די היימען, אז די פרייע מעג אין די היימען, אז די זיטן אין גאס אז אלע קאנוועגאנסן זענען ווייטע און פרעמדע, אז דאס עצב קומען צו אונדז לערנען איז אן אנשטערענגונג פון שוואכן יצר טוב, — דא זענען אנגע־שטעלטע לערערס גארניט קיין מזל ברכה. מען קוקט אויף אונדז ווי אויף אנגעשטעלטע. עמיצער וויל זיך איינרעדן, אז ער איז באלעבאס. איז טאקע שלעכט, אבער קיין פארענטפערונג איז עס נישט.

פאראן לערער וואס ארבעטן צענדליקער יארן אין א יידישער שול, און אין באוווסטזיין איז דאס אלץ „צייטווייליק". ביז גאט וועט העלפן מען וועט פטור ווערן פון דער בימערער פרנסה צו זיין אנגעשטעלט ביי צופע־ליקע מענטשן, וואס ווען זיי גייען אוועק איז נאר שלעכט און ווען זיי אר־בעטן יא איז ווידער גאר נישט גוט, ווייל איטלעכער פון זיי מיט זיינע פארשטעלונגען און מיט זיינע „פאדערונגען" און פארלאנגען מען זאל אים פאלגן. און קיין נארמע. קיין נארמע פון א פאלקס ארגאניזירטן און דיסציפלינירטן לעבן איז אלץ נישטא. איז עס זייער שווער! פאר קיין איין לערער אין דער וועלט נישט געדאכט. און „צייטווייליקע" לערערס קענען נישט זיין שעפעריש. דרייט זיך די גאנצע ארבעט און מען שטייט אויפן זעלבן ארט.

און דער אויסוועג — אדער אוועקגיין באלד, נישט זיין קיין „צייט־ווייליקע", — אדער אויפנעמען די גאנצע שווערקייט און שלעפן דעם יאך... פאראן, אמת, ביי יידן שולן ארגאניזירטע, אבער אין זיי הערשט נישט קיין אידייע פון דעם פאלקס גאנצקייט, נאר עס זענען דאך ווידער גרופן אינטערעסן, אדער זייער אפט — גרופן קאפריזן...

און די צוקונפט פון דער יידישער שול איז פארבונדן מיט דעם גורל פון יידישן לערער, מיט זיין מאראלישן מצב אין פאלק און אין זיין געזעלשאפט. און זייער ביידנס גורל איז פארבונדן מיט דעם גורל פון דער אידייע וועגן דער גאנצקייט און ארגאניזירטער צונויפגעבונדנקייט פון יידי־שען פאלק אין אלע לענדער און איבער אלע לענדער פון זיין צעשפרייטקייט.

וועלן יידישע שולן קוקן אויף זיך איטלעכע באזונדער ווי אויף אן אומאפהענגיקע אינסטיטוציע מיט אירע אייגענע אויפגאבן, וואס זענען נאר איר קרעדיט. מיט אירע קאנקורענץ אינטערעסן, וועלן די אלע שולן נישט צונויפגעבונדן ווערן מיט איין אידייע פון פאלקס גאנצקייט. און וועט אט די אידייע נישט אריינטראגן אין די אלע שולן עפעס יואסערע עס זאלן נישט זיין נארמעס, פעסטיקייט, — וועט עס נישט זיין — וועלן די יידישע שולן אין אמעריקע קיין קיום נישט האבן און מיט זיי צוזאמען וועט אויך נישט האבן קיין קיום דאס גאנצע פאלק. ווייל א צעפיצלט פאלק — ווי א צעשניטענע בלום — איז שוין קיין פאלק נישט.

אין פריער פון אלץ, און פריער פון אלעמען דארפן דאס וויסן די יידישע לערערס: ווילן מיר זיין אנגעשטעלטע ביי עמיצן, איז בעסער צו זיכן ארבעט ביי שיך צו פארקויפן. גרינגער איז דאס געווים, און אפשר אויך מער צוקונפט... ווילן מיר אבער זיין לערערס, דאן מוזן מיר ערשט אין אונדזער ארבעט, ארום אונדזער ארבעט, אין דער סביבה ערשט נעמען אריינהאמערן די אידייע פון אונדזער גאנצקייט, די אידייע פון א יידישן פאלק, וואס ביי אים און נאר ביי אים זענען מיר אלע — די וואס נעמען געצאלט פאר זייער ארבעט און די וואס נעמען נישט קיין געצאלט — אלע צוזאמען זענען מיר די אנגעשטעלטע פון זיין מאיעסטעט דעם יידישן פאלק אין זיין ארגאניזירטער גאנצקייט, וואס אויב אפילו זי איז נאך נישטא, דאך דארף זי קומען און זי מוז קומען. און מיר יידישע לערערס דארפן זיין די ערשטע זי צו ברענגען. לערערס און שול טוערס וואס באנעמען עס נישט, וואס באגרייפן עס נישט, וואס ווילן עס נישט באנעמען. — זיי דארפן בעסער אוועקגיין פון דער יידישער שול.

*

*   *

2. אונדזער קאלטע יידישקייט און קאלטע תורה.

„אייער תורה רבי, איז הארט און טרוקן, ווייל זי איז נאר דער
גוף פון דער תורה און נישט איר נשמה!" י. ל. פרץ.

א טרוקענע איז זי, אונדזער תורה, וואס מיר לערנען מיט אונדזערע תלמידים, סאמע אינפארמאציע, ידיעות אט אזוי פיל ווערטער, אזויפיל פאקטן, אזוי פיל כללים, אזוי פיל און אזוי פיל פאראגראפן און פראגראמס. אבער ווו איז די נשמה פון אונדזער לערנען, פון אלע אט די ידיעות? א נשמה מוז בענקען, לעכצן, שטרעבן, גלויבן. צו וואס בענקט, אין וואס גלויבט און וווהין שטרעבט דאס אלץ וואס מיר לערנען? ווו זענען די פייערלעך וואס א דערציאונג מוז אנצינדן אין די הערצער פון קינדער, פייערלעך וואס זאלן ציען די נשמה א גאנץ לעבן, נאכדעם ווי זיי וועלן ארויס פון שול. נאכדעם ווי זיי וועלן פארגעסן די כללים, די ווערטער, די ידיעות וואס די שול האט זיי געגעבן? מענטשן לערנען אדער צוליב א קאר-ריערע אין עולם הזה אדער צוליב א ווייטן אידעאל — עולם הבא. וואסערע קאריערעס אין לעבן האבן מיר פארבונדן פאר דער יוגנט מיט זייער יידי-שער דערציאונג? וואכערע פערזענלעכע האפענונגען קענען זיי פארבינדן מיט זייער לערנען ביי אונדז? וואסערע אלגעמיינע האפענונגען פון א כלל קע-נען אונדזערע תלמידים פארבינדן מיט אונדזער לערנען?

מיר האבן גענומען גלייבן אין וועלטלעכקייט, און מיר האבן געפסלט די גאנצע קולטור פון דורות, ווייל זי איז אונדז אויסגעקומען מוקצה מחמת רעליגיעזקייט, איז מען דערגאנגען אזוי ווייט אז אפילו די קלאסיקער פון דער נייער ליטעראטור זענען געווען נישט גענוג כשר. פלעגט מען אנשטאט אריינפירן די קינדער אין ק ו ל ט ו ר פון פ א ל ק אריינפירן אין שול א ציגעטראכטע בלומרשטע ק ו ל ט ו ר פ א ר ק י נ ד ע ר. ברעקלעך פון אומעטום געקליבענע, איבערגעזעצטע, וואס אפילו ווען צוואנציק יאר זאל מען זיי לערנען, וועט א קינד נישט נענטער ווערן צום גייסט פון פאלק. האט מיטאמאל דעם „עם הספר", דעם פאלק וואס

תורה און לעבן איז געווען אַ סינאָנים, מיטאַמאָל האָט אונז אויסגעפעלט
לערנשטאָף, ספרים צו לערנען און מיר זענען געגאַנגען און געקליבן ברעק־
לעך פון אונטער אַלטמענס טישן און ווי זענען אונז ליב געווען צוליב
זייער כלומרשטער וועלטלעכקייט, אין תוך אַריין, פרעמדקייט. צוליב דעם
אַלטן כלל — וואָס אייגנס איז פרעמד און וואָס פרעמד איז נאָענט, ליב.
איז יידישקייט געוואָרן אַלץ וואָס מיר האָבן ערגעץ ביי פרעמדע געזען
אַבי נאָר אויף יידיש. אָבער אַט קען איך רעדן און לייענען, שפּראַכן פון
עטלעכע פעלקער און איך בין נישט קיין אַנגעהעריקער צו קיינעם פון די
פעלקער. קען דאָך אויך זיין אַז מען זאָל אויסלערנען אַמעריקאַנער ..ביימעס
אין גירלס" לייענען און רעדן (אָך און וויי!) יידיש אין זיי נישט מאַכן
פאַר יידן מיט זייערע נשמות. קען זיין יאָ! האָט מען מיט דער יידישער
שול פאַרבונדן אַ אידעאַל פון סאָציאַליזם. אַ גרויסער אידעאַל פון גערעכ־
טיקייט. אָבער איז דאָך דאָס אַ אידעאַל וואָס איז נישט אָרגאַניש צו־
ניפגעוואַקסן דווקא מיט יידישקייט. מיט יידיש. וואָס איז אָבער דער
אידעאַל, דער וועלט־באַנעם וואָס דאַרף אַרויסוואַקסן פון דעם ספּע־
ציפיש־יידישן אינהאַלט פון דער שול? האָבן מאַקע קאָנסעקווענטע
אויסגעהאַלטענע לערערס און דערציערס גערעדט וועגן אַ סאָציאַליסט־ישער
שול אויף יידיש" אָבער מיר רעדן דאָך וועגן אַ   י י ד י ש ע ר   שול...
פאַרבינדט מען יידישע שולן מיט ציוניזם. זייער גוט אָבער אַ שול מוז
דאָך זיין מאָניסטיש נישט שול אין נאָך עפּעס אַנדערש. מען קען דאָך זיין
אַ ייד נישט זייענדיק קיין ציוניסט. איז דאָך און מוז דאָך זיין יידישקייט
ברייטער און פונדאַמענטאַלער פון ציוניזם. טאָ ווו איז זי אָט די עלעמענ־
טאַרע, די באַזיס־יידישקייט, וואָס אויף   אַ י ר   דאַרף אַנוואַקסן אַ יידי־
שער אידעאַל. ווו איז דער כלים מזאַנגען, מעשים, פירונגען, האַנדלונגען
פון די גלידער און פון האַרץ („אויסדרוק פון „חובות הלבבות") וואָס
מיר פלאַנצן איין כדי אָפּצושיידן אונזערע תלמידים פון נישט־יידן און זיי
אַריינפירן אין געזעלשאַפט פון יידישן פאָלק — מיר רעדן וועגן אַ
סך זאַכן, מיר דערקלערן, מיר פאַרטייטשן, אָבער דערציען היינט

א ר יי נ ג ע ה יי נ ע ן צ ו ט ו ן און נישט סתם פאָריטטיי: מיטן שכל.

זענען מיר געוואָרן א גרויסער ווערבאַליזם: יום־טוב, — נאָט איך א דערקלערונג. וואָס טויג א יום־טוב א דערקלערטער? אט קען איך און ווייס אויך דערקלערונגען פון אַלע קריסטלעכע יום־טובים.. יאָ, געוויס, א ייד דאַרף וויסן וועגן זיינע יום־טובים. — אָבער די דערקלערונג איז נישט דער יום־טוב, און דאָס וויסן מאכט נישט קיין יידן. מיר דערציילן די קינדער וועגן אידעאלן, וועגן מסירת נפש. אמאָל איז געווען ערגעץ איז דאָ. אָבער וואָסערע הייליקייטן זעען זיי ביי אונז. מיר דערציילן וועגן קידוש השם, וועגן מסירת נפש פאַר א גלויבן. — מאכן מיר פון דעם א לידל צו זינגען נאָכדעם ווי מיר דינען אָפּ צו אַלע עבודה זרות. פֿלעגן יידן קעמפן און זיך מוסר נפש זיין פאַר אידעאלן פון א וועלט דערציילן מיר, מאכן מיר א שפּיל צו פאַרווײלן זיך נאָך דעם ווי מיר אליין טוען דעם היפּוך פון דעם אידעאל. ערגעץ זענען דאָ חלוצים. זיי האָבן זייער קדוש השם און זייער מסירת נפש. קומען מיר מיט א זאַמלן מאָגן און פאַרגייסטן האַרצן טאַנצן זייער טאַנץ און זינגען זייער זינג כדי צו פאַרהילכן אונזערע פאַרקערטע מעשים. עמיצער האָט שבת, קומען מיר אין פרעמדן זונטאָגדיקן אָפּרו אונזערן און באַזינגען יענעמס שבת... איז דעןּ אונזער גאַנצער יידישקייט (און אפשר אויך מענטשלעכקייט) געוואָרן איין שטיק ווערבאַליזם פון רייד און אָן מעשים? איז — כיר אליין וועלן מיר זאָלן זיך אפילו שמדן, וועלן מיר בלייבן יידן. אָבער צו מיינען מיר צו דערציען דורות אויף דעם טרוקענעם ווערבאַליזם. אויף רעדערייען וועגן יידישקייטן וואָס איז ערגעץ ווו פאַראַן; און ווען עס איז געווען? — זענען מיר מיט די רעדערייען מחלל אַלע הייליקייטן, ווייל — אז מען מאַכט א ברכה און מען טוט נישט וואָס די ברכה הייסט ווערט אפילו די ברכה — א ברכה לבטלה. פון א מצווה ווערט זי אן עבירה. אונזערע רייד וועגן יידישקייט אָן מעשים זענען רייד — א ברכה לבטלה. הילכן מיר אין די אויערן ווידער אמאָל און שניידן אין האַרצן בסדר אַלטע שפּינוזווערטער: „אָפּגעטון אַל דאָס ביין: אָפּגעדינט אַלע פרעמדע געטער (קולטורן) און געקומען צו מיר

אין הייז זיך בארימען מיט אייערע אפגעריבענע גראשנס וואס איר גיט מיט גרויס פאראד פאר אייער יידישן גאט"... איז דאס גאר אונזער יידישקייט? און אויף אט אזא פונדאמענט זאל מען בויען א יידישן לעבן פון דורות? און אויך דאס רעדן אונזערס איז קאלט. אן גלייבן, טרוקן ווי צוויי מאל צוויי, מיר רעדן צום שכל, אבער איבערצייגן העלפן מיר נישט, ווייל — נישט לאגיק איבערצייגט, נישט קלוגקייט. — גלויבן איבערצייגט, הארץ און געפיל. א טרוקענע, א קאלטע, אן א לעבעדיקער נשמה איז אונזער וועלטלעכע יידישקייט.

האט דער ערשטער דערשפירט די קאלטע טרוקנקייט, די אייזיקע קעלט פון אונזער אויפגעקלערטער, שכלדיקער וועלטלעכקייט נאר פרץ ע"ה. איז ער צוזאמען מיט זיין ביאלער רבין אנטלאפן און איז נתגלה געווארן אין חסידישער ווארעמער שמחה. איז ער צוזאמען מיט לאהן („גאלדענע קייט") געקומען צוריק צו די גלויביקע יידן זיי זאלן מיט זייער גלייבן באלויכטן די בלינדע נשמות פון אונזערע קינדער... פרץ דער קינסטלער האט עס געמאכט אין קונסט. מיר, לערער, מוזן עס מאכן אין אונזער לערנען.

יידישקייט מוז קודם כל זיין אונזער גלויבן.

— עס איז נישט גוט אויכצודריקן א גלייבן אין עיקרים. פארמולעס זענען די שפראך פון שכל, נישט פון הארץ, פון גלויבן. איך מוז עס אבער טון, כדי מען זאל אויך דא נישט זען קיין ליידיקע ווערטער. פרוביר איך דערקלערן. באמת עס איז מיר נישט צום הארצן, כאטש די דערקלערונגען וואס איך קען אנשרייבן קענען נישט ארויסברענגען פאר אנדערע אלע מיט זיי פארבונדענע געפילן:

א) איין יידיש פאלק איבער וועלטן און דורות, געווען, איז און וועט זיין. דאס איז א גלייבן און א שטרעבן. דאס איז דער אמתער זינען פון אייביקן „שמע ישראל". פון דאנען — נישט „אמעריקאנער יידן", נאר „יידן אין אמעריקע". דער וואס גלייבט נישט אזוי, דער טאר זיך נישט אנרירן אן א יידישער שול, דער איז א „יהודי" אין א יידישער וועלטלעכער אויפלאגע.

ב) יידישקייט מוז זיך אויסדריקן אין מעשים — אקטיווע און פא־

ביוועז מיר טוען דאס אין דאס כדי זיך איינצוגלידערן דורך אונזער טון אין „כל ישראל" מיר טוען דאס און דאס נ י ש ט כדי זיך אפצושיידן און אונטערצושיידן פון אלע נישט־יידן. — דא האט אונזער וועלטלעכע יידישקייט געזינדיקט און זי זינדיקט עד היום צום שמארקסטן. אייך מיר ווי די יאהידים לויט זייערע מעאריעס, דערקלערן אלין דאס נייעס יידישע פאר וועלטלעך, שיין און בירגערלעך און אל דאס יידישעס פאר רעליגיעז און מיאוס. בלייבט אונזער גאנצע יידישקייט א שטיקל קאלטע אבסטראקציע. וואס קינדער מוזן אנטלויפן פון איר. יידישקייט מוז האבן א שטייגער, א גאנג אין לעבן. ער קען זיין ווי איר ווילט, אבער ער מ ו ז ז י י ן א נ ד ע ר ש , אייגנטימלעך, אפגעזונדערט. וועלטלעכע יידישקייט, וואס בויט נישט אויף קיין אייגענעם שטייגער, קיין באזונדערן פיר, איז זיכער אז זי שטרעבט נישט צו יידישקייט

דער וואס טרייסלט זיך אפ פון „כלל ישראל", דער קען קיין יידישער לערער בכלל נישט זיין.

ג) מהאי טעמא מוז די יידישע שול זיין נישט קיין לערן־שול. לערנט נישט קיין יידישע שפראכן — נישט קיין יידיש, נישט קיין העברעאיש, לערנט נישט קיין טרוקענע, „אביעקטיווע", כלומרשט וויסנשאפטלעכע פאקטן פון יידישער געשיכטע. — לערנט אבער אלץ, אין וואס דאס פאלק האט דורות לאנג ארייננעלייגט זיין נשמה. לערנט בלויז דאס וואס עס שפיגלט־אפ די יידישע נשמה פון פאלק. לערנט עס אזוי, אז די נשמה פון דעם געלערנטן (אלץ וואס ווערט געלערנט מוז האבן א נשמה!) זאל בלייבן גאנץ, נישט צעבראכן, צעשפליטערט, צעשניטן, צעגראבלט מיט ראציאנאליסטישע נעגל. אט איז דער „כל התורה כולה" פון דער יידישער שול.

*

* *

3. לאָמיר ניט זיין קיין ליגנער.

דער ערגסטער דערציער איז דער „אומר ואינו עושה מדבר ואינו מקיים" — דער ווערבאַליסט. ווי קענען שולן, וווּ די קינדער קומען צולויפן אויף עטלעכע שעה א וואָך, ווי קענען זיי זינגען „פון פרימאָרגן ביז באַגינען אאַ"וו? ווי קענען מענטשן וואָס דער גרעסטער אידעאַל איז ביי זיי צו גיין מיטן „גרויסן" שטראָם, ווי קענען זיי זינגען מיט קינדער וועגן „וועלטן נייע", וואָסערע וועלטן? וווּ? ווי אזוי? ווי קענען לערערס וואָס רעדן יידיש בלויז אין קלאַס. וואָס רעדן נישט קיין יידיש מיט זייערע קינדער (סיידן עמיצער זעט) ווי קענען אזוינע לערערס זינגען מיט קינדער „יידיש, יידיש" — רעדן יידיש, טראַכטן יידיש, א שיינע שפּראַך? ווי קען מען אזוי ליגן זיך, די קינדער? ווי קען מען פריידיקן סאָציאַליזם און גלייכהייט בשעת פּריוואַט איז מען נישט אינגאַנצן אויסגעהאַלטן? ווי קען מען זיך צעגיסן אין וואָרט איז ליד וועגן חלוצישן מסירת נפש בשעת... א אז"וו? מיר ווילן די קינדער זאָלן לערנען לייענען, — יידישע ווערק, ספרים. זייער גוט. אָבער... צי זעען זיי אונז לערנענדיק. מיר יידן גאַנצע, אויסגעוואַקסענע אין יידישקייט, — וואָס טוען מיר בשעת מיר זאַמלען זיך צונויף, מיר קומען זיך צונויף אין אונזערע היימען, אין אונזערע לאָקאַלן? ניין! אַט די שלעכטע קינדער אינזערע זענען געראָטן אין אונז. מער נישט מיר האָבן סענטימענטן ווייל אונזערע אבות זענען געווען אמתדיקע יידן. פון וואַנען זאָלן אונזערע קינדער אָט די סענטימענטן האָבן?

דער ערגסטער דערציער איז א ליגן. צוערשט גלייבן אייך די קינדער; זיי קענען זיך אפילו באַגייסטערן דורך אייער פּאַטאַסדיקן רעדן. שפּעטער אין בּיסלעכווייז דערשפּירן זיי דעם ליגן, וועלן זיי אייך קיינמאָל נישט מוחל זיין: איר האָט זיי אָפּגענאַרט, באַליידיקט. זיי וועלן אייך פיינט האָבן און אַלץ וואָס איר האָט זיי געלערנט — אויך...

*   *

*

4. רעדט ניט פון יידישער קולטור.

אז מיר האבן אנגעהויבן נאכקוקן און נאכמאכן די „גרויסע" פעלקער, האבן מיר מיט אמאל גענומען רעדן וועגן באזונדערע געביטן פון יידישקייט. איז געווארן ביי אונז: יידישע רעליגיע, יידישע קונסט, ליטעראטור, קולטור, אא"וו און — עס איז נישט אזוי: מיר האבן דעם לעקסיקאן גענומען ביי פרעמדע. זייער לעבן איז אנדערש. זיי זענען ע ק ס א ג ע ן: זיי פראדוצירן אין אביעקטן אויסער דעם מענטשן גופא. אביעקטן קען מען צעטיילן, קלאסיפיצירן. יידישקייט איז ע נ ד א ג ע ן: די גאנצע ווירקונג קערט זיך אום צום אקטיוון סוביעקט אליין. יידיש לעבן בויט און דארף בויען דעם גייסט פון לעבעדיקן יידן גופא. אביעקטיווע, מאטעריעלע קולטור־שאפונגען זענען דא נישט שייך לגמרי. דא קען מען דעריבער נישט צעטיילן, צעגלידערן, סיסטעמאטיזירן; קיין לעבעדיקע נשמות קען מען נישט צעגלידערן. די יידישע דערציאונג האט נישט קיין ציל צו פארשפרייטן און אויסצולערנען עפעס אן אביעקטיווע יידישע קולטור. זי דארף פורעמען יידישע מענטשן. די גאנצע צייט האבן מיר קאפירנדיק אלעמען געבלאנדזשעט אין שיטערן וועלדל פון עטלעכע אביעקטן פון יידישער קולטור, האבן מיר געזוכט „קולטור־רייכטימער, „אוצרות", „ירושה", „ווערטן", „קונסטן", אא"וו.. אין אונזער קנאה האבן מיר געפלאנצט אין זיך און אין אונזערע קינדער א געפיל פון מינדערווערטיקייט — „נעבעך, אזוי ארעם זענען מיר". און אין אונזער קאפיר־דראנג האבן מיר נישט באמערקט דעם פשוטן פאקט, אז —

די יידישע קולטור ליגט (און דארף בלייבן ליגן!) אין ספעציפישן גייסט פון יידישע מענטשן גופא, אין סוביעקט פון יידישקייט. נישט אין קיינע אביעקטן. יידישע קולטור איז אין ספעציפישן כאראקטער פון יידישן לעבן, אין יידישן שטייגער, יידישן דענקען, אין יידישן פילן. יידישע קולטור איז יידישקייט — אינעווייניק אין יידן, נישט אויסער זיי. נישטא קיין באזונדערע יידישע קולטור, א חוץ די לעבעדיקע יידן, א חוץ דעם לעבן פון יידן. אין דעם „וואס מיר זענען זענען מיר, אבער יידן

זענען מיר", — איז די גאַנצע קולטור. און גוט אזוי. די געבענטשטע הייליקייט פון יידישן פאָלק, — די שכינה פון פאָלק. זיין גייסט איז גאָט, דאָס פאָלק אליין און זיין תורה, זיין קולטור — אַלץ איז איין אומטיילבאַרע גאַנצקייט. אזוי האָבן נאָך געלערנט אונז די אַמאָליקע תלמודיסטן. יידישע לערערס מוזן דאָס געדענקען בסדר. טראַכט נישט פון דייכערע אָדער אָרעמערע פּראָגראַמען. טראַכט וועגן זאַפטיקע אָדער טרוקענערע נשמות פון לעבעדיקע קינדער־יידן. דער אומגליק פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן ליגט אין דעם וואָס מען טראַכט רק וועגן יידישער קולטור, בשעת דאָס לעבן איז נישט יידיש און מען טראַכט נישט וועגן א יידישן לעבן. ווייל מען יידישע קולטור ארויפטון ווי א מאַסקע אויף א נישט־יידישן לעבן. אין דאָס קען נישט געלינגען. נישט עקסאַגען דאַרף גיין די דערציאונג, נישט פאַרוועגדן ענערגיע אויף פאַרשפּרייטן וויסן און „קולטור־רייכטימער" נאָר זאַמלען און אקומולירן פּאָטענציעלע ענערגיע ענדאָגען אין די מענטשן גופא. יידישע דערציאונג מוז שטאַרקן, מוטיקן, דרייסטער שטאָלצער מאַכען, פאַרעקשנטער. גלויביקער אין זיך, אין קאָלעקטיוון „איד". רעדט נישט, שרייבט נישט, „יידישע קולטור, יידישע קולטור". — אינז איז מיאוס געוואָרן די יידישע לעבנס־טראַדיציע און אַלץ וואָס טיילט אונז אָפּ פון נישט־יידן, — האָבן מיר זיך איינגערעדט. אז דאָס אַלץ איז טריפענע רעליגיע און מיר זענען כשר־וועלטלעך. האָבן מיר זיך אויסגעטראַכט א יידישקייט פון „קולטור". האָט דאָך אָבער אויך קולטור־יידישקייט אונז אָפּגעשיידט פון נישט יידן, — האָבן מיר אין אונזער קלוגקייט, געפונען אויך צו דעם א מיטל: האָבן אָפּגעטיילט אויך די „לירדך פון מליבה". איז א גאַנצע וואָך אין שטוב און ביזנעס און אומעטום לעבן מיר ווי ניט־יידן און זונטיק מאַכן מיר א פאַרזאַמלונג און מיר פּראַוועןאָפּ א „קולטור יידישקייט־דינסט"..

און עס איז א ליגן. אַלע קענען אָפּטיילן די קירך זייערע, מיר — נישט. אונזער לעבן איז מאָניסטיש — אָדער יאָ אָדער גאָרנישט. אָדער מען מוז בויען א יידיש לעבן, וועט זיין אויך קולטור. אָדער — רעדט זיך נישט אויז — די „יידישקייט פון קולטור־דינסט" וועט גאָרנישט העלפן

און עס וועט נישט זיין קיין יידיש לעבן. און אַן אזא יידישקייט אין לעבן (נישט אין קולטיר!), קען נישט זיין קיין לעבן פון יידן. אויף דעם פונדאמענט פון ווערבאלן וויסן קען זיך קיין יידיש לעבן נישט האלטן. און לעבן נישט ווי יידן, נאָר ווי סתם בירגער וועלן יידן אויך נישט קענען און דער גורל איז באשטימט.

*　　*
*

5. לייגט ניט קיין האָפענונגען אויף דעם וויסן פון יידישער געשיכטע.

עס איז אן אלגעמיינער גלויבן: ראָס לערנען און דאָס וויסן יידישע געשיכטע דערציט יידישקייט. און עס איז א ליגן — די גרעסטע אויטאָריטעטן אין יידישער געשיכטע זענען געווען נישט קיין יידן און אָפט גאַנץ גוטע שונאי ישראל. דאָס רוב יידישע געשיכטלער זענען געווען אסימילאטאָרן. אלנפאלס די גרינדער פון דער וויסנשאפט יידישע געשיכטע זענען געוועז אזיינע. און פארקערט: דורות נאָך דורות גאנצע יידן, דורכאייסיקע יידן האבן אינגאנצן איגנאָרירט דאָס וויסן געשיכטע און דאָס האט זיי גאָרנישט געפעלט אין זייער יידישקייט. נישט דאָס וויסן שאפט דאָס באוווסטזיין. א פאָלק האָט געלעבט מיט זיין פארגאנגענהייט און אויסגעמיטן געשיכטע. און גיט אזוי: כל זמן אַל דאָס פארגאנגענע איז אין מיין באוווסטזיין געוועזן אמאָל, — איז עס שוין איצט טויט. היסטאָריע איז אין מוח פון די לערנער א גוט געאָרדנטער מוזעאום פון פארגאנגענהייט, א בית־עולם פון געוועזענעם. וואָס קען דאָס אלץ מיר העלפן לעבן היינט? האָט די יידישע טראדיציע פון אייביק אַן זיך באמיט צו מאכן פארגעסן אז אלץ און אלע זענען געווען אמאָל, דאָרטן און דאָרטן, נישט איצט, נישט דאָ. פונקט פארקערט האָט מען זיך באמיט צו מאכן

גלייבן אז אלע, אלע — אלע העלדן, אלע גרויסע, אלע הייליקייט; — אלץ און אלע זענען בסדר און אלעמאל דא מיט אונז און העלפן אונז לעבן. די אבות, די נביאים, דער סיני, די שכינה אליין, די גאנצע תורה -- די דינים און די תהלים געזאנגען -- אלץ גייט מיט מיט אונז. אליין העלפט אונז לעבן איצט,איצט. א וועלט מיט פעלקער וואס האבן געלעבט מיט לענדער און כלוכות האבן זייער פארגאנגענהייט היסטאריזירט צים גענוים פון די וואס האבן געלעגנהייט און מעגלעכקייט צו פארווילן זיך ווייטיק מיט דערהייבענע געביטן. יידן האבן זיך נישט געקענט פארווילן מיט זייער געשיכטע. זיי האבן געמוזט איינשפאנען אין שווערן וואגן פון לעבן זייער גאנצן עבר: אליהו, און די אבות, אין א קאפיטל תהילים און אלעמען. יידן האבן זייער פארגאנגענהייט נישט היסטאריזירט, נאר א ק ט ו א ל י ז י ר ט . קיינע תנ"ך וויסנשאפטן האבן נישט קיין איין פראצענט פון לעבנס־כוח,וואס עס האט א פראסט פשוטער קאפיטל תהילים. קיינע קורסן פון יידישע געשיכטע זענען נישט בכוח צו געבן א יידי דאס וואס עס גיט אים א „נארישער" גלויבן אין אליהו הנביא, אין ה ײ ל י ק ן ש נ ײ ד ע ר ל אא"וו.

אט דער נישט היסטארישער צוגאנג צו אונזער פארגאנגענהייט פאר־דערט ראדיקאלע ענדערונגען אין אונזער פראגראם און מעטאדן נישט נאר פון געשיכטע לימוד בלויז. קלאר זאגן וואסערע שינוים עס דארפן קומען וויים איך נאך אליין נישט (ווער האט עס צייט צו טראכטן ..), עטוואס איז פאר מיר אבער דאך קלאר:

א) קיין שום „אביעקטיווע ריכטיקע" געשיכטע איז נישט נייטיק אויב אפילו אזא אביעקטיווקייט וואלט ערגעץ געווען.

ב) בראשית מוז זיין א אידעע: וואס ווילן מיר זוכן אין דער פאר־גאנגענהייט פאר דעם מארגן. דען נישט קאלטע וויסנשאפט געבירט אי־דייעס, נאר פארקערט, גלויבן און אידייע קענען שאפן פון די מיליאנען פאקטן עפעס א סיסטעם, א געביידע, צוגעבן א זינען.

ג) א לעגענדע וועגן דעם ווי רש"ים מוטער איז געראטעוועט געווארן פון טויט גיט איבער רש"ים ראלע אין יידישן לעבן מערער ווי גאנצע

אביעקטיווע ביאגראפיעס וועגן דאטעס, שטעט, וואנדערונגען, ווייב, טעכטער, ארעמקייט, אא"וו.

ד) פאעטישע ליטעראריישע איבערזעצונג פון פארגאנגענהייט איז ווינ־טיקער ווי די בלומרשטע ריכטיקע פאקטן.

ה) ביאגראפיעס און פארטרעטן פון שרייבערס זענען נישט קיין לי־טעראטור, ביאגראפיעס פון קולטור־שעפער — נישט קיין קולטור.

ו) בקיצור, מען דארף נישט די תלמידים פירן דורך די „פראכטיקע גאלעריעס פון דער יידישער געשיכטע", נאר מען דארף פאר דעם געפיל און באוואוסטזיין פון די תלמידים די גאנצע פארגאנגענהייט לעבעדיק מאכן אין „היינט". די יידישע טראדיציע האט עס געמאכט. מיר מוזן עס אויך.

* *
*

6. נאר נים קאפירן.

די יידישע שול, די יידישע דערציאונג קען נישט און טאר נישט זיין קיין קאפיע, קיין נאכגיין נאך די בעסטע נישט־יידישע שולן אפילו. צו פארשידענע צילן מוז מען בויען פארשידענע וועגן. ביי אלע פעלקער באמיט זיך די שול אויסצוהאדעווען מענטשן וואס גייען מיטן שטראם. מיר מוזן דערציען מענטשן, וואס זענען פעאיק צו גיין קעגן שטראם. אלע פעלקער זארגן איינצושמעלן דורך סאציאל־פאליטישע וועגן אזא אייגענעם סאציאלן לעבנסשטראם, וואס זאל פארשפארן יעדן יחיד זיין יחידישע אנשטרענגונג. מיר אבער מוזן ערשט דורך דערציאונג פון יחידים וואס קענען און ווילן גיין קעגן שטראם שאפן אונזער אייגענעם שטראם, כאטש א קליינעם אבער אן אייגענעם. דאס פארלאזן זיך, אז דרויסנדיקע כוחות וועלן אונזער שטראם אפטיילן האבן זיך תמיד, דורך דער גאנצער גע־שיכטע, און איצט מערער נאך ארויסגעוויזן פאר פאלש. אז א ווילקן „הריני מוכן ומזומן" איז נישטא קיין יידישקייט, אן יידישקייט איז

נישטאָ קיין יידנטום, אפילו ווען עס זענען דאָ מיליאָנען יידן. אַז יידנטום קענען יידן נישט איינאָרדנען זייער לעבן. דאָס איז אַן אויפגאַבע וואָס קיין שום דערציאונג אויסער אונז האָט נישט זיך צו שטעלן.

א נישט־ייד אַן דערציאונג בלייבט קאָנסערוואַטיוו קולטורעל אריינ־געוואַקסן מיט אַלע זיינע נשמה־וואָרצלען אין זיין נאַציאָנאַלן פאָלקס־קאָלעקטיוו, כאָטש ער האָט נישט קיין וויסן, קיין באַגריפן, קיין קענטעניש און ידיעות.

א ייד אָן דערציאונג איז קודם כל גייסטיק אויסגעוואָרצלט, כאָטש ער קען פאַרמאָגן ידיעות, קענטעניש און וויסן און צענטליקער אַטעסטאַטן.

צו באַזונדערע, אַנדערע צילן מוזן מיר גיין מיט אייגענע, אַנדערע, מיט באַזונדערע וועגן. מוזן מיר בויען אונזער דערציאונג ענלעך צו אונ־זער טראַדיציע, אייגנאַרטיק און נישט קאָפּירנדיק, נאָכמאַכנדיק. ווי אונזער לעבן בכלל, אַזוי, קענען אויך יידישע וויסנשאַפט, יידישע דערצי־אונג נישט זיין קיין געבאָרגטע, לויט מוסטערן.

* *

*

7. אתה בחרתנו.

כדי דאָס צו דערגרייכן מוזן מיר זיך אומקערן צום „אתה בחרתנו“. די גאַנצע שרעק, דער מוראַדיקער פחד ביז פיזישן צאַפּלען זיך פאַר דעם אתה בחרתנו איז ביי אונז געוועזן... א קראַנקייט. יעדער געזונטער נאָר־מאַלער מענטש האָלט פון זיך, שאַצט זיך, גלויבט אין זיך, באַרעכטיקט די אייגענע אַנדערשקייט און זי איז אים ליב, ס'איז זיין „איך“ דאָס איז דער אינדיווידועלער „אתה בחרתנו“. באַגעגנט איר אַ מענטשן אָן די אייגנשאַפטן, טאָ זייט וויסן אַז פאַר אייך איז אַ מענטש אַ קראַנקער, מיט אַ צעבראָכענער נשמה. ער שעמט זיך מיט זיך, ער איז נעפּאַלן, גלייבט נישט אין זיך, איז אַלעמען מקנא, האָלט אַלעמען העכער

פאר זיך... יעדער נאָרמאַלער מענטש וואָס שעצט זיך, שעצט אויך דעם קאָלעקטיוו פון וואנען ער האָט באַקומען זיין גייסטיקן „איך". דאָס איז דער נאַציאָנאַלער „אתה בחרתנו". דער גאנצער געשריי און צוינקריצערייי קעגן אתה בחרתנו שטאמט פון א פארקערטן געפיל פון אומאכטונג צום אייגענעם נאַציאָנאלן קאָלעקטיוו, עס שטאמט פון א דראנג־פארלאנג צו אנטלויפן פון אייגענעם קאָלעקטיוו. דאָס שטאמט פון דעם שטרעבן צו באפרייען דעם מענטשן אין יידן. צונעמען פון אים זיין יידישקייט. דער פחד פארן אתה בחרתנו און דער כעס אויף אים שטאמט פון דעם וואָס אָט דאָס געפיל לאָזט נישט דעם יידן אנטלויפן פון זיין יידישקייט. אַביזר גענוג. נישטאָ מער וווהין צו לויפן, צי וועמען צו לויפן. אויבער די ראמען פון יידנטום קען קיין ייד מער נישט לעבן. מוז אין יעדן יידן זיין איינגעפלאנצט א געפיל פון אכטונג און ליבע צו אָט דעם קאָלעקטיוו. מוזן קינדער דערשפירן נישט קיין רחמנות צו יידן, נאָר דעם „מאיר שביהדות". די יידישע אנדערשקייט און זיך געוויינען דאָס צו שעצן, צו ליבן. און וואָס מער אָט פון דעם געפיל, אלץ מער גלויבן, אלץ מער מוטיקייט... אלץ מער דרייסטקייט און עקשנות אין לעבן. ווילן מיר אויסבילדן א מוטיקע לעבנסלוסטיקע און לעבנסמונטערע יוגנט, מוזן מיר זי קודם כל באפרייען פון דעם „אנטי־אתה בחרתנוזים"

* *

*

8. פסיידאָ־נאַציזם.

ווען מען מיר באלד אונטערטראָגן א פרעמדן שפיגל און ווייזן אין אים אן אנדער „אתה בחרתנו", אויף א שאָוויניסטישן שטייגער: אהא! אָט אזוי זעט איר אויס מיט אייער אתה בחרתנו. זעט.

שרעקט זיך נישט: פאראן דאָך שוידערלעך שלעכטע מענטשן אויף

דער וועלט. דאָך שרעקן מיר זיך נישט צו זיין מענטשן. דער „איד"־געפיל, ד. ה. דער „אתה בחרתנו" קאָן אויך זיין פארשידן לויטן כאראקטער פון פאלק. „נאר אייך האָב איך דערקענט פון אלע משפחות, — דעריבער וועל איך אייך שטראָפן פאר אייערע זינד". אזוי האָט געלערנט מיט עטלעכע טויזנט יאָר צוריק איינער פון די ערשטע אתה בחרתנוקעס (עמוס). און אזוי אלע — עס איז אן אנדער צוגאנג, אן אנדער כאראקטער און אן אנדער שטאָלץ: מיינע אור־עלטערן האָבן צוליב זייער אתה בחרתנו ווער קענט שטאָלץ און מוטיק ליידן, אָבער נישט מאכן ליידן אנדערע. עס איז אויך א נאציאָנאלער שטאָלץ אָבער דער היפוך פון נאציסטישן. ישרעט זיך נישט.

אָבער אתה בחרתנו ווי אזוי? ווי אזוי פלאנצט מען אין די קינדער אָט דאָס געפיל? —קודם כל הערט אויף צו לערנען די קינדער די קנעכטישע תורה פון „צופאסן זיך". לערנט זיי נישט, אז כדי צו לעבן דאַרף א מינדערהייט אָפמעקן אין זיך דעם גאנצן „איד" און נאָכטון אין אלץ דער הערשנדיקער מערהייט. צוזיפּלעבן זיך, קעגנזייטיק זיך רעכענען איז עפּעס אנדערש. צופאסן זיך צו יענעמס שטייגער און זיטן איז א פונקציע פון קנעכט, פון קנעכטישקייט. עס קען נישט זיין קיין פרייער מענטש, וואָס טוט אלץ אין זיין לעבן לויט יענעמס נאָרמעס. פרייהייט הייסט לעבן, פירן זיך ווי א י ד געפין פאר גוט. פרייהייט נאָכצומאכן, נאָכצוגיין, נאָכצוטון יענעם — דאָס איז — רעכט צו זיין קנעכט. אזא דערציאונג אין דעם גייסט קען נישט אויסהאָדעווען קיין שטאָלצע מענטשן קיין מענטשן וואָס זענען בעאיק צו קעמפן פאר זייערע מענטשלעכע רעכט. פאר זייערע אייגענע באדארפן און נויטן. אזא דערציאונג האָדעוועט מענטשן, וואָס קענען בלויז זוכן גוטע באלעבאטים. אזוי וואקסן אויס מענטשן, וואָס האָבן בכלל נישט קיין „איך".

אין א סביבה וווּ עס ווערט געדוט שבת, ווייל אזוי איז א י נ ז ע ר דורותדיקע געוויינהייט וועט זיין א סך גרינגער אויפצוהאָדעווען יידן מיט מענטשלעכער שטאָלץ איידער אין א סביבה וואָס פאסט זיך צו י ע ־

נ ע מ ס זונטאגן און נייע־יאר־בעלער. שבת־רו איז אזוי ארום לגמרי נישט קיין פראגע פון רעליגיע און רבנישן קלעריקאליזם. יום־כיפּור־דיקע סעודות זענען בכן לגמרי ניט קיין „וועלטלעכע גבורה". אין דער ערשטער ריי גייט דא וועגן איינהיטן די נאציאנאלע איינהייטלעכקייט און אייגנארטיקייט פון קאלעקטיוו אדער ניט. און דערציעריש גייט דא וועגן איינגלידערן די יונגע דורות אין שטייגערישער יידישקייט, איינגעוויינען זיי אן דרשות אז אין לעבן פארמאגן מיר אונזערע פרינציפן ווי צו לעבן, אייגענע פרינציפן און מיר זענען ניט קיין טייג וואס קנעט זיך אויטאמאטיש אריין אין יענעמס פורעמס. די רעליגיעזע ד ע ר ק ל ע ר ו נ ג ע ן פון די שטייגער־לעמענטן גייען אונז אינגאנצן ניט אן. זאל זיין אז די אין יענע, אדער אלע יידישע מנהגים זענען נאריש. איז לאמיר זיין נאריש מיט אלע יידן צוזאמען איידער צו זיין הכמים אפגעריסענע פון שטאם. מענטשלעכע פרייהייט מיינט קענען אין לעבן אפהיטן מיינע אייגענע פרינציפן און נייגונגען, כאטש איך בין א מינדערהייט און לגמרי אנדערש פון דער גרויסער מערהייט. אין א סביבה פון פאלש פארשטאנענער וועלטלעכקייט, ווו מען פירט זיך א גאנץ לעבן לויט דעם פיר פון הערשנדיקן פאלק קענען קיין שטאלצע, זיך אכטנדיקע מענטשן כמעט קיינמאל נישט אויסוואקסן. קומט צו אט דער אפּימילאטארישער וועלטלעכקייט („שטייגער־אסימילאציע") צו א „דערקלערטע" יידישקייט, א יידישקייט פון באוווסטזיין, קען דאס פירן צו א שווערן קאנפליקט: איך וויים אז איך בין א ייד, אבער איך ווי י ל פון דעם נ י ט וויסן. דאס איז דער גורל פון דעם ווערריק. וואס יאגט זיך מיט כעס נאך דעם אייגענעם עק... טראגישע זענען אט די מענטשן: זיי זענען יידן און — שונאי־ישראל און האבן אין זייער יידישן באוווסטזיין גארנישט וואס זאל קענען אפשוואכן זייער כעס און שווערן געמיט פאר דער יידישקייט. לערנט ניט אייערע קינדער די תורה פון צופאסן זיך. לערנט

זיי דאָס פאַרקערטע. א פרייער מענטש באַמיט זיך און קעמפט כדי צוצופאַסן די וועלט צו זיך, צו זיין „איך“ און אָן *שטאָלצער יידישקייט* קען א ייד ניט און וועט ניט פאַרמאָגן קיין *שטאָלצע מענטשישקייט*. דאָס לערנען צוצופאַסן זיך האָדעוועט *קנעכט*. זאָל מען דאָס קלאָר וויסן.

די אידעע פון יידישער דערציאונג.

דאס פאריקע יאר איז פאר „קולטור און דערציאונג״ געווען א יאר פון פרינציפיעלן זוכן. נים בלויז מעטאדישע פראגעס. — עס זענען געשטעלט געווארן צום באטראכטן יסודותדיקע פראגעס וועגן עצם מהות יידישער דערציאונג. כמעט אין יעטווידער נומער זענען געווען ארטיקלען, וואס האבן געזוכט צו פארמולירן אזוינע יסודות פון מאדערנער, וועלטלעכער יידישקייט.

אבער מיר דאכט זיך, אז אין אט די באטראכטונגען האט געפעלט עפעס אן אלגעמיינער פרינציפ. כדי קלאר צו מאכן עלעמענטן פון א זאך, מוז פריער פאר אלץ זיין ביי אונז די אידעע פון אט דער זאך.

די אידעע פון א ו נ ז ע ר יידישקייט — ווו און וואס איז זי? דאס איז די גרונטיקסטע פראבלעם פון אונזער קולטור און דערציאונג

איין קלייניקייט! בסך הכל האבן אלע דורות יידישע דענקער געבראכן זיך די מוחות אויף דער פראגע. — וועלן מיר דא זי פארענטפערן?

איך מיין ניט זיך ארייגצולאזן דא אין דער טיפקייט פון אט דער פראגע. — דאס דארף געמאכט ווערן אנדערשוו. אבער, אז אלע יואס טראכטן אין איין ריכטונג דארפן אין זיך פארמאגן אזא אידעע דאס איז קלאר.

„איך זאג „אידעע״, ניט „אידעאל״ בכיוון, ווייל אידעאל איז א פארמולירט שטרעבן אויסגעדריקט אין ווערטער. אידעע אבער איז די נשמה פון זאכן און מאנונגען וואס קען האבן פארשיידענע פארמולירונגען, אדער וואס קען בלייבן ניט פארמולירט. אבער זי, די אידעע, גיט דעם באראקטער.

שאפט די איינהייטלעכקייט, די „אהדות״, וואס בינדט צונויף אלע עלעמענטן. אלע דעטאלן אין איין גאנצקייט. דאס לעבן ווערט דאך צונויפגעשטעלט פון אַז א שיר טואונגען, מעשים און פרטים ווי א גרייסע, קאמפליצירטע מאשין פון פילערליי און אלערליי שרייפעלעך און רעדעלעך. אבער אלע ציזאמען דינען זיי איין און איינציקער אידעע. וואס דארף באלעבן אינזער ארבעט. בפרט אז עס זענען פאראן ביי יידן אזוי פיל „יידישקייטן״, איז גאר גרינג ניט ווילנדיק עפעס איבערנעמען און זיך לאזן אויף א פאלשן וועג. בלויז ווען מיר פארמאגן אין זיך די אידעע פון א י נ ז ע ר יידישקייט, לאזט זי ניט אונז בלאנדזשען אויף פרעמדע וועגן

דערביי איז אבער מיט אידעען א שווערער עניין: א אידעע איז ניט אפהענגיק פון איר פארמולירונג. ווערטער קענען זיין בלויז א סימבאל, בלויז א סימן; ווערטער, פארמולירונגען קענען זיין אפילו פארשיידענע און די אידעע בלייבט די זעלביקע. פארקערט, זעען מיר עס ביי פאליטישע לאזונגען גאנץ אפט, ווען די פארמולירונג בלייבט די זעלביקע און דער אינהאלט בייט זיך. קען מען אפט אין נאמס נאמען אנקליידן דעם מיוזל. דעריבער איז אפט בעסער אידעען ניט צו פארמולירן אין גאנצן, לגמרי. בלויז גאר אנרעגן צו זיי. נייטש אומזיסט האבן יידן פארבאטן ארויסצוזאגן גאטס נאמען; מען דארף איינפלאנצן אין מענטשן דעם אינהאלט, די אידעע פון דער זאך, ניט קיין ווערטער. וואס קאנען בלייבן ליידיק. האט דאך טויזנטער יארן א „שמע ישראל״ געדינט ווי א סימבאל פון יידישקייט, אבער קיין מאל ניט ווי א פארמולירונג.

איז אט גייט עס אונז, אז ביי די טוערס. לערערס, דערציערס, אויך ביי די תלמידים, זאל זיין איינע און די זעלביקע אידעע פון יידישקייט. דעמאלט, פון דער איינהייטלעכקייט פון דער אידעע וועט מוזן קומען די איינהייטלעכקייט פון דער ארבעט. פון „אחדות האידעע״ איז דער וועג צו „אהדות המענטש״.

איז ניט ווילנדיק דא זיך פארנעמען מיט פארמולירונגען פון דער יידישקייט־אידעע, האלטנדיק פון דעם „לא תשא שם אלוהים לשוא״, מיין איך צו זיין נאנט פון אמת. אויב איך וועל זאגן, אז א ייד א נארמאלער, א ייד,

וואס אין אים לעבט יידישקייט, פילט זיך פארבונדן, נאנט מיט אנדערע יידן, מיט אנדערע יידישע קיבוצים איבער אלע גרענעצן און לענדער, אזא ייד פילט אין זיך די פארבונדנקייט זיינע מיט יידן, יידישע קיבוצים פון היינט און אלע „אמאלן". איבער אלע דורות און צייטן. אט דאס „פילן אין זיך די יידישקייט" דארף זיין ניט קיין ראציאנאליסטישע. וואס מען דערפילט ווען מען דערמאנט זיך אן דעם, בלויז דעמאלט. פארקערט, עס דארף זיין אזא, וואס אנדערע דערקענען עס תמיד, וואס מען קען דאס ניט פארגעסן, באהאלטן. עס איז א גייסטיק מאראלישע אייגנטימלעכקייט און ירושהדיקייט. וואס שטאמט ארויס פון קולטור־שטייגערישער איינהייט־לעכקייט און איבערגעבן, טראנספערירונג, ירושהדיקייט.

דאס איז דער באזיס. פון דאנען קענען אין דארפן ארויסוואקסן ארויס־זאגונגען, טואונגען מעשים. ווי פרוכט פון באדן ארויס, אבער קיין מאל קען מען עס ניט און עס טאר ניט גיין פארקערט:

ניט אין די יידישע „פארמולעס" און די יידישע עיקרים, פרינציפן איז יידישקייט. מען קען ניט און מען טאר ניט „אויסלערנען" יידישקייט דורך איינלערנען פרינציפן, קאטעכיזמען, טעאריעס, אני־מאמינס, פארמו־לעס פון „יידישער מאראל", יידישע וויסנשאפטן און יידן־וויסנשאפטן. דאס אלץ קען אמאל זיין גוט, ווי פרוכט, וואס וואקסן אויס פון יידישקייט, אבער ניט זיי און ניט אין זיי איז יידישקייט. די פרוכט זענען ניט דער גארטן. און „ארגאנישער" יידישקייט מיזן אט די אלץ זיינע פרוכט ווייט דער צייט פארטרינקט אדער פארפוילט ווערן. דאס אלץ איז ווי מען האט עס ביי יידן אמאל געריפן א „תורה שבכתב", וואס אן א „תורה שבעל פה" מוז זי בלייבן א טרוקענער ספר.

דעריבער איז פאלש און שעדלעך דער ראציאנאליסטישער צוגאנג און דאס ראציאנאליסטישע „לערנען יידישקייט". „וויסן יידישקייט" קענען אלע, ז י י ן יידן -- אפילו ניט אלע יידן. לערנען יידישקייט כדי צו „וויסן" בלויז, איז פון לכתחילה בלויז אסימילאציע, בלויז א יוצא זיין.

דאס ראציאנאליסטישע לערנען קען און דארף קומען ווי א צווייטער שטאפל, ווען עס איז דא יידישקייט פון פריער. עס איז גוט א ב א־

ו ו ס ט ז יי ן, ווען עס איז פריער פאראן אן א ו מ ב א ו ו ו ס ט־ז יי ן.

יעטווידער דערציאונג, וואס באמיט זיך איינצופלאנצן יידישקייט דורך דעם וויסן און דורך דעם באוווסטזיין, הייסט גיין פארקערט, אנהייב פון דעם דאך, ניט פון די פונדאמענטן. מען קען אפילו דורך פארשיידענע וועגן און דורך פאטאס סוגעסטירן, „איינריידן" די תלמידים א יידישקייט. דאס רוב איז דאס שרייעוודיקע, א געמאכטע, א שילד צום פוץ. דאס רוב איז אזא איינגערעדטע און ארייננגערעדטע יידישקייט מער אדער ווייניק א פאלשע, א נאכגעמאכטע, א פארלאנג זיך און אנדערע איינצוריידן... קיין שום שעפערישקייט קען אזא יידישקייט ניט האבן, ווייל יעטווידער שאפן קען זיין בלויז ארגאניש. עס איז ניט קיין יידישע דערציאונג. עס איז א דרעסירונג.

בכן, פון דאנען קען מען דרינגען, אז אין באזיס פון יידישער דערציאונג דארף מען ניט נעמען קיין ג ע ש י כ ט ע, קיין ביאגראפיעס וכדומה; קיין אויפקלערונגען און קיין דערקלערונגען.

פון דאנען איז. דרך אגב, געדרונגען. אז איטלעכער לערער וואס לערנט אויס זיינע תלמידים צו שרייען אין אלע גאסן די לאזונגען פון זיין אידעאל, פארשוועכט אים נאר. ער דרעשט אויס ש ר יי ע ר ס, טומלערס, צומאל שלעגערס. דאס איז כמעט אלעמאל היסטערישער היפנאז און נישט קיין דערציאונג. דאס זענען די וועגן פון דער פאשיסטישער און נאציסטישער דערציאונג, וואס האט זיך ווי א פעסט פארשפרייט איבער דער וועלט איז צום באדויערן.

אונדז דארף זיין ליבער פרימיערע יידישקייט איידער די סעקונדערע. בעסער אן איינגעווארצלטע אמאראצישע יידישקייט איידער א געבילדעטע אן ווארצלען. א פראסטער יידישער ישובניק האט זיין יידישקייט פרימיער. א פראפעסאר פון יודאיסטיק איז על פי רוב — שוין גאר קיין ייד ניט. דאס מאסאווע אין יעטווידער פראסטן יידן, דאס מאסיווע פון דעם פראסטן מאסן־יידן, — אט דאס איז דער מקור ראשון, דער באדן. אלדאס געלערנטע זעען די פרוכטן, וואס וואקסן פון דעם באדן. אן דעם באדן, מוז אלץ פארוועלקן.

ביז וואנען עס וועט אין די תלמידים ניט אריינגעטראָגן ווערן דורך דער דערציאונג אַט די עלעמענטארע מאסן־יידישקייט, — כל זמן דאָס פעלט, איז אָן שום נוצן יעטווידער לערנען יידישע וויסנשאפטן.

ווייטער. די יידישקייט. וואָס צו איר דארף מען דערציען טאָר בשום אופן ניט באשטיין פון עפעס א פארגעטערטער צוגעבונדנקייט צו א וואָכער עס איז אטריבוט. עס טאָר בשום אופן ניט געמאָלט זיין מען זאָל אָנווייזן אויף עפעס א באשטימטע זאך און זאָגן „אָט איז יידישקייט". יעטווידער שטעלן יידישקייט אויף איין קאָרט מוז אומבאדינגט ברענגען צו א קאטאס־טראָפע. יעטווידער מיינען, אז יידישקייט ליגט ערגעץ אין א באשטימטן קעגנשטאנד, איז א שעדלעך געצנדינעריי ניט די פארשריבענע תורה, ניט עפעס ערגעץ אנדערע פארשריבענע ספרים, ניט די אָדער יענע שפראך פאר זיך גופא, ניט דאָס אָדער יענעם לאנד ווי אזא, ניט די אָדער יענע מאָראל. ניין. דאָס אלץ און א סך אנדערע זאכן קענען זיין פראָדוקטן פון יידיש־קייט, ניט מיט זיי שעפט זיך יידישקייט אוים. אלע תורות קענען פארגעבן ווערן, שפראכן קענען אויפהערן צו עקזיסטירן, לענדער קענען חרוב ווערן און יידן בלייבן, כל זמן עס לעבן, פשוט פיזיש, מענטשן־יידן, וואָס זייער לעבנס־אינהאלט איז ספעציפיש יידיש; כל זמן אָט די יידישע מענטשן שפירן אין זיך דעם ווידערקול פון א וועלט מיט יידן און דעם בת קול פון דורות יידן, כל זמן אין יעטווידער איינעם פון זיי שפירן מיר דעם אפקלאנג פון יידישע לענדער און צייטן. כל זמן דאָס איז פאראן, מעג זיך דער דירעקט־טער אינהאלט פון יידישקייט בייטן און פארענדערן זיך. מעגן אין גאַרטן זיך בייטן די געוויקסן. יעטווידער פארהייליקן עפעס איין אטריבוט. אז אָט דאָס איז יידישקייט אין ווייטער ניט, — דאָס איז פעטישיזם, געצנדינעריי, יעטווידער שטעלן יידישקייט אויף איין זאך הייסט טויט.

יעטווידער ירושה־המשך קען זיין בלויז א דירעקטער פון דור צו דור. איבעררייסנדיק אָט די קייט פון כסדרדיקער המשכדיקייט, רייסט מען בכלל איבער מיט דער קולטור־ירושה בכלל.

פון דעם אלץ איז געדרונגען, אז פאר דעם עצם זיין א ייד, פאר דער יידישער דערציאונג, איז וויכטיק צו אנטוויקלען דעם אומבאוווסטזיניקן אין

אונטערבאוווסטזיניקן אינהאלט פון מענטשן איידער דעם באוווסטזיניקן אנבוי אויף דעם. אָט דער דאָזיקער אומבאוווסטזיניקער אינהאלט איז אין תוך אריין אַן עמאָציאָנעלער, א מאָטאָרישער א סך מער איידער א ראַציאָנאלער. קודם כל, הייסט עס, דאַרף די דערציאונג אריינלעבן דאָס קינד אין יידישקייט, איינגעווינען אים אין יידישער ספּעציפישקייט דורך איבערלעבונגען, דורך מאָטאָרישקייט, דורך עמאָציעס. קודם כל דאַרף דאָס קינד זיך דערשפּירן ווי א ייד. ער דאַרף דעם יידן אנטפּלעקן אין זיך גופא, אין זיין גייסטיקייט. אָט דאָ איז דער באזיס צו א יידישער דערציאונג און באַלערונג. יעטווידער מענטש וואָס פאַרמאָגט אין זיך, אין זיין נשמה אזא מין יידישן באזיס איז זיין יידישקייט זיכער אומאָפּהענגיק פון זיינע פּאָליטישע, סאָציאַלע און קולטורעלע איבערצייגונגען. אזא ייד איז במילא, אָן טעאָריעס, אַן איבערנעמער פון יידישקייט פון פריערדיקן דור און ער וועט זי איבערגעבן ווייטער — די המשכדיקייט פון קולטור.

ערשט אויף דעם באזיס דאַרף געשאַפן ווערן א גייסטיקער אינטערעסן־קרייז, א צענטער א יידישער, וואָס ארום אים זאמלט זיך אין מענטשן אלץ, וואָס דאָס לעבן גיט אים. אויף אזא באזיס ערשט קען געשאַפן ווערן אזא גייסטיקער צענטער, א קולטור־אפּערצעפּציע אין יעטווידער אינדיווידואַל באַזונדער אין במילא — ביים גאנצן כלל.

דער געדאנק פּאָדערט אויפקלערונג: אין יידישן לעבן איז פאַראַן פון אייביק אָן א פּראָבלעם פון קולטור־צענטרען פאַר דעם יידישן יחיד. עס קען געפינען זיין א ייד, וואָס איז אינגאנצן קאָנצענטרירט אין זיין יידישקייט. אלץ וואָס איז ניט יידיש איז אים פרעמד. אזא ייד קען ווינען צווישן ניט־יידן, אָבער ער איז אינגאנצן קאָנצענטרירט אין זיין יידישקייט און דורך זיינע יידישע ברילן זעט ער אַל דאָס ארומיקע. האָט געקענט אזא ייִנגל ווינען צווישן פעלדער און גערטנער און אנשטאָט קרויט זען פּלישתּים („גרינס אויף שבועות”. שלום־עליכם).

קען א ייד פאַרמאָגן צוויי קולטור־צענטרען. מיט איין וואָרצל איז אזא ייד איינגעוואָרצלט אין יידישקייט, מיט דעם צווייטן — אין א צווייטער,

זיכי יידישער קולטור, אין ביידע קילכירן לעבן אין פּליג, בלומרשט אין שלום, ניט באַצווינגנדיק איינע די צווייטע.

עס קען אויך געמאָלט זיין אַ צווייטער מין פון איינקולטורקייט: אַ פרעמדע. מיט דעם גאַנצן גייסטיקן וועזן זיינעם איז דער ייד איינגעטונקט אין דער ניט־יידישער קולטור. דערצו פאַרמאָגט ער אַ מין הוכפה, אַ יידישן אַפּענדיקס אַזאַ אין פאָרם פון אַ וואָסער עס איז אידעאַל, וויהנשאַפט, סאָציאַלער מעמיקייט, רעליגיעזן מנהג וכדומה. מיר וועלן די דריי גראַדאַציעס רופן יידישע איינקולטורקייט, צווייקולטורקייט און ניט־יידישע איינקולטור־קייט.

ביז דער השכלה איז די נאָרמע פון יידישן לעבן געווען די יידישע מאָנאָ־קולטורקייט. די השכלה האָט דאָס אַ נאָמען געגעבן „געטאָ" און אַרויסגעשטעלט ווי אַן אידעאַל די צווייטע און די דריטע גראַדאַציע. די איבנאַויפיקסטע עקסקורסיע אין דער יידישער געשיכטע געניגט צו זען, אַז יידישקייט, יידיש פאָלק, יידישע קולטור לעבט און האַלט זיך בלויז דאָרטן, ווו עס איז פאַראַן יידישע מאָנאָ־קולטורקייט.

דער ציוניזם זוכט צו שאַפן אַ יידישע מאָנאָ־קולטורקייט. אָבער אַ נייע, און דערביי זאָל זי פיזיש זיין אָפּגעטיילט, מאָניסטיש. דער קולטור־מאָניזם זאָל זיך האַלטן אויף אַ סאָציאַלן, עקאָנאָמישן און פּאָליטישן מאָניזם.

די גלות־יידישקייט, אייגנטלעך, — דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, האָט רעם מאָניזם דערגרייכט דורך גייסטיקער קאָנצענטריטקייט, דורך קולטורעלער אָפּגעזונדערטקייט, דורך דעם אייגנווייליקן אָפּהיטן די געטאָ. יעטווי־דער איינברוך פון די אַזוי גערופענע „געטאָ־מויערן" האָבן תמיד זיך גע־ענדיקט מיט אומקום פון יידישע קיבוצים. צוליב פּסיכאָלאָגישע נטיות צו דערווייטערן זיך פון יידן און יידישקייט, איז די „געטאָ" געוואָרן צו אַ שרעק־באַגריף פאַר יעטווידער יידישן אינטעליגענט. איך האָב מורא אַז אויך אַ סך פון די לייענער וועלן לויט דער אינערץ זיך אָפּשרעקן פאַרן וואָרט אָבער נאָך אַ מיפּערן אַריינטראַכטן זיך אין די פּראָבלעמעס, וועט אַ יעטווידער באַגרייפן, אַז „געטאָ" מיינט די קולטירעל־גייסטיקע אייגנטימ־לעכקייט פון יידישן לעבן און, פאַר די וואָס ווילן אַזאַ יידיש לעבן, איז

„געטאָ" ניט קיין שרעק. פאַראַן אַ א שיר באַווייזן אין די יידישע טראַ־דיציאָנעלע ספרים און אין מנהגים, אַז יידן האָבן זיך באמת איינצוהאַלטן די „געטאָ" אָפּגעזונדערטקייט. מיר דוכט זיך, אַז אויך איצט און ווייטער וועט איינהאַלטן יידישקייט בלויז אַזאַ מין גייסטיק־קולטורעלע קאָנצענט־דירטקייט פון יידישע יחידים און פון יידישע קיבוצים אין יידישקייט. און יעטווידער, וואָס מיינט באמת און מיטן גאַנצן האַרצן יידישע קולטור אין מאָדערנע יידישקייט, וועלטלעכע יידישקייט, וועט מוזן קומען צו אָט דער יידישער מאָנאָ־קולטורקייט. צווייקולטורקייט איז גאָר ניט, דאָס איז בלויז אַ יידישע מזוזה אויף אַ ניט יידישער שטוב.

ובכן קומען מיר צו פּאָר צוויי פּרינציפּן. א) דער עמאַציאָנעל־אומבאַוווסט־זיניקער יידישער קולטור־באַזיס און ב) יידישע קולטור־קאָנצענטרירטקייט, אָפּגעהיטע קולטורעלע פאַרזיכיקייט.

אָבער ווי קומט מען צו דעם ? ווי דערגייט מען צו דעם אַליין און ווי דער־פירט מען צו דעם די תלמידים ?

אין דעם אַרסענאַל פון אויסגעפּרוווטע מיטלען אין דער יידישער געשיכטע געפין איך צוויי אַזוינע דערציאונגס מעטאָדן. איך וועל זיי דאָ אָנרופן מיט די אַלטע נעמען, כאָטש מיר וועלן אין זיי מוזן אַריינלייגן אַ נייעם אינהאַלט. „תורה ועבודה" זענען די מיטלען: **קולטור און אַריינגעפינדעוועטער שטייגער** לעבן באַטייטן די צוויי טערמינען אויף אונזער היינטיקן לשון. אין משך פון הונדערטער יאָרן האָט מען זיך באמת איינצושטעלן און פעסט־צושטעלן אַ יידישן שטייגער לעבן, אַזאַ מין „זיין", וואָס שאַפט אַ באַוווסט־זיין. דאָס זענען די דינים, די מצוות. איינשטעלן אַן איינהייטלעכן רעזשים אין לעבן הייסט אייגנטלעך שאַפן אַן איינהייטלעכן פאָלקס־קיבוץ. שאַפט אָט דעם שטייגער־רעזשים פון פאָלקסטימלעכע עלעמענטן, פון פאַראַנענע אין פאָלק זיטן הייסט ממשיך זיין דעם קיום פון פאָלק. אין דעם פאַקט, וואָס איז לכתחילה געבראַכט געוואָרן צום לאַכן, אַז אַ וועלט מיט יידן

„שפרינגט קדוש אין איין צייט" איז פאראן אן שום ספק מער יידישקייט, לעבעדיקע יידישקייט, איידער אין א סך ספרים און וויסנשאפטן. די יידישע לאקשן, קוגל און טשאלנט טראגן אין זיך מער יידישקייט איידער זיבן און זיבעציק פילאזאפישע סיסטעמעס פון יידישקייט און אפשר מער איידער אין אלע דרייצן עיקרים פון יידישקייט וואס דער גרויסער רמב"ם האט איינגעשטעלט מיט אזוי פיל ראציאנאליסטישער פינקטלעכקייט און גענויקייט. אט אזא מין איינהייטלעכער, רעגלאמענטירטער שטייגער־רעזשים, וואס איז געבויט אין גאנצן פון טראדיציע־עלעמענטן, אט אזא מין „עבודה" איז בכוח צוצובינדן יחידים קינדער, תלמידים צו א פאלק מיט יידן אין שמחה און אין צייט און —דער עיקר— אין גייסט.

אין „קולטור און דערציאונג" זענען געווען ארטיקלען וועגן יום־טובים. מיר דאכט זיך, אז אין דעם געדאנק, וואס איך ברענג דא, קען מען געפינען א קריטעריום צו דער פראגע וועגן יום־טובים, ווי א דערציאונגס־פאקטאר: זיי זענען זייער וויכטיק, זיי דארפן זיין אויסגערעכנט איבערהויפט פאר דער עמאציאנעלער ספערע פון קינד. זיי דארפן זיין סטאבילע, רעגלמעסיקע, פעריאדישע מיט א פעסטגעשטעלטן אינהאלט. רגולאמען, זיי דארפן זיין נישט פאר יטווידער שול אנדערש. נייערט, פארקערט, וואס גרעסער דער שמחה פון פארשפרייטונג, אלץ בעסער. זיי מוזן אין זיך פארמאגן עלעמענטן פון טראדיציע, פון „צובונד צו דורות".

פון דעם געדאנק דרינגט ארויס נאך א פראבלעם, וואס וועגן איר האט מען גאר ווייניק גערעדט און געשריבן. דאס איז דער פראגע וועגן דער יידישקייט **פון דער יידישער היים.** עס דארף קלאר זיין, אז אן א ספעציפישקייט, אן אן יידישן אינהאלט אין דער היים איז שווער צו האפן אויף א גאנצקייט פון יידישער דערציאונג בכלל. פארקערט, קען א היים, וואס פארמאגט איר יידישקייט נישט בלויז אין געדאנק, נישט בלויז אין טעאריע, נאר אין קאנקרעטע מעשים, — אזא היים קען זייער פיל אויפטון פאר דער יידישקייט פון די קינדער אן דער ספעציעלער הילף פון שולן אא"וו. איך וואלט נישט מורא געהאט, וואלט איך דעם געדאנק אויסגעדריקט בערך אזוי: עס איז נייטיק פאר די מאדערנע יידישע

היימען א מין שטוביקער „שולחן ערוך" ווי זיך צו פירן אין דער מאָדער־נער יידישקייט. אָט דער שטוביקער פיר מוז אויך זיין פון איין זייט ניי, צוגעפּאסט צו דעם נייעם מהות פון יידישקייט, און פון דער צווייטער זייט מוז ער זיין א פאַרבינדונג מיט די דורות יידישקייט, וואָס אוועק.

דאָס איז איין טייל פון פּראָגראַם — „עבודה" — שטייגער, קולטור־פיר אין לעבן. איצט — דער צווייטער טייל — „תורה" — קולטור. אין א צווייטן אָרט באַמי איך זיך צו באַווייזן, אז אויך פאַרצייטן האָט מען מיטן באַגריף „תורה" געמיינט בעיקר נישט קיין אַלטע ספרים דוקא, ווייל זיי זענען הייליק, נאָר פאַרקערט דאָס פאָלקסטימלעכע, וואָס איז נאָנגבאַר און באַנוצט זיך אין לעבן פון יידישע המונים, מאַכן, אויף אונזער היינטיקן לשון. אָן אָט דער פאָלקסטימלעכקייט האָט קיין שום „תורה" נישט קיין דערציערישן ווערט. קלאָר — נישט אַלץ, וואָס עס איז יאָ פאָלקסטימלעך, איז דערציאונגספעאיק, אָבער אַלץ, וואָס עס איז נישט פאָלקסטימלעך, איז זיכער נישט פעאיק צו דערציען.

צום סוף וויל איך בלויז צוגעבן: מיט דעם באַגריף פון „יידישער איינקולטורישקייט" מיין איך נישט צו זאָגן, אז א ייד טאָר נישט לער־נען קיין „ספרים חיצונים", קיין „חכמת יוון". לגמרי נישט. דאָרטן רעד איך וועגן א קולטור־באַזיס אין יעטווידער יידן, אין נשמה. די מוז, לויט מיין מיינונג, זיין מאָניסטיש. איז אזא באַזיס פאַראַן, וועט אַלץ אפּערציפּירט ווערן אָרגאַניש, פאַרדייט ווערן און אַלץ, ווי „פרעמד" ער זאָל נישט זיין, וועט באַקומען א יידישן פּרצוף.

א געזונטער מענטש פאַרדייט און פאַרוואַנדלט אין זיין גוף אַלערליי פרעמדע שטאָפן. אָבער צו אַנטוויקלען אָט די פאַרדייאונג־אָרגאַנען דאַרף מען האָבן דער מוטערס מילך.

א פראָגראם פאר יידישער דערציאונג.

די יידיש־וועלטלעכע דערציאונג האָט פאר זיך א גאנצע ריי שוועריקייטן, וואָס קיין שום אנדער דערציאונג־סיסטעם האָט עס נישט. אלע ארבעטן זיי אין א סביבה פון איין הערשנדיקער קולטור אָן א וואסער עס איז באדייטנדיקער קולטור־קאָנקורענץ. אלע דערציאונגס־סיסטעמען האָבן פאר זיך א קאָמפּאַקטע מאסע. די יידישע שול דארף ארייגפלאנצן דאָס קינד אין א קולטור, וואָס הערשט נ י ש ט ארום, אין גאס. אין סביבה, אפשר אפילו נישט אין שטוב. צווייטנס, יעטוועדער אנדער דערציאונגס־סיסטעם האָט א גאנצע ריי געהילפס אטריבוטן. אזוי, למשל, ווערט אומעטום צוליב דער נאַציאָנאַלער דערציאונג אויסגענוצט אזא פעסטער און קאָנקרעטער ממשותדיקער באגריף ווי „פאָטערלאנד" (אין רוסלאנד רופט מען דאָס „סאָציאַליסטיש פאָטערלאנד"). אפשר ווערן באַנוצט א גאנצע ריי אטריבוטן, וואָס אפעלירן צו פארשידענע אינסטינקטן: כאָמף, העריטעריישקייט, שנאה, מיינע־דיינע א.א.וו. א.וו.. און יעל כולם גייט דאך תמיד די אנגעהעריקייט צו דער הערשעריישער נאציע גאנץ היפּשע פריווילעגיעס. קיין זאך פון דעם פארמאָגט נישט די יידישע דערציאונגס־סיסטעם. עס קומט אויס צו פירן א נאַציאָנאַלע דערציאונג אָן וועלכע עס איז אטריבוטן, אָן גשמיות, בלויז רוחניות. דאָס איז א פּראָבלעם, וואָס קיין פאָלק האָט נישט זיין גלייכן. און א גאנצע ריי אידעאָלאָגיעס ביי יידן האָבן פון יאוש גענומען זיך צו אנדערע וועגן. איניקע האָבן זיך

לגמרי אָפּגעזאָגט פון נאַציאָנאַלער קולטור. קולטורעל געהערן זיי צו דער הערשערישער נאַציע. זיי באַנוגענען זיך מיט איינציקע און גאַנץ קנאַפּע עלעמענטן פון רעליגיע. זאָל עס זיין „פון משהס גלויבן" צי „פון יידישן אָפּשטאַם" וכדומה. אַנדערע ריכטונגען האָבן אויסגעזוכט זיך אַטריבוטן אין פאָרם פון „קאַמף פאַר א פאַטערלאַנד", אין פאָרם פון קלאַסיציזם אאַ"וו.

דאָס זענען דערציִאונגס־סיסטעמען פון „לאחר יאוש". אַלץ פון יידישקייט קומט אום. זאָל מען ראַטעווען א ביסעלע וואָס עס לאָזט זיך, אָדער לאָמיר נעמען זיך „אויף די חורבות פון דער אַלטער יידישקייט בויען א נייע".

די יידיש־וועלטלעכע דערציִאונגס־סיסטעם פאַרמאָגט עס אויך נישט.

און אויב ערגעץ ווו זוכן פּרעצעדענטן, אַנאַלאָגיעס, אויב ביי עמעצן ויך לערנען דאַרף עס די יידישע שול זוכן נישט ביי אַנדערע פעלקער, דאָרטן וועט זי עס נישט געפינען, נייערט זי דאַרף עס זוכן אין דער יידישער געשיכטע, ווען ביי אונז „איז דאָך דאָס קיין נייעס נישט".

פון שמואל הנביא אָן גייט אָן אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט א קולטור־קאַמף: ווי זאָל געבויט זיין די יידישע קולטור, צי מיט מאַטעריעלע אַטריבוטן, צי אָן זיי (דאָרט איז עס געגאַנגען וועגן מלוכה). א מאָדנע, אין פלוג, נייגונג ביי די נביאים צו באַזירן דאָס לעבן פון פאָלק אויף טרייקייט צו קולטור־טראַדיציע. שטאַרקער טרעט די נייגונג שוין אַרויס ביי אליהו הנביא. דאָ איז עס שוין א קאַמף־באַוועגונג, דאָ טרעפן מיר נאַציאָנאַלע רעפאָרמאַטאָרן, נאַציאָנאַליסטן וואָס טראָגן איבער פרעמדע קולטורן; קאָנסערוואַטיסטן, וואָס ווילן פון קיין נייקייט נישט וויסן (די „בני רכב") און א פאָלקסטימלעכע פּראָגרעסיווע טראַדיציע (אליהו און זיינע אָנהענגער).

צום שאַרפסטן, צום בולטסטן ווערט עס אויסגעדריקט אין דער טעטיקייט פון ירמיהו הנביא, דעם ערשטן „גלות־נאַציאָנאַליסט", דעם ערשטן, וואָס בויט יידישקייט נישט אויף לאַנד, נישט אויף טעמפּל נישט אויף מלוכה, נישט אויף קולט, דעם ערשטן, וואָס גלייבט, וואָס בויט „גלות־יידישקייט".

און ווייטער און ווידער גייט אָן דער קאַמף ביי די באַרימטע פּאַרטייען אין די צייטן פון צווייטן בית המקדש. פון איין זייט זענען עס די נאַציאָנאַליסטן מיט קלאָרע, באַשטימטע אַטריבוטן — מלוכה, לאַנד, קולט, אינטערנאַציאָנאַלע קולטור־השפּעה, און צו זיי ווערט צונויפגעקאָמבינירט פון דער יידישער קולטור בלויז דאָס, וואָס איז שוין קאַנאָניזירט, אָבער עס איז שוין נישטאָ אין שטייגער. אַלץ, וואָס איז יאָ דאָ אין שטייגער, דאַרף פאַרביטן ווערן אויף מער ווערטיקע עלעמענטן. דאָס זענען די אַזוי גערופענע „צדוקים" און, פון דער צווייטער זייט, די „פּרושים", די פאָלקס־טימלעכע שיכטן, וואָס פאַר זיי איז די פאָלקס־טראַדיציע אַלץ מיט אַן אַנדער. נישט מלוכה, נישט דינאַסטיע, נישט בית המקדש אין זיין קולט, אַפילו נישט קיין מוזייען מיט הייליקייטן, מיט הייליקע ספרים. נאָר דווקא דער שטייגער לעבן פון פאָלק, נאָר די תורה, וואָס איז גאַנגבאַר אין מויל פון פאָלק (די תורה שבעל פּה). בלויז דער שטייגער („הלכה")* און אירע ערהויפּט דאָס פאָלקסטימלעכע. בלויז אויף דעם האַלט זיך יידישקייט.

און באמת: פון אַלע יידישקייט טעאָריעס, פון אַלע סיסטעמען און פון אַלע ריכטונגען האָט געשיכטלעך אויסגעהאַלטן בלויז די פּרושישע. אַלע אַנדערע זענען אונטערגעגאַנגען. דאָס האָבן נישט סתם די יידן באַוווּסטזיניק, אָבער במילא האָט זי אויפגעהערט צו זיין ספּעציפיש יידיש, אין נישט זי האָט עס געשאַפן די אייביקייט פון דעם „אייביקן יידן". דאָס איז באמת דער אויפטו פון דער פּרושישער קולטור־ און דערציאונגס־סיסטעם. בלויז אויף דעם אָדרעס קומען די ברכות און די קללות פאַר דער

---

*) אַנדערשוואו האָב איך דערוויזן, אַז דאָס וואָרט „הלכה" האָט לכתחילה געמיינט שטייגער ליטעראַטור (תורה. דאָס וואָרט „ספרות" פאַר ליטעראַטור איז אַ ניי וואָרט. אַמאָל האָבן יידן געוווּסט פון ספרים, פון תורה, וואָס איז פאַרבונדן מיט קיום היהדות אָבער נישט פון ליטעראַטור, וואָס איז סתם „נייטראַל").

**) שוין דער תלמוד פאַרשטייט אונטערצושטרייכן, אַז דאָס פאַרמאָגן אַ תורה שבכתב האָט נישט אונטערגעהאַלטן יידישקייט.

אייביקייט פון יידן. דאס האבן זיי באוויזן דעם קונץ איינצוהאלטן דאס איין און איינציק פאלק פון אלטערטום און דערצו נאר אן וועלכן עס איז נאציאנאלן מאטעריעלן אייגנטום. נישט אומזיסט האבן די גויים אזוי פיינט די פרושים: אויב יידן זענען א צרה פאר דער וועלט, זענען אין איר די פרושים שולדיק... און פאר אונז איז קלאר, אז די יידישע שול באמיט זיך אט די „צרה" איינצוהאלטן. און פונקט ווי זיי האבן אין זייער צייט אויסגעבויט א יידישקייט פון פאלקסטימלעכקייט, פון פאלקסטימלעכקייט אין פיר און איז אין שפראך־איינהאלט. — פונקט אזוי באמיט זיך איצט די יידישע שול אויסציבויען א הייניקע יידישקייט פון דער הייניקער פאלקסטימלעכקייט. און דעריבער קענען מיר זיך ביי זיי לערנען.

* *
*

אומזיסט וואלטן מיר געזוכט ספעציעלע ווערק, טראקטאטן, וואס זאלן אונז רעפערירן די יסודות פון דער פרושישער סיסטעם אין פון זייער וועלטבאנעם. איינער פון די כאראקטעריסטישסטע שטריכן פון די פרושים און זייערע נאכפאלגער, איז וואס זיי האבן נישט געהאלטן פון פילאזאפישע טראקטאטן. עס איז א ביסל מאדנע פאר די שעפער פון תלמוד און דער תלמודישער ליטעראטור. אבער עס איז א פאקט. פילאזאפישע טראקטאטן זענען ביי יידן געשאפן געווארן אין תקופות און אין קרייזן, וואס זענען לגמרי נישט געווען אייביק (פילאן, שפאנישע תקופה) און זיי האבן ביי דער טראדיציאנעלער יידישקייט געהאט א קנאפן אנזען. די טראדיציאנעלע, פרושישע יידישקייט פלעגט זיך באנוגענען מיט א ממרא, א זען צו ווערן דאס איינציק, אייביק פאלק; דאס איז נישט דער אויפטו פון דער יידישער „תורה" סתם. ניין, די תורה איז טאקע געווארן אונ־ווערטל, מיט א משל, מיט א קורצער אגדה און יוצא. די דיקע פאליאנטן פון ש"ס זענען סומירונגען פון ק א ל ע ק ט י װ ז דענקען און

געזעלשאפטלעכע אידעאלאגישע און פראקטישע מחלוקותן אליז כמעט אז אויסנאם וועגן יידישקייט פראבלעמען. קיין יחיד און זיין שאפונג; קיין אינדיווידועלע שאפונגען. — דאס האט די טראדיציאנעלע פרושישע יידישקייט נישט פארמאגט. דאס קענט איר געפינען ביי די אסימילירטע יידישע קיבוצים (פלאווים, פילון, כמעט אלע אפאקריפן — ספרים היצונים). און דאס נישט צוליב בלויז דעמאקראטישן פרינציפ (כאטש די פרושים זענען געווען די פארטיי פון די פאלקסמאסן און באמת דעמאקראטיש). ניין, דא האט געווירקט דער באוווסטזיין, אז אינדיווידועלע שאפונגען, ליטעראטור־ און קולטור־ווערק בכלל קענען נישט און וועלן נישט בייהעלפן דעם קיום פון יידישקייט, אויב זיי וועלן נישט, אויב זיי קענען נישט אריינדרינגען אין פאלק אויף אזוי פיל זיי זאלן ווערן דאס, וואס מיר רופן איצט אן פ א ל ק ס ק ו ל ט ו ר. קולטורווערטן אין שאפעס, אין מוזייאומס זענען נישט קיין טרעגער פון יידישקייט. כדי דאס צו זיין מוזן די ווערק זיין לעבעדיק אין טאג־טעגלעכן געברויך פון פאלק, זיי מוזן זיך אריינגלידערן אין שפראך און געדאנק פון די ברייטע פאלקסמאסן. און די פרושים האבן אן רחמנות באזייטיקט גרויסע ביבליאטעקן ממש פון ליטעראטור, אלץ, וואס האט נישט געפאסט צו זייער וועלטבאנעם, אלץ, וואס איז נישט אריינגעדרונגען אין פאלקסמויל (אין זיין „תורה שבעל פה") איז נישט אויפגעהיט געווארן. ווייל היטן יידישקייט איז לגמרי נישט אידענטיש מיט היטן קולטור־אוצרות אין שאפעס.

דאס איז געווען אן אריגינעלער צוגאנג שוין דעמאלט אין דער העלענישער און אין דער העלעניסטישער וועלט, ווו עס האט געהערשט דער דיאמעטראל אנטקעגנדיקער פרינציפ. פון זיי זענען געבליבן געביידעס און קונסטווערק, אבער נישט קיין העלענער. די פירושים האבן, פארקערט, קיין קולטורווערטן נישט איינגעהיט, בלויז לעבעדיקע יידן, ריכטיקער. לעבעדיקע יידישקייט.

קען זיין, אז דא האט געווירקט אויך דער אונטערשייד אין סאציאלן בוי. ביי די גריכן און ביי די העלעניסטן האט די קולטור געהערט צו א קליינעם שיכט פרייע, רייכע, וואס האבן זיך געקענט מער אפגעבן מיט

דער קולטור און קונסט. דאָס פאָלק — די קנעכט און פראָדוצירער — זיי האָבן דאָך אין קולטור־לעבן קיין אנטייל נישט גענומען. די פירושים ווי א פאָלקס־באוועגונג האָבן פון קיין קלאסן נישט געוווסט זיי האָבן געמוזט די תורה (קולטור בלע"ז) פארשפרייטן צווישן אלעמען, אויך „פארן וואסער־טרעגער און האָלצהעקער". בכל אופן איז עס געווען א ווירנקדיקער פאקטאָר.

ווען מיר זאָלן מיט אזא פירושישער מאָס איצט נעמען אָפּשאצן קולטור־שאפונגען, וועלן מיר זאָגן, אז אליקום צונזער און מארק ווארשאווסקי האָבן גרעסערע פארדינסטן פאר דער פארוועלטלעכונג פון יידישקייט איידער אנדערע אנערקענטע פאָעטן. איז עס טאקע אזוי!

דאָס איז איינער פון די יסודות פון דער פירושישער קולטור־ אין דערציאונגס־סיסטעם. און איצט ווייטער.

כדי די תורה, אָט די אָפּגעקליבענע ריין פּרושישע תורה, זאָל אריינדרינגען אין פאָלק, כדי זי זאָל אמאלגאמירן אין טאָג־טעגלעכן לעבן אריין, האָבן די פרושים און די יידישע טראדיציע נאָך זיי מיט אן אויסערגעוויינלעכער עקשנות פאנאדערגעבויט אן א ל ג ע מ יי נ ע ם שולנעץ פאר אלע (מאנסבילשע) קינדער פון פאָלק, די ערשטע אין דער וועלט, מיט עקשנות און מסירת־נפש, כדי צו לערנען די תורה, יידישקייט.

אין דעם עצם פעדאגאָגישן צוגאנג צו דער תורה איז געווען א ספּעציפישע אנדערשקייט, וואָס איז, דאכט זיך, דורך די יידישע פעדאגאָגן נישט דערשאצט (ביאליק האָט עס ערגעץ יאָ אונטערגעשטראָכן) און אלע משכילים און סתם „אייראָפּעאישע" יידן האָבן פון דעם אָפּגעלאכט. לאָמיר עס אויפקלערן. ווען מען לערנט א קלאסיש ווערק, באמיט מען זיך אריינצופירן די תלמידים אין יענער תקופה, מען באמיט זיך צו רעסטאוורירן פאר זיי יענע סביבה, כדי אזוי ארום צו דערגרייכן צום היסטאָרישן אמת פון צייט, רוים און געשטאלט פון הסביבה. דער תלמיד דאַרף עס רעקאָנסטרואירן ביי זיך אין מוח. לאָמיר עס אָנרופן „רעקאָנסטרוקציע־מעטאָד. די פירושים און די שפּעטערדיקע טראדיציע־יידן האָבן זיך נוהג געווען פונקט פארקערט. זיי פלעגן די העלדן און די סיטואציעס פון די

וויטע היסטאָרישע תקופות תמיד אקטואליזירן אין זייער צייט, אין זייער סביבה. און יעטווידער דור, יעטווידער סביבה האָט די ביבלישע העלדן, לאָמיר זאָגן, פאַרגעשטעלט זיך ווי מיטבירגער פון זייער צייט און סביבה. אזוי האָט אברהם אבינו געקענט ווערן אין זייער פאָרשטעלונג א שטאָט־באַלעבאָס אין כאַנדריקעווע, דוד המלך — א קליינשטעטלדיקער רב, וואָס פּסקנט שאלות און ריכט אָפּ הצות; און אליהו הנביא — באַגלייט יעטווידן יידן פון געבאָרן אָן ביז זיין טויט. א. א.וו.

פון ראציאָנאַליסטישן שטאַנדפּונקט איז אזא „אקטואליזאציע"־מעטאָד דורכויס פאַלש. צייט און אָרט מוז אָפּגעהיט ווערן, אויב דאָס ווערק האָט א ווערט פאַר זיך אליין. ביי די פּרושים און זייערע יורשים אָבער האָט אלץ, אלע תורות און אלע קולטור־שאַפונגען נישט געהאַט קיין ווערט פאַר זיך. זיי אלע האָבן געמוזט דינען צו איין אלגעמיינעם און עודגילטיקן ציל — איינהאַלטן יידישקייט אין לעבעדיקן יידן און אָט דערצו איז געווים בעסער נישט אַן אמאָליקער און איצט פרעמדער שוין ירמיהו הנביא, נייערט א היינטיקער, א נאָנטער, וואָס גייט אין גלות גלייך מיט אונז און העלפט אונז וויינען און גלייבן. צוליב מאַנגל אין אָרט שטעל איך זיך נישט אָפּ אויף דער פראַגע פון שטאַנדפּונקט פון קונסט־אויפנעמען בכלל. פאַר אונז איז דאָ וויכטיק, אז דער אַנאַכראָניסטישער, אימראַציאָנעלער אקטואליזאציע־מעטאָד האָט אין יעטווידן דור פאַרוואַנדלט די גאַנצע תורה מיט אלע אירע העלדן אין „לעבעדיקע" מיטטרעגער פון יידישקייט. זיי געהערן מער נישט צו איין באַשטימטן אָרט און צו איין באַשטימטער צייט. ניין, זיי געהערן אלע יידישע דורות.

וואָס באמת קען געבן דעם יידן אין זיין היינטיקן לעבן און צרות דער אמאָליקער יידישער העלד און די אמאָליקע גרויסע לייט? גאָר אנדערש איז עס אָבער, ווען אָט דער גאַנצער „פאַנטעאָן" ווערט דאָס, וואָס איש שילדערט אונטערן נאָמען „הייליק שניידערל" (קדוש השם).

און נישט בלויז די העלדן, די פּערזאָנען פון דער תורה נייערט זי אינגאַנצן איז אזוי אקטואליזירט געוואָרן. פּסוקים־ציטאַטעס, גימאַטריעס,

ראשי תיבות, פינטלעך און ווערטלעך, — אלץ איז געלאזט געוואָרן אין גאנג כדי צו האָבן א פסוק אויף יעטווידער פאל אין לעבן. ביי טביה דעם מילכיקן זענען דאָך פסוקים און תורות נישט סתם פראַגמענטן פון ווערק, זאָל זיין הייליקע און גרויסע. ניין, ביי אים זענען זיי דאָך געווען שפּי־קער לעבן.

און טשיקאווע: זייט דער השכלה און ביז היינט האָט די מאָדערנע שול ביי יידן און איבערהויפּט די העברעאישע גענומען לערנען תנ"ך מיט פאַרטאָפּלטן פליים און ברען, אָבער ראַציאָנאַליסטיש, „אייראָפּעאיש" לויט דעם רעקאָנסטרוקציע־מעטאָד. און מאָדנע: וואָס מער מען לערנט דעם תנ"ך, אַלץ שוואכער איז זיין ראָל אין לעבן. עס זענען צוויי וועלטן, דער אַמאָל מיט דעם תנ ך, שיין און פיין, פאר וואָס נישט. אָבער מיט דער וועלט פון ה יי נ ט האָט עס גאָרנישט. דער תנ"ך האָט דורך דעם; נישט געקוקט אויף דעם וואָס מען שטודירט אים נישט אין פאַרגלייך מער ווי אין חדר, פאַרלאָרן זיין כוח צו העלפן דעם יידן איינהאַלטן זיין יידישקייט. אט דער אקטואליזאציע־מעטאָד איז פאַר דער מאָדערנער יידישער שול אין גאַנצן אומבאַקאַנט. ווייל... וואָס? ביי מלמדים וועלן מיר זיך פּראָ־גאַנגיע לערנען?.. ווייל, — ווילט איר, אז א מאָדערנער ייד זאָל וועלן הער־רען איירן א געדאנק, טאָ גיט אים איבער אין נאָמען פון עפּעס א גוי... און אויב די נישט־יידישע פּעדאַגאָגישע ווערק שרייבן נישט פון דעם טאָ פון וואַנען וועלן עס וויסן אונזערע מאָדערנע אינטעליגענטן? זאָלן זיי מיר מוחל זיין פאַר מיין „נישט דאָס בין איך אויסן", אָבער אן אמת מעג מען דאָך זאָגן.

ווען מען זאָל לויט דעם פּרינציפּ לערנען ליטעראַטור אין דער היינ־טיקער שול, וואָלט אין די אַמעריקאַנער יידישע שולן טוביה דער מילכי־קער איינזען אַנדערש איידער אין די שולן אין פּוילן, און אַנדערע איז דאָ ביי‎בעריק, אַנדערש אויך יהופּעץ. טוביה און מנחם מענדל אין אַמעריקע זענען אין שול רינגען וואָס פאַרבינדן דעם ה יי נ ט מיט דעם נ ע ב ־ ט ע ן, איין דור מיט די פריערדיקע.

און איצט וועלן מיר איבערגיין צו אן אנדער פּראָבלעם, וואָס די

נייע יידישע שול ווייסט שוין יא. דאָס איז די פראגע וועגן מאטעריאל־אויסוואל. פריער האָבן מיר שוין אָנגעוויזן, אז די פרושים האָבן פון דער גאנץ רייכער און זייער צייט ליטעראטור אָפּגעקליבן נאָר א קליינעם טייל. „ווער עס טראָגט אריין מער ווי פיר און צוואנציק ספרים תנ״ך אין זיין שטוב, ברענגט א מהומה אויף זיך". אין דער זעלביקער צייט האָבן אנדערע ריכטונגען אָפּגעהיט א סך מער ליטעראטור (די אלקסאנדריער יידן, למשל). קריטעריומס זענען געווען צוויי:

א) אַ אידעאָלאָגישער. זיי האָבן אָפּגעוואָרפן אלץ, וואָס שטימט נישט מיט זייער וועלטאנשויאונג: די חשמונאים־ספרים פארן קולט פון מלוכה און דינאסטיע, — בן־סירה — פאר דער נייגונג צו צדוקים וכדומה.

ב) פאָרשפרייטקייט אין פאָלק.

און דאָס אָפּגעקליבענע איז אין משך פון אלע דורות געלערנט געוואָרן אין אָריגינאל, גאנצע ספרים־ווייז. אויסער א פּאָר נישט קיין אָנגענומענע פרוון האָט די יידישע פּעדאגאָגיק נישט געוווּסט פון קיין כרעסטאָמאטיע. ווייל מיט דעם לערנען איז מען איינגען געווען נישט צו ווייזן א סך מוסטערן, פאָרמען, נאָר א ר יי נ צ ו ל ע ב ן די תלמידים אין דעם ספר און דעם ספר אריינפאסן אין לעבן.

די כרעסטאָמאטיעס האָבן ביי יידן אריינגעפירט די משכילים לויט דעם פּרינציפּ: וואָס ביי יידן — איז שלעכט, וואָס ביי נישט־יידן, איז גוט. און עד היום קאָרעמט מען די תלמידים מיט שטיקלעך און ברעקלעך מיט כלערליי סוראָגאטן פון ליטעראטור, וואָס האָבן א טעם און א האַרעבטיקונג בלויז אין כרעסטאָמאטיע... „אָנגעלערנט" מיט אזא כרעסטאָמאטיע־תירה בלייבן די תלמידים ביי גאָרנישט. ווען די כרעסטאָמאטיע איז געענדיקט. די יידישע שול, ווען זי וואָלט ערנסט געוואָלט פאַרשפּאָרן אירע תלמידים דעם „קייען שטרוי און קליאַטשע", וואָלט זי געדאַרפט אָפּקלייבן א באשטימטע צאָל ווערק, א קליינע, אָבער אָפּגעקליבענע און בלויז זיי לערנען, זיי בלויז „אריינלערנען" אין די מוחות און לעבן פון די תלמידים.

אין נאָך איין זאך דאַרף דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן. די טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג האָט תמיד געשטרעבט צו דעם, די תלמידים זאָלן

וואס גיכער אנהויבן לערנען „פאר זיך". אט די איילעניש צו דער זעלבסט־שטענדיקייט פון די לערנער האט, קען זיין, אין זיך פארמאגט עלעמענטן פון דעם, וואס די תלמודישע לעגענדע דערציילט וועגן יהודה בן בבא, וואס האט זיך געאיילט צו געבן „סמיכה" (אטעסטאטן בלע"ז) זיינע תלמידים איידער די רוימער וועלן אים דערהרגענען... אבער אין תוך אריין דריקט זיך דא אויס נאך א ספעציפישקייט אין די צילן, תכליתים פון דער דערציאונג. דא איז נישט געווען וויכטיק צו פארשפרייטן ביי די תלמידים אט דעם אדער יענעם באשטימטן סכום וויסן, ידיעות, די גענויע פראגראם, וואס איז א הוב פאר אלעמען. ניין, דא איז דער ציל, די שטרעבונג געווען צו אנטוויקלען דעם תלמיד, ער זאל זיין בכוח מחדש צו זיין תורות, צו שאפן „חדושי תורהה", קאמבינירן און צופאסן די תורה צו נייע סיטואציעס. דער עצם באגריף פון לערנען „תלמוד־תורה" האט דא פארמאגט עטוואס אן אנדער אינהאלט. נישט בלויז איבערנעמען ידיעות, נאר מערער — דרש, דרשנען, „אנטפלעקן א נייעם פנים אין דער תורה" — אט דאס איז געווען דער ציל. דער לערנער איז אין זיין צייט אויך א שעפער פון דער תורה.

עס דאכט זיך מיר, אז איך האב דא אויסגערעכנט און אין קורצן כאראקטעריזירט די יסודות פון דער פרושישער פעדאגאגיק. און די מאדערנע יידישע שול וואלט פון דאנען, לויט מיין מיינונג, געקענט א סך וויכטיקס אפלערנען זיך. איך וועל עס איצט פרווון דא פארמולירן אין טערמינען פון דער יידישער שול: א) דער היסטארישער צוועק פון דער יידישער שול איז ממשך צו זיין די קיום פון יידישקייט אין נייע דורות, נייע סביבות, נייע לעבנספארמען, אנקניפן די נייע דורות אין זייער ו יי ע ם (וועלטלעכן, אורבאניזירטן) לעבן אן דער קולטור פון די פריערדיקע דורות.

ב) דערצו איז קודם כל וויכטיק צו באזירן די דערציאונג אויף דער „תורה שבעל פה", ד"ה אויף פאלקסקולטור, וואס איז געשאפן געווארן אין לעבן, פון לעבן און איז פארבונדן מיט דעם לעבן. פון דעם בלויז צום דער וועג צו דער קאנאזירטער קלאסישקייט, צו דער ווייטער קולטור. אויך

דאָס נייע וואָס איז צו אינדיווידואַליסטיש, צו ווייט פון פאָלקס־לעבן, אויך דאָס האָט נישט קיין קולטור־דערציערישן ווערט. קיין מאָל נישט באַנוצן קיין מאַטעריאַל וואָס איז נישט גאַנץ, נישט געבן קיין שטיקלעך.

ג) בייַם לערנען מוז באַנוצט ווערן דער אַקטואַליזאַציע־מעטאָד. אַלץ — די ליטעראַטור (אויך געזאַנג א.א.וו.) דאַרף מען זיך באַמיען איינצופאַסן אין היינטיקן לעבן.

ד) אין עצם לערנען דאַרף דער צוועק זיין געריכט נישט אויף דער פּראָגראַם, נישט אויף דעם כמות ידיעות, נאָר אויף דער אַנטוויקלונג פון תלמיד. עס מוז געשטרעבט ווערן צום לערנען „פאַר זיך״. יעטווידער תּל־מיד וואָס ענדיקט די שול דאַרף קענען און וועלן ממשיך צו זיין אַליין פאַר זיך צו שטודירן ווייטער די יידישע קולטור ווערטן און אַקטיוו זיי אויפ־פּאַסן.

עס דאַכט זיך מיר, אַז די עטלעכע פּרינציפּן וואָלטן דער יידישער דערציאונג געקענט ברענגען פיל נוצן.

אָבער דערמיט איז דער ענין נישט אויסגעשעפּט. „ותלמוד תורה״ איז טאַקע „כנגד כולם״, וויכטיקער, הייסט עס, פאַר אַלץ. אָבער דאָך איז עס נישט אַלץ. קיינער האָט אַזוי ווי די פּרושים נישט געלייגט קיין אַכט אויף די ספּעציפישקייט פון שטייגער לעבן. אַט דער שטייגער מוז זיין אָפּגעזונדערט, אַנדערש. די פּירושים האָבן מיט אַלע מיטלען זיך באַמיט איינצוהאַלטן אַט די אַנדערשקייט אין שטייגער לעבן, די מיסתורין״, דאָס וואָס לאָזט זיך נישט אויסדריקן אין געזעצן און אין פּאַראַגראַפן. ערגעץ איז דער געדאַנק אַרויסגעזאָגט אין פאָרם פון אַן אגדה: „האָט דאָך גאָט געקענט געבן די יידן אויך זייער מיסתורין בכתב. — אָבער ווי וואָלט מען דעמאָלט אונטערשיידט יידן פון נישט־יידן?״ בכן, איז דאָ דער גע־דאַנק, אַז יידישקייט איז אין דעם, וואָס איז נאָך נישט פאָרמולירט, נישט פאַרשריבן און נישט פאַרפיקסירט פון די דריי מדרגות אין קולטור־לעבן: א) פאָלקס־שטייגער־לעבן, ב) שאַפונג פון קולטור־ און קונסט־אָביעקטן, ג) דאָס פּאָפּולאַריזירן זיי אין פאָלק; פון אַט די דריי איז פאַר די פּרושים די ערשטע מדרגה דער עיקר. להיפוך פון אַלע „קולטור־טרעגער״ ביי יידן,

פון העלעניסטן, צדוקים ביז די משכילים און נעאָ־משכילים אין זייערע אַלע געשטאַלטן. און מהאי טעמא האָבן די פּרושים און אַלע זייערע נאָכגייער — די טראַדיציע־יידן — אַזוי פיל מי און אכט געלייגט אויף צו קריסטאַליזירן אָט דעם יידישן שטייגער. דאָס האָט ער געלאָזט דאָך ווערן דער פונדאַמענט פון יידישקייט אויף א סך, א סך דורות. ווער האָט שוין נישט געלאַכט פון דער תלמודישער פּראָבלעם וועגן דער „ביצה שנולדה ביום טוב" (ווי מען דאַרף זיך באַגיין מיט אַן איי, וואָס איז גע־לייגט געוואָרן יום טוב). אין דער אמתן זענען זיי, די תלמוד־שעפער, גאָר־נישט געווען אַזוינע נאַראָנים. פאַר זיי איז דאָס געווען א פּרט פון א גרויסער פּראָגראַם, אין אָט די פּראָגראַם האָבן זיי טאַקע פינאַנדערגעאַר־בעט אין אַלע דעטאַלן און אַלע פּרטים.

און אָט דאָ אין שטייגער זענען די פּרושים געווען שרעקלעך איינפּער־זיכטיק, עס זאָל נישט זיין קיין נאָכטון, קיין פּשוט נאָכמאַכן נאָך די נישט יידן „אפילו א יידישער גאַנג, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורך נישט־יידן, איז שוין דערמיט אליין נישט פּאַסיק פאַר יידן". און דאָס איז נישט געווען קיין כתב עקשנות. ניין, אייב אָט דער אויפּפיר, דער שטייגער, דער גאַנג און פיר. אָדער דאָס וואָס זיי האָבן דעמאָלט גערופן מיטן נאָמען „הלכה", אויב אָט דאָס איז דער יסוד פון יידישקייט, טאָ מוז דאָך אויף דעם געלייגט ווערן די גרעסטע אכטונג.

בכן האָבן די פּרושים איינגעשטעלט יידישקייט אויף צוויי יסודות — „תלמוד תורה" און „הלכה". **פאָלקס־קולטור** און **פאָלקס־שטייגער**. און אָט די יידישקייט איז די איינציקע, וואָס איז אייביק געווען און געבליבן.

פאַראַן דייטלעכע סימנים, אַז בשעתם זענען די פּרושים געווען די שוואַכע ריכטונג. נישט צו זיי האָט געהערט דער רוב מנין און רוב בנין, בלויז ווייל אַלע אַנדערע ריכטונגען ביי יידן זענען אונטערגעגאַנגען, זענען די פּרושים געבליבן. יעטווידער פּרוו אויך שפּעטער צו באַזירן יידישקייט אויף עפּעס אַנדערש האָט זיך אויף אַן ענלעכן אופן געענדיקט מיט אונ־טערגאַנג.

אויך איצט לעבן מיר איבער א תקופה פון א סך „יידישקייטן". דאָס

יידיש פאָלק איז צעפאלן און צעפאלט אויף שבטים, שיטות, ריכטינגען און פארטייען. דער וואָס האָט אן אויג און חוש פאר געשיכטלעכע פראָצעסן, וואָס קומען פאָר א י צ ט, דער זעט, ריכטיקער — ער שפירט, אז בלויז די קנאָפּע און נישט באַמייטנדיקע נאָכגייער נאָך דער יידישער ה י י נ ט י ק ע ר פּאָלקס־תורה און פּאָלקס־שטייגער. בלויז זיי זענען די יידן פון צוקונפט. אָבער ווען איז דאָס געווארן: — ווען אַז די ריכטונג וועט שאפן איר תורה און איר „הלכה" און וועט באוויסטזיניק זיך אָפּגעבן מיט אָט דער אויפגאַבע. צי איז עס נישט טאַקע די געשיכטלעכע אויפגאַבע פון דער יידישער שול און אירע חסידים?

א גאנצע פערזענלעכקייט דורך דערציאונג.

איינע פון די שווערסטע פלאגן פון דער מאדערנער יידישער דערציאונג איז דאס, וואס מיר באמיען זיך דורכויס צו זיכן מוסטערן, דרכים אין דער נישט־יידישער וועלט. עס איז ביי אונז אנגענומען, אז דארטן, ביי די אומות־העולם, איז די דערציאונג געבויט אויף וויסנשאפטלעכע יסודות. און וויסנשאפטן, ווידער, זענען דאך די „זיילן פון דער וועלט", וואס בייטן זיך נישט, וואס זענען כלומרשט אביעקטיוו און פעסט ווי די בערג. און מיר שטרעבן אט די וויסנשאפטלעכע יסודות אריינצופירן אין אונזער לערן. אין די לענדער, ווו די מלוכישע שול איז נישט אזוי פעסט, ווי אין אמעריקע, וועט איר ביי יידן געפינען פריוואטע שולן אז א שיר און יעטווידער פון זיי באמיט זיך אויפן שילד ארויסהענגען עפעס א מאדערנע סיסטעם, אדער נאמען. און מיט דעם זענען אויסן די באלעבאטים צו ציען קינדער אין זייער שיל קרעמל אריין. א באקאנטער יידישער וויסנשאפטלער אין פעדאגאג האט מיר אנימלט אין א בריוו געשריבן, אז מיטן בארעפנטלעכן מיינע געדאנקען אויף דעם געביט בין איך עלול הרוב צו מאכן די „וויסנשאפטלעכע פעדאגאגיע ביי יידן, וואס איז אזוי יונג".

און מהאי טעמא האלט איך פאר נייטיק דא צו זאגן אפן, אז:

ערשטנס קען די אזוי גערופענע וויסנשאפטלעכע פעדאגאגיק אונז קיין נוצן נישט ברענגען מחמת זי גייט זיך אפ מיט גאר אנדערע פראבלעמען אין גאר אנדערע נאציאנאל־קולטורעלע באדינגונגען און זי שטעלט זיך

נאָר אנדערע אויפגאבעס, ווי די וואָס עס שטעלן זיך פאַר דער יידישער דערציאונג.

צווייטנס, איז די וויכנשאפטלעכקייט פון דעם עצם „וויסנשאפטלעכער פעדאגאגיק" א ביסל אין ספק: צו פיל בייט זי איר ברצוף לויט די פארלאנגען פון די באלעבאטים, צו פיל בייגעוודיק איז דער רוקן אירער, זי זאָל האָבן אן אייגענע מיינונג, וואָס איז נישט דיקטירט דורך פאקטאָרן, וואָס זאָגן א דעה איבער מענטשן און איבער וויסנשאפטן.

דריטנס, איז נאָך אין גאנצן א פראגע צי עס איז פאראן א וויסנשאפטלעכע פעדאגאָגיק. הארמאטן און עראָפלאנען קען מען בויען וויסנשאפטלעך. זיכער קען מען אויך גרייטן הארמאטן־פלייש לויט אלע וויסנשאפטלעכע פראָדוקציע־כללים פון די שיקאגער שעכטהייזער... אָבער דערציען מענטשלעכע נשמות, אויסהאָדעווען לעבעדיקע זעלבשטענדיקע מענטשן, — אזוי ווייט איז נאָך די וויסנשאפט נישט דערגאנגען. און די אזוי חשובע אין אמעריקע טעסטן האָבן נאָך אויך נייטיק א גלייבן, ווי א מאָל די פסיכאָפיזיק און אנדערע „מאָדע־ארטיקלען" אין דער וויסנשאפט.

דער צוטרוי פון יידישער אינטעליגענץ צו דער פרעמדער, נישט־יידישער פעדאגאָגיק און דאָס קרוינען זי פאַר א וויסנשאפט איז פאר זיך גופא א פסיכאָלאָגישע דערשיינונג. דאָס איז א גייסטיקע נייגונג פון אונזער יידישער אינטעליגענץ. זי נעמט זיך גאָר פון אנדערע מקורים און פון אַן אנדער געמיט־צושטאנד, וואָס האָט נישט צו טון מיט וויסנשאפט. זי שטאמט נאָך פון דער השכלה, זאָל זי ליגן אין איר רו. זי איז דאָס קוקן פון יידן אויף נישט־יידן פון אונטן ארויף, זי איז א תולדה פון אָט דער מאָראלישער געפאלנקייט פון יידן כלפי זיך אליין און די קנאה פון „קנעכט אין פרייהייט", פון געפאלענע נעבעך צו די דערהויבענע. היות ווי איצט איז אין דער גאנצער וועלט נישט קיין צייט פון שיטן פעך און שוועבל אויף דער אייגענער נאציע, טוען עס איך יידן וויניקער און די „שנאת ישראל" פארדעקט מען מיט כל־ערליי אויסגעטראכטע תירוצים.... צווישן אנדערע אויך די וויסנשאפטלעכקייט פון יענע פעדאגאָגיעס, וואָס צוליב איר איז אלץ וואָס נאָכגעמאכט פון דאָרטן גוט. די „וויסנשאפטלעכקייט"

איז, בכן, א תירוץ צו פארענטפערן א נייגונג, וואס שטאמט גאר פון אנ־דערע מקורים.

צו אן אמתער וויסנשאפטלעכקייט וועט אונזער פעדאגאגיק קענען קומען, ווען זי וועט גיין אויף אירע אייגענע וועגן און זוכן אין יידישן לעבן די נייטיקע ווע גווייזער ס.

די אויפגאבע פון דער יידישער דערציאונג איז א ספעציפישע, אז אנ־דערע ווי ביי אלע אנדערע פעלקער אויף דער וועלט, זי, די דערציאונג, דארף איינהאלטן די גאנצקייט פון פאלק אין זיין צעשפרייטונג, אין גלות. צי מיר ווילן זיין אין גלות, צי מיר ווילן דאס נישט, דאס איז נישט וויכ־טיק. וויכטיק איז דער פאקט, אז דאס יידישע פאלק איז דאס פאלק אין צעשפרייטונג. עס טויג נישט? — מסכים. מען מוז שטרעבן צו קאנצענ־טראציע? — געוויס! אבער דאס וועט קענען דערגרייכט ווערן בלויז אין נאר דורך דעם פאלק, וואס איז אין גלות. און אויך די פונקציע, ווי אלע אנדערע פאלקס־פונקציעס, וועלן קענען קומען ווען דאס פאלק וועט זיין א פאלק מיט אספיראציעס און שטרעבונגען צו לעבן ווי א פאלק, מיט שטארקע עמאציאנעלע פארבינדונגען און מיט א געפיל פון אכטונג און אחריות כלפי דעם פאלק. יעטווידער ציוניסט, וואס מיינט, אז עס איז גענוג צו דערציען די יוגנט אין ארץ ישראל אפגעזונדערט פון גלות און פון גלות פאלק, — וויל אין תוך אריין האבן איין שבט בלויז, מפקיר זייענ־דיק דאס גאנצע פאלק. (זע „מאזנים" נומ. ג' סיון תרצ"ח).

יעטווידער ציוניסט וואס מיינט, אז עס איז גענוג צו געבן דעם פאלק אין גלות איין שטרעבונג צו ציון, — עס זאל דערמיט האלטן זיין יידישקייט, איבערלאזנדיק אייף הפקר אלע אנדערע קילטור־פונקציעס פון פאלקסלעבן, — אלע אזוינע האבן א טעות מיינענדיק, אז אן ארגאניזם קען לעבן ווען אלע ארגאנישע פונקציעס הערן אויף און עס בלייבט בלויז איינע, לאמיר זאגן, אפילו דאס הארץ...

בכן, אומאפהענגיק פון נאציאנאלן אידעאל, מוזן אלע וואס מיינען „יידיש פאלק" באמת, יידישקייט מיטן גאנצע הארצן און יידיש לעבן איז פאר זיי נישט קיין פראגע, — אלע די מוזן געדענקען, אז די יידישקייט

פון יידן, דאס געפיל פון געהעריקייט צום יידישן פאלק, — די שעפערישקייט פון אט דער יידישקייט אין יעטווידער יידן באזונדער און פון גאנצע יידישע קיבוציב, — דאס אלץ הענגט אפ פון דער **יידישער דערציאונג.**

אמת, אלע האפענונגען אויף אסימילאציע האבן זיך אויסגעלאזט מיט גארנישט. אנדערע זארגן פאר דעם און זיי לאזן נישט; זיי צווינגען אויף גוואלד צו בלייבן יידן. אבער אט די אויפגעצוואונגענע יידישקייט איז בלויז א טראגישע קללה פאר מענטשן, וואס האבן זיך דורות לאנג געלעבט אין געפילט ווי דייטשן, ווי איטאליענער. און אט מרייבט מען זיי גאר אין לאגערן, אין תפיסות, צו זעלבסטמארד און צו זיין יידן. קיין שום שפור פון שעפערישקייט, פון ארגאנישקייט, פון מוט, פון שטאלץ, פון זעלבסטבאוווסטזיין איז דא נישטא און נייטש מעגלעך. אט די טראגישע יידישקייט האט גארנישט, גארנישט קיין שייכות צו דער אקטיווער און ארגאנישער יידישקייט, וואס וועגן איר רעדן מיר דא. די יידישקייט קען דערגרייכט ווערן בלויז דורך יידישער דערציאונג. יעטווידער יידישער קיבוץ, וואס זארגט נישט פאר יידישער דערציאונג, שטעלט זיינע קינדער אין א סכנה פון טראגישער **תפיסה־יידישקייט.**

יידישע דערציאונג ק ע ן נ י ש ט באשטיין אין לערנען וואסערע עס זאלן נישט זיין יידישע ספרים. די זעלביקע יידישע ספרים קענען געלערנט ווערן דורך אלע נישט־יידן און דורך אלע אנטיסעמיטן. נישט אין **יידישע ספרים איז יידישקייט.**

יידישע דערציאונג א י ז נ י ש ט אין לערנען יידישע געשיכטע. די יידישע געשיכטע איז פארשריבן אין ביכער און ווער עס וויל קען זיי לייענען. מען קען לייענען, לערנען, פראדוצירן ווערק פון יידישער געשיכטע און זיין אנטיסעמיטן, שונאי ישראל.

יידישע דערציאונג איז נישט אין **אויסלערנען א שפראד** מעג זי זיין ווי הייליק. פון קענען א שפראד ווערט מען נישט קיין מיטגליד פון דער נאציע, וואס צו איר געהערט די שפראך. דורך דעם קענען א שפראך גייט מען נישט אריין אין א פאלק. די שפראך איז נישט די טיר פון פאלק.

א מענטש קען קענען א סך שפראכן, און נישט געהערן צו די פעלקער פון די שפראכן.

יידישע דערציאונג באשטייט אויך נישט אין אויסלערנען אפצוהיטן דינים פון דער יידישער רעליגיע. עס איז מעגלעך (אמת, טעארעטיש), אז א צווייט פאלק זאל אפהיטן די דינים פון יידישער רעליגיע און זיין נישט קיין יידן. אזוי ווי די קאטוילישע ליטווינער זענען נישט קיין פאליאקן.

יידישע דערציאונג באשטייט נישט אין איינחזרן און אריינלערנען אין די תלמידים יידישע נאציאנאלע לאזונגען. עס איז גוט, ווען די לאזונגען, וואס מענטשן זאגן ארויס שטאמען פון זייער יידישקייט. עס איז אבער שלעכט און מסוכן ווען די יידישקייט שטאמט פון אויסגעחזרטע לאזונגען. לאזונגען שרייען ארויס אדער מענטשן-גראמאפאנען, מיקראפאנען, שרייי־מאשינעס, אדער פארשכורטע, פארהיפנאטיזירטע מענטשן, וואס קענען בלויז פאלגן און נאכגיין ווי קופעס זאמד נאכן ווינט.

אלע אויסגערעכנטע זאכן זיינען זייער חשוב פאר יידן. עס איז גע־יוים נייטיק, אז יידן זאלן יא קענען יידישע ספרים, אז יידן זאלן האבן א יידי־שע שפראך, אז יידן זאלן וויסן יידישע געשיכטע. אבער ווען עס איז דאס געווארן? ווען זיי זיינען פון פריער יידן. די יידישע דערציאונג דארף זארגן קודם כל פאר אט דער פרימיערער יידישקייט, וואס דארף זיין א באַזיס פאר די אלע יידישע לימודים, קענטעניסן און וויסנשאפטן. און שוין דא איז די ערשטע באזונדערקייט פון דער יידישער דערציאונג. ווייל קיין שום אנדער פאלק האט דערווייל נאך ניט געזארגט פאר דעם. כל זמן פעלקער לעבן קאמפאקט. אין איינעם, ווערט אט די פרימיערע געהעריקייט צום פאלק פון זיך, נאטירלעך. פארשפארט מען צו זארגן פאר דעם. בלויז פעלקער אין צעשפרייטונג דארפן זארגן דערפאר. איך בין זיכער, אז דעמאלט ווען פעלקער וועלן זיך מיאש זיין פון דעם ליגנערישן פרינציפ פון נאציאנאלע מלוכות, וואס האט אזוי פיל צרות געבראכט דער וועלט מיט די מלחמות — אז פעל־קער וועלן עס באגרייפן, וועלן אויך אנדערע פעלקער נעמען זארגן פאר אט דער נאציאנאלער פרימיערער דערציאונג. און איך גלייב, אז ביי די אמעריקא־נער פעלקער (דאס לאנד מעג אפשר הייסן מער „פאראייניקטע פעלקער"

אײדער „פּאראײניקטע שטאטן״) װעט זיך אַט די פּרימיער־נאַציאָנאַלע דער־ציאונג אַנטװיקלען פריער אײדער אַנדערש װו

אַט די פּרימיערע, יסודותדיקע ײדישע דערציאונג ליגט אין שאַפן אַרום דעם קינד אַ סביבה פון שטײגערישער ײדישקײט און פון שטײגערײשע ײדן.

שטײגערישקײט באַשטײט פון די קאָלעקטיװע געװױנהײטן אין לעבן פון אַ קיבוץ, פון אַ פאָלק: פון די טראַדיציאָנעל געירשנטע מנהגים, זיטן, שטריכן און פירונגען, אין רעדן און דענקען. אַט דאָס אַרײנלעבן זיך אין אַט דער שטײגערישקײט פון פאָלק איז דער יסוד פון אַ יעטװידער קולטור, דער זאָמען, װאָס פון אים און בלױז פון אים קען אױסװאַקסן דער בױם פון קולטור אין דעם מענטשן גופא.

אַט דאָס איז דער אַלף, דער גרונט־געזעץ פון יעטװידער פּעדאַגאָגיק װאָס ײדן זענען באַרופן איר צו פונאַנדעראַרבעטן — „די דערציאונגס סיסטעם פון צעשפּרײטע פעלקער בכלל״, — די פּעדאַגאָגיק פון גלות.

בײ קײנעם האָבן מיר זיך נישט דאָס צו לערנען.

די שטײגערישע הײמישקײט פון דער סביבה דאַרף זײן: א) אין לעבן גופא און ב) אין דער ליטעראַטור. לאָמיר דאָס אָנרופן מיטן טראַדיציאָנעלן נאָמען „תורה ועבודה״.

דאָ װיל איך זיך אָפּשטעלן אױף אײן גרונט־געזעץ פון דער נאַציאָנאַלער דערציאונג, װאָס ער דוכט מיר צו זײן צום אַקטועלסטן.

יעטװידער דערציאונג שטרעבט צו שאַפן אַן אָרגאַנישע גײסטיקע גאַנצקײט. בלױז אַזאַ גאַנצקײט קען זײן אַ פּערזאָן, אַ קולטור־כאַראַקטער. אַלץ, דער גאַנצער גײסטיקער פאַרמעגן פון מענטשן דאַרף זיך האַלטן אַרום אַ צענטער. אַט דער קולטור־מאָראַלישער צענטער שאַפט דאָס דעם גײסטיקן פּרצוף אין דעם קולטור מאָראַלישן כאַראַקטער פון מענטשן.

לאָמיר נעמען אַ בײשפּיל: אַ מענטש, לאָמיר זאָגן, איז אױפגעצאָ־דערװעט אין גאַנצן אין דער טראַדיציע. דערבײ אָבער זענען פון אַנדערע מקורים געקומען צום מענטשן שטרעבונגען צו אַנדערע קולטורן. זײ, די

שטרעבונגען, שאפן א מאראלישע געפאלנקייט ביי אים. און זיין אקטיווקייט וועט ער נישט שעפן פון די קולטור־מקורים, וואס ער פארמאגט. ער וועט זיך באמיען נאכצימאכן מחמת קנאה. ער איז מבטל, ער איז קעמפעריש קעגן די מקורים פון זיין קולטור און איז א נכנע לגבי דעם פרעמדם. מיט איין ווארט, דאס איז דער טיפ פון משכיל. דער דאזיקער מענטשן־טיפ איז פאראן ביי אונדז נישט געקוקט, וואס די צייט פון דער „השכלה" איז שוין לאנג פארביי.

די צעשפאלטונג פון פערזאן (קולטור־פארמעגן פון איין מקור, קולטור־אקטיווקייט פון א צווייטן) איז א שעדלעכע קראנקהאפטע דערשיינונג.

די יידישע דערציאונג מוז עס גערעכנען און זוכן צו פארמיידן.

ווידער, לאמיר נעמען א מענטשן, וואס האט זיין גאנץ קולטור־פארמעגן באקומען דורך זיין „אלגעמיינער" דערציאונג (ד"ה — נישט יידישער). פון יידישער קולטור פארמאגט ער גארנישט. דא איז אין פליג פאראן א גאנצקייט, א מאנאצענטרישקייט און דער מענטש „פארשפארט" צו האבן צרות פון זיין יידישקייט... כלומרשט נאר. איך וויל נישט פאלעמיזירן דא מיט די פאטאלע צרות פון די אסימילירטע יידן אין די פאשיסטישע לענדער. אויך אין די ליבעראלע לענדער, אויך אין אמעריקע קען נישט די איינהייטלעכע פרעמדע דערציאונג באפרייען דעם יחיד פון זיין יידישן באוווסטזיין און אפי דער באוווסטזיין פון אן ארעמער קולטורלאזער (ביי אים דאך געווים) יידישקייט איז א מקור פון טראגישקייט. גרויסע פערזענלעכקייטן פון דעם מין, א איינשטיין, א פרויד, האבן נאך אפשר מיט וואס צו קאמפענסירן אט די צוויי״איקייט. די צעבראכנקייט פון דער נשמה. ביי גרויסע פערזענלעכקייטן קען אמאל דערגיין צו א „וואלקאנישן" אויסברוך פון יידישער נאציאנאלער אקטיווקייט: אויף צו להכעיס דער וועלט, מחמת יאוש און צעבראכענע אידעאלן (פינסקער, הערצל א"א) אבער די פסיכישע, מאראלישע איבערלעבונגען זייערע ווי מענטשן און אפשיטא שוין, פון הונדערטער טויזנטער קליינע איז א אומגעהויער שווערע, טראגישע יידישקייט. אט א ווייניגערס גירל איז

דער קולמינאציע פונקט, צו וואס די האלבירטע נשמה קען דערגרייכן, אבער א טייל פון דעם, א „שמינית שבשמינות" פון דעם פארמאגט יעט־ווידער אזא ייד וואס איז געהאדעוועט אויף פרעמדער קולטור.

ענלעך צו דעם איז דער גייסטיק־מאראלישער לעבנס־אינהאלט פון א מענטשן וואס איז דערצויגן געווארן אין א פסיידא־מאדערנער „יידי־שער" אדער „העבריאישער" קולטור אן טיפערע ווארצלען אין די ע ל ־ ט ע ר ע, טראדיציאנעלע קולטור שיכטן פון פאלק. דא זענען ארעמקייט און אפגעריסנקייט פון אלע וועלטן. אפט ארעמער גייסטיק איידער די אויסגעהאדעוועטע אויף אין גאנצן פרעמדער קולטור.

ווייטער קען זיין א טיפ דערציאונג א צווייצענטרישער פון לכתחילה אן: אז „אלגעמיינע", אז אמעריקאנער, לאמיר זאגן, און באזונדער פון איר א יידישע. צוויי קולטורישקייט אין דערציאונג. דער טיפ איז זייער פארשפרייט און איז — לגמרי נישט קיין געזונטער. עס קען נישט זיין קיין ג א נ צ ע פערזאן, וואס, שטעקט אין צוויי קולטורן, אין צוויי וועלטן. עס איז ווידער א האלבירונג, וואס איין העלפט שטערט דער צווייטער. על פי רוב קומט אוים די יידישע דערציאונג ווי א קליינער צוגאב צו דער „אלגעמיינער", און ווען קולטור־שעפערישער אקטיוויטעט קען קיין רייד דא נישט זיין. על פי רוב בלייבט דא דאס ביסעלע יידיש־קייט ווי אן אטראפירטער גליד און מער גארנישט.

עס איז געמאלט בלומרשט א גאנצקייט ביי א טראדיציע־דערצי־אונג אן וואפערע עס איז צומישונגען. אבער ערשטנס איז דאס אן אור־טאפיע, כ'ווייס נישט צי עס איז פאראן עמעצער, וואס וועט מסכים זיין אויף אזא דערציאונג. אבער אויב אפילו יא, פעלן דא סטימולן. בלייבט דא די קולטור א קאנסערוואטיווע, א קאנסערווירטע, אן לעבן.

איז אט דא ליגט א פראבלעם פאר דער יידישער פעדאגאגיק: שאפן דורך דער דערציאונג א יידישע, גאנצע, איינצענטרישע קולטור־פערזענ־לעכקייט מיט אקטיווער קולטור־שעפערישקייט, קאנצענטרירט אין יידיש־קייט און פעאיק צו ציצן יניקה פון אלע קולטור־מקורים; אזוי גאנץ יידיש, אז אל דאס אויפגענומענע זאל זיך אסימילירן אין דער ארגאני־

שער יידישקייט. בלויז אזוינע פערזאָנען זענען ביכולת ביי היינטיקן טאָג ממשיך צו זיין פ ר אָ ג ר ע ס י ו ו ע יידישקייט, געבויט פון טראַדיציע־יסודות און געווענדט פאָרויס צו נ יי ע קולטור־פאָרמען און קולטור־ווערטן פון יידישקייט אין די ראַמען פון א פּראָגרעסיווער מענטשהייט.

ווי און ווי אזוי קען די יידישע דערציאונג שאַפן אַט אזא מאָניסטיש־יידישע אין דאָר וו ע ל ט י ש ע (פון דער גאנצער וועלט, נישט וו ע ל ט ל ע כ ע!). טראַדיציאָנעל־פּראָגרעסיווע קולטור־פּערזענלעכקייט? — אָט איז איינע פון די הויפּט־פּראָבלעמען פון דער יידישער פּעדאַגאָגיק. — א פּערזאָן וואָס איז פעאיק צו אסימילירן אַלע קולטורן אין איין אָרגאַנישער יידישקייט און איז פעאיק אליין נישט אסימילירט צו ווערן אין אַלע נישט־יידישע סביבות, וואָס אין זיי לעבט ער און וואָס פון זיי צימט ער קולטור־יניקה.

אָט די אויפגאַבע, וואָס דאָס לעבן האָט אוועקגעשטעלט פאַר דער יידישער פּעדאַגאָגיק איז נישט פון די גרינגע. ביי אַנדערע פעלקער וועלן מיר נישט געפינען קיין ענטפער. די פּאַרציייטיקע יידישע טראַדיציע האָט באַוופטזיניק זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע נישט יידישע קולטור־מקורים. מען האָט פאַרשאָלטן די וואָס לערנען זייערע קינדער „חכמת יוון". דאָס קענען מיר נישט. בלויז דורך ביישפּילן פון פּערזאָנען, קרייזן גרופּעס, וואָס האָבן דערגרייכט צו אזא קולטור־אָרגאַנישער גאַנצקייט קענען מיר לערנען די וועגן פון אזא דערציאונג.

בכלל אָבער דאַרף באַטאָנט ווערן, אז ביז איצט האָט די מאָדערנע יידישע קולטור ווייניק באוויזן צו פאַרדייען אין זיך פרעמדע מקורים. אפילו דעם אייגענעם בית מדרש האָט די מאָדערנע יידישקייט נישט אסימילירט, נישט באוויזן ממשיך צו זיין וואָס פרץ האָט מיט אזא כוח אָנגעהויבן. און פאַר וואָס? — ווייל די מאָדערנע יידישע קולטור פאַרמאָגט נאָך נישט קיין אייגענע אָרגאַנישע יידישקייטס־אידיי. נישטאָ ביי איר דערווייל אין דער נשמה פון אירע מעשים, טואונגען און טוער קיין געפיל: יידישקייט צו וואָס? — וווהין? נישטאָ קיין שכינה נאָך. בלויז

טאקע ווען יידישקייט וועט זיין נישט נאר א ביסל בענקעניש נאך דער אלטער היים, נאר א גאנצער קאמפלעקס געפילן און גלויבן און ווילן פון שעפערישן לעבן אין יידישקייט, — בלויז דעמאלט וועט דער יידישער טעאטער, למשל, קענען איבערדיכטן דעם בית מדרש (און נישט נאר אים) אין וועלטלעכע קינסט־קולטור און נישט כמריגעווען לאטעס פון נישט־פארדייטן בית־מדרש, אז א לעבנס־אידיי איז יעטווידער באוועגונג א בלאנדזשנדיקער גוף אן א נשמה.

יידן האבן ביז איצט געפירט אן אינעווייניקסטן אייגענעם לעבן נישט אפהענגיק פון די ראמען, וואס די ,,געשיכטע־שעפערישע" פעלקער האבן געשאפן פאר יידן. אויך ווייטער וועט זיין אזוי. די דערציאונג מוז שאפן אין יידן א אינעווייניקסטע קאנצענטרירונג פון יעטווידער יחיד אין זיין יידישקייט.

אט די קאנצענטרירטקייט אין דער אייגענער יידישקייט איז פון עמאציאנעל־שטייגערישער נאטור און שאפט זיך דורך אט די צוויי עלעמענטן אין דערציאונג. דאס מיינט ,,תורה ועבודה". ארייננפלאנצן אין דער יוגנט עלעמענט פון אונדזער פירמוויזנטיאריקער לעבנס־ליטעראטור. אין מאכן די קינדער פאר שמענדיקע געברויכער אירע און — ארייננפלאנצן אין זיי יידישע אנדערשקייט אין די פארמען פון לעבן, אן אייבגעהאלטנקייט אין דער אנדערשקייט. דאס אלץ.

די גאנצע פראגראם פון שול דארף דאס האבן אין זינען.

אויסבילדונג פֿון כאַראַקטער ביי יידישע קינדער אין אַמעריקע.

דאָס עצם שטעלן אַזוי די פֿראַגע וועט אַרויסרופֿן אַן אומצופֿרידנקייט ביי אַ טייל לייענערס. זיי וועלן טענהן בערך אַזוי: פֿאַר וואָס עפּעס אויסטיילן די פּראָבלעם ביי יידישע קינדער? לעבן דאָך די יידישע קינדער אין די זעלביקע באַדינגונגען וואָס נישט יידישע, במילא דאַרף די פּראָבלעם זיין פֿאַר אַלע אַמעריקאַנער קינדער גלייך. גענוג וואָס אַנדערע טיילן אונדז אויס. דאַרפֿן נאָך מיר אַליין זיך אויך אויסטיילן? די ביאָלאָגישע וויסנשאַפֿט איז שוין לאַנג אַוועק פֿון דעם פּרימיטיוון געדאַנק, אַז נאָר די באַדינגונגען זענען מאַסגעביק, אַז די נאַטור פֿון באַשעפֿעניש איז נאָר אַן אָפּשפּיגלונג פֿון די באַדינגונגען. פּונקט פֿאַרקערט קענען די זעלביקע באַדינגונגען ווירקן פֿאַרשידן אויף איטלעכן אָרגאַניזם.

לאָמיר דאָס פּרוּוון באַגרינדן.

מיט דעם וואָרט „כאַראַקטער" באַצייכענען מיר דעם גראַד פֿון זעלבשטענדיקן באַנעמען זאַכן און האַנדלען אין איינקלאַנג מיט דעם אייגענעם באַנעם, נישט נאָכטאָן און נאָכגיין בלויז מיטן שטראָם. נאָר אויך די מאָס וויפֿל דער מענטש דענקט פֿ א ר ז י ך, באַשליסט פֿ א ר ז י ך און פֿירט אויס אין לעבן זיינע אייגענע באַשלוסן.

ווי אלע קערפערלעכע אזוי אנטוויקלען זיך אויך די גייסטיקע אייגנ־שאפטן אין מענטשן דורך אקטיווקייט איינטערענירונג און זיי ווערן פאר־קערט אטראפירט ווען זיי ווערן נישט באנוצט, נישט טרענירט.

נעמען מיר פון א לעקסיקאן ארויס נעמען פון פערזאנען וואס האבן זיך אויסגעצייכנט אין לעבן מיט זייער כאראקטער, לאמיר זאגן צווישן די יידישע רעוואלוציאנערן. דער גרעסטער טייל פון זיי איז אויסגע־וואקסן אין א פעסט טראדיציאנעלער סביבה מיט א שטארקער דיסצי־פלין און פיר פון לעבן, על פי רוב א רעליגיעזער. איז דאס א צופאל, איז דאס א שפיל אין צו להכעיס פון דער געשיכטע? — ניין און ניין: די פרומע און אויסגעהאלטענע דיסציפלין אין שטוב, אין סביבה, האט דאס איינגעפלאנצט גייסטיק־מאראלישע ענערגיע אין די קינדער, און זי, אט די איינגעפלאנצטע ענערגיע, האט דאס שפעטער זיך טראנספאר־מירט. לאמיר זאגן פון פרום־רעליגיעז ביז פרום־סאציאליסטיש. וואלט נישט געווען איינגעזאפט אן ענערגיע פון זעלבסטדיסציפלין אין דער קינדהייט, — וואלט שפעטער נישט געווען וואס עס זאל זיך טראנס־פארמירן און ווערן רעוואלוציאנערע ענערגיע. מענטשן וואס זיינען קינד־וויז נייעט אויסגעוואקסן אין אזא דיסציפלין אין לעבן וואס האלט איין און האלט אפ אינסטינקטיווע, אימפולסיווע רעאקציעס, וועט זיין זייער שווער (און אפשר אוממיגלעך) ארויסצווייזן אין לעבן אזא פעסטקייט און אויסגעהאלטנקייט אפילו אויב אידעאלאגיש, אין געדאנק, זאלן זיי זיין אין גאנצן מסכים און פילן מיטן גאנצן הארצן די גערעכטיקייט פון די מאטיוון.

—קומט אייס, אז בדי אייבציוהאדעווען אויסגעהאלטענע רעוואלו־ציאנערן איז בעסער זיי צו האדעווען אין א שטרענגער רעליגיעזער סבי־בה?

— בכל אופן די ביז איצטיקע דערפארונג, די פאקטן אין לעבן האבן געקענט פירן צו אזא אויספיר. מען דארף דא געדענקען איין פעסטן כלל אין דער ביאלאגיע וואס איז פונקט אזוי גילטיק אויך אין דערציאונג: איטלעכע שפייז וואס אן ארגאניזם נעמט אריין אין זיך מוז זיין אן

א ו מ ד י ר ע ק ט ע ; פרעמדע אָרגאַנישע שטאָפן וואָס מוזן איבערגעארבעט ווערן, טראנספאָרמירט ווערן. דירעקטע שפּייז, בלוט צו בלוט, פליייש צו פליייש אריינגעבן איז אין דער גרעסטן טייל פאלן נישט נאָר נישט נוציק, נאָר אויך מסוכן שעדלעך. מען קען נישט אויסהאָדעווען קיין סאָציאַליסטן דורך פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליסטישע געדאנקען און אידייען. מען דאַרף אין די קינדער איינפלאַנצן אייגנשאַפטן וואָס זיי קענען זיך טראנספאָרמירן אין סאָציאַליזם.

און נאָך איין כלל: דריי פאַקטאָרן זענען פאַראַן אין דערציאונג: וויסן, געפילן און דיסציפּלינירנדיקע נאָרמעס אין לעבן. וויכטיק איז וויסן, אָבער עס איז נישט קיין כאראקטער־בילדנדיקער פאַקטאָר. דורך וויסן אויספורעמען א כאראקטער אין קינד און ער זאָל בלייבן ווירקן לעבנסלאַנג — דאָס איז אוממעגלעך.

וויכטיקער זענען די עמאָציעס. זיי בלייבן און ווירקן אויף דעם מענטשן לאַנגע יאָרן. אָבער אויך זיי קענען נישט פירן דעם מענטשן אין זיין לעבן. זיי קענען לייכטן, וואַרעמען, צוגעבן מוט, שאַפן צופרידנקייט אָדער פאַרקערט. אָבער אויך זיי בילדן נישט דעם כאראקטער פון מענטשן, נישט זיי דיקטירן זיין אויפפיר אין לעבן. דאָ קומען ארויס די נאָרמעס, די איינגעשטעלטע פאָרמעס פון לעבן ווי דער דיקטאַטאָר אין מענטשנס כאראקטער. דאָס איז דער פונדאַמענטאַליגער פון כאראַקטער.

דער כאראקטער פון א מענטשן איז די טראנספאָרמירונג פון די לעבנספאָרמעס און לעבנסנאָרמעס וואָס האָבן דיסציפּלינירט זיין שטייגער און פירונג אין זיין פריסטער קינדהייט! די איבעריקע צוויי פאַקטאָרן — געפילן און וויסן — זיי קענען בלויז צוגעבן, בלויז באַפאַרבן, דאָס איז די באַפּוצונג.

קלאָר — אין אזוינע היימען ווו עס זיינען נישטאָ קיינע קאַטעגאָרישע אימפּעראַטיוון אין שטייגער, קיינע חוקים, קאַטעגאָרישע מצוות און עבֿרות, וואָס שטאַמען נישט פון אוטיליטאַרע מאָטיוון פון נוציקייט אָדער שעדלעכקייט, אין אזוינע היימען ווי דאָס גאַנצע לעבן ווערט נאָרמירט לויט די פּרינציפּן פון ניצלעכקייט אין דעם מאָמענט, לויט דעם ווי

עס פאסט בעסער כדומה. — אין אזוינע היימען קען מען נישט האפן אויסצוהאָדעווען אידעאיש פעסטע פערזאָנען.

אין דעם זינען זיינען א גרויסער טייל מאָדערן־יידישע היימען זייער שלעכטע דערציערס. דאָס געזעלשאַפטלעכע און קילטירעלע לעבן פון די עלטערן איז קאָנצענטרירט איבערהויפט אין דער געזעלשאַפט. די קליינע קינדער אין די היימען זעען בלויז דאָס וואָכעדיקע לעבן, דאָס אַטיליטאַרע אין לעבן און דאָס „אויסלעבן" זיך. אלץ איז טרוקן ראַציאָנאַליסטיש, אויסגערעכנט. אלין ווערט געטאָן צוליב קלאָרע קאָנקרעטע און גאַנץ וואָכעדיקע מאָטיוון אָדער צוליב דעם גאָט פון „א ביסעלע פאַרגעניגן". איבערהויפט דאָס פאַרגעניגן פון קינד. געוויינט זיך דאָס קינד אײַן אין דעם און אין זיין אינטערבאַוויסטזייַן וואַקסט אויס א גאַנצע וועלט־אויפפאַסונג „אין לעבן איז פאַראַן איין גאָט — דער ראַציאָנאַליסטישער אוטיליטאַריזם און מיינע עגאָאיסטישע פאַרלאַנגען". וויפל דאָס קינד זאָל שפּעטער נישט לערנען וועגן אידעאַלן, מסירות־נפש. קידוש־השם און אַז"וו, — וועט עס העכסטנס אַרויסרופן א באַגייסטערונג, אָבער בשום אופן נישט קיין ווילן און כוח צו טאָן עפּעס פון דעם מין.

* *

*

עס איז אָבער פאַראַן עפּעס וואָס איז נאָך ערגער און דאָס איז א ספּעציפיש יידישער ענין.

עס איז געווען נישט ריכטיק צו זאָגן, אַז אין אַמעריקאַנער לעבן איז נישטאָ קיין שטאַרקע דיסציפּלין. פאַרקערט איז מיר נישט איינגעזעסן צו זען אין קיין לאַנד אַזאַ דיקטאַטאָרישע מאַכט פון איינגעשטעלטע נאָרמעס איבער דעם יחיד אין טאָגטעגלעכן לעבן. איך ווייס נישט צי עס איז פאַראַן ערגעץ אויף דער וועלט א צווייט לאַנד וו מיליאָנען מענטשן זאָלן אַזוי איינפאָרמיק לעבן, פאַרברענגען, אויסלעבן זיך און דענקען אפילו מיט די זעלביקע געדאַנקען. גרויס פּראָדוקציע: די זעלבי־

קע הויזן אין די מיליאנען; מאנטלען, אויטאס און — געדאנקען, מייניגען — אלץ ווערט אוסגעארבעט אין די מאסן און ענערגיש פארשפרייט. ווו איז דא ארט פאר אינדיווידואליטעט? איטלעכער יחיד גייט מיט דעם גרויסן און אלגעמיינעם שטראם, וואס קיינער באמערקט נישט זיין אנהייב און זיין מקור. „אזוי איז דאס לעבן" אזוי איז אמעריקע" — וועט אייך זאגן א יעדער. איז דאך דאס א דיסציפלין און א שטארקע, א דיקטאטארישע מאכט פון די איינגעשטעלטע נארמעס איבער דעם מענטשן. כא וואס האב איך פריער געשריבן וועגן אומדיסציפלינירטקייט? — עס איז אבער ריכטיק!

איטלעכער מענטש געהערט צו דעם קיבוץ וואס דיקטירט אים די לעבנס־פארמעס. א ייד ווערט מען נישט דורך דעם געבורט (אויב מיר האלטן נישט פון דער ראסן־טעאריע) מען קען אויך נישט זיין קיין ייד לויט די סימפאטיעס (עס ציט מיך צו יידן...) וולאדימיר סאלאוויאוו האט געהאט די שטארקסטע סימפאטיעס צו יידן, און איז געבליבן פולבליטיקער רוס. וויפל פון אנדזערע יידן זיינען לויט זייערע סימפאטיעס וואס איר ווילט אויסער יידן, און דאך בלייבן זיי יידן נישט ווילנדיק אפילו נאר דערפאר ווייל זיי זיינען איסגעוואקסן אין א יידישער סביבה. זי. אט די סביבה, האט זיי נארמירט זייער יוגנט־לעבן און זיי קענען מער פון איר זיך נישט באפרייען, נישט ארויסרייסן זיך.

גאנץ, געזונט איז א מענטש, ווען זיין פאלק־געהעריקייט לייט דער דערציאונג שטימט מיט דער פון זיין געבורט, פון זיין יורידישער באשטימונג און מיט זיין ירושה טראדיציע. ווען אט די איינשטימיקייט פעלט, מוז עס קומען צו קאנפליקטן, וואס רייסן זיך ארויס צומאל אפן און אפטמע־ אין פארמע פון פארשידענע פארבארגענע קמאפלעקסן.

איצט לאמיר זיך אומקערן צו יידן אין אמעריקע. כמעט אלע יידן ווייסן, אז לויט זייער געבורט, לויטן אפשטאם זענען זיי יידן. זעלטן וועמען עס גיט זיך איין אפצולעבן א פאר צענדליק יאר און נישט וויסן פון זיין יידישקייט. אזא „גליק" איז זייער זעלטן. און וואס מער יידן שטרעבן

צו דעם גליק, — אלץ זעלטענער ווערט ער. ווער דיקטירט אבער די נאר מען אין לעבן? — קיין מאל נישט די יידישקייט!

לאמיר נעמען צום ביישפיל צוויי אמעריקאנער קינדער, צוויי שכנים, וואס געניסן, דאכט זיך, ביידע גלייך פון דער גרויסער דעמאקראטיע. א ייד און קריסט. און מיר וועלן גרינג קענען זען, אז די גלייכהייט איז בלויז א דרויסנדיקע, א יורידישע, בשום אופן אבער נישט קיין אינער־ווייניקסטע. קיין פסיכישע. דאס קריסטלעכע קינד ווייס פון זיין ערשטן טאג אן, אז זיין טראדיציע איז די הערשערין אין לאנד. די שפראך וואס שרייט פון אלע ווינקעלעך פון לעבן, די שפראך וואס דיקטירט אלע נארמעס פין לעבן — איז די שפראך פון זיין טראדיציע, פון זיינע דורות. דא איז וויכטיק איטלעך אות, איטלעכע קאמע רעגירט איבער מיליאנען אין דאס איז זיינס. ביים יידישן קינד איז נשטא און עס קען נישט זיין אזא געפיל. פארקערט, ווייס עס און פילט עס נאך איידער עס קען עפעס פאר־שטיין אז נישט זיינס הערשט איבער דעם לעבן, נאר זיין שפראך מוז זיך אונטערגעבן, די שפראך פון די זייניקע איז נישט וויכ־טיק. נישט זי הערשט און באהערשט דאס לעבן. פראנצויזיש, שפאניש מוז מען קענען — עס זענען פאראן אזוינע שכנים. זיין שפראך איז פאר קיי־נעם נישט אבליגאטאריש, קיינער דארף זי נישט לערנען. ער אויך ניט

און די פסיכישע השפעה פון אט דעם אונטערשייד פאר די צוויי יונגע בירגער פון דער דעמאקראטיע איז שוין במילא ווייט נישט קיין גלייכע. זיכער, יא! דאס יידישע קינד רעדט אויך ענגליש: ס׳איז כלומרשט זיין שפראך. אבער עס איז פארן קינד דאך „ענגליש“ און אליין איז ער „דזשו־איש“.

קומט דער ליבער זונטיק: ביידע קינדער זענען גלייך צו געניסן פון דעם זונטיק. אבער די גלייכהייט איז בלויז פארן גוף: רו, פארברענגען און מער נישט. ווייטער קומט א גראנדיעזער אונטערשייד. דער זונטיק מיט זיין אבליגאטארישער רו ווירקט שטארקנדיק מאראליש דאס קריסטלעכע קינד און מוז אומבאדינגט אפשוואכן דאס מאראלישע געפיל צו זיך ביי דעם יידישן קינד. דער זונטיק, די גאנצע וואך, דער גאנצער איינשטעל פון

לעבן מוז זיך צופּאסן צו די נאָרמען פון איין טראַדיציע וואָס איז זיינע
ביי דעם קריסטלעכן קינד: דאָס לעבן איז סובאָרדינירט צים איינשטעל פון
מענטשן. ביי דעם יידישן קינד איז דאָס פּונקט פאַרקערט: ער און אַלע
זייניקע, זייער גאַנץ לעבן איז סובאָרדינירט צו נאָרמען וואָס זיינען סוף
כל סוף נישט זייערע. אָט אַזוי שאַפט זיך ביסלעכווייז ביים יידישן קינד א
פּסיכאָלאָגיע פון סובאָרדינירטקייט, פון דעם וואָס אחד־העם האָט נאָך
מיט א האַלבן יאָרהונדערט צוריק אָנגערופן „קנעכטשאַפט אין פרייהייט".
אַליין יענעמס איז זייער וויכטיק, ערשטראַנגיק, אָבליגאַטאָריש. אַלץ וואָס
איז אונדזערס איז נישט וויכטיק, צומאָל איבעריק, אומנוציק... און סוף־
כל־סוף ווערן פעלקער אַסאָציאירט מיט דעם סכום פאַרפליכטונגען וואָס
זיי לייגן אַרויף. ווערט ביי דעם יידישן קינד דאָס גאַנצע יידישע פאָלק
א זאַך א סובאָרדינירטע, און דאָס יידישעס אין אים גופא ווערט שוין
במילא צווייטראַנגיק, נישט וויכטיק און איבעריק. ער אַליין קען אָבער נישט
אַרויס פון זיין יידישקייט, איבערהויפּט ווייל מען וויל נישט, כלהם צד וויל
נישט. וואַקסט אויס אין דעם יונגן יידן א קאָמפּלעקס, וואָס מאַטערט אים
א גאַנץ לעבן. אַנטוויקלט זיך ביי אים א כאַראַקטער פון א סובאָרדינירטן
מענטשן: ער קען און איז געוווינט צו טאָן גערן און ווילן וואָס יענער
הייסט, וואָס יענער וויל, וואָס יענער באַגערט, וואָס עס איז יענעם ליב.
ער האָט אָבער נישט קיין מוט, נישט קיין דרייסטקייט און נישט קיין ווילן צו
טאָן עפּעס פון זיין אייגענעם ווילן, פון זיין אייגענער איניציאַטיוו. עס
מוזן אויסוואַקסן מענטשן פּאַסיווע, וואָס קענען זייער גוט נאָכגיין, מיט־
געריסן ווערן פון שטראָם, צומאָל טראָגן זיך מיט אימפּעט פאַרן שטראָם.
קיין אַקטיווע מענטשן מיט א שעפערישער נאַטור און מיט א זעלבסט־
שטענדיקן צוגאַנג צום לעבן — אַזוינע קענען אין אַזא לעבן נישט אויס־
וואַקסן. עס רעדט זיך נישט וועגן דער יידישקייט פון די קומענדיקע דורות
— עס איז אין א סכנה די מענטשישקייט פון אונדזערע קינדער. איך ווייס א
שטאָט אין אַמעריקע, און אין שטאָט א פּאַבליק־סקול און אין פּאַבליק־
סקול — א קלאַס מיט 49 קינדער פון 14־15 יאָר. פון זיי 9 קריסטן און
40 יידן. און קומט דער ליבער קריסטמעס זינגען אַלע יידישע קינדער די

קריסטלעך־יום־טובדיקע „קאראלס און הללויהס״ און מען נעמט אנטייל אין קריסטלעכע פארשטעלונגען און מען צעגיסט זיך זינגענדיק „א גליקלעכן קריסטמעס צו אייך״. בלויז 4 קינדער האבן זיך אפגעזאגט פון צו זינגען און אפן געמאלדן, אז זיי זענען יידן. „און דאס אינטערעסאנטסטע דערביי איז, — דערציילט מיר איינע פון יענע קינדער, — אז אלע 40 ווייסן זייער גוט, אז זיי דארפן ניט מיטזינגען, נאר מערניט וואס זיי האבן ניט קיין מוט צו טאן דאס וואס זיי אליין האלטן פאר ריכטיק.

פרעגט זיך, ווי און ווי אזוי, פון וואנען ווען װעלן אט די יידן שעפן שפעטער מוט און דרייסטקייט צו פארטיידיקן זייער כבוד, צו קעמפן קעגן באליידיקונגען, דיסקרימינאציעס וכדומה? און אט אויף די קריסטלעך־רעליגיעזע פארשטעלונגען זיצן יידישע מאמעס און קלייבן נחת ווי שיין זייערע קנדער שפילן דאס מיט לייטן גליך. און צווישן אט די עלטערן זענען פאראן פרומע און וועלטלעכע. צו דער יידישער שול וועלן זיי אלע האבן טענות: פאר די איז מען צו רעליגיעז, פאר יענע צו אפיקורסיש. די פאדערן בר־מצווה, די קענען ניט מארטראגן קיין תנ״ך. און די זעלביקע פרומע און ארטאדאקסאל וועלטלעכע עלטערן וואגן ניט א מויל צו עפענען אויסצוקעמפן פאר זייערע קינדער (און עס איז זייער גרינג!) דאס רעכט ניט צו זינגען קיין קריסטלעך־רעליגיעזע געזאנגען. — פרעגט זיך, פון וואנען אין פון וועמען זאלן יידישע קינדער אין פרייען לאנד ירשענען פרייען מוט און ווי זאלן זיי זיך איינאיבן אין אים, קולטיווירן אים? ווי און ווי אזוי קענען אזוינע מענטשן אנטוויקלען ביי זיך כאראקטער, ווילן, אכטונג צו זיך און דרך־ארץ פאר דעם אייגענעם קאלעקטיוון איך? רעדט ניט און זארגט ניט פאר עפעס אן אבסטראקטער יידישקייט אין אמעריקע, — מען מוז רעדן וועגן דעם עצם מענטשלעכן וועזן פון די יידישע דורות אין אמעריקע, וועגן דעם כאראקטער, וועגן דעם מענטשלעכן פרצוף פון די דורות יידן אין לאנד.

* *

*

צוויי וועגן זענען פאראן, צוויי קעגנזאצן, דיאמעטראל ווייטע ריכטונ־

גן; און קיין מיטן איז צווישן זיי ניטא און עס קען ניט זיין: אדער־אדער: אדער מיר דארפן זיך פולשטענדיק אסימילירן, אדער מיר מוזן איינפלאנצן אן אויסגעהאלטענע און אפגעהאלטענע יידישקייט ווי דאס האבן געטאן דורות יידן ביז אונדז. ווי איך האב ניט פיינט אסימילאציע און אסימילאטארן, וואס זענען מיר פשוט עקלדיק מיאוס, דאך מיין איך, אז אן אידיאיש אויסגעהאלטענער אסימילאטאר איז ניט אין פארגלייך אנשטענדיקער פון דעם היינטיקן מאראלישן אנדריגינום, וואס גייט מיט ווי דער ווינט טראגט און שמייכלט צו אלע געטער. היות אבער ווי מען דארף זיין א נאר ניט אויסצוהייבן כדי צו גלויבן היינט אין אסימילאציע, אין איר מעגלעכקייט און דויער, — בלייבט בכן בלויז איין וועג — פולשטענדיק אויסגעהאלטענע יידישקייט. איך שטרייך אונטער די אויסגעהאלטנקייט ווי אן אומבאדינגט נויטיקן תנאי אויסצובילדן א כאראקטער אין מענטשן.

* *
*

איך ווייס: אזא אויסגעהאלטענע יידישקייט קומט אויס ביי א כד מענטשן א מין פרייוויליקע געטא, א שרעקעוודיקע איזאלאציע וכדומה ווערטער, וואס מען שרעקט מיט זיי דעם עולם. אבער עס איז פארקערט: וואס מער אויסגעהאלטנקייט, וואס מער גייסטיקע פארזיכיקייט — אלץ מער פרייהייט, אלץ מער וועלן מיר קענען אויסניצן די גרויסע מעגלעכקייטן פון אמעריקע. אז דעם פארלירן מיר דעם אייגענעם „איד", די אייגענע ווערדע, דעם גלויבן אין זיך, די אכטונג און די רעכט און מעגלעכקייטן וואס די דעמאקראטיע גיט אונדז. ווערן מיר ביי זיך אליין קליין און אומוויכטיק. קוקן יידן אויף זיך ווי אויף בירגער פון דער צווייטער מדרגה. פארלירן יידן זייערע דעמאקראטישע רעכט. בלייבט זיי נאר איין רעכט — רעכט צו זיין קנעכט, קנעכט און נאכלויפערס. — „דאס לאנד איז דאך זייערס, זיי זיינען די באלעבאטים און מיר דארפן זיין דאנקבאר וואס מען

יאָזט אונדז לעבן" — דאָס חזרן איבער קינדער פון אכט יאָר און — די „גרעסטע יירישע פּאָליטיקערס".

די רעכטלעכע מעגלעכקייטן פון א יחיד און א קאָלעקטיוו זיינען פּראָפּאָרציאָנעל ניט צו די געשריבענע געזעצן אין די ביכער נאָר צו דעם ר ע כ ט ב א ו ו ס ט ז י י ן פון די מענטשן. ניט וויפל עמיצער ג י ט מ י ר, נאָר וויפל איך גלויב אז עס ק ו מ ט מיר. במילא ווערט תמיד מקויים אויף אונדז ביאַליקס נביאישע תוכחה:

„און וויסט וועט ווערן אייער צעלט,
„אין אומישלעפן וועט איר זיך מידע,
„ווילד־פרעמדע אויף א פרעמדער וועלט
„און בעטלערס אויף א פרעמדער סעודה

— — — — — — — — —

„און בעטן הילף וועט איר אויף בעטלער לשון —
„נאָר אויסבעטלען וועט איר פאר געלט
„און לעבן וועט איר פאר א גראָשן...

דאָס איז די „קנעכטשאפט און פרייהייט" און דאָס איז אונדזער אַנזען ביי לייט און דערפאר בלייבן מיר אָפּגענאַרט. ווי בעטלערס וואָס מען גייט פארביי און מען באמערקט זיי ניט.

-- אונדזער שולד, די שולד פון אונדזער כאראקטער!

דורך דער גאנצער יידישער געשיכטע --- דער סוד פון יידישן לעבן ליגט תמיד אין אונדזער יידישער אויסגעהאלטנקייט. באשר דאָס האָט תמיד געטראָגן א „פּסעוודאָניט" רעליגיע, בעת אין תוך אריין איז דאָס געווען א נאציאָנאלע אויסגעהאלטנקייט, אן אויסגעהאלטענע פארזיכיקייט אין לעבן, וואָס האָט זייער ווייניק צו טאָן מיט גאָטעדינסט און רעליגיעזע גאָט־פּראָבלעמען. האָט די רעליגיע דעם גרויסן פארדינסט פאר אונדזער געשיכטע — זי האָט דיסציפּלינירט און געשמידט דעם יידישן כאראקטער, די פארעקשנטע אויסגעהאלטנקייט וואָס איז אזוי נויטיק אין לעבן פון א מינדערהייט. אין דער זעלביקער צייט האָט אָבער די רעליגיע אלץ וואָס דאס פאָלק האָט געשאפן פארעכנט אויפן חשבון פון גאָט. מיר אליין

זענען „א ווערימל יעקב", מיר זענען עפר ואפר — ערד און שטויב. מער־ניט א גרויסן גאט האבן מיר. האט די רעליגיע אונדז געגעבן א רעליגיעזן שטאלץ, אבער אין דער זעלביקער צייט האט זי פארמינערט אונדזער נאציאנאלע זעלבסטאכטונג, דעם דרך־ארץ צו זיך אליין.

מיט דער אפשוואכינג פון רעליגיע האבן מיר גאר פארלארן יעדע אכטונג צו זיך. איז אט דא ליגט די היסטארישע אויפגאבע פון דער וועלטלעכער יידישקייט. ביז היינט האט זי איר אויפגאבע ווייניק דערפילט. זי מוז דאס אבער אויפטאן — אין דעם ליגט איר אחריות פארן גורל פון גאנצן פאלק. אין וועלטלעכע יידישע היימען מוז איינגעשטעלט ווערן א דיסציפלינירנדיקע נארמע, א שטייגער, א סכום מצוות און עבירות, וואס מוזן זיין אבליגאטאריש פאר אלע מיטגלידער אין היים. די מצוות מוזן זיין דיקטירט פון דער יידישקייט און זיי מוזן שטימען מיט דעם אינעווייניקסטן גלויבן אין דער היים. „אן אמונה שאדן אזוינע זאכן" — זאגט ביי פרצן דער ביאלער רבי. אין נאמען פון דעם מענטשישן כאראקטער פון די וואקסנדיקע קינדער מוזן דאס די וועלטלעכע יידן איינפירן אין זייערע היימען. עס קענען און עס מוזן אויך וועלטלעכע יידן זיין אויסגעהאלטן, פרום אין זייער יידישקייט!... סיידן מען זאגט נאר וועלטלעכקייט, וועלטלעכקייט, און מיינען מיינט מען דאס זעלביקע וואס די יאהודים.

לויט מיין מיינונג דארפן אזוינע וועלטלעכע אויסגעהאלטענע יידישע היימען איינפירן ביי זיך ריגארישע אפגעהיטקייט אט אין וואס:

א) אפגעהיטקייט אין שפראך. א ייד צו יידן אויף יידיש — איז דער לאזונג אין דאס דארף מען היטן אין די היימען. זאלן קינדער פילן און וויסן אז עלטערן זענען מקפיד, זאל מען פאדערן פון יידישע אנשטאלטן און אינסטיטוציעס, אז די ווענדונגען זאלן זיין אין יידיש א. א. וו.

ב) נעמען. אפהיטן ניט צו דערלאזן קיין פרעמדע נעמען.

ג) ניט דערלאזן קיין פרעמדע יום־טובים אין די היימען. אפילו אזוינע וואס זענען ניט רעליגיעז. פאר א וועלטלעכן יידן דארפן וועלטלעכע קריסטלעכע יום־טובים זיין ניט ווייניקער טריף ווי רעליגיעזע — פאר א פרומען יידן.

ד) עס מוזן אויסגעטיילט ווערן אַלע טראַדיציאָנעלע יידישע יום־טובים און מען דאַרף זיי צוגעבן אַ נאַציאָנאַל וועלטלעכן כאַראַקטער.

ה) די היים דאַרף סיסטעמאַטיש און אויסגעהאַלטן פּראַקטיצירן אין היים גופא, אין דער היימישער אַטמאָספער, יידישע קולטור, ליטעראַטור, מוזיק, קונסט. דאָס דאַרף ווערן ווי אַ מנהג, אַן איינשטעל. עס איז ווייניק אַז דערמיט זאָל זיך פאַרנעמען דער „אַלד מען”, לאָזנדיק די קינדער פריי פון דעם אַלעם. פאַרקערט, מוז אַט די איינשטעלונג זיין אָבליגאַטאָריש פאַר דער גאַנצער היים, אַלע אירע מיטגלידער. האַלטן די עלטערן פון יידיש, מוזן זיי זיך באַציען צו דעם רעדן אויף אַן אַנדער שפּראַך ניט אַנדערש ווי אַ פרומער ייד באַציט זיך צו חילול־שבת, צו טריפות און חמץ בפּסח, למשל. און אַזוי אויך וועגן אַנדערע געבאָטן און פאַרבאָטן. וואָס די קינדער וועלן ווערן קען קיינער ניט גאַראַנטירן, אָבער ירשענען אידיישע אויסגעהאַלטנקייט וועלן זיי קענען, זיי וועלן האָבן ענערגיע צום טראַנספאָרמירן זי אין זייער אייגענעם כאַראַקטער. מענטשן וועלן זיי זיין!

יידישע יום־טובים אין דער יידישער שול.

עס איז א פּרינציפּ, אז איטלעכער יידישער יום־טוב דאַרף קריגן זיין אפּשפּיגלונג אין שול. כל־זמן דאָס יידיש לעבן איז געווען שטרענג פאַרזיי־כיק, ווען יידן האָבן געלעבט בלויז לויט זייערע אייגענע טראַדיציעס און מנהגים, — דעמאָלט האָבן די קינדער געהאט אזוי פיל איבערלעבונגען, עמאָציעס, איינדרוקן, אז די שול האָט זיך אינגאנצן געקענט פארלאָזן אויף דער היים. דאָס קינד, ווען עס פלעגט קומען אין שול צו זעקס יאָר האָט עס מיטגעבראכט אזא רייכן אוצר פון נאַציאָנאלן וויסן און דערפאַרונגען, אז קיין שול קען עס ניט געבן אין משך פון יאָרן. אויסער דער עצם שפּראַך, פון פאָלק וואָס דאָס קינד האָט באהערשט, האָט עס שוין צו זעקס יאָר פארמאָגט א רייכן קינדישן פאָלקלאָר אין לידעלעך, מעשהלעך, ווערטלעך, וויצן, אויסדרוקן, אידיאָמען — צוזאמען מיט דעם האָט ער שוין פארמאָגט א רייכן פארמעגן פון נאַציאָנאלן „איד” און פון פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע. דאָס קינד האָט זיך שוין באוויזן דורך דער היים אריינצולעבן אין נאַציאָנאלן שטייגער. און דאָ האָבן די גרעסטע ראָלע געשפּילט די יום־טובים. דאָס קינד איז שוין געווען א פולקאָמער ייד נאָך איידער עס האָט אנגעהייבן צו גיין אין שול. און והא ראיה — די קאָנטאָניסטן, וואָס האָבן אָן לערנען פארמאָגט אָפט גוואלדיקע אוצרות פון נאַציאָנאלן אויסדרוקער געשעפּט נאָר פון די היימען, פון דעם אויסגעהאלטענעם שטייגער אין די היימען.

גאָר אנדערש פילן זיך און עס פירן זיך אין דער אמעריקאַנער אַרמײ ייִדישע זעלנער פון הײמען מיט א ייִדישן שטײגער, און װידער גאָר אנדערש, שװאכער און אָנמוטיקער — פון אזױנע הײמען װאָס האָבן ניט געהאט קײן ייִדישן שטײגער, אױב אפילו מען איז געװען אינטעליגענטער, באלײענטער און מען האָט מערער גערעדט פון ייִדישקײט און פון ייִדישע פּראָבלעמען. ניט אומזיסט האָט דער מײסטער פון ייִדישן פאָלק אין קונסט — שלום־עליכם, אזױ פיל קינדער־מעשיות פון ייִדישע יום־טובים. דער יום־טוב און די צערעמאָניעס זענען פאַרן קינד װי זונשײן פאַר א געװיקס. און הײנטיקע ייִדישע קינדער זענען בארױבט פון דעם. אפילו דער כלומרשט פרומער טאטע לױפט אװעק ארבעטן, און פון גאנצן יום־טוב בלײבט נאָר דאָס אומבאקװעמע, קײן זאך ניט פון יום־טוב; די נשמה די שכינה פון יום־טוב איז ניטאָ. פארקערט, װאָלט שױן געװען א סך בעסער װײניקער דינים און מערער פרײדיקײט און שמחת יום־טוב.

איז עס ניטאָ אין די הײמען מוז די שול געבן א... סוראָגאט. א שול־יום־טוב װאָס איז ניטאָ אין די הײמען איז ניט קײן פולער יום־טוב, עס איז א סוראָגאט, זיכער, — אָבער בעסער װי גאָרניט. דאָס דאַרף זײן דער זינען פון א שול־יום־טוב.

מען האָט אין די ייִדישע שולן זיך צוגעװײנט, אז א יום־טוב דאַרף מען „דערקלערן", מען דאַרף דערצײלן די קינדער דעם אָפּשטאם פון דעם יום־טוב און זײן אנטװיקלונג. און זאָל עס זײן געװנג. ניטאָ קײן גרעסערער טעות און פּעדאגאָגישער גרײז װי אָט די דערקלערטע יום־טובים. אָט קען איך דערקלערן אלע רוסישע יום־טובים, -- און דאָך בין איך גאָר װײט פון צו זײן א רוס. ניט מער איז א ייִד דער בחור, װאָס האָט אין שול אױסגעלערנט די דערקלערונגען פון אלע ייִדישע יום־טובים.

א יום־טוב מוז זײן פארבונדן מיט איבערלעבונגען װאָס עס קומען פון דורכמאכן אים. אז די הײם האָט עס װײניק, מוז די שול דורכפירן א יום־טוב. אלע ייִדישע יום־טובים זענען פאַר פרומע ייִדן ניט קײן היסטאָרישע רעשטלעך פון אמאָל, נײערט סימבאָלישע צערעמאָניעס פון

איין און איינציקער נאַציאָנאַלער אידעע, פון דער אידעע פון נאַציאָנאַלן קיום, ווי א באַזונדער פאָלק, מיט א באַזונדערן גייסטיקן אינהאַלט און כאַראַקטער; דער יום־טוב קומט אויסצודריקן דעם גלויבן אַז אַט דער אייגענער, אייגנאַרטיקער נאַציאָנאַלער אינהאַלט וואָס שיידט אונדז אָפּ פון אַלע אַנדערע פעלקער איז פולווערטיק און איז אונדז ליב און טייער ניט ווייניקער ווי עס איז מענטשן פון אַנדערע פעלקער ליב און טייער זייער מאַטעריעלע אייגנטום און זייער גייסטיקע אייגנאַרטיקייט.

אַט דער וועלטלעך־נאַציאָנאַלער צוגאַנג צו יום־טובים פירט צו דעם וואָס מיר פירן דעם יום־טוב דורך אַנדערש ווי עס פירן אים דורך די רעליגיעז־טראַדיציאָנעלע יידן, ניט לויט אַלע פּרטים פון רעליגיעזן שולחן־ערוך. דער אינהאַלט פון יום־טוב דאַרף זיין אומבאַדינגט טראַדיציאָנעל. דאָס פאַרבינדט אים מיט דורות יידן אין דער געשיכטע און מיט גרופּעס יידן איבער דער וועלט. אַט די געאָגראַפישע און היסטאָרישע פאַרבינדונג מיט יידן (די האָריזאָנטאַלע און ווערטיקאַלע) איז פון אומגעהויערער נאַציאָנאַלער וויכטיקייט, און קיינע דערקלערונגען און אויפקלערונגען קענען זיך צו דעם ניט גלייכן: דאָס ווירקט דירעקט אויף דעם אומבאַוווּסטזיין פון קינד, און ניט ווי ווערטער וואָס מוזן דורכמאַכן א פאַרקערטן וועג. פון באַוווּסטזיין צום אומבאַוווּסטזיין, און דער געלינגט זייער זעלטן... ווייל מען אַז קינדער זאָלן אויסוואַקסן יידן צווישן יידן איבער דורות און איבער לענדער, דאַרף מען פּראַקטיצירן מיט זיי די מנהגים פון פאָלק. אָבער אונדזער „לשם יחוד" איז ניט צו דינען א גאָט וואָס איבער ן פאָלק, נייערט צו דינען דעם פאָלקס הייליקייטן און זיינע נאַציאָנאַלע אידעען. די אידעע איז אין תוך אריין איינע: דעם פאָלקס פאַרזיכיקייט, גייסטיק און סאָציאַל־קולטורעל (אַט דאָס מיינט אייגנטלעך אויך די טראַדיציע מיט דעם שטענדיקן „זכר ליציאת מצרים" — דער סימבאָל פון באַפרייאונג פון אַלע מצרימס) די שטרעבונג צו דעם ווערט אין יום־טוב אויסגעדריקט אין זאָגעכץ (הגדה) און אין סימבאָלישע טואונגען. און איטלעכער דור דאַרף אין די אַלטע טראַדיציאָנעלע פאָרמען אריינלייגן די אַקטועלע נאַציאָנאַלע

שטרעבונגען פון זיין צייט. אזוי איז אויך דער וועג פון דער טראדיציע. אויב למשל, אין דער טראדיציאנעלער הגדה פון פסח האלט ר' טרפון אז מען דארף ענדיקן מיט דעם ואָץ „אשר גאלנו וגאל את אבותינו ממצרים", ר' עקיבא אָבער גיט צו „כן ה' אלוהינו ואלוהי אבותינו יגיענו למוֹעדים ולרגלים אחרים הבאים לקראתנו לשלום שמחים בבנין עירך וששים בעבודתך ואז"ו איז דאָס לגמרי ניט קיין רעליגיעזע מחלוקת. דאָ שפּיגלען זיך אָפּ צוויי דיאַמעטראַלע נאַציאָנאַלע וועלט־באַנעמען. ר' טרפון איז געווען א געטרייער נאָכפאָלגער פון ר' יוחנן בן זכאי: — מען מוז שלים מאכן מיטן גלות, מען דארף אין גלות פעסט אָרגאַניזירן די דעטאַלן פון נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט אין לעבן, מען דארף די נאַציאָנאַלע זמנים און מנהגים פארוואנדלען אין צווינגנדיקע און דיסציפּלינירנדיקע געזעצן און דאָס איז אַלץ. ר' עקיבא אָבער שטרעבט צו נאַציאָנאַל פּאָליטישער פּאָזיטיוויקייט, ער גרייט דעם בר־כוכבא אויפשטאנד, ער בעט גאָטס הילף זורה צו זיין אויפצוריכטן דעם בית־המקדש נאָך אמאָל, זיין אידעאַל פון אן אויפגעבויטער ירושלים לייגט ער אריין אין זיין פּסחדיקן סדר. (פּסחים פּרק י' משנה ו'). מיט די זעלביקע רעכט מעגן מיר און מיר דארפן אויך אונזערע היינטיקע אידעאַלן פארבינדן מיט די יום־טובים און מיט זייערע צערעמאָניעס.

וואָס איז היינט אונדזער אידעאַל?

גייסטיקע, מאָראַלישע פּאָזיטיוויקייט, וואָס באַזירט זיך אויף א האַרציקער אכטונג צו דעם נאַציאָנאַלן אייגנאַרט אין מעשים, פירונגען און געדאנקען, אויף דעם דראַנג דאָס אַלץ אָפּצוהיטן און איבערגעבן דורך דורות; און בלויז אָט די פּאָזיטיוויקייט איז ביכולת צו שאפן אויך א סאָציאַלע פּאָזיטיוויקייט, אָרגאַניזירט אין א סאָציאַל פּאָליטישן איינס, אין א נאַציאָנאַלן היים־לאַנד.

איז דאָך דאָס ציוניזם? — זיכער. מער ניט וואָס אויף דער רעכטער זייט, מיט די פיס אראָפּ און מיטן קאָפּ ארויף.

דען דער ציוניזם וואָס באַשטייט אין זאמלען געלט פּ א ר י ע־

נ ע, פאר אנדערע, אין א קאָנקורענץ פון ציווי ראַבאים. וואָס זייער גאנצע גבורה באשטייט אין דעם ווער עס קען גיכער און בעסער ארויסקריגן א שמייכל ביים פריץ; דער ציוניזם וואָס פאַרט זיך גאָר ניט שלאָגט מיט אסימילאַציע אין אלע לענדער און אין אלע לשונות; דער ציוניזם וואָס לייקנט די קולטור־ירושה פון טויזנטער יאָרן גלות, דער איז ציוניזם אויף דער לינקער זייט, א פארקערטער, מיטן קאָפּ אראָפּ. דאָס איז א מאָדערנע אויפלאַגע פון שבתי־צביאיזם. דער ציוניזם וועט אייך אין ארץ־ישראל גאָר ניט שאפן אויב ער וועט ניט באמיען זיך איינצופלאנצן דעם דראנג צו פאַרזיכיקייט אומעטום, ביי אלע יידן אין דער גאַרער וועלט. און אַט דעם דראנג וועלן יידן אויך אין ארץ־ישראל געפינען וועמען נאָכצומאַכן און ווע־מען זיך פאַרציישטעלן ווי א האַר און הערשער איבער זיך און וועמען מען דאַרף דינען. און אַט דעם דראנג וועלן יידן חלילה אויך ארץ־ישראל פארוואַנדלען אין א גלות. און דער „מאגנוסיזם" איז א ראיה צו דעם.

אַן א מאָראַליש פעסטן און נאַציאָנאל אויסגעהאַלטענעם גלות קען ניט זיין קיין גאולה און קיין יידיש ארץ־ישראל. דאָס האָט זייער גוט פארשטאַנען דער ערשטער נאַציאָנאַלער „גלותיסט" ירמיהו הנביא. און דעריבער האָט ער געטענהט: בויט יידישקייט אין גלות, וועט איר זוכה זיין אויסגעלייזט צו ווערן פון גלות (ירמיהו כט'). דאָס האָט קלאָר און מיט דער גאַנצער נשמה געוווּסט דער גרעסטער קעמפער פאר נאַציאָנאַלער פארזיכיקייט ר' עקיבא — כדי זוכה צו זיין צו דער גאולה דאַרף מען צוערשט אַנבייען „תלי תלים" פון הלכה אין יידישן לעבן אומעטום. מען מוז פארפעסטיקן אלע דעטאַלן און אלע פרטים פון יידישן אייגנארט כדי פון דעם זאָל אויסוואַקסן אין די נשמות א דראנג צו פאַרזיכיקייט. דאָס איז ערגעץ קלאָר פאַרמולירט אין תלמוד: אין א צייט פון סכנה פאר יידישקייט, מוז א ייד גיין אויף מסירת נפש אפילו אויף אַן „ערקתא דמסאָנאַ" (א שנירל פון א שוך). דער פּראַנט פון א יידישן ארץ־ישראל איז ניט ביי די געאָגראַפישע גרעניצן פון יענעם לאנד, נייערט איבער אלע קיבוצים ווו יידן לעבן. אַט דאָ ליגט די קעגנזייטיקע פארבינדונג צווישן פאָלק און לאנד, גלות און ארץ־ישראל און דאָס איז דער מהות פון דעם אמתן ציוניזם: אַן א שטרע־

בונג צו א פאַרזיכיקער ארץ־ישראל האָט ניט קיין שום זינען אונזער גאַנץ לעבן אין אַלע לענדער ווו מיר לעבן און מאַכן א לעבן, און אַז א פעסטער און אַן אויסגעהאַלטענער יידישקייט אומעטום האָט ארץ־ישראל קיין טעם ניט און קיין זכות הקיום ניט און קיין קיום — געוויס ניט.

און א טייל פון דעם, א ציגל אין דעם „גלות־גאולה־בנין" זענען די יידישע יום־טובים.

א יידישער יום־טוב הייבט זיך אָן מיט קידוש. וואָס מיינט עס?

אַז מען קומט פון שול מאַכט מען קידוש.

וואָס מער און וואָס טיפער איך באַמי זיך צו פאַרשטיין די יידישע טראַדיציע, אַלץ מער באַוואונדער איך די אויסגעהאַלטענע גאַנצקייט אירע. דער אייביקער אינטערשייד צווישן יעקבן און עשון וואָס איז געווען און איז און וועט בלייבן איז דער וואָס אַלע עשום דינען צו זייערע אינסטינקטן, פוצן זיי אויס, מאַכן פון זיי א קולט און א יום־טוב. דער זינען פון יידישקייט איז פון אייביק און ביז אייביק איינצאַמען די אינסטינקטן, גובר זיין זיי, געוועלטיקן איבער זיי. איך ווייס ניט נאָך איין פאָלק אַזוי — איז „כי בנו בחרת ואותנו קדשת". און הייליק איז קודם ניט דער מענטש, נאָר זיי־נע מעשים און אויפטוען, נאָר דורך זיי קען א מענטש דערגיין צו הייליַ־קייט, צו גאָט — „וקדשנו במצוותיו". אָט דאָס און ניט קיין שום רעליַ־גיעזע און טעאָלאָגישע פּרינציפּן און קיינע דאָגמעס איז דער זינען פון די יידישע מצוות. און א יידיש פאָלק וועט זיין ניט ווען מיר וועלן פאַרמאָגן טויזנטער איינשטיינס, און צענער טויזנטער הערמאַן כהנס און כטעפּאַן וויזעס, — נייערט ווען און כל־זמן אין אַלע עקן פון דער וועלט וועלן זיין וויפל עס זאָל ניט זיין מענטשן — וואָס וועלן אין איין און דער זעלביקער צייט טאָן די זעלביקע פירונגען און מנהגים מיטן געדאַנק דערמיט צו זיין יידן. ניט אין פילאָזאָפיעס, ניט אין אידעען און ניט אין דאָגמעס איז יידישקייט, נייערט אין מעשים וואָס מענטשן טוען כדי צו זיין א ייד. אויב אפילו די מעשים דאַכטן זיך אונדז אויס צו זיין נאַריש, איז בעסער מיטן פאָלקס נאַרישקייט איידער מיט דער אייגענער חכמה, א ייד איז דער וואָס זאָגט ווייליק אין האַרצן הריני מוכן ומזומן — איך טו ווייליק אָט די און

יענע זייטן פון פאָלק כדי דערמיט זיך צו באהעפטן צו דורות און צו וועלטן ־ יידישקייט.

אז א ייד הייבט אן זיין יום־טוב, דאַרף ער קודם כל זיך הייליקן, ניט פאַר די אינסטינקטן, נייערט פאַר דעם פּרינציפּ פון אייביקער און אומע־טומיקער יידישקייט — „הבדלת וקדשת״ — מיר זענען אנדערש און אונד־זער אנדערשקייט איז הייליק פאַר אונדזער יידישקייט.

און אַלע יידישע יום־טובים זענען „זכר ליציאת מצרים״. זכר מיינט דאָ סימבאָל, ניט סתם דערמאָנען זיך וואָס עס איז געשען מיט פיר טויזנט יאָר צוריק. מצרים מיינט אַלע מאָל ווען יידן לעבן לויט פרעמדע פירונגען. מצרים איז אייביק ווי יידן זענען. און אונדזערע שבתים און יום־טובים זענען דאָס דער סימבאָל פון אַן אייגענעם לעבן, פון פאַרזיכיקייט, ווי אונדזער טראַדי־ציע, אונדזער גאָט האָט איינגעשטעלט. ...און היינט ווען יידן וואַרטן אויף ישועות פון פרעמדע גאַנץ גרויסע, וואָס נאַרן אונדז תמיד אָפּ מיט א גוט וואָרט, ווען יידן ווילן זיך איינרעדן א גאולה — אך און ווי — וואָס יידישע שתדלנים און טעלער־לעקערס וועלן שטילערהייט אויסהנדלען ביי דעם אָדער ביי יענעם גדול, ווען ער וועט אויסשטרעקן דעם שרביט הזהב פון „דער גרינער שיין״, — אויף אַזאַ גאולה זאָגט נאָך די גמרא „יתי ולא אחמנו״ זאָל ער קומען, אָט דער אויסגעבעטלטער משיח און איך וויל אים ניט אָנ־קוקן — קיין גאולה קען ניט זיין קיין אויסלייזונג כל־זמן דאָס פאָלק איז בעטלעריש און קנעכטיש. איז איטלעכער יידישער יום־טוב און איבערהויפּט פּסח — דער סימבאָל פון אינעווייניקסטער פרייהייט, פון פאַרזיכיקייט. פון יידישער הייליקייט דורך יידישע מעשים און יידישן פיר.

כי „בנו בחרת ואותנו קידשת״ „זכר ליציאת מצרים״ — אָט דאָס איז דער זינען און דאָס איז דער וועלטלעכער נאַציאָנאַלער תוך פון דעם „אז מען קומט פון שול מאַכט מען קידוש״. לאָמיר זיין יידן א גאַנץ יאָר און לאָמיר זיך יידישן דורך אונדזערע יום־טובים! אָט אין דעם גייסט גייט דער גאַנצער אינהאַלט פון יום־טוב.

נאָר צוערשט נאָך עפּעס: מען דאַרף אונטערשיידן צווישן יום־טוב און פאַרווײַלונג.

פאַרווייליקונג איז שפּיל, צעשטרויאונג, אַרויסטאָן זיך פון ערנסטע פּראָבלעמען, זיך פאַרגעסן, אָפּרוען זיך פון אַלץ וואָס איז וויכטיק. יום־טוב איז פאַרקערט, דערהויבונג, קאָנצענטרירונג אויף דעם הייליקן און וויכטיקן. פאַרווייליקונג ציט אַראָפּ דעם אינהאַלט און פּאַסט אים צו צו די פיזישע אינטערעסן פון דעם פאַרווייַלער; יום־טוב אָבער נעמט דעם מענטשן און דערהויבט אים צו די אינטערעסן פון דעם אינהאַלט. פאַראַן פעלקער וואָס מאַכן ניט דעם אונטערשייד. איז ביי די אַמעריקאַנער דאָס וואָרט יומטוב (האָלידיי) טאַקע אידענטיש מיט אָפּרו, פאַרווייליקונג. זיי קענען זיך דאָס פאַרגינען — דאָס יום־טובדיקע, דאָס העכערע ווערט זיי געבראַכט פאַרטיקערהייט דורך דער אָרגאַניזאַציע פון פאָלק, אָן דעם באַוווּסטזיין פון יעדער יחיד. ביי אונדז אָבער מוז איטלעכער יחיד אַליין טראָגן אין זיך זיין יום־טוב און מוז עס אַרויסברענגען אויף אָן אָרגאַניזירטן אופן. מיר מוזן שטרענג אינטערשיידן צווישן פאַרווייליקונג און יום־טוב. ביי זיי קענען די יום־טובים צעשטרויען און פאַרווייַלן, ביי אונדז מוזן זיי קאָנצענטרירן און דיסציפּלינירן.

נעמען מיר למשל א דריטן סדר אין א שיל. ער הייבט זיך אָן מיט א קאָלעקטיווער דעקלאַמאַציע פון הא לחמא. עס קומען קשיות — אַנדערע קשיות, אייביקע קשיות, די קשיות וואָס מאַטערן אונדז שטענדיק אין אונדזער דראַנג צו פרייער יידישקייט. און עס קומט דער אייביקער תירוץ וואָס איז אַלע מאָל אַקטועל — אונדזער לנעבטישקייט, דער עבדים היינו און אַזוי ווייטער אַלע עלעמענטן פון הגדה וואָס קענען אַקטואַליזירט ווערן. מיר גיבן צו פון דער מאָדערנער פּאָעזיע (ביאַליקס „וואַנדערער פון מדבר”, ליעסינס „מעבדות להירות”). דער כאָר זינגט טראַדיציאָנעלע הגדה־ניגונים ווי אויך מאָדערנע פּאַסיקע טענץ גיבן איבער די זעלביקע אידעע אין פּלאַסטיק. מען קען צוגעבן אַ־יב מעגלעך דעמאָניסטראַציע פון פּסח־מאָטיוון אין מאָלעריי. עלילת־דם מאָטיוו אין ליטעראַטור און אין מאָלעריי.

בערך אַזוי דאַרפן באַהאַנדלט ווערן אַלע יידישע יום־טובים אין שיל. פאַרשטייט זיך אַז די מאכלים פון יעדער יום־טוב שפּילן א וויכטיקע ראָלע אין יעדער קאָלעקטיוון יום־טוב.

פעדאגאגישע פראבלעמעס פון דער יידישער שול.

I

קולטור און דערציאונג.

קולטור בכלל איז אויסגעוואקסן לכתחילה פון די פרימיטיווע געצייל־מע באדערפענישן פון מענטשן ווי א חיה. דער אנהויב צו באפרידיקן די דאָ־זיקע באדערפענישן נישט דירעקט — פון נאטור צום מויל, אזוי צו זאָגן, נאָר אומדירעקט, דורך פארשיידענע צופאסונגען און פארענדערונגען — דאָס איז געווען דער באזיס פון קולטור. דאָ האָבן זיך אירע וואָרצלען פארטיפט און פון דעם גרונט הערן נישט אויף ווייטער צו צעצווייגן זיך אירע פארשיידענע געביטן. עס זיינען אויפגעקומען קונסטן — טעכניש־אוטיליטאַרע און אויך „ריינע". קוים קומט נאָר אויף אזא נייער געביט פון קולטור, הייבט ער אן אליין צו ווירקן אויף אנדערע זייטן פון לעבן. ער הערט אויף צו באנוגענען זיך מיט דער איינפאכער ראָלע צו באפרי־דיקן א באשטימטע באדערפעניש, נאָר ער שטרעבט זיך צו קאָמפליצירן, צו פאַרפולקומען, משפיע צו זיין אויף אנדערע געביטן און ווערט אזוי ארום אליין א סאָציאַלער פאקטאָר.

מיטן אויפקום פון א קונסט, פון א קולטור־געביט וואקסן אויס נייע פאָדערונגען, וואָס שטאמען שוין פון דער קונסט גופא, נייע באַ־

דערפעניש און אלץ מער קאמפליצירטע שטרעבונגען. די ערשטע לכתחילהדיקע פאדערונגען, וואס האבן ארויסגערופן די געגעבענע קונסט צום לעבן, רוקן זיך אפ צום הינטערגרונט — די נייע פילפאך קאמפליצירטערע פארשטעלן זיי. די נייע באדערפענישן שטאמען שוין פון דעם געביט גופא, ער ווערט זעלבשטענדיק, ער ווערט אליין א געשטאלטער פון קולטור־לעבן, ער טראגט אריין זיינע פארמען, זיין שטייגער, זיינע אינטערעסן, זיין וועלטבאנעם, און דאס אלץ מאדיפיצירט דאס סאציאלע לעבן. אין איר עקספאנסיע באמיט זיך יעדע קונסט ארומצונעמען, איבערגעבן אויף איר שפראך דאס גאנצע לעבן, אריינצופירן עס אין איר אינטערעסן־קרייז. במילא איז יעדער קונסט, יעדער קולטור־געביט נאציאנאל, ווייל „דאס לעבן" איז אזא. קודם־כל דאס לעבן פון דער סאציאלער סביבה. דאס גיט די רעגנבויגן בונטע רייכקייט פון דער מענטשלעכער קולטור בכלל און פון יעדער קונסט בפרט. אזוי טראגט יעדער קונסט אין זיך אירע אייגענע אנטוויקלונגס־טענדענצן, וואס צו זיי זאל דאס גאנצע לעבן זיך צופאסען. יעדער קולטור־געביט איז בכן אין זיין אנטוויקלונג פארכאפעריש־עקספאנסיוו. איבעריקס איז עס אויך אין דער נאטור אזוי; יעדער ארגאן, יעדער געוועב אין ארגאניזם האט א טענדענץ זיך צו צעוואקסן ביז אומענדלעכקייט; יעדער ארגאניזם — זיך צו פארשפרייטן און פארמערן ביז צו אליינהערשונג. און אזוי ווי אין דער נאטור גיט דער „קאמף" צווישן די קעגנזעצטע שטרעבונגען פון די ארגאנען אין ארגאניזם און צווישן די ארגאניזמען אין דער נאטור בכלל — די הארמאניע און פארפולקומונג פון ארגאנישן לעבן אויף דער ערד, אזוי גיט אויך די קאנקורענץ צווישן די פארשיידענע קולטור־געביטן דעם פראגרעס פון קולטור בכלל.

דעריבער איז די אנטוויקלונג פון יעדער קונסט, פון יעדער קולטור־געביט אפהענגיק — ערשטנס, פון דער אינעווייניקסטער טרייב־קראפט, וואס פילט אן און דרינגט דורך דעם גאנצן וועזן פון דעם געביט, צווייטענס, פון דעם אינהאלט און פון די פארמען פון ארומיקן לעבן, וואס פון אים פורעמט ער זיינע בוי־שטיינער, און דריטנס פון די דירעקטע טרעגער און טוער פון דעם געגעבענעם געביט.

* *
*

דערציאונג איז א קונסט, וואָס איז מער ווי וואָסער עס איז צווייטע צונויפגעבונדן מיטן קולטור־לעבן. נישט אומזיסט זיינען די באגריפן קולטור און דערציאונג אָפט סינאָנימען. ווארעם אויב דערציאונג איז מעגלעך און פאקטיש פאראַן, אויך ווען עס איז נישטאָ קיין קולטור (ביי חיות, למשל), איז קולטור אָבער אָן דערציאונג אינגאנצן אוממעגלעך. אויב אויף דער מדרגה פון חיהשן לעבן איז דערציאונג פונקט אזוי פרימיטיוו און דירעקט נאטירלעך ווי דאָס באפרידקן אלע אנדערע באדערפענשן, איז דערציאונג אויף דער מדרגה פון קולטור אויך אזא זעלבשטענדיקע קונסט ווי יעדער אנדערע. זי האָט איר אייגענעם וועלטבאנעם און אייגענע פארמעסטונג צו פארקערפערן, אָפצושפיגלען דאָס לעבן אין זיין גאנצער פילזייטיקייט. פונקט ווי די שניידער־קונסט באנוגנט זיך נישט נאָר מיט צודעקן די נאקעטקייט, אזוי איז אויך פאר דערציאונג נישט גענוג נאָר אויסצולערנען די עטלעכע נייטיקע טעגלעכע געוווינהייטן אָדער פּאָפּולאריזירן די אָדער יענע באגריפן, ידיעות, וואָס זיינען כלומרשט נייטיק אין לעבן, ווי מען באמיט זיך אָפט דאָס פאָרצושטעלן. איז וואָס איז די אויפגאבע פון דערציאונג?—

דאָס איז שווער צו פאָרמולירן אויף דער שפראך פון אוטיליטאריזם. וואָס איז די אויפגאבע פון מוזיק, פון סקולפּטור, פון פּאָעזיע, אאז"וו?— נאָר א טיפער רעטראָספּעקטיווער אנאליז קאָן אנטפּלעקן די בראשיתדיקע באדערפענישן, וואָס האָבן סטימולירט דעם אויפקום פון די געביטן. קוים זענען זיי אָבער אויפגעקומען, זענען שוין אויך די צוועקן זייערע פאַרענדערט, פארקאָמפּליצירט, אָפט גאָר פון אן אנדער מין, ווי די לכתחילהדיקע. און נישט יענע ערשטע צוועקן ווירקן איצט ווי די טרייב־קראַפט, נאָר דווקא די ניי אויפגעקומענע, וואָס שטאמען פון דער אייגנארטיקער אנטוויקלונג פון געגעבענעם געביט. און דערציאונג — ווי אלע אנדערע קונסטן — האָט אירע צוועקן אין זיך: בעסער ריידן וועגן די שטרעבונגען

פון דערציאונג, פון א קונסט איידער וועגן אירע צוועקן. אט די זעלבשטענדיקע אנטוויקלונג פון דער דערציאונג־קונסט האט געבראכט צו דעם, אז עס איז גאר פרי אויפגעקומען א ספּעציעלע „שול־קולטור״, א קולטור וואס האט לגמרי נישט געשטאמט פון לעבן פון שטייגער, נאר וואס האט פארקערט זיך צוגעגעבן צום לעבן. עס איז געווארן א „תורה שבכתב״

אויבנאויפיק איז עס נישט אלעמאל קענטיק, ווייל די ספּעציעלע אייגנארטיקע דערציאונגס־קולטור איז איבער סאציאל־געשיכטלעכע סיבות במעט תמיד געווען שטארקער, זי האט פארכאפּט גרעסערע געביטן פון לעבן און האט געגאלטן ווי קולטור בכלל, דערדריקנדיק אנדערע פארמען. די דערציאונגס־קולטור האט פשוט אנגעפילט כמעט דאס גאנצע לעבן. צוליב איר, צוליב דער „תורה שבכתב״ האבן זיך געגרינדעט שולן אין רוים, אין יהודה, צוליב „שמא תשתכח תורה מישראל״ האבן זיך געפירט נאציאנאלע און סאציאלע קאמפן, אזוי ארום איז די ספּעצעלע „שול־קולטור״ געווארן א דאמינירנדיקער פאקטאר אין לעבן בכלל. אין רוים האט נאך סענעקא זיך באקלאגט אויף דעם, וואס די דערציאונג איז אפּגעריסן פון לעבן. דאס לעצטע איז געווען רוימיש און די דערציאונגס־קולטור איז געווען העלעניסטיש. און אזוי איז עס געגאנגען אין דער גאנצער ווייטערדיקער געשיכטע. איז דאס געווען די ספּעציעל „סכאלאסטיק״ — די שול־קולטור, איז דאס געווען דער קלאסיציזם, איז דאס שפּעטער געווען די פראנצויזישע הויף־קולטור און ביז צום היינטיקן טאג איז נאך דער ריס צווישן שול און לעבן נישט קלענער געווארן, כאטש דער טעארעטישער קאמף קעגן דער שול־קולטור פירט זיך כמעט אן אויפהער. ערשט גאר נישט לאנג בערך איז דער קאמף קעגן דער שול־קולטור געווארן דערפאלגרייכער, כאטש ווייט נאך נישט זיגרייך. עס איז געווען דער מאמענט, ווען די פאלקס מאסן, וואס זיינען די עצם טרעגער פון לעבנס־שטייגער, זיינען ארויף אויף דער געזעלשאפטלעכער ארענע. במילא איז אויך דער לעבנשטייגער פון די פאלקסמאסן, די לעבנס־קולטור, דערהויבן געווארן צו קאנקורענץ־פעאיקייט מיט דער שול־קולטור. פון דער צווייטער זייט האט די עצם לעבנס־קולטור זיך פארקאמפּליצירט אין טעכ־

ניש־אָריגינעלן און אין וויסנשאפטלעכן זינען. דאָס האָט ווידער פאַרשטאַרקט די קאָנקורענץ־פעאיקייט פון לעבנס־קולטור קעגן דער שול־קולטור.

ביי יידן איז אויך געווען אזוי און נאָך אין א שטאַרקערער פאָרם. די שול־קולטור איז אַלט און פעסט איינגעוואָרצלט אין טראַדיציע; זי איז צעצווייגט און קאָמפּליצירט נישט אין פאַרגלייך מעכטיקער און ברייטער איידער דאָס „בידנע שטיקל לעבן". עס איז אויסגעקומען, ווי דאָס גאַנצע לעבן איז נאָר א שטיקל מינערווערטיקע הוספה צו דער תורה, דער שול־קולטור, וואָס איז געווען די הערשערין אויך אין דעם בידנעם לעבן. דאָס לעצטע איז געווען אזוי פרימיטיוו, איינפאַך, אז וועגן קאָנקורענץ קעגן דער שול־קולטור האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין. דער מאַרק אין קראָם אנטקעגן דעם בית מדרש חדר און ישיבה — אזוי ווי א ברויזעלע קעגן א ריז, ווי א בעטלער קעגן א פרינץ. ערשט טאַקע גאָר נישט לאַנג, כמעט אויפן שוועל פון הײנטיקן י"ה, האָט זיך די פאַרהעלטעניש געביטן.

די עקאָנאָמישע אָפּגעזונדערטקייט פון די יידישע מאַסן האָט ביתלעכוויז אויפגעהערט, דאָס ספּעציפיש יידישע ריין פּאַרמיטלערישע קליינשטעטל האָט אָנגעהויבן אונטערציגיין. אנשטאָט דעם האָבן אָנגעהויבן אויפצוקומען גרויסשטאָטישע יידישע קיבוצים. די צעבראָכענע פאַרקאָנעס פון דער אַלטער קאַסרילעווקע זיינען איינגעפאַלן און די שטילע מיט מאָך באַדעקטע און מיט שלאַם אונטערגעבעטע קאַסרילעווקער וואַסערן האָבן א פלייץ געטאָן איבער דער גאַרער וועלט. אָט דעמאָלט איז דאָס יידישע לעבן געוואָרן צייטיקער צום קאַמף קעגן דער ספּעציעלער, איינגעפונדעוועטער שול־קולטור. אָבער דער קאַמף קעגן דער שול־קולטור האָט זיך ביי יידן אָנגעהויבן פריער א סך, כמעט מיט הונדערט יאָר פריער און געשטאַמט האָט דער קאַמף נישט פון דאַנען, נאָר גאָר פון אַנדערע סטימולן און מקורים.

ווען מיר זאָלן נישט נעמען אין אכט די פאַרשידענע רעפאָרמ־

שטרעבונגען אין טראַדיציאָנעלער יידישקייט ווי חוי הבלכי (אין בבל), שפּעטער — דער מהר״ל, נאָך שפּעטער — דער ווילנער גאון, און אויך אנדערע וואָס זענען אין תוך אריין געווען נאָר שטרעבונגען צו רעפאָר־מירן די מעטאָדן פון דערציאונג, אָבער נישט דעם אינהאַלט, — ווען מיר זאָלן דאָס אויסמיידן, דאַרף מען רעכענען דעם אָנהייב פון קאַמף קעגן דער שול־קולטור ביי יידן פון דער השכלה אָן. אָבער די לעצטע איז ווי א באַוועגונג אַרויסגעוואַקסן נישט פון די פאַרענדערטע לעבנס־פאָרמען פון די יידישע קיבוצים ווי אַזוינע, נאָר פון קליינע קרייזן און גרופּעס, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דעם כלל־לעבן און האָבן זיך שוין צו אים צוריק קיינמאָל נישט אומגעקערט, קיינמאָל זיך נישט אריינגעגאָסן צו־ריק אין יידישן קיבוץ־לעבן. אַט די השכלה, וואָס איז געווען געשיכט־לעך גענומען דער ערשטער דור פון אסימילאַציע, האָט עס ביי יידן צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן דעם קאַמף קעגן דער שול־קולטור אין איר גאַנצן אַרומנעם און געשטעלט איר די אַרויספאָדערונג נישט אין נאָמען פון די פאַרענדערטע לעבנס־באַדינגונגען, נאָר אין נאָמען פון א אידעע. וואָס דאַרף ערשט שטורעמען און צעשטערן די אַלטע לעבנספאָרמען. בכן — דער סטימול צום קאַמף איז געווען דער אידעאַל, די שול און די דער־ציִונג האָבן עס געדאַרפט זיין א מיטל אין קאַמף פאַר דעם אידעאַל. דער דאָזיקער אידעאַל איז אין זיין תוך אריין נישט געווען אָרגאַניש אַרויס־געוואַקסן פון יידישן לעבן. דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער מצב פון די פאָלקס מאַסן איז געבליבן דער זעלביקער. די שיכטן, וואָס זייער מצב האָט זיך יאָ געביטן, האָבן זיך זייער גיך אסימילירט און זיינען אונטערגעגאַנגען ווי יידישע קיבוצים. די באַקעמפער פון דער טראַדיציאָנעלער יידישער דערציאונג, די אינטעליגענץ, האָט נישט אנאַליזירט די לעבנס־באַדינגונגען פון די יידישע מאַסן אין זייער אַנטוויקלונג. נישט אויף דער אַנטוויק־לונג האָט די יידישע אינטעליגענץ געבויט איר פּראָגראַם. זי האָט פאַר זיך געהאַט א מוסטער (אין די שכנישע קולטורן) און מיט אַלע מיטלען געזוכט דעם דאָזיקן מוסטער נאָכצומאַכן.

עס איז זייער גרינג צו קומען מיט פאַרטיקע מוסטערן, ערגעץ גע

זען, ערגעץ געהערט און לאָמיר — זיין ווי דער מוסטער. עס איז גרינג צו קומען מיט א פּארטיקן אידעאַל וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אַנדערע באַדינגונגען און פאָדערן, אז די דערציונג אָדער אן אַנדער קונסט זאָל זיך אונטעראָרדענען אים, זאָל זיך שטעלן אין זיין דינסט. אָבער דאָס קאָן נישט האָבן קיין דערפאָלג: די לעבנס־טראַדיציע פון דעם קונסט־געביט איז שטאַרקער. סיידן אָט דער אידעאַל זאָל דורכדרינגען דורות טרעגער פון דער קונסט, סיידן ער זאָל דורכדרינגען דאָס לעבן און דורך דעם — די קונסט. וואָלטן די משכילים נישט אַוועק פון יידישן קיבוץ־לעבן אין משך פון א פּאָר דורות, וואָלט אויך זייער אידעאַל, זייערע שטרעבונגען זיך איינגעבירגערט און וואָלטן פאַרנומען אָרט און אויך זייער קולטור און דערציונג וואָלטן שוין באַקומען א זעלבשטענדיקן קיום. האָט אָבער דער וועג פון השכלה געפירט אוועק פון יידישן לעבן און איר דערציונגס־אידעאַל איז געווען באַשטימט פאַר די שיכטן, וווּ ער האָט קיין יחיוה נישט געהאַט און נישט געקענט האָבן. זייענדיק ווי אינטעליגענטן אָפּגע־ריסן פון פאָלקס־לעבן און פאָלקס־פּסיכיק, האָט די יידישע אינטעליגענץ פאַרלאָרן דעם אינסטינקט פון קאָלעקטיווער אליינאויפהיטונג, דאָס וואָס די מאַסן האָבן דווקא. פון דאַנען נעמט זיך דער פאַקט, אז איז איר פּראָג־נאָז פון יידישן לעבן, אין אירע שטרעבונגען און אידעאַלן, האָט די יידי־שע אינטעליגענץ כסדר געבלאָנדזשעט. די גאַנצע טעטיקייט פון דער השכלה אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט אין רוסלאַנד איז געווען א כסדרדיקער באַנקראָט. פּ. מאַרעק שרייבט ריכטיק אין זיין „דוואַ וואָס־פּיטאַניא" (צוויי דערציונגען, מאָסקווע 1909), אז דאָס פאָלק האָט גע־שריבן איין געשיכטע און די אינטעליגענץ א צווייטע. די מאַסן האָבן געקרעכצט אונטערן יאָך פון די צאַרישע גזרות און די אינטעליגענץ מיט אירע בעסטע פאָרשטייער (ריב"ל, אדם הכהן און די איבעריקע פון די ווילנער און אָדעסער גרופּעס) האָבן דער זעלביקער צאַרישער רעגירונג פאַר די זעלביקע גזרות געזונגען שבחים און געזען אין זיי „חסדים" אין גליקן. זי האָט ערנסט געגלויבט, אז דער „מלכות־חסד" מיינט נאָר גוטס. די מלוכה האָט געשאַפן שולן, וואָס האָבן לויט דער מיינונג פון איר

שפּעטער (גראַף אוואַראָוו) געדאַרפט פירן צו שמד (זע אַרכיוו מאַטעריאַלן אַרויסגעגעבן אין 1920 אונטער דער רעדאַקציע פון דובנאָוו און ש. גינזבורג). די מאַכע האָט אינסטינקטיוו דערפילט די סכנה. די אינטעליגענץ — נישט. דער דייטשער ייד ד"ר ליליענטאַל האָט דאָס שפּעטער מודה געווען. די אינטעליגענץ אָבער איז געבליבן אין איר פאַרבלענדקייט. און אויב די שפּעטערדיקע פּראָגראַמען האָבן אידעאָלאָגיש אויסגעניכטערט פון די פאַלשע האָפענונגען, איז אָבער אין איר דענקען, אין איר לאָגיק אין איר וועלט באַנעם די אינטעליגענץ געבליבן ווי געווען אַן „אתה מרחוק", אַ געקומענע, אַן אָבערגעזעצטע. מעג זי זיין אידעאָלאָגיש אולטראַ־נאַציאָנאַל ביז שאָוויניזם, מעג זי מיט איר פולן באַוווסטזיין לעבן אויסשליסלעך „פאַרן פאָלק". איז זי דאָך אין איר אונטערבאַוווסטזיין פרעמד דעם זעלביקן פאָלק, איז ווייט און פילט זיך נישט היימיש אין זיין סביבה*. איר שפּראַך, איר געמיט, אירע אידעאַלן — אַלץ נעמט די אינטעליגענץ פון דער קולטור, וואָס אויף איר האָט זי זיך געהאָדעוועט, זי זעצט עס איבער, זי פּאַסט עס צו, אָבער פון אָרגאַנישן, נאַטירלעכן אַנטוויקלען די פאָלקס־קולטור איז זי ווייט. די דאָזיקע אינטעליגענץ קען געהערן צו פאַרשידענע ריכטונגען און פּאַרטייען, אָבער אומעטום בלייבט איר נישט־עכטקייט. אויב מיר זאָלן אַ פאָלק באַנעמען ווי אַ קאָלעקטיוון

---

*) ווי ווייט די יידישע אינטעליגענץ איז נישט היימיש אין יידישן געמיט, קען מען זען אפילו פון אַזאַ קליינעם פאַקט: וויפל צער און פאַרדראָס האָבן נעבעך אונדזערע פיינשמעקערישע אינטעליגענטן פון דער יידישער זשעסטיקולאַציע, פון אינדזער „רעדן מיט די הענט"... „די איטאַליענער זשעסטיקולירן שיין, אָבער מיר מאַכן עס שלעכט, צו יידישלעך"... ביז עס איז געקומען דער גרוזינער וואַכטאַנגאָוו. וואָס איז צום גליק נישט געווען קיין יידישער אינטעליגענט און האָט נישט פאַרמאָגט דעם יידיש־אינטעליגענטישן ווידערגעפיל צו אונדזערע דרכים, און האָט אין „דיבוק" פון „הבימה" געמאַכט די זשעסטיקולאַציע פאַר אַ שעדעווער פון קונסט. קיין יידישער רעזשיסאָר וואָלט עס זיכער נישט געטאָן.

אָרגאַניזם, איז די מאַסע געגליכן צו דעם גרויסן אומבאַוווּסטזיין, וואָס נעמט אַרום אַלע געוווינהייטן, רגילותן, גענג און שטריכן און וואָס בילדעט דעם טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער פון פּערזאָן. די אינטעליגענץ — דאָס איז דער אינטעלעקט פון קאָלעקטיוון אָרגאַניזם, וואָס האָט זיין אויפגאַבע צו פאָרמולירן און פורעמען די קולטור-ווערטן, צו דעפינירן און אויסדריקן אין באַגריפן דאָס געגעבענע אין אומבאַוווּסטזיניקן לעבן פון אָרגאַניזם. איז דאָס געראָטן געוואָרן, ווען דער אינטעלעקט איז אָרגאַניש אויסגעוואַקסן און אַנטוויקלט אויפן באַזיס פון דער אייגענער נאַטור און געוווינהייטן פון דער פּערזאָן. אַנדערש איז אָבער ווען דער אינטעלעקט איז נישט קיין אָרגאַנישער. ווען אַ קולטור האָט די פּערזאָן אָנגעבאַפּט אַ פרעמדע. אַזאַ קולטור איז נישט פּראָדוקטיוו. זי איז נישט אָרגאַניש. נאָך ערגער איז עס ביי אַ קאָלעקטיווער פּערזאָן — ביי אַ פאָלק. אַזאַ אויף פרעמדע קולטורן אויסגעוואַקסענע אינטעליגענץ קען אין בעסטן פאַל זיין אַ „קולטור-טרעגערישע", אָבער נישט קיין קולטור-שעפערישע". אין אַזאַ איז אונדזער אינטעליגענץ כמעט עד-היום, לבתּחילה איז זי אַזאַ געווען אויף אַלע געביטן.

שפּעטער האָט זיך די יידישע ליטעראַטור עמאַנסיפּירט פון פרעמדן אינהאַלט און טיילווייז אויך געזוכט און געפונען אייגענע פאָרמען. מהאי טעמא איז טאַקע די ליטעראַטור ביי אונדז אַוועק ווייט פאָראויס לגבי אַנדערע געביטן פון קולטור. אָבער אונדזער דערציִונג איז נאָך עד-היום געבליבן קולטור-טרעגעריש. און פון דאַנען נעמט זיך, וואָס אויף דעם געביט פון פּעדאַגאָגיק זיינען מיר אפשר גוטע תּלמידים, אָבער קיין אייגן וואָרט האָבן מיר נאָך נישט געזאָגט. דאָס שטייט אונדז נאָך פאָר. און דערגרייכן וועלן מיר עס נאָר דעמאָלט, ווען די טרעגער פון פּעדאַגאָגישן געדאַנק ביי אונדז וועלן נעמען דענקען זעלבסטשטענדיקער, ווען זיי וועלן קומען מיט אַן אייגענעם אַנאַליז פון דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער לעבנס-קולטור ביז איצט און וועלן זיך שאַפן אַ פּראָגנאָז פון איר ווייטערדיקער אָרגאַנישער אַנטוויקלונג.

*

*   *

נאָר דעמאָלט וועט דערציִינג ביי אונדז ווערן אַ ארגאַנישע קונסט, זי וועט די פּילערליי עלעמענטן און די גאַנצע פּילזייטיקייט פון ווירקלעכן לעבן באַארבעטן מיט אייגענע מעטאָדן, שאַפן פון דעם אירע קילטירווערטן. ווען זי וועט פאַרקערפּערן די גרונט־יסודות פון דעם סאָציאַלן לעבן פון די מאַסן. וואָס אין זייער נאָמען רעדט זי מיט אַנדערע ווערטער — די יידישע דערציאונג מוז דורכאויס זיך באַזירן אויף דעם יידישן לעבן.

אונדזער נייע, מאָדערנע דערציונגס־סיסטעם איז זייער יונג. זי וואַקסט אָרגאַניש ארויס פון נייע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן אין יידישן לעבן, אָבער דאָך האָט זי טראַדיציעס עלטערע, די אַלגעמיינע טראַדיציעס פון אונדזער אינטעליגענץ. וואָרעם אין יעדער סאָציאַלער אָדער קולטורעלער דערשיינונג נעמען אַנטייל צווייערליי פאַקטאָרן: ערשטנס קומען אין באַטראַכט די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן וואָס רופן ארויס די דערשיינונג און צווייטנס קומען די שיכטן, גרופּעס מענטשן, וואָס ברענגען די דערשיינונג צום אויסדרוק, וואָס פאַרווירקלעכן די אָביעקטיווע שטרעבונגען אין לעבן. און די לעצטע, די גרופּעס — זיינען סוף־כל־סוף מענטשן, וואָס פאַרמאָגן אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע טראַדיציעס. די דאָזיקע טראַדיציעס שפּיגלען זיך אָפּ אין די נייע אויפטוען, אין די געשעענישן, וואָס זייערע אָביעקטיווע, סאָציאַלע מקורים האָבן לכתחילה גאָרנישט געהאַט קיין שייכות מיט די טראַדיציעס. דעריבער זיינען די געשטאַלטן און די ריכטונג פון די געשיכטלעכע געשעענישן, די פאָרם פון די נייע אידעען. דעריבער איז למשל דער זעלביקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער געדאַנק אין לעבן אַנדערש אין דייטשלאַנד און לאָמיר זאָגן אין פּוילן, צי אין רוסלאַנד וכדומה. די אידעע איז טאַקע די זעלביקע, די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן וואָס רופן ארויס די אידעע זיינען אויך אין אַלגעמיינעם די זעלביקע, אָבער די טרעגער זיינען אַנדערע, זיי שטאַמען

פון פארשידנע קולטורן, פארמאגן אנדערע טראדיציעס, קולטור־גוויינהייטן אין אנדערע פארמען פון האנדלען

די יידישע שול איז, כאציאל גענומען, א דירעקטער אפצווייג פון דער דעמאקראטיזירונג אין אונדזער לעבן, א רעזולטאט פון דעם. וואס אויף דער אויבערפלאך פון געזעלשאפטלעכן לעבן זיינען ארויסגעטראטן די ברייטע המונישע שיכטן פון פאלק מיט זייער קולטור־שטייגער, מיט זייערע וועלטלעכע אינטערעסן. דאס האט געמוזט ברענגען צו נייע דערציאונגס־פאדערונגען און צו נייע דערציאונגס־פארמען. אבער דאס פארווירקלעכן די נייע שול־אידייען איז אויסגעפאלן אויפן גורל פון א ספעציעלן שיכט יידישע אינטעליגענץ, פון דער „לערערשאפט". והא־ראיה, די יידישע שולן ווי א מאסן־פאקט האבן זיך לכתחילה אנטוויקלט צום שטארקסטן אין די ערטער און געגנטן, וווּ עס האבן פריער עקזיסטירט געזעלשאפטלעכע שולן פאר יידן פון אן אנדער כאראקטער, דארטן וווּ עס איז געווען א פראפעסיאנעלע לערערשאפט. די לערערשאפט האט זיך אויסגעהאדעוועט און אויסגעבילדעט אין די פריערדיקע שולן און אט די זייענען דאך א דירעקטע ירושה פון דער השכלה. די השכלה האט זיך ביי היינטיקן טאג מאדיפיצירט, איז צעפאלן אויף פארשיידענע ריכטונגען און שיטות לויט דער בונטקייט פון די סאציאלע ריכטונגען. וואס שפילן א ראלע אין אונדזער היינטיקן לעבן. אבער אין אלע ריכטונגען פון אונדזער אינטעליגענץ שפיגלט זיך אפ די גייסטיקע ירושה פון דער השכלה, פון דעם ספעציפישן צוגאנג צו קולטור און אנדערע פראבלעמען, וואס זענען אזוי כאראקטעריסטיש פאר אינדזער אינטעליגענץ. די עצם געזעלשאפטלעכע שול, יוי אינדזער לערערשאפט איז אויסגעוואקסן צו א פראפעסיאנעלן שיכט, ציט איר יחוס־בריוו נישט פון פאלקסטימלעכן דערציונגס־וועזן, נאר פון זיין אנטיטעזע, פון די השכלה־פרווון. וואס דער קאמף קעגן פאקסטימלעכקייט איז פאר זיי געווען א געבאט. במילא האט עס געהאט א השפעה אויך אויף דער לערערשאפט. האט די לערערשאפט, אדער טיילן פון דער לערערשאפט זיך דורכגעדרונגען מיט נייע אידעען, וואס זיינען געבארן געווארן אין די נייע כאציאלע פארהעל־

טענישן, האָט זי זיך געקערט צו דער פאָלקס־קולטור און איז געוואָרן דער שעפער פון דער נייער דערציונג, — איז זי דאָך ג ע ק ו מ ע ן פון דער פרעמד און האָט די נייע יידישע שול לויט די געבראַכטע מוסטערן געפורעמט אין פרעמדע פאָרמעס. עס איז געווען די ערשטע סטאַדיע, ווען אונזער גאַנצער ברען איז געווען דער לאָזונג — א שול אויף י י ד י ש. עס האָט די לערערשאַפט געדאַרפט יאָרנלאַנג זיך איינלעבן אין דער יידישער שול, עס האָט געדאַרפט אויסוואַקסן א דור יונגע לערערס, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן אויף דער יידישער קולטור, כדי מיר זאָלן קענען צוטרעטן צו דער צווייטער סטאַדיע — צו א יידישער שול נישט נאָר לויט איר שפּראַך, נאָר לויט איר אינעווייניקסטן מהות, אויף די יסודות פון דער אָ ר ג א נ י ש ע ר יידישער קולטור פון היינטיקן טאָג און אזוי ווי קולטור איז דאָך תמיד א צופּאַסונג פון איינגעלעבטע געוווינהייטן און שטייגער צו נייע לעבנס־פאָרמען, איז במילא שוין דער עבר אויך פאַרקערפּערט אין דער „היינטיקער אָרגאַנישער קולטור. דאָס איז נישט די טראַדיציע וואָס די לערערשאַפט האָט געבראַכט מיט זיך, נאָר די וואָס די פאָלקס־מאַסן האָבן מיט זיך געבראַכט, דורכגעטראָגן ביז היינט און וואָס איז איבערגעשמידט און געלייטערט געוואָרן אין מאָדערנעם לעבן.

איז וואָס זשע זיינען אָט די יסודות פון דער אָלט־נייער, געלייטערטער יידישער קולטור? — מיר דוכט זיך, אז אָט די דריי זיינען עס: פאָלקסטימלעכקייט, וועלטלעכקייט און אַלוועלטלעכקייט. אויף אָט די דריי יסודות דאַרף געבויט ווערן אונזער פּעדאַגאָגיק, צו זיי דאַרפן מיר צופּאַסן די אַלגעמיינע געזעצן. דעמאָלט וועט אונזער פּעדאַגאָגישער געדאַנק אַסימילירן אָרגאַניש אַלץ דאָס גענומענע פון דער פרעמד און וועט קענען אויסוואַקסן צו א מעכטיקן קולטור־פאַקטאָר אין אונדזער יידישן לעבן, און גאַנץ מעגלעך, נישט נאָר אין אונדזערן. ערשט אויף די יסודות קענען זיך איינפעסטיקן אנדערע — פון פאַרשיידענע גריפעס, זאָלן עס זיין אידעאַלן פון פאַרשיידענע ריכטונגען, שיטות, קלאַסן

אדער שיכטן. און די דריי יסודית קען קיין יידישע פעדאגאגיק נישט געמאלט זיין, קענען אויך קיין ספעציעלע שטרעבונגען אין דערציונג קיין קיום נישט האבן.

II

פאלקסטימלעכקייט אין דערציאונגס־פראצעס.

מיר קוקן אויף דערציאונג ווי אויף א קונסט, ווי אויף א וויכטיקן קולטור־עלעמענט און מיר ווילן די ראלע פון פאלקסטימלעכקייט אין פעדאגאגיק פארגלייכן צו איר ראלע אויף אנדערע געביטן פון קונסט און קולטור. פאלקסטימלעכקייט איז בעצם דער מקור פון יעדער קולטור און דער שטענדיקער רעזערוואר פאר איר ווייטערדיקער אנטוויקלונג. קיין איין קולטור האט זיך נישט אנטוויקלט נישט פון פאלקסטימלעכקייט ארויס, קיין איין געביט פון קונסט איז נישט געבארן געווארן נישטאמאל פולקום אויסגעבילדעט, תמיד מוז זי אויסוואקסן בהדרגה און פאמעלעך. תמיד מוז זי שעפן איר רויען שטאף פון אט דעם מקור פון פאלקסטימלעכקייט. ספּעציעל ביי אונדז יידן זיינען געווען זייער פיל פרווון, הפרט די לעצטע הונדערט יאר, צו פארשפרייטן פארטיקע, שוין אויסגעוואקסענע קולטור־עלעמענטן, און קיינמאל האבן זיי זיך נישט איינגעגעבן. די ארומיקע קולטורן זיינען אין פארגלייך מיט אונדזערע אזוי „רייך". פארוואס זאלן מיר זיך מאטערן מיט אונדזער ארעמקייט און אפגעשטאנענקייט? פארוואס זאלן מיר נישט איבערפלאנצן רייכערע קולטור־עלעמענטן? „פארשפרייטן קולטור" האט עס געהייסן. אבער עס האט זיך קיינמאל נישט איינגעגעבן. קיינמאל האט זיך די איבערגעפלאנצטע קולטור נישט אסימילירט. נישט איינגעלעבט ארגאניש. כמעט תמיד האט זיך עס געענדקט ווי אין יענער בעלעמער מעשה מיטן שליה, וואס גייט קויפן חכמה..

אייב אויפן געביט פון יידישער ליטעראטור זיינען מיר לפי־ערך

אוועק פאראייס: מיר פארמאגן א גאנץ פיין פארשפרייטע ליטעראטור, ליטערארישע פראבלעמען האבן א ברייטן אפקלאנג אין דער יידישער באפעלקערונג; אויב אונדזער ליטעראטור איז מער ווייניקער אינערקענט אינטערנאציאנאל, — אויב אויף דעם געביט האבן מיר דערגרייכט אזא מדרגה, וואס אויף קיין שום אנדער קולטור־ און קונסט־געביט האבן מיר עס נאך דערווייל נישט דערגרייכט, — איז עס דווקא דערפאר, וואס אמאל האבן דער „זיידע" מענדעלע און דערנאך דאס „אייניקל" שלום־עליכם גענומען זיך צו פארמירן דאס פאלקסטימלעכע — הן אין מאטעריאל, הן אין סטיל. עס איז געווען דער גליקלעכער ווענד־פונקט, ווען אונדזערע קלאסיקער זיינען אריבער פון דער דידאקטישער „קולטור־פ א ר ש פ ר יי ט ע ר י ש ע ר" ליטעראטור צו א פאלקסטימלעכער. „קולטור־שפרייטערישער" קיין שום איבערזעצונגען פון שעקספיר, געטע וואלטן נישט אזוי פיל אויפגעטאן פאר דער אנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראטור ווי „מסעות בנימין השלישי" און „קאסרילעווקע". נאך מער אבראמאוויטש און ראבינאוויטש וואלטן קיינמאל נישט געווארן קיין מענדעלע און קיין שלום־עליכם... זיי וואלטן פארבליבן גאנץ מיטלמעסיקע שרייבער אן א גרעסערן ווערט. והא־ראיה — „האבות והבנים". יעדער קינד איז אויף די פלייצעס פון מאמען גרעסער, העכער. יעדער בוים אין זיין היים איז גרעסער, שטארקער און פרוכטבארער. און עס איז ביז היינט אזוי — ווערק וואס האבן אין זיך נישט קיין פאלקסטימלעכע, נאציאנאלע עלעמענטן, בלייבן גאנץ ספקדיק אין זייער קינסטלערישן מהות. איבערזעצונגען האבן אמאל א קאלאסאלע באדייטונג, אבער דאס זיינען גליקלעכע אויסנאמען, וואס באשטעטיקן דעם כלל (לויטערם תנ"ך). גאגאל, דאסטאיעווסקי, טאלסטאי וואלטן קיינמאל נישט געווען דאס וואס זיי זיינען ווען זיי וואלטן נישט באארבעט קיין נאציאנאלן מאטעריאל. און אזוי אויף אלע געביטן פון קונסט — מוזיק, קלאסטיק אאז"וו.

פעדאגאגיק איז א קונסט. דא דארף דער קינסטלער — דער דערציער — ארויסציען פון זיין אינסטרומענט —דעם קינד — הארמאני־

שע קלאנגען. דא דארף דער קאמפאזיטאר — דער פעדאגאג — די נייטיקע וועגן אנצייכענען פאראויס. די פעדאגאגישע קונסט איז די פאראנטוואָרטלעכסטע, ווייל די עצם „פידל” שאפט זיך בהדרגה דורך דער „מוזיק” — דאס קינד געשטאלטיקט זיך אויס דורך זיינע האנדלונגען. פרעבעל זאגט: דערציען הייסט העלפן דעם קינד פארקערפערן זיין איך אין דרויסן. דיוי האלט דעם עקספרעסיע־אינסטינקט פאר איינעם פון די וויכטיקסטע, און אויף אים קען זיך באזירן די דערציונג.

דער פעדאגאג דארף בכן אליין זיין אינסטרומענט, וואס ער שפילט אויף אים, אויסגעשטאלטיקן און פארפולקומען.

פעדאגאגיק איז די שווערסטע קונסט, ווייל: קלאר זיינען די פיזישע געזעצן פון פידל. עס זיינען אבער לגמרי נאך נישט קלאר די געזעצן פון לעבן פון יעדער קינד. איינס איז אבער קלאר, אז: דאס קינד ברענגט מיט זיך אין שול א גרויסן אוצר פון ביאלאגישער און סאציאלער ירושה, אז זיין „איך”, וואס דארף זיך לויט פרעבלען אנטפלעקן אין דערציונג, באשטייט פון אט דער ירושה וואס ער האט געבראכט אין שול און וואס הערט נישט אויף צו וואקסן אין קינד אדאנק דער אומאויפהערלעכער השפעה פון דער דירעקטער סביבה, וואס אין איר לעבט דאס קינד.

איז אבער מיט דער פעדאגאגישער קונסט געשען א געשיכטלעך אומגליק, וואס זי קען זיך עד־היום נישט באפרייען פון דעם: פון אייביק אן איז פעדאגאגיק געווארן משועבד צו דער דידאקטיק.

עס איז געווען אין די צייטן פון פרימיטיוון לעבנס־שטייגער, ווען דאס קינד האט געקענט אין זיין קינדהייט שוין באווירקט ווערן פון אלע זייטן פון לעבן אין איז פון דעם געשטאלטיקט געווארן. אזוי איז געווען אין דער שטאנדן־געזעלשאפט. דעמאלט האט די שול געדארפט זיך שטעלן נאר דידאקטישע צוועקן, פעדאגאגיש ווירקן האט דאס לעבן פון דער סביבה געקאנט אליין אן דער שול און אויסער דער שול. דערווייל איז די דידאקטיק אבער געווארן א מושל בכיפה אין שול און עד־היום. באטש אלע זייטן פון לעבן זיינען היינט אומגעהייער פארקאמפליצירט

און נישט קיין שבח, נישט קיין שטאַנד נאָרמירן נישט פאָראויס דעם גורל פון יעדן מענטשן. און די גרענעצן פון קלאַס לאָזן דאָך נישט אין ערך פרייער דעם אינדיווידו זיך באַוועגן אויפן געזעלשאַפטלעכן לייטער אַרויף און אַראָפּ. יעדער אינדיווידו האָט זיין געזעלשאַפטלעכע פרייהייט. אָבער אויך זיין הויב צו זיין אַליין פּעיק זיך צו שאַפן זיין וועג. קיינער איז מער נישט קיין יחיד אין מאַסע, קיין זעמדעלע אין קופּע, נאָר אַז איינס אין אַ ריזיקן קאָלעקטיוו, אַ שרייפל אין אַ געוואַלדיקער מאַשין. און דאָ, און הײנט אַז דער דידאַקטישער טייל פון פּעדאַגאָגישן פּראָצעס בפירוש מינדערוועדטיק. דאָס געשטאַלטיקן די פּערזענלעכקייט איז וויכטיקער איידער דאָס באַלערנען זי. טראַדיציע איז אָבער שטאַרק ווי יעדער אינערציע.

אמת, דער מאָמענט פון דער דידאַקטישער אינערציע אין שול איז נישט נאָר אַ יידישע דערשיינונג, נאָר ביי אונדז איז זי שטאַרקער. ערשטנס מחמת דעם עצם־עקספּערימענט־כאַראַקטער פון אונדזער שול, און צווייטנס מחמת אַן אַלגעמיינעם ספּעציפישן שטריך פון אונדזער אינטעליגענץ, צו וואָסער ריכטונג זי זאָל נישט געהערן. דער שטריך באַשטייט אין דער צו שטאַרקער נייגונג בכלל איבערצוזעצן וועלט־אַנשויאונגען, נאָכצומאַכן, צוצופּאַסן און נישט שאַפן זעלבשטענדיק. אויף ק. אושינסקין האָט די רוסישע גאַנץ רעוואָלוציאָנערע פּעדאַגאָגיק געפונען אַ שבח, אַז ער האָט אונטער די אַלגמעיינע פּעדאַגאָגישע געזעצן אַרונטערגעפירט אַ נאַציאָנאַל רוסישן באָדן. ביי אונדז וואָלט מען זיך דערפאַר דערשראָקן. מען וואָלט זיך אַרומגעקוקט, צי שמעקט עס חס־ושלום נישט מיט „נאַציאָנאַליזם". פון דאַנען די קנאַפּקייט פון פאָלקסטימלעכקייט אין אונדזער דערציונג.

איך האָב אַמאָל יאָרן־לאַנג זיך געמאַטערט איבער אַזאַ פראַגע: פאַרוואָס האָבן מיר קינדווייז אַזוי שטאַרק איבערגעלעבט דעם רבנ'ס מעשהלעך פון שבת נאָכן שלאָף ריכטיקער, נישט שטאַרק, נאָר אַזוי דויערנדיק לאַנג. מיר האָבן פּשוט געלעבט מיט זיי, מיט די מעשהלעך, און

איך לייען אויך פאר די קינדער, איך דערציייל זיי אויך. אבער — די ווירקונג בעתן לייענען איז אמת א שטארקערע, אבער נאכן לייענען, אויף מארגן, איבערמארגן געפין איך נישט קיין שפורן פון אט דער ווירקונג. עס לאזט נישט קיין קענטיקע דערציערישע השפעה. און דער מאטעריאל, וואס איך פלעג צוקלייבן, איז נישט געווען ווייניקער קינסטלעריש איידער מיין רבינס, און אין עצם פארלייענען אדער דערציילן וואלט איך זיך געקאנט פארמעסטן מיטן רבין. איז וואס איז דא? — איז עס פאר מיר געווען א פראבלעם, ביז איך האב איינמאל צופעליק געבראכט פאלקסטימלעכן מאטעריאל. די שפאנונג אויף דער לעקציע גופא איז גארנישט אזא שטארקע, אבער לאנג, לאנג האט דער איינדרוק געלעבט ביי די קינדער. דער סוד האט זיך פאר מיר אנטפלעקט. און איך בין זיך מודה — דא האב איך געפונען דעם באזיס פאר מיין פעדאגאגישן יידישיזם. שפעטער איז געקומען א פראבלעם פון שול־יום־טובים. דער חדר האט קיין פארווײַלונגען זיינע קינדער נישט געמאכט און דאך האבן די קינדער דאס גאנצע יאר געלעבט מיט די ימים־טובים. אזוינע דויערנדיקע איבערלעבונגען און אזוינע טיפע, ווי די וואס שלום־עליכם גיט אונדז אין זיינע קינדער־מעשיות און וואס זיינען פארבונדן מיט די קינדערשע ימים־טובים, אזוינע וואלט אפילו אזא טאלאנט ווי שלום־עליכם נישט געקאנט אונדז געבן אין צוזאמעןהאנג מיט אונדזערע שול ימים־טובים. און פארוואס? — מיר פארלירן דאך אויף די ימים טובים אזוי פיל ענערגיע, מיר באמיען זיך דאך (און דערגרייכן באמת) אריינצוטראגן אין די ימים־טובים אזוי פיל קונסט, קאלירן און קלאנגען; און וואס נישט? און אין רעזולטאט: א שטארקער נערוון־רייץ בשעת דעם יום־טוב גופא, מיר און די קינדער שעפן זיך אוים, און די שפורן, די דויערנדיקע איבערלעבונגען — זיי לאזן זיך לגמרי ניט מערקן. אויסער אפשר אן איינמידונג. דער בעסטער סימן — עס גלוסט זיך ניט איבערצוחזרן, איבערצילעבן א צווייט מאל דאס זעלבע. און דא ווידער אמאל אין ווילנער סעמינאר האט מען אין יאר 1925 געפרווט שטעלן אן אלטע פורים־שפיל. מען האט געשפילט אן א ספעציעלן רעזשיסאר, מען האט ניט געזוכט קיין באריםטע אקטיארן זיי זאלן

די זאך שטעלן, פארקערט, וואס איינפאכער. און ממש אויסערגעוויינטלעכע רעזולטאטן. איך רייד ניט פון דעם, וואס די פורים־שפילן האבן באקומען אזא גרויסע פארשפרייטונג אין אונדזערע שולן און ווייט איבער די גרעניצן פון אונדזער שול־וועזן, וואס עס איז אין א סך שולן געווארן א טראדיציע במעט. וויכטיקער איז דאס, וואס די קינדער האבן עלעמענטן פון פורים־שפיל אריינגענומען אין זייער אייגענער שאפונג־טעטיקייט. גאנצע יארן שפילן קינדער אין דעם. זיין קאמבינירן, פלעכטן אריין גאנצע שטיקער טעקסטן און מעלאדיעס אין זייערע שפילן און פארוויילונגען, עלטערן מאכן פאראדיעס אאז״וו מיט איין ווארט, די פורים־שפיל האט געגעבן די קינדער ביי־שטאף פאר זייערע אקטיווקייט און אינגאנצן אן רער השפעה פון לערער. אפט ווערט עס שוין די לערער דערעסן. די קינדער אבער נים. איך דערמאן זיך ניט קיין שום אנדער זאך פון די אלערליי קינדער־פארוויילונגען, מעגן זיי זיין ווי קינדלטלעך ריש, ווי שיין, וואס זאל האבן אזא דערפאלג. אין וואס ליגט דאס? וווּ איז דא דער סוד? פאר מיר איז קלאר, אז ווירקן ווירקט דא דער פאלקסטימלעכער מאטעריאל. ער איז אין די קינדער נענטער, באקאנטער, אפט צעשוומען, אומקלאר אבער באקאנט און דעריבער לאזט ער זיך גרינגער אויפנעמען, דעריבער איז ער פלאסטישער פאר זייער שאפונג. דעריבער נעמען זיי אים אויף גאנצער.

מיר אלע, דערוואקסענע אינטעליגענטן, פילן זיך אויך א סך היימישער אין נאציאנאלער קונסט, דא פילן מיר ניואנסן, דא זיינען מיר תופס סימבאלן, מיר כאפן אויף גאנצע לויט טיילן פון דעם נאענט, געוויינטן. פון דער סביבה האבן מיר אומבאוווסטזיניק אנגעזאמלט אוצרות אסאציאציעס און קאמפלעקסן, פשוט אויפגענומען דורך די חושים, זיי ליגן זיך אפ אין מאורך אומבאוווסט, זיי זיינען אין אונדז דיפינדירט, מיר האבן פאר זיי קיין נאמען נים. אבער זיי זיינען פאראן אין בלייבן נאענט און שטעלן פאר אונדזער אייגנטימלעך אייגנס, דעם באזים פון אונדזער גייסטיקן איך. אט דאס דיפוזע ווייסטיקע אייגנס גיט א ברייט פעלד פאר אינטואיציע, וואס שפילט אזא גרויסע ראלע אין קולטור און איז דערציאונג בפרט. איבערהויפט איז עס קענטיק ביי קינדער. וואס דאס באוווסטזיניקע אויפנעמען מיט: שכל איז

ביי זיי נאך ניט אנטוויקלט און איז כמעט אוממעגלעך לגמרי. אויף דער ווילנער קאנפערענץ פון די געוועזענע סעמינאריסטן, וואס איז פארגעקומען אין דעצעמבער 1928, האט א יונגע חברטע אנגעוויזן א גאנצע ריי אזוינע ביישפילן און טאקע פון שיל־לעבן.

מיט איין ווארט, ווילן מיר, אז אונזער לערנען זאל ניט נאר אריינלערנען, נאר עס זאל טאקע איינבילדן, געשטאלטיקן דעם אינטעלעקט און ניט נאר דעם אינטעלעקט דעמאלט מוזן מיר פארשטארקן דעם עלעמענט פון פאלקסטימלעכקייט אין אונדזער שול. די עצם פאדערונג פון א שול אויף דער מוטער־שפראך פארלירט איר ווערט, ווען אונטער אט דער פארמיל פון מוטער־שפראך ווערט ניט פארשטאנען דער פאלקסטימלעך־נאציאנאלער מהות. אין דער אמתן, שפראך איז ניט קיין פעטיש און ניט קיין סתם קלאנגען. איבערגעזעצטע פרעמדע געדאנקען באקומען א קנאפן תיקון. אפילו ווען זיי זענען אויסגעדריקט אין יידישע קלאנגען. אפילו דער פאפולערער מאטיוו, אז דער זעלביקער מאטעריאל איז אין מוטערשפראך פארשטענדלעכער. צוטריטלעכער, איז א גוזמא. די צוטריטלעכקייט ליגט לגמרי ניט בלויז אין דער באקאנטשאפט פון די קלאנגען. איך וועל ניט זיין ווייט פון אמת, אויב איך וועל זאגן, אז איידער צו דערציען אייה סתם איבערזעצונגען פון פרעמדע קולטור־ווערטן אויף יידיש, איז אפט בעסער צו געבן די זעלביקע קולטור־ווערטן אין זייער אריגינאל, ווייל דעמאלט זיינען זיי גאנצער, ארגאנישער, און אין יידיש באקומען זיי זיך מרוסקי אברים, אן א נשמה. איך דערמאן זיך אזא לידל, וואס איך האב אמאל געהערט אין א יידישער שול און וואס איז אין יידיש געגליכן צו א קעמל אין גרענלאנד, אדער צום סקיפארט אין סאהארא.

אט דאס איז דאס לידל:

האפ, מיינע המנטאשן,
האפ, מיינע ווייסע,
עס האט מיט מיינע המנטאשן

גראַד פּאסירט א מעשה...*)

אין אָריגינאַל איז עס אינגאַנצן, מיט די ווערטער און אין מאָטיוו אַן אָרגאַנישער טייל פון א לעבנס־שטייגער, פון א קולטור, פון דורותדיקע מנהגים און כאַראַקטער־שטריכן. אין אָריגינאַל איז עס ניט קיין פּאַראַייִנצל־טער מאָטיוו, נאָר איין ניואַנס. וואָס הורט זיך אָפּט איבער. אין יידיש אָבער איז עס עקזאָטיש. עס קאָן אפילו די הינדער געפעלן. אָבער עס האָט ניט קיין אַסאָציאַציעס, עס האָט ניט קיין מעגלעכקייטן אָנצוקניפּן זיך און אָר־גאַניש זיך צו פאַרבינדן מיט דעם איבעריקן דערציאונגס־מאַטעריאַל און דעם דיפוזן אינטואיציע אייגנס פון קינד. בלייבט עס א גאַנץ שרייאיקער און הילביקער מאָטיוו, וואָס קען דירך די קינדער איין מאָל אויפגענומען ווערן, אפילו זיי געפעלן, אָבער עס קען ניט איינגעפאַסט ווערן אין א הינ־טעם און במילא קאָן עס קיין דויערנדיקע השפּעה ניט האָבן. קען עס ניט ארויסרופן קיין אייגענע רעפלעקסיעס ביי די קינדער, איז דער דערציאונגס־ווערט פון דער זאַך א מינימאַלער און אָפּט א נול, א דערציאונגס־סיסטעם זאָל זיין אין מוטערשפּראַך, וואָס באַשטייט אָבער פון א סך אַזוינע „אוי־קראַינישע המנטאַשן", איז געגליכן צו א מאָלבערט פאַרפאַרבט מיט אלער־ליי קאָלירן, אָבער קיין בילד איז עס ניט, קיין קונסט געווים ניט. עס ווירקט ניט אויף אונדז, און אויף די קינדער געווים ניט.

אזא ליד קען אויסגעצייכנט אויסגענוצט ווערן ביים לימוד פון געאָ־גראַפיע, ווען דער לערער זאָל וועלן כאַראַקטעריזירן דעם געמיט פון אוקראַי־נער. אַנשטאָט די טרוקענע דעפיניציעס און אַבסטראַקטע כאַראַקטעריסטי־קעס פון די לערנביכער וואָלט זיכער געווען בעסער צו געבן א באַשרייי־בונג פון א זומערדיקן אָוונט אין אן אוקראַינישן דאָרף און זינגען אַזא ליד (אָבער קלאָר ניט קיין „המנטאַשן". וואָס פּאַסן זיך בכלל אַהער, ווי א פּאָר חסידישע פּאות פאַר טאַראַס שעווטשענקאָ). אַזא און ענלעכער מאַ־

*) פאַראַן אויך אין דעם געזאַנגען־ביכל ארויסגעגעבן פון נאַציאָנאַלן אָרבעטער־פאַרבאַנד.

טעריאל קאן זייער גוט פאסן פאר א „פעלקער־יום־טוב" ווי עס פירט זיך אין ניו־יארקער „בוּיבעריק". אבער דעמאלט איז דאס א מאטעריאל, וואס ווירקט מיט זיינע קאנטראסטן, אבער ניט מיט זיין איינהייטלעכקייט און גאנצקייט אין גייסט פון דער גאנצער שול־ארבעט.

מיט איין ווארט — פאלקסטימלעכקייט איז דער באזיס פון א גאנצער קולטורעלער דערציאונג און אין אונדזערע שולן מוז דער מאמענט פארשטארקט ווערן, מהמת איבער פארשיידענע געזעלשאפטלעכע סיבות איז ער ניט גענוג פעסט אין באוווסטזיין פון אונדזער לערערשאפט און דרינגט אויך ניט גענוג דורך זייער אומבאוווסטזיניקן גייסטיקן מהות.

*

*　　　*

מיטן באגריף פאלקסטימלעכקייט מיינען מיר עטלעכע עלעמענטן. ראשית איז די פאלקסטימלעכקייט בנוגע דעם מאטעריאל. אנהויבן פון מעשהלעך, לידלעך, ניגונים צו געשאפענע לידער, שפילן און פארווײלונגס־עלעמענטן אין די יינגערע קלאסן ביז דעם לימוד פון ליטעראטור ביזן אלע קולטור־עלעמענטן, וואס דער לעצטער פירט אריין מיט זיך, מוז אלץ גענומען ווערן איבערהויפט פון די קוואלן, וואס פליסן ארויס פון קולטור־שטייגער פון דער סביבה. דאס פרעמדע, דאס נישט פאלקסטימלעכע דארף אריינגעפירט ווערן אפגעהיט און בהדרגה, פארבונדן מיט און געשטיצט פון דעם אייגענעם, נאענטן. דאס פאלקסטימלעכע מוז תמיד זיין דער באזיס. אויף דעם נאענטן פארשטענדלעכן אינהאלט לערנען זיך די קינדער באנעמען פארמען. איינגעלעבט זיך מיט פארמען, קענען זיי שוין לויט די פארמען פארדייען אויך א פרעמדן אינהאלט. נעמען מיר אבער דעם דערציערישן מאטעריאל פון אונדזער שול, די זאמלונגען פון מעשיות, לידער, כרעסטאמאטיעס, זעען מיר, אז דער פאלקסטימלעכער מאטעריאל איז דא לגמרי נישט גענוג פארגעשטעלט. דאס איז און אויפ־

גאבע וואס שטייט ערשט פאר אונדז. מיר דארפן זאמלען, באארבעטן, צופאסן פאר די באדערפענישן פון אונדזער שול.

איך וועל דא נישט זאגן, אז אלץ, וואס איז פאלקסטימלעך, טויג שוין במילא פאר דער שול, און אזוי ווי דאס גייט ארום אין באנוץ פון פאלק, רויערהייט, אזוי צו זאגן, לגמרי נישט. מיר האבן אנומלט געמאכט א פרווו: מיר האבן איבערגעשריבן א קאלעקציע קינדערשע מעשהלעך פון „יידיש ווויסנש. אינסטיטוט". האט זיך ארויסגעוויזן, אז נישט תמיד האט דער זאמלער איבערגעגעבן ווי געהעריק דעם קאלאריט פון דעם פאלקס-עפאס, אז אפילו פון די, וו דער כאראקטער איז יא אפגעהיט, טויג אויך ווייט נישט אלץ, אזוי ווי עס שטייט און גייט. דער גרעסטער טייל פון דעם מאטעריאל געניטיקט זיך איצט אין א קינסטלערישער באַארבעטונג. דא וואלט געווען א ברייט און דאנקבאר פעלד פאר אונדזערע פאעטן, קינסטלער, מוזיקער, וואס ווילן באמת מיטהעלפן דער אנטוויקלונג פון אונדזער דערציִונגס-וועזן. אבער שוין ביי היינטיקן טאג קאן דער קריטעריום פון פאלקסטימלעכקייט דינען דעם לערער ביים אפקליב פון פאַסיקן מאטעריאל.

אבער דאס אלץ איז נאר איין טייל פון דעם דערציונגס מאטעריאל אין שול. ביי אונדז איז לגמרי נישט באארבעט און נישט צוגעפאסט צום באדארף פון פאלקסשול דער מאטעריאל צום לימוד פון צייכענען און האנטארבעט. עס איז בפירוש געווען א מעלה אויף דער אויסשטעלונג פון ווילנער בילדונגס-קוראטאריום, וואס די ארויסגעשטעלטע קינדערישע האנט-ארבעטן האבן געגעבן אזא פול בילד פון דער קולטור פון דער סביבה. און פארשטייט זיך, אז דא איז נישט וויכטיק דאס בילד, וואס דורך אזא צוגאנג צו ארבעט האבן די שולן פארווירקלעכט אין א גרויסער מאס דעם פרינציפ פון לאקאליזאציע פון שול-ארבעט, פון דערציען אויף לאקאלן, היימישן מאטעריאל. און היימיש מיינט נישט דוקא געאגראפישע נאענטקייט. ניין, א סך וויכטיקער איז פסיכאלאגישע נאענטקייט.

דאס אלץ איז שייך דער פראגע וועגן פאלקסטימלעכקייט פון מאַטעריאל. אבער די אויפגאבע איז ברייטער. עס נעמט ארום אויך דעם

לעבן־שטייגער אין שול. די שול ווי א סביבה, ווי א קאלעקטיוו, ווו דאס קינד לעבט דורך דעם אקטיווסטן טייל פון זיין טאג, פון זיין קינדהייט, האט א גרעסערע השפעה אויפן קינד איידער אפשר דאס לערנען פאר זיך. און אט דאס שול־לעבן דארף פארשטעלן א באשטימטן און בעסטן שטייגער און אט דער שול־שטייגער דארף זיך באזירן אויף דעם פאלקס־טימלעכן שטייגער. די אומגאנגס־שפראך אין שול (אונדזערע „פויזעס", מיט די „טאפלען", מיט די „שטונדעס" אאז"וו און ווייטער!), די פארמעס און נארמען, אלץ דארף זיין נאענט, היימיש. הכלל — די שול איז דער קולטורעלסטער ווינקל פון דעם קינדס היים אין ברייטערן זינען געגומען.

און צולעצט קומען מיר צום שווערסטן מאמענט פון אונדזער פראבלעם. די פראגע איז אזא: די פעדאגאגיק. אפילו די נייסטע, באזירט זיך אויף טראדיציע, אויף דערפארונג פון לאנגע, לאנגע דורות. דער עצם פעדאגאגישער געדאנק, אויב נאר ער איז אן אריגינעלער, נישט סתם קיין איבערגעזעצטער, — איז תמיד באפארבט נאציאנאל, און אט־דער קאליר איז אפהענגיק נישט פון דעם נאציאנאלן קרעדא, פון דעם שטרעבן צו נאציאנאלער אפשיידונג ביי דעם אדער יענעם פעדאגאג, לגמרי ניין — עס איז אפהענגיק פון דער קולטור פון דער סביבה, פון דער גאנצער נאציאנאלער ירושה. די שטרעבונגען צו אן ארבעטס־שול האבן אנגענומען אנדערע פארמען אין אמעריקע, אין דייטשלאנד, אין רוסלאנד, לאמיר זאגן. און אנדערש קען עס נישט זיין אויף קיין געביט פון שאפן. און אזוי ווי פעדאגאגיק איז אויך אזא געביט, מוז זי אין איר עצם געדאנק זיין נאציאנאל, פאלקסטימלעך. איז ווי איז עס מיט אונדזער יידישן פעדאגאגישן געדאנק? די פעדאגאגישע טעטיקייט איז ביי אונדז א סך עלטער, איידער ביי וואסער עס איז אנדער אייראפעאישן פאלק. אלגעמיינע עלעמענטאר־בילדונג איז ביי אונדז לכל־הפחות פאר דעם מאנסבילשן טייל פון באפעלקערונג איינגעפירט פון קדמונים אן. איז נישט שווין־זשע פון אט דער גאנצער דערפארונג אלץ אזוי פארקריפלט, פאלש, שלעכט, אז עס לאזט זיך קיין יאך פון דעם אלעם נישט לערנען? צי קענען מיר באמת לגמרי נישט געפינען אין דער געשיכטע פון דערציונגס־וועזן ביי יידן קיין איין

מאמענט, וואס זאל זיין ביכולת אונדזער היינטיקן פעדאגאגישן פראצעס מאכן כאטש אין א געוויסער מאס פאלקסטימלעכער?

קיין יש מאין שאפט נישט אפילו די שטארקסטע רעוואלוציע. צע־ברעכנדיק נוצט זי דאך אוים די אלטע ציגל, זאל זיין נישט אלע, אבער על־כל־פנים א טייל פון זיי. און נישט שוין־זשע דארף אונדזער שול אין איר פעדאגאגיק זיין אינגאנצן נאר אן איבערגעזעצטע?

עס איז פארשטענדלעך, אז די יידישע שול, וואס איז בשעתו אויפ־געקומען ווי אן אנטיטעזיס צום חדר, האט מיט אלע כוחות זיך באמיט צו שטעלן זיך דיאמעטראל ווייט פון יענעם, אבער יענע תקופה איז אריבער. די אייראפעאישע שול שטייט אויפן שיידוועג, מען זוכט. און צי איז טאקע באמת נישט מעגלעך לכל הפחות צו סינטעזירן עפעס פון דער טראדיציאנעלער יידישער פעדאגאגיק מיט דער היינטיקער, מאדערנער?

איך וויל, מען זאל פארשטיין אז דא גייט נישט אין גלאריפיצירן דעם חדר, ווי דאס האבן אמאל געפרווט טאן ביאליק און אנדערע אין „מפיצי־השכלה". בכלל ווייס מען ביי אונדז פון צוויי מעטאדן בלויז: „ליגן אין ד׳רערד, אריין", ווי דאס האט געטאן אונדזער השכלה, אדער „אויפהייבן ביזן הימל", ווי דאס האבן געוואלט יענע פארשפעטיק־טע ריטער פון אלטערטום. אונדז גייט נישט אום דעם און נישט אום פאר־סערטן. מיר ווילן אביעקטיוו געפינען די קערנדלעך, וואס וואלטן זיך גע־לאזט מיט דערפאלג איינפלאנצן אין אונדזער מאדערנער פעדאגאגיק.

און באמת, שטעלט אייך פאר, אז עמעצער רעפערירט אונדז וועגן ערגעץ א מאדערנער שול, ווו עס זיינען נישטא קיין קלאסן, וואס די תלמידים זיינען צוגעשמידט צו זיי אויף א גאנצן יאר (איינגעפירט אין אייראפע דורך שטורם אין 15־טן י"ה), נאר קליינע גרופעס מיט א פרייען און גרינגערן אינדיווידועלן איבערגאנג פאר יעדן תלמיד צו יעדער צייט. צי וואלטן מיר אזא סיסטעם געהאלטן פאר אן אפגעשטאנענקייט? ווייטער — די קינדער פארברענגען אין שול דעם פארמיטאג און דעם נאכמי־טאג. דערביי אבער איז די ארבעט פאר די איינצלנע גרופעס צעשאפן צווישן בהדרגהדיקע גרעסערע פרייע הפסקות. אונדזערע אלגעמיינע פאר

דער גאנצער שול קורצע הפסקות ווערן אנגעפילט מיט טומל און געפיל־דער, וואס רייסט און רייצט די נערוון. אנטוויקלען א לענגערע שפיל. א פרייע, קאלעקטיווע ארבעט פון א קליינער גרופע אומגעשטערט פון אנ־דערע גרופעס — דאס לאזט נישט די קורצקייט פון דער הפסקה.

אבער אין יענער ערגעץ־שול האט יעדער גרופע אירע הפסקות באַ־זונדער פאר זיך און זיי זענען געגוג דויערנדיקע, מען זאל זיי אויסנוצן אויף אָרגאניזירטע שפילן אדער אנדערע קינדערשע אונטערנעמונגען. די שול־ארבעט „קלאפט" נישט אזוי פאבריקמעסיק זעקס שעה בסדר ביז א פיזישער און גייסטיקער אויסשעפונג פון די קינדער. דאס וואס די קינדער פארברענגען אויך דעם נאכמיטאג אין שול באפרייט די פאלקס־קינדער פון דעם אומגעלומפערטן שטוביקן גרייטן לעקציעס אפט ביי אוממעגלעכע באדינגונגען, דאס באפרייט די קינדער פון שעדלעכע סביבות. אין שול האבן די קינדער גענוג פרייע צייט צו אנטוויקלען קאלעקטיווע זעלבסטשטענדיקייט.

די פארוויילונגען אין שול זיינען צוגעפאסט און אריינגעפאסט אין דעם לערנען — דאס זיינען אדער סיומים אדער התחלות אדער זיינען לויט די צייטן פון יאר צוגעפאסט צו באשטימטע טעג און האבן אלע זייער באשטימטן סדר, ווו אלע קינדער נעמען אן אנטייל אן דעם מאמענט פון אויסטיילן באזונדערס איינצלנע קינדער. ווייטער, איינע פון די גרונט־פאדערונגען, וואס דיזי שטעלט ארויס פאר דער שול, איז איר ענגער צו־זאמענבונד מיטן לעבן, און שטעלט זיך פאר, אז אט די דאזיקע שול דערגרייכט עס פולשטענדיק. דער לערער איז אויסגעמישט מיט דער גאנ־צער עלטערן־סביבה. די שול גופא איז קולט אין זיך אלע די דאזיקע אינטערעסן — די שול, די היים, דאס געזעלשאפטלעכע, עקאנאמישע און רעליגיעזע לעבן שטעלן פאר איין גאנצן שטייגער...

יעדער לעזער וועט אין אט דעם בילד דערקענען דעם נאטירלכן חדר אין זיין צייט און אין זיין קליינשטעטלדיקער סביבה.

אמת, ווייט נישט יעדער חדר האט אויסגענוצט די אלע מעגלעכקייטן

וואס ער האט פארמאגט. אבער אויך זעלטן וואסער שול קען זיך דערמיט בארימען. מיר נעמען דא נאר די מעלות פון דעם ארגאניזיר־פרינציפ. ריכ־טיק, אלע טענות וואס אינדזער בעלעטריסטיק און פובליציסטיק רוקן ארויס קעגן חדר זיינען בארעכטיקט מיט פאקטן (דאך מוז מען מודה זיין, אז דאס זוכן נאר חסרונות האט געמוזט ברענגען צו גוזמאות). אבער ווו איז די ראיה, אז צוזאמען מיט דעם שמיציקן וואסער האט מען געדארפט אויסגיסן אויך דאס קינד, די געזונטע דערציערישע ארגאניזיר־פרינציפן, וואס מיר האבן פריער אויסגערעכנט?

אונדזער שול האט פון חדר לגמרי נישט גענומען און נישט גע־וואלט נעמען. זי האט גענומען אלע פארמען פון אן אנדער מקור, פון דעם אייראפעאישן. אבער יענע שטאמען דאך אויך פון מיטלאלטער, פון יעזו־איטישן הומאניזם אאז"וו, און זיינען בכל אופן נישט בעסער פון די, וואס אין חדר, אויב נישט פיל מאל ערגער. און עס איז ביז היינט נישט געווען קיין פרווו אויסצונוצן, אויסצופרווון די דערציערישע יכולת, וואס האבן יארהונדערטער אויסגעהאלטן דעם עקזאמען פון לעבנס־פעאיקייט. אמת, עס זיינען באקאנט איינציקע פרוון פון אזוי גערופענע „שול־הדרים" („וויעסטניק אפע" 1910 און אן ארכיוו־פראיעקט — ייווא — פון ווילנע בערך פון 1888). אבער די דאזיקע פראיעקטן האבן פון חדר גע־וואלט נעמען דוקא נישט דאס פאזיטיווע נאר פארקערט זיין רעליגיעזן אינהאלט און זיין דידאקטיק. און באמת אט די ביידע מאמענטן זיינען די שוואכסטע ערטער אין חדר. ביז אויף היינטיקן טאג האט זיך מיר נאך נישט איינגעגעבן צו געפינען אין דער דידאקטיק פון חדר עפעס אזוינס, וואס זאל האבן כאטש דעם מינימאלסטן ווערט ביי היינטיקן טאג*)

*) די מיינונג, אז פון חדר פלעגן די קינדער יא ארויסטראגן עפעס ידיעות, באגריפן און בכלל די חדר־קולטור, איז נאר אן אילוזיע. אין דער שטעטלשער סביבה פלעגן די חדר־תלמידים זייערע ידיעות און דער־ציונגס־באגאזש קולט זיין פון דער גאנצער אטמאספער אין שטעטל — פון בית־מדרש, וואס איז איינציייטיק געווען דער קלוב. פין גאס, פון

גאָר אנדערש איז עס מיט דער דידאַקטיק פון ישיבה. די אַלגעמיין דערציערישע זייט פון שטייגער לעבן אין ישיבה איז אפשר אין א סך פּרטים ענלעך צו דעם שטייגער לעבן אין די מיטלעלטערלעכע קריסטלעכע שולן. די דידאַקטיק אָבער פאַרמאָגט גרויסע מעלות אויף אייניקע געביטן, אַזעלכע וואָס מען קען זייערע פּרינציפּן אויסנוצן און אַריינפּאַסן אין אונדזער נייער דערציאונג. פאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף אויסמיידן דעם סכאָלאַסטיק־פּילפּול, וואָס קעגן אים האָט זיך אַגב געפירט א שטאַרקער קאַמף שוין אין סוף 16־טן און אנהייב 17־טן י״ה (מהר״ל און דער של״ה. דער לעצטער זאָגט פּשוט: „יש כת משוגעים האומרים הפלפול מחדד”...). איך וויל דאָ נישט אַנאַליזירן דאָס לערנען בכלל אין די ישיבות. איך וויל נאָר געבן א פּאָר ביישפּילן. אין מיין אַרטיקל „די מעטאָדן און פּראָגראַם פון העברעאיש־לימוד” (נייע שול, 31 זייט 77) האָב איך אָנגעוויזן אויף דער מעטאָדע פון לערנען טעקסטן נאָר צוזאַמען מיט זייער אינהאַלט קיינמאָל נישט סינטעזירן דעם מערהייט פון אייניקע ווערטער, ווי דאָס פלעגט טון דער חדר און אויך די אייראָפּעאישע שול (די באַריכמטע וואָקאַבלען), נאָר תמיד גיין אַנאַליטיש — פון דעם אינהאַלט צו דער פאָרם. דעם צוגאַנג לייג איך פאָר דעם העברעאיש־לימוד ביי אונדז אין די שולן. און לויט ידיעות פון אייניקע חברים, וואָס האָבן די מעטאָדע גענומען באַנוצן, איז זי נישט אין פאַרגלייך פּרוכפּעריקער ווי דער מיגמעטישער וועג. די באַגרינדונג פון דער מעטאָדע פאַרן העברעאיש־לימוד

חדר־שטייגער, אָבער נישט פון חדר־לערנען. ווארעם אלע וואָס זיינען גלייך פון חדר ארויסגעגאַנגען פון דער שטעטלשער סביבה האָבן פון חדר גאָרנישט געהאַט. גאָרנישט מיטגענומען, להיפוך צו דער ישיבה, וואָס פלעגט לאָזן איר השפּעה אויפן גאַנצן לעבן. מען דאַרף דאָ אונטערשטרייכן אַז דער חדר האָט זיך בפירוש ניט געשטעלט קיין דידאַקטישע אויפגאַבעס צו געבן ידיעות, ווי די ישיבה האָט עס זיך באַמיט. דער חדר האָט נאָר געוואָלט אַריינפלאַנצן די קינדער אין דעם שטייגער פון דער סביבה, און דאָס פלעגט ער דערגרייכן אויפן בעסטן אופן.

האָב איך געגעבן אין דעם אויבן־דערמאָנטן אַרטיקל און באַשטייט
זי אין דעם, וואָס מיר איגנאָרירן בלומרשט די ריין לעקסישע זייט
פון געלערנטן מאַטעריאַל. מיר נעמען אַ פראַגמענט, לייענען אים אין גאַנ־
צן, סינקרעטיש כאַפּן די קינדער אויף זיין אינהאַלט אין אַלגעמיינ־
שטריכן. האָבנדיק שוין אַט דעם אַלגעמיינעם אינהאַלט גייען מיר צום
אינהאַלט פון באַזונדערע טיילן. דער לעקסישער מאַטעריאַל וועט שוין
במילא קומען.

אָבער נישט נאָר בנוגע צום העברעאיש־לימוד, אויך אין יידיש
לערנען מיר נישט קיין ווערטער, כסדר אָבער נאָר אינהאַלטן צוזאַמען
מיט זייער לעקסישן לבוש, אָבער קיינמאָל נישט פאַרקערט: זאַצן באַ־
גריפן אויסדרוקן, ציטאַטן וכדומה. אַט די „אַנאַליטישע אינהאַלטס־מעטאָ־
דע" איז אין ישיבה דערפירט געוואָרן ביז צו שלמות און האָט געגעבן גוטע
רעזולטאַטן. להבדיל פון חדר און טאַקע: דער חדר פלעגט לערנען איבער־
הויפּט טעקסטן און האָט כמעט אַן אויסנאַם קיינמאָל נישט אויסגעלערנט
נישט די שפּראַך, נישט דעם אינהאַלט. להיפּוך פלעגט עס דערגרייכן די
ישיבה כמעט תמיד. לערנענדיק דעם אינהאַלט, פלעגט מען די שפּראַך־
ידיעות דערגרייכן בדרך־אגב. און נישט בעסער ווי אין חדר איז עס
אין די גימנאַזיעס מיט די פרעמדע שפּראַכן, פון וואַנען מיר האָבן גענומען
אונדזערע מעטאָדן.

און וואָס איז למשל ווערט דאָס וואָס די ישיבה האָט נישט געוווּסט
פון קיין כרעסטאָמאַטיעס אָט די כרעסטאָמאַטיעס, וואָס פאַרמינערן ער־
היום דעם דערציערישן ווערט פון ליטעראַטור־לימוד ביז צום מינימום
שבמינימום? (אין אייראָפּע האָבן זיך די כרעסטאָמאַטיעס איינגעבירגערט
דורך די יעזואיטן, און שוין די פאַרנ־ראַיאַליסטן זיינען מיט זיי נישט
געווען צופרידן). עס איז דאָך קלאָר, אַז אַנטוויקלען דעם עסטעטישן גע־
שמאַק אויף פראַגמענטן אויסגעשניטענע פון פאַרשיידענע בילדער איז אַנ־
דעקלעפּטע אויף איין לייוונט, אין אַ חדר, וואָס דרינגט נישט אַריין ביז
די בילדער גופא אין זייער קינסטלערישער גאַנצייקט, — איז אומגלעד־
פּונקט אַזוי ווי עס איז אוממעגלעך צו דערציען ליטעראַריש אויף כרעסט־

מאטאטיעס פון פראגמענטן פון פאריזיידענע ליטעראַרישע ווערק. און מיר האָבן די דאָזיקע מציאה איבערגענומען אַז קריטיק און האַלטן זיך פעסט מיט איר, ווי א גוטער סוחר מיט זיינע מוסטער־קאַטאַלאָגן. „א גרויסער אילוסטרירטער אַסאָרטימענט פון מוסטערן און כלים". דערציען קען מען נאָר דורך קינסטלערישער גאַנצקייט, און מהאי טעמא איז די מעטאָדע פון לערנען „א ספר", א גאַנץ ווערק נישט אין פארגלייך פעדאַגאָגישער. נישט דער קלאַס פון די „לעבעדיקע קלאַנגען", נאָר דער קלאַס פון „מעסערל", פון „מאַטלען". אין די ארטיקלען „מאָטל פייסים אין דער יידישער שול" און „סבעמע פון דורכנעמען א ווערק" („נייע שול" נומ' 27 און נומ' 34) האָבן איך זיך ברייטער אָפּגעשטעלט אויף דער טעאָרעטישער באַגרינדונג און פּראַקטישער דורכפירונג פון דער מעאָריע אין אונדזערע מאָדערנע שולן.

און צולעצט וועל איך זיך אָפּשטעלן אויף נאָך איין פּאָזיציע שטריך פון דער טראַדיציאָנעלער יידישער פּעדאַגאָגיק.

איינע פון די גרעסטע פּלאָגן פון דער היינטיקער אייראָפּעאישער שול איז דער דרוק פון דער ניוועלירנדיקער פּראָגראַם: אַלע דורות תלמידים וואָס מאַכן דורך דעם געגעבענעם קלאַס, מוזן אומבאַדינגט דורכנעמען אָט דעם און בשום אופן נישט קיין אַנדער מאַטעריאַל. עס קומט אויס, אַז די פּונקטן פון פּראָגראַם האָבן פאַר זיך א גלייכן ווערט פאַר אַלע שולן, אַלע לערער און אַלע תלמידים, וואָס לערנען איצט, פריער און שפּעטער אין אַלע שולן פון זעלבן מין אין גאַנצן לאַנד. עס קומט אויס, אַז דאָס וויכטיקסטע איז טאַקע דער מאַטעריאַל, וואָס די פּראָגראַם ווייזט אָן. נישט די אינדיווידועלע נייגונגען און אינטערעסן פון די תלמידים. נישט די אינטימערע אינטערעסן פון דעם לערער אין די געביטן, וווּ ער קען מער און טיפער משפּיע זיין, נישט די לאָקאַלע אינטערעסן פון דעם געגעבענעם אָרט און געזעלשאַפטלעכן שיכט. ניין — דאָס אַלץ ווערט א קרבן פון דעם פּראָגראַם־מאַטעריאַל, וואָס ווערט אָנגעבונדן אַלעמען און אומעטום. דאָס איז געווען גוט פאַר דעם שול־וועזן פון די יעזויטן למשל, וואָס האָבן געהאַט שטרעבונגען איבערמעריטאַריעלע און האָבן אַלע תלמידים

געשטרעבט אויסציפורעמען לויט איין מאָס. היינט אָבער וויל מען דאָך עס נישט, מען רעדט דאָך אַזוי פיל וועגן שטעלן דאָס קינד אין צענטער פון דערציונג. און דאָך — און דאָך בלייבט די פּראָגראַם דער הר כּניגית, וואָס דריקט אין שטיקט די תּלמידים מיט די לערער אין ניוועלירונג, לאָזט קיינעם נישט אַנטוויקלען זיינע אינטערעסן, זיינע נייגונגען און במילא זיין „איך".

און ווי איז עס געווען אין ישיבה?

אויסער דעם רבינס שיעור, וואָס איז געגאַנגען גאַנץ פּאַוואָלי און האָט צוגענומען נאָר אַ קליינעם טייל צייט פון די תּלמידים, האָט יעדער פון די לעצטע געלערנט זיין מסיכתא, געטאָן זיין זעלבסטשטענדיקע אַרבעט. דעם רבינס שיעור האָט מער אין זינען געהאַט דאָס אַריינפירן די תּלמידים אין דער מעטאָדיק פון לערנען. דאָס עצם לערנען, די בקיאות אין טעקסטן, די געניטונג אין מעטאָדן — דאָס פלעגט יעדער תּלמיד דורכפירן זעלבסטשטענדיק נאָר אונטער דעם קאָנטראָל פון רבין. די באַלאָדונג פון די תּלמידים איז געווען אַן עקוויוואַלענטע. די אַרבעט — אַ גלייכוואַרטיקע, אָבער יעדער האָט געהאַט אַ גרעסערן אויסקלייב לויט זיינע אינטערעסן און האָט געקאָנט פון זיין זעלבסטשטענדיקער אַרבעט נעמען אַזוי פיל, וויפל זיינע אינדיווידועלע פעיקייטן האָבן אים דערלויבט. ווידער, דער רבי אַליין האָט זיך אויך נישט געהאַלטן יאָר־איין, יאָר־אויס ביי איין און דעם זעלביקן טעקסט. ניין. ער פלעגט זיך באַמיען דיזעלביקע פאָרמעלע דערגרייכונגען צו קריגן יעדן יאָר אויף אַן אַנדער אינהאַלט. אַזוי אַרום האָט יעדער ישיבה־בחור אַרבעטנדיק אַליין אויף איין געביט דאָך געהאַט די מעגלעכקייט צו זיין מער־ווייניק באַהאַוונט אין אַלע געביטן. וואָס זיינע חברים האָבן זיך פאַרנומען מיט זיי, און די אַטמאָספער פון ישיבה איז געווען נישט אין פאַרגלייך פילזייטיקער און פילטאַניקער און יעדן נעגעבענעם מאָמענט און אין יעדן יאָר (אָדער זמן) כּסדר.

מיר באַמיען זיך דעם דאָזיקן צוואַנג צום מאַטעריאַל טיילווייז אויסניצן אין דער אַזוי־גערופענער „עקספּעדיציע־מעטאָדע", מיר טראָגן אַריין אין איר נאָר אַזוינע שינויים, וואָס שטרעבן נישט צו פולקומענער אינדי־

ווידואַליזאַציע, נאָר צו אַנטוויקלען די אינדיווידועלע פעיקייטן אין די ראַמען פון גרעסערע קאָלעקטיוון. בכלל אָבער איז די שטרעבונג פון ישיבת צו דערפירן וואָס גיכער די תלמידים צום „כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש" ווערט צו באַוואונדערן און איבערצונעמען. אפשר נעמט זיך דאָס פון דער ראָלע וואָס די אינדיווידועלע זעלבסטשטענדיקייט און אָריענטיר־פעיקייט האָט געשפּילט אין סאָציאַלן לעבן פון די שיכטן, וואָס די ישיבה פלעגט זיי באַדינען. אין דער אַטמאָספער פון „לעבן פון ליפטן" האָבן די דערמאָנטע פעיקייטן געקאָנט האָבן אַ גרויסן ווערט. אָבער איצט פאָדערט דאָס לעבן די דאָזיקע פעיקייטן לגמרי נישט אין קיין קלענערער מאָס. ווי עס זאָל נישט זיין, פון וואַנען דאָס זאָל נישט שטאַמען, אָבער די מעטאָדע, מעג מען זאָגן בפה מלא, האָט געגעבן זייער גוטע רעזולטאַטן. מיר דאַכט זיך, אַז די ישיבות, וואָס זיינען נישט פאַרגאַנגען ווייט אין פּילפּול און מוסר האָבן אַרויסגעגעבן בערך אַ סך מער גייסטיק זעלבשטענדיקע מענטשן אויף אַלערליי געביטן איידער אַנדערע שולן פון דער שייכותדיקער מדרגה.

דער קורצער סך־הכל פון דעם אַלעם איז, אַז אַ פריינדלעכער צוגאַנג צו פאָלקסטימלעכקייט מצד אונדזער פּעדאַגאָגישן געדאַנק וואָלט זייער פיל געקאָנט געבן אונדזער שול אויף אַלע געביטן: הן בנוגע צום מאַטעריאַל, הן בנוגע צום גייסט, הן בנוגע צו דער אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט און הן בנוגע צו די דידאַקטישע מעטאָדן. איך גלייב, אַז נאָר אויף דעם וועג וועט אונדזער שול אויפהערן צו זיין אַ קאָפּיר־זאַך, אַ נאָכמאַכערישע, נאָר זי וועט ווערן ענלעך צו אונדזער ליטעראַטור אַ מער־ווייניק גלייכבארעכטיקטער גליד אין דער משפּחה פון די נאַציאָנאַלע שולן אין דער גאַנצער וועלט.

III

וועלכטלעכקייט.

בנוגע וועלטלעכקייט וואָס ווערט אין אונדזערע שולן שטאַרק אָפּגע־

היכ, הערשט א געוויסע אומקלארקייט. מען נעמט אויף וועלטלעכקייט ווי א היפוך צום רעליגיעזן און מען מיינט, אז דער פרינציפ פון וועלטלעכקייט הייסט באקעמפן קודם־כל דאס רעליגיעזע געפיל. וואס די קינדער ברענגען מיט זיך — דאס און מער נישט. מען מיידט אוים ביי אונדז אין די שולן אפגי פאלקסטימלעכן מאטעריאל נאר דערפאר, וואס ער איז רעליגיעז באפארבט. מען דערלויבט זיך נישט אויסנוצן דעם פראכטיקן עפאס פון תנ״ך און אנדערע ענלעכע מקורים נאר דערפאר, ווייל עס איז ביז היינט אריינגעגאנגען ווי א טייל אין דעם רעליגיעזן אינווענטאר. אזוי צו זאגן. אונדזער אינטעליגענץ וואס האלט זיך פאר פרציים תלמידים, האט מורא צו טרעטן אויף זיינע ווענט פון די „פאלקסטימלעכע געשיכטן״, „חסידיש״ אאז״וו, ד׳ה פון זיינע בעסטע שאפונגען. מען האט מורא ביי אונדז אפילו איבערצוארבעטן רעליגיעזן מאטעריאל, ווייל עס איז „מוקצה מחמת רעליגיעזקייט״, און וועלטלעכקייט מיינט מען, איז א סינאנים צו אנטי־רעליגיעזקייט. אין דער אמתן איז אבער דער אינהאלט פון באגריף וועלטלעכקייט עפעס אנדערש סיי אין נעגאטיוון סיי אין פאזיטיוון טייל. דאס דארף מען קלאר מאכן און עס מוז אויך רעווידירט ווערן דער דרייפוס־פראצעס פון אונדזער מאדערנער פעדאגאגיק — אינ־דזער באציאונג צום רעליגיעזן געפיל. דער לעצטער, צוזאמען מיט דעם עסטעטישן און עטישן (סאציאלן), נעמט ארום דאס העכערע גייסטיקע לעבן, יעדער פון די געפילן האט אין לעבן פיר זייטן. ערשטנס קומט די עמאציאנעלע זייט — די געפיל־איבערלעבונג. די לעצטע קען זיין אן איינ־פאכע, א פרימערע, און א קאמפליצירטע, אסאציאטיווע. וואס קאמפליציר־טער פילטאניקער עס איז די גאמע איבערלעבונגען וואס באגלייטן דעם געפיל אלץ רייכער איז דער גייסט פון מענטשן, און אויך פארקערט — וואס אנטוויקלטער עס איז די פערזאן, אלץ קאמפליצירטער זענען אירע געפיל־איבערלעבונגען.

די צווייטע זייט פון געפיל־לעבן איז א ריין אינטעלעקטועלע. זי באַ־שטייט פון א וויסנשאפטלעך־טעארעטישן באנעם פון די פראבלעמען. וואס זענען פארבונדן מיט דער געגעבענעם געפיל, די טעאריעס פון אלערליי קונסטן

די קונסט־קריטיק (עסטעטיק). און דאָס זעלביקע בנוגע צו די איבעריקע געפילן. ווייטער קומט די דריטע זייט — די פּראַקטיש־טעכנישע — די קאָדעקסן, אָנווייזונגען, די טעכניק, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם ארויסרופן די געפילן און צולעצט — די סאָציאַל־עקאָנאָמישע זייט, וואָס באַווייזט זיך באַלד ווי גאַנצע גרופּעס מענטשן גיבן זיך אָפּ פּראָפעסיאָנעל מיט דעם דינסט צו דעם אָדער יענעם געפיל.

די דאָזיקע פיר זייטן זענען בולט קענטיק אויף די געביטן פון קונסט. לאָמיר נעמען מוזיק, האָבן מיר דאָ: דעם עצם מוזיקאַלישן געפיל, די הנאה וואָס מיר לעבן איבער, די טעאָריע און קריטיק, די מוזיקאַלישע וויסנ־שאַפט, די מוזיק־טעכניק און די פאַרשידענע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון דעם מוזיק־פאַך און די געזעלשאַפטלעך־אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען, ווי אַזוי די דאָזיקע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון די מוזיקער (נישט די עסטעטישע לגמרי!) צו באַפרידיקן. און די זעלביקע פיר זייטן האָבן מיר אויך ביים רעליגיעזן געפיל: די רעליגיעזע עמאָציע מיט איר געוואַלדיקן ניואַנסן־ליטער פון פּרימיטיוון רעליגיעזן שרעק ביז צו שפּינאָ־זעס פּאַנטעיזם; ווייטער קומען די רעליגיעזע וויסנשאַפטן, די רעליגיעזע טעכניק, דער ריטואַל, און צולעצט די אָרגאַניזיר־פאָרמען — די קירכעס.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס קונסט־לעבן האָט פאַרכאַפּט די גאַנצע מענטשהייט. עס קעמפן פאַרשיידענע שיטות, די טרעגער און וואָרט־זאָגער פון יעדער שיטה ווילן ווערן די הערשער און אויסנוצן יעדער גינסטיקע סיטואַציע צוליב זייערע סאָציאַלע אינטערעסן, אין נאָמען פון זייער שיטה ווילן זיין אָנבינדן אַלעמען אַזאַ און נישט קיין אַנדער געדאַנקען־גאַנג, אַ גאַנצן רעגולאַמין פאַר אַ גאַנצן לעבן. זיי ווילן ווערן די דעה־זאָגער און די נאָרמירער פון אַלע זייטן און אַלע געביטן פון לעבן... פאַרשטייט זיך, אַז דעמאָלט וואָלט מען געמוזט קעמפן קעגן דעם. דאָס וואָלט געווען אַ קאַמף אַ סאָציאַלער קעגן מענטשן, קעגן שיטות, קלאַסן אָדער קאַסטעס, אָבער בשום אופן נישט קיין קאַמף קעגן דער קונסט פאַר זיך, קעגן דעם עסטעטישן געפיל. מען וואָלט געפירט דעם קאַמף צו באַפרייען דעם עסטעטישן געפיל פון די, וואָס ווילן אים עקספּלואַטירן צוליב זייערע מאַטעריעלע

אָדער סאָציאַלע נוצן. עס וואָלט אָבער געווען א נארישקייט און א פעלער, ווען מען וואָלט צוזאמען מיט דער מאכט פון די קינסטלער אויך געוואָלט אויסוואָרצלען די עצם קונסט.

אויב בנוגע צו עסטעטיק איז אין דער געשיכטע נישט געווען און עס איז איצט נישטאָ אזא קאמף, איז דאָס דערפאר, ווייל דער עסטעטישער געפיל האָט נישט אזוי טיף, נישט אזוי שטארק פארכאפט די מענטשהייט, ווי דאָס איז דער פאל בנוגע דעם רעליגיעזן געפיל. אָט דער געפיל וואָרצלט טיף אין דער מענטשלעכער נאטור שוין אויף די פרימיטיווסטע מדרגות פון קולטור און ער וואקסט און קאָמפליצירט זיך אומגעהייער. אויף זיינע העכערע מדרגות האָט ער עלעמענטן פון דערהייבונג, זיכערקייט, בארואיקונג און צונויפשמעלצונג פון דעם אייגענעם „איך" מיט עפּעס, וואָס איז העכער און ברייטער פון „מיר" אליין. ספינאָזא דעפינירט ליבע צו גאָט אזוי: „דאָס איז א פריידיקע איבערגעבנקייט א צונויפשמעלצן זיך מיט דער אל־איינקייט, וואָס מיר זיינען א טייל פון איר" („עטיק"). מיט דער פילאָגענעטישער אָדער אנטאָגענעטישער אנטוויקלונג וואקסט דער פארנעם פון די אָביעקטן, וואָס דער מענטש פילט זיך צוזעמענגעבונדן מיט זיי — משפחה, שבט, פאָלק, קלאס, מענטשהייט. און ווען דער געפיל נעמט ארום די וועלט, דעמאָלט ווערט ער א רעליגיעזער געפיל פון אלוועלט. מען מיינט געוויינטלעך, אז דאָס וויסן שוואכט אָפּ דעם רעליגיעזן געפיל, אז וויסנשאפט שטערט אים. עס איז אָבער אין גרונט פאלש. וויסן, קלאָר, לאָגיש און קריטיש דענקען שטערט און צעשטערט דעם איבערגלויבן, דעם גלויבן. דעם פרימיטיוון המונישן גלויבן, אָבער אין דער זעלביקער צייט שטארקט עס דעם רעליגיעזן געפיל. ווייל וואָס מער וויסן, וואָס ברייטער דאָס וויסן און וואָס טיפער, — אלץ ברייטער ווערט די אלוועלט, וואָס דער גייסט נעמט ארום, און אלץ טיפער און שטארקער זיינען די רעליגיעזע איבערלעבונגען. וואָס טיפער עס דרינגט אריין דער וויסנשאפטלעכער אנאליז, אלץ ברייטער און ארומנעמיקער ווערט אויך דער וויסנשאפטלעכער סינטעז, און די אינטעלעקטועלע איבערלעבונג דערביי ווערט באגלייט פון

א רעליגיעזן געפיל, א ריינעם, א געלייטערטן פון אלערליי מיטאלאגיעס, דאגמעס, דינים און צערעמאניעס.

אויף אן ענלעכן אופן ווערן אויך די העכסטע מדרגות פון עסטעטישן געפיל דערפירט ביז צו רעליגיעזקייט.

אייניקע ווילן דעם רעליגיעזן געפיל אידענטיפיצירן מיט הכנעה און געפאלנקייט לגבי א העכערער, „געטלעכער" מאכט. מיר דוכט זיך אבער, אז דער עלעמענט פון הכנעה איז לגמרי נישט אבליגאטאריש אריינגעפלאכטן אין רעליגיעזן געפיל. נעמען מיר למשל אברהם אבינוס ווענדונג צו גאט וועגן סדום מיט זיין „חלילה לך, השופט כל הארץ לא יעשה משפט?" ביי די שעפער פון דער דאזיקער לעגענדע איז א סאציאלע קאטעגאריע דערהויבן געווארן ביז א רעליגיעזער. און ווו איז דא הכנעה? אדער די שטאלצקייט. די „חוצפה כלפי שמיא" פון דער בארימטער לעגענדע מיטן „תנור דבי עכנאי" (בבא מציעא מט') מיטן „אין אנו משגיחין בבת קול" און מיטן פינאל פון „ניצחוני בני" אדער נעמט די תקופה פון א לוי־יצחק בארדיטשעווער מיט זיין „זאל דיר, רבש"ע, איוואן שופר בלאזן" וכדומה, וואס איז אגב שוין אריין אין אונדזער ליטעראטור (פרץ — „בערל שניידער", אנ־סקים „דין־תורה מיט גאט"). אין אזוי ארום זעען מיר דא דעם רעליגיעזן געפיל אפילו אויף דער מדרגה פון טיפן גלויבן אן וואסער עס איז הכנעה. הכנעה־געפיל שאפט זיך ביים שטארקן גלייבן אין מאמענטן פון גרויסע קאטאסטראפעס, נאציאנאלע אדער פריוואטע. אין דעמאלט גיט עס כוח אריבערצוטראגן די צרות. אבער קיין אומבאדינגטער אטריביט פון רעליגיעזן געפיל איז הכנעה דאך נישט.

אזוי ארום איז דער רעליגיעזער געפיל א מעכטיקער געשטאלטער פון אינדזער גייסט און איז א סך מער פארשפרייט איידער מען מיינט עס אפט. מיר אלע האבן פיינט, און מיט רעכט, א מענטשן אן א גאט, אן א גלויבן, אן א הייליקייט. עס גייט אונדז לגמרי נישט אין דעם אביעקט פון דעם רעליגיעזן געפיל און דעם תוכן פון דער רעליגיעזער איבערלע־בונג, עס גייט אונדז אין דער איבערלעבונג גופא, אין דער פעיקייט פון מענטשן דעם געפיל איבערצולעבן, אומאפהענגיק, צי דאס איבערלעבן איז

פארבונדן מיטן טראדיציאנעלן גאט אדער מיט א געזעלשאפלעכן אידעאל, אדער מיט דערשיינונגען אין דער נאטור, אדער גאר מיט א געוויינטלעכער ליבע צו א מיידל. א מענטש, וואס איז נישט פעיק רעליגיעז זיך צו באציען צו קיין זאך, איז א חיה און אפשר קען ער פארשטעלן א סאציאלע סכנה. אבער דער ריינער רעליגיעזער געפיל פאר זיך איז איינער פון אונדזערע העכסטע געפילן, און וואס ריינער, ברייטער עס זיינען די רעליגיעזע איבערלעבונגען, אלץ רייכער און העכער איז די פערזאן.

- און קינדער האבן א גוואלדיקע נטיה צו רעליגיעזקייט. דאס ווייסט יעדער פאטער, וואס טראכט זיך אריין אין זיין קינדס איבערלעבונגען. אפט איז דער געפיל ביי די קינדער גאנץ ווולגאר, אבער דאס מאכט נישט אויס. מיט דער אנטוויקלונג פון קינד סובלימירט זיך אויך דער געפיל אין העכערע פארמען, אין אידעאליזם, אין מסירת נפש וכדומה. האט אבער א מענטש נישט איבערגעלעבט קיין רעליגיעזקייט אין איר קינדערשער פארב, פעלן אים עמבריאנען, וואס פון זיי זאלן זיך שפעטער אנטוויקלען די אויבן אנגערופענע העכערע נייגונגען.

פון דעם דרינגט ארויס, אז מיר באקעמפן נישט לגמרי די רעליגיעזע עמאציעס ווי אזוינע. ניין, וועלטלעכקייט איז א באגריף א סאציאלער, א שטרעבונג צו באפרייען אונדזער לעבן פון דער אפיטרופסות פון גייסטלעכע. און אויך באפרייען דעם רעליגיעזן געפיל פון זיינע דאגמעס, קאדעקסן און פון דער השגחה פון דער קירך, פון קלערוס, וואס פאר זיי איז רעליגיע א פראפעסיע, א מיטל צו רעגירן און האט לגמרי נישט צו טאן מיט רעליגיעזע עמאציעס. מיר קעמפן נישט קעגן דעם רעליגיעזן געפיל, נאר פאר זיין פארוועלטלעכונג.

אט זיינען די סאציאלע נארמען פון געשלעכט-לעבן אויך שרעקלעך פארקריפלט, און מיר קעמפן נישט קעגן געשלעכטלעכן געפיל. אזוי איז אויך בנוגע צום רעליגיעזן געפיל.

אונדזער פרינציפ פון וועלטלעכקייט און דערציאונג איז קודם כל שייך צו די צוועקן און פארם פון אונדזער דערציאונג. דער צוועק איז נישט

דאס גייסטלעכע לעבן אויף דער וועלט און דאס הייליקע לעבן אויף יענער וועלט, נאר דאס פשוטע פריוואטע און סאציאלע לעבן, נישט פאר רעליגיעזע קולטור, טראפארעט־מנהגים און שולחן־ערוכס, נאר צום ערדישן גליק פון זיך און מיטמענטשן. דעריבער איז אויך די פארם פון אונדזער דערציאונג א וועלטלעכע. אלץ, וואס מיר און אונדזערע תלמידים טוען, איז דורכגעדרונגען מיט אינטערעסן פון דער וועלט, פון ד ע ר און נישט קיין אנדערער. קיין זאך פאר דעם קולט, פאר דער קירך. דאס איז דער וועלטלעכער אינהאלט פון שול.

ווייטער האט אין זיך אונדזער פרינציפ פון וועלטלעכקייט נאך אן עלעמענט א ריין אינטעלעקטועלן, די קאנאניזירטע רעליגיעס פון אלע ריכטונגען זיינען געבויט אויף אויטאריטעטן. אלע פאדערן זיי הכנעה פארן אויטאריטעט. די דאגמאטישע רעליגיעס ווילן „פארשפארן" די גלויביקע זייערע די מלאכה צו דענקען זעלבשטענדיק. זיי באמיען זיך דאס צו דערגרייכן מיט גוטן, מיט איינרעדן „אייביק גליק", אבער אויך מיט אינקוויזיציעס און תפיסות. אדער זיי זאגן „ווייל דעם גלייביקן", אדער זיי זאגן „גלייב און נישט דערוועג זיך צו ספקן!" און ווען נישט, איז ברענען און בראטן אויפן אויטא־דע־פע. דערפאר האט די קאטוילישע קירך אזוי פארטיידיקט אריסטאטעלס אויטאריטעט קעגן גאלילייִ, פטאָ־לאמייען קעגן קאפערניקן, כאטש די ערשטע זיינען געווען געצנדינער. ניין, די קירך האט געפילט, אז דער רעוואלוציאנערער געדאנק, וואס שלײַדערט אוועק איין אויטאריטעט, וועט זיך שוין נישט אפשטעלן. דערפאר האט די רעאקציע אין אלע לענדער אין פארגאנגענעם יארהונדערט אזוי געציטערט פאר דעם נאטור־לימוד, פאר געאמעטרישע לאגישע באווייזן. וועלטלעכע דערציאונג הייסט געוויינען זעלבשטענדיק צו דענקען, מאכן רעגירן ביים דערצויגענעם די קריטיק און ווילן איבער דער טעמפער „מצווה" וואס „דער רבי האט געהייסן". איז דעם זינען האלט עס זייער שמאל נישט נאר מיט די טראדיציאנעלע רעליגיעס, נאר אפילו מיט א סך מאדערנע, וואס קעמפן קעגן איין גלויבן, פארבייטנדיק אים מיט א

צווייטן, וואס ווערט אנגעבונדן פונקט אזוי טעמפ און אריינגעשטאפט.

ווייטער איז וועלטלעכקייט אן איבערשאצונג פון ווערטן, שאפן א נייעם צוגאנג צו זאכן. וועלטלעכקייט הייסט לגמרי נישט אפווארפן אלץ, וואס איז אמאל געווען באפארבט רעליגיעז און זוכן עפעס נייס, און אז מען געפינט נישט, איז בעסער גארנישט, איז בעסער גיין אנטלייען שטיקלעך און ברעקלעך. ניין, נישט דאס קעלבערנע פעלכל איז הייליק, הייליק איז די תורה, וואס איז אויף איר געשריבן. פון די זעלביקע ציגל קען מען בויען א באד, זאגט פרץ, און להבדיל א בית־מדרש. און יעדער דור נוצט אויס די זעלביקע קלאנגען, די זעלביקע עלעמענטן, כדי צו שאפן זיין אייגענעם גילגול פון א ניגון. פרץ אליין האט דאס אונדז געוויזן אין זיין איבערמאכן רעליגיעזע חסידות אין ריינער הונדערט־פראצענטיקער וועלטלעכער קונסט. עס ליגט בכן נישט אין אביעקט, נאר אין אונדזער צוגאנג. מיר קענען אפילו גאט אליין פארוועלטלעכן און פארקערט קען מען דאך אויף אלץ קוקן מיט רעליגיעזע אויגן. איך בין זיכער, איך גלויב, אז א יידישע ריין־וועלטלעכע אפערע וועט נאך אויסנוצן אזוינע רעליגיעזע עלעמענטן ווי לוי־יצחקס און ירוחם הקטנס קאמפאזיציעס.

היוצא לנו מדברינו — אז מען דארף נישט מורא האבן צו שעפן פון אונדזערע פאלקסטימלעכע אוצרות קולטור און קונסט נישט געקוקט אויף זייער רעליגיעזן כאראקטער פאר די צוועקן פון וועלטלעכער דערציאונג. עס וועט שטארקן דעם רעליגיעזן געפיל אין די קינדער — הלוואי! עס וועט זיי אריינפירן אין א וועלט פון דערהויבנקייט — מה־טוב. עס וועט זיי אוועקפירן אין א וועלט פון קולט — ניין, דאס נישט. לאמיר נאר אליין זיין געגוג וועלטלעך, קריטיש, עמאציאנעל פילזייטיק און אויפריכטיק אין אונדזערע איבערלעבונגען און העכערע געפילן, זיינען מיר פון דער סכנה באווארנט אזוי ווי עס איז געווען באווארנט פון דעם פרץ, וואס איז דורכגעגאנגען אלע מ"ט שערים פון דער רעליגיעזער וועלט און איז ארויס אליין וועלטלעך און וועט אויך זיינע תלמידים נישט פירן אין די דרכים פון רעליגיע.

און צולעצט מען זאגט: יא, אלץ גוט, אבער אזוי ווי מיר שטייען

איצט אין מיטן קאַמף מיט דער רעליגיעזער מאַכט ווי אַ מאַכט, מיטן קלער, מיט דער אָרטאָדאָקסיע, מוזן מיר אויסמײַדן אַלץ, וואָס עס איז רעליגיעז און מיר מוזן אַפילו ברענגען פּאַר אַ קרבן דעם רעליגיעזן געפיל. מען קען דאָך לעבן אויך אָן דעם רעליגיעזן געפיל.... יאָ, לעבן קען מען, אָבער אַלץ הייסט לעבן... מען קען לעבן אָן עסטעטיק, אָן אָן עטישן געפיל. עס לעבן דאָך אויך קאַסטרירטע אָן אַ סעקסועלן געפיל. איז טאַקע אָז אַך און ווי צו אַזאַ לעבן! מיר שטרעבן דאָך צו באַרײַכערן וואָס מער און פאַרפײַנערן די עמאָציאָנעלע וועלט פון אונדזערע תלמידים, קאָנען מיר נישט און מיר טאָרן נישט מפקיר זײַן אַזאַ שטאַרקן און פאַרבאַפנדיקן געפיל ווי דער רעליגיעזער.

און דער אויספיר — אַז רעליגיעזקייט און וועלטלעכקייט זײַנען נישט קיין היפּוכים. עס זײַנען קאַטעגאָריעס פון פאַרשיידענע מינים און געביטן. נישט שטערנדיק צו אַנטוויקלען און צו שטאַרקן די ריינע רעלי־גיעזע עמאָציעס, באַדײַט וועלטלעכקייט: ערשטנס, געהעריקער אויסקלײַב פון מאַטעריאַל, צווייטנס, זעלבשטענדיקייט אין דענקען און טאָן, קריטישע באַציאונג בנוגע אויטאָריטעטן סתם. און דריטנס — אַ פעאיקייט איבער־צונעמען און צו אַסימילירן אַלץ אומאָפּהענגיק פון וואָסערע קוואַלן עס איז געשעפּט געוואָרן. מיר פאַרשפּאָרן איצט מורא צו האָבן פאַר גאָט לויטן נוסח פון אונדזערע קליינשטעטלדיקע אַפּיקורסים מיט זייער „אויף צו להכעיס גאָט”. דער סאָציאַלער קאַמף מיט דער אָרטאָדאָקסיע איז אַ באַ־זונדער זאַך, און איז אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון רעליגיעזן געפיל.

און וועלטלעכקייט אין דעם זינען פאַרשטאַנען, מוז איצט זײַן אַ יסוד פון דערציאונג דערפאַר, ווײַל דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס און במילא אויך אונדזער קולטור ווערט וועלטלעך. אומאָפּהענגיק לגמרי פון דעם, צי איז די באַפעלקערונג פון די אָדער יענע יידישע קיבוצים פרום, אָדער נישט, הערט דער קולט, דער בית מדרש אויף צו שפּילן זײַן ראָלע. דער טאָג פון געוויינטלעכן יידן פון היינטיקן דור איז ניט פול מיט קולט־ענינים, אומאָפּהענגיק, צי ער דאַוונט נאָך על־פּי־הרגל אָדער נישט. במילא האָט דער קולט אויפגעהערט צו זײַן קולטור־שעפעריש. אָבער אויף זויפל קול־

מור איז טראדיציע, וועט נאָר אונדזער וועלטלעכע קולטור לאַנג שעפּן פון רעליגיעזע מקורים, וואָס האָבן אַזוי לאַנג געהערשט ביי אונדז.

IV

אַליוועלטלעכקייט.

וואָס עס איז שייך צום דריטן פּרינציפּ פון אונדזער נייער דערציונג, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אונדזערע אַליוועלטלעכקייט איז בכלל גענומען אַ קולטור־פאַקטאָר אַ נייער. אמת, יידישע קיבוצים זיינען צעשפּרייט געווען אויף דער גאָרער וועלט ניט פון נעכטן־אייערנעכטן. אָבער ביז מיט עטלעכע צענדליגג יאָר צוריק האָט יעדער קיבוץ געפירט זיין אָפּגעשלאָסן לעבן, ניט צו קומען במעט אין באַריר מיט די איבעריקע קיבוצים. מען האָט דעמאָלט געקענט ריידן וועגן פאַרשידענע יידישע שבטים, אָבער ניט פון אוניווערסאַלקייט, פון אַל־וועלטלעכקייט. נאָר געציילטע געשעענישן האָבן פאַרנומען עטלעכע קיבוצים גלייכצייטיק (שבתי־צבי, למשל), וועגן אַ טאָג־טעגלעכן, כסדרדיקן קאָנטאַקט, וועגן אַ בשותּפישן קולטור־לעבן איז אָבער אוממגלעך געווען צו ריידן. ערשט איצט, אַ דאַנק דעם נייעם פאַרשפּרייטונגס־שטראָם פון דעם מזרח־יידנטום און דעם קולטור־רענעסאַנס, וואָס האָט פאַרנומען אַלע מזרח־יידישע קיבוצים און אריינגעצויגן אויך אַנדערע, איז מעגלעך געוואָרן צו רעדן וועגן אַליוועלט־לעכקייט. עס איז נישט דאָ דאָס אָרט צו ריידן וועגן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּערספּעקטיוון פון אונדזער אוניווערסאַל־קייט, אָבער עס מוז אונטערגעשטראָכן ווערן דער פאַקט, אַז שוין ביי היינטיקן טאָג איז אונדזער קולטור אַן אוניווערסאַלע. נעמען מיר, למשל, אונדזער ליטעראַטור. האָבן מיר נישט נאָר דאָס, וואָס אונדזערע שרייבער, זוינען אויף דעם גאַנצן כדור הארץ. וויכטיקער איז דאָס, וואָס אומעטום האָבן די יידישע שרייבער אַן אָרטיק יידיש לעבן פון וואַנען זייער שאַפונג צו בויען. און אומעטום איז דאָס יידישע לעבן איינגעגלידערט אין אַלגע־מיינעם, אַזוי אַרום אַז די יידישע ליטעראַטור שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן פון

דער גאַרער וועלט. בעסער, ערגער — דאָס איז אַ פראַגע פון טאַלאַנט, אַ פראַגע פון צייט, אָבער דעם תוך ענדערט עס נישט. און אַזוי איז עס נישט נאָר בנוגע צו ליטעראַטור. אונדזער גאַנצע געזעלשאַפטלעכקייט איז שוין אין אַ געוויסער מאָס אוניווערסאַל. מען וויל עס נאָך ביי אונדז נישט אַנערקענען, אָבער דער פאַקט איז און בלייבט אַ פאַקט. אונדזער דערציאונגס־סיסטעם מוז זיך שוין רעכענען דערמיט. אויב אומעטום און ביי אַלעמען איז די דערציאונג אין דער גרעסטער מאָס פאַרבונדן מיטן געבוירנלאַנד און פאַטערלאַנד, וואָס דרינגט דורך די גאַנצע פּראָגראַם, אויב דער פּרינציפּ פון נאָענטקייט ווערט אויפגענומען איבערהויפּט אין געאָגראַפישן זינען, איז ביי אונדז דער היפּוך. פאַר אונדז און פאַר אונדזערע קינדער איז ניו־יאָרק פיל נעענטער איידער קיניגסבערג אאַז״וו אאַז״וו. כמעט יעדע יידישע משפּחה האָט דאָך פאַרשטייער אין פאַרשיידענע וועלט־טיילן און נישט געקוקט אויף אַט דער צעשפּרייטקייט, איז די קרובהשאַפט נישט איבערגעריסן. דאָס דאַרף שטאַרק ענדערן אונדזערע פּראָגראַמען, דאָס דאַרף זיך אָפּשפּיגלען אין לעבן פון אונדזער שול.

לאָמיר למשל נעמען דעם געאָגראַפיע־לימוד. דער סדר איז פאַר אונדז באַשטימט — מיר גרופּירן דעם מאַטעריאַל פון היימלאַנד און ווייטער לויט דעם שטראָם פון עמיגראַציע און אימיגראַציע. דער געאָגראַפיע־לימוד ווערט כמעט אידענטיש מיטן לימוד פון יידישער דעמאָקראַפיע. דאָס איז שייך צום פּראָגראַם. ביי אַ געהעריקער אויסנוצונג פון די פּערזענלעכע פאַרבינדונגען פון געגעבענעם אָרט און מעגלעכע פאַרבינדונגען פון שולן און קלאַסן קען דער לימוד אויך מעטאָדיש אויסגעבויט ווערן אויף אַ נייעם שטייגער. אויב געוויינטלעך איז אין שול יעדער געאָגראַפישער נאָמען אַ פּינטעלע אויף דער קאַרטע קודם־כל, קען עס ביי אונדז גאָר אַנדערש זיין: אויפן ערשטן פּלאַן וואָלטן דאָ אַרויסגעטראָטן לעבעדיקע פאַרבינדונגען, פּערזענלעכע, קרובישע.

דאָס איז אויך שייך צום אומגליקלעכסטן לימוד אין אונדזער שול — צום געשיכטע־לימוד. ווען מיר מאַכן די יידישע געשיכטע פאַר אַן אַקס, דעמאָלט קומען די אַלערליי געשיכטעס, וואָס מען רופט עס אַלגע־

מיינע געשיכטע במילא. ווייטער דארף דער פאקט ווירקן אויפן ליטעראַ־טור־לימוד און בכלל ווערט עס א דערציערישער עלעמענט אין שול, אין לעבן, אין פארווייַלונג אאז"וו. אלע לימודים דארפן דאָך זייער אינהאלט שעפּן פון לעבן אויף דער וועלט — און אויפן נאַטירלכן אופן קומט דאָ אוים פשוט אויסצונוצן דאָס יידישע לעבן אויף דער גאַרער וועלט אין אַלע זיינע פאָרמען און זייטן. עס קומט צו אין דער יידישער שול אויך א נייע מעטאָדע פון ארבעט — דאָס איז דער לעבעדיקער פארקער צווישן שולן, קינדער, קלאסן פון פארשיידענע לענדער ביי פארשיידענע ארבעטן און לימודים אין שול. עס קאָנען געמאָלט זיין אזוינע לימודים־ארבעטן, וואָס אין זיי זאָלן אנטייל נעמען קינדער פון פארשיידענע לענדער. די יידישע באַפעלקערונג איז אזוי באַוועגלעך, אזוי רירעוודיק און נישט איינגעוואָקסן לאָקאל. אז מען קאָן קיינמאָל נישט וויסן, וווּ די היינטיקע שילער וועלן שפּעטער זיך אהינטאָן. אונדזער שול מוז גרייטן וועלט־ביר־גער, און עס איז לגמרי נישט גענוג און נישט וויכטיק אויסצולערנען נאָך א שפּראַך (וועלכע?) אין אונדזער פּאָליגלאָטישער שול. וויכטיק איז אין דער ארבעט גופא זיך צו פארבינדן מיט פארשיידענע לענדער, און דאָס קען אונדזער שול שוין דערגרייכן. מיר האלטן נאָך נישט ביי דער מעג־לעכקייט זיך צו קענען בייטן מיט קינדער פון פארשיידענע לענדער. דאָס איז אן ענין פון דער צוקונפט, אָבער איינשטעלן אן ארבעטס־קאָנטאקט צווישן שולן, — דאָס איז גרינג, נייטיק און מעגלעך.

די אַלוועלטלעכקייט מוז זיך אויסדריקן אויך אין דער אָרגאַניזאַציע און אין אָנפיר פון די שולוועזנס און פארשיידענע לענדער. די פראגע אָבער גייט ארויס פון גדר פּעדאַגאָגיק, און מיר וועלן זיך אויף איר נישט אָפּ־שטעלן.

אָט אזוי פאָרמולירן זיך די דריי יסודות פון אונדזער יידישער מאָ־דערנער דערציאונג: **פאָלקסטימלעכקייט, וועלטלעכקייט און אלוועלט־לעכקייט.**

סכעמע פון דורכנעמען א ווערק אין קלאס.

(צו דער מעטאָדיק פון יידיש לימוד)

דער לימוד פון ליטעראטור איז דער וויכטיקסטער געשטאַלטנדיקער לימוד אין שול, ווייל זיין מאטעריאל גייט אמנאָנטסטן צו צו דער אינ־טימער וועלט פון קינד, צו זיינע עמאָציעס, באגריפן, און ער איז בכוח מער איידער וואסער ס'איז אנדער לימוד צו אָרגאניזירן אַט די אינער־לעכע וועלט פון קינד. און דאָס איז איינער פון די וויכטיקסטע צוועקן פון שפּראַך־לימוד, ווי דאָס האָט גוט פאָרמולירט די רעזאָלוציע פון אונזער לערער־קאָנפערענץ אין דעצעמבער 1926. כדי דער לימוד זאָל טאקע באמת דערגרייכן אַט די דערציערישע אויפגאבן, זענען נויטיק זייער פיל פאָרויס־זעונגען בנוגע צום אויסוואל פון מאטעריאל און די מעטאָדן פון דורכ־פירן אים אין קלאס. איך וועל אין דעם אַרטיקל באַרירן נאָר די לעצטע פראגע.

דער שפּראַך־לימוד האָט תמיד געליטן פון דער קאַליידאָסקאָפּישקייט, פון צו גיכן איבערשפּרינגען פון איין זאך צו דער צווייטער. די קינדער באַווייזן נישט זיך צו קאָנצענטרירן אויף איין ווערק, אריינצוגיין אין דער סביבה און גייסט פון ווערק, זיך איינצולעבן מיט די טיפן זיך דורכצו־דרינגען מיט דעם געמיט און שטימונג פון ווערק — און אַט גייט מען שוין אַריבער צו א צווייטן ווערק, צו א דריטן א. א. וו.

די פּראָגראם פון יידיש־לימוד ווייזט אַן מיט רעכט א שלל פון פארשידענע מינים ארבעט אין צוזאמענהאנג מיט דעם לימוד. עס איז אויך אויף אַלע הונדערט פּראָצענט ריכטיק, אז די אַלע מינים אַרבעט טאָרן

נישט קומען אין קלאס ווי באזונדערע „קעגנשטאנדן”, נאר זיי אלע דארפן זיין געבונדן קאנצענטראציע־ארטיק (הקדמה צו דער ערשטער אויסגאבע פון יידיש־פראגראם פון דער צענטראלער יידישער שול־ארגאניזאציע אין פוילן („ציש״א”). אבער לויט דער געוויינלעכער סכעמע פון דורכנעמען ווערק אין קלאס, איז עס לגמרי אוממעגלעך, און אין פראגראם איז אויך נישט אנגעוויזן לכל הפחות אויף א ביישפיל, ווי אזוי צו פארבינדן די אלע ארבעטן צווישנאנדער. היינט ווער רעדט נאך, ווען אין קלאס ווערט גענוצט א כרעסטאמאטיע מיט קורצע פראגמענטן, און יעדער פראגמענט פאר זיך קאן נישט געבן קיין גאנצקייט פון סביבה, פון טיפן, פון א לייט־מאטיוו, פון א פאבולע — דאן גייט שוין ממילא פארלוירן די דערציערישע זייט פון לימוד און עס איז אויך כמעט ווי אוממעגלעך אנצוקניפן אהער ארגאניש די אלע מינים ארבעטן, וואס די פראגראם רעכנט אוים. ממילא באקומט זיך א שווערן אויבנאויף א צעשפליטערטקייט, און אונזער באליבט ווערטל: „מיר ווילן דערציען א גאנצן מענטש” — בלייבט מער נישט ווי א שיין ווערטל.

גאנצקייט, פילזייטיקע איינקייט אין תלמיד קאן זיך באקומען נאר און אויסשליסלעך דורך א גאנצער, פילזייטיקער, אבער פאראייניקטער ארבעט. די שול, יעדער לימוד מוז האבן א קאנצענטראציע־אקס, וואס זאל אינספירירן דער אינטואיציע פון קינד אזא איינקייט און גאנצקייט.

יעדער לימוד דארף אומבאדינגט געבן די קינדער א מער דויערנדיקע איינשטעלונג אויף איין גייסטיקער סביבה, דארף קאנצענטרירן די קינדערשע אויפמערקזאמקייט, זייער גערדאנק און פאנטאזיע, זייער אינטואיציע און שעפערישקייט אויף איין געביט. מיט איין ווארט, מיר פארלאנגען צוליב דערציערישע צוועקן פון יידיש־לימוד — א) א דויערנדיקע ארײנלעבונג אין איין זאך, אין איין ארבעט־געביט, ב) א קינסטלערישע גאנצקייט פון אט דעם געביט און ג) א קאנצענטרירונג פון אלע פילזייטיקע ארבעטן, וואס זענען פארבונדן מיטן לימוד, אין איין הארמאנישער פילזייטיקער איינקייט.

ווי איז אָבער די געוויינלעכע סכעמע פון לערנען א ליטעראַרישע זאַך? על־פּי־רוב הויבט זיך עס אָן מיט אן „אַריינפיר־שמועס", וואָס דאַרף צו־גרייטן, אַזוי צו זאָגן, די קינדער צום ווערק, דאן לייענט דער לערער איי־בער דעם אויסגעקליבענעם פראַגמענט, מען באַהאַנדלט דעם אינהאַלט, איי־בערהויפּט פון ריין־מאַטעריעלן שטאַנדפּונקט — די קינדער זאָלן באַגרייפן דעם אינהאַלט. די קינדער איבן זיך אין לייענען און דערציילן דעם פראַג־מענט — און יוצא — אויסגעשעפּט. מען שטעלט זיך אָפּ אויף דעם לעק־סישן אינהאַלט, מען „דערקלערט" שווערע ווערטער און אויסדרוקן. אָפּט קומען מצד דעם לערער כאַראַקטעריסטיקעס פון דעם שרייבער און גאָר אָפּט ריין־ווערבאַליסטישע אָפּהאַנדלונגען. ווי די באַקאַנטע „פרוי ביי פּרצן" און גייענדיקע כלומרשט־קריטישע אָפּשאַצונגען פון שרייבערס ווערק און העלדן, וואָס זענען אין דער אמתן הוילע פראַזעס, וואָס די תּלמידים געוויינען זיך איין איבערצוחזרן פון לערערס מויל: „ראָזענפעלד וויל אונדז דאָ דערציילן וועגן לעבן פון אַרבעטער", „רייזען באַשרייבט אונדז, ווי שלעכט עס איז, ווען פאַר אַכט מענטשן זיינען נאָר צוויי בעטן"... „ברײנע איז געשטאַנען אויפן פּיעדעסטאַל פון עקאָנאָמישער זעלבסטשטענ־דיקייט"...

דאָס אַלץ איז א קאַריקאַטור פון דעם לימוד. ער גיט גאָרנישט. ביים לייענען פון לערער איז פאַראַן אינטערעס, פיינקייט, עסטעטישער געני:ם. אָבער באַלד גייט מען איבער צו דער „שוואַרצער אַרבעט" — איבן זיך אין פלינקן לייענען, דערקלערונגען אאַז"וו. — נודנע זאַכן, וואָס לאַנג־ווײלן דעם קלאַס און גיבן אים לחלוטין גאָרנישט: נישט עסטעטיש־דער־ציעריש, נישט אפילו אינטעלעקטועל, ווייל עס לערנט די קינדער נישט אויס: נישט דענקען, נישט רעדן, נישט לייענען (אין קלאַס לערנט מען זיך נישט אויס לייענען), מען נעמט זיך נאָר אָן מיט אַלגעמיינע ווערטער און יוצא.

כדי דער לימוד זאָל באמת פונאַנדערוויקלען אַלע זיינע דערציערישע און בילדנדיקע מעגלעכקייטן, איז וויכטיק גאָר אַן אַנדער צוגאַנג צום לי־מוד. ערשטנס, דאַרפן אין קלאַס געלערנט ווערן „ספרים". איך מיין —

גרעסערע גאנצע זאכן, ביי וועלכע די תלמידים זאלן האבן געגוג צייט זיך דורכצוודרינגען מיט אלע עלעמענטן, ווי סביבה, טיפן, מאטיוו, סטיל אאז"וו. דער קלאס דארף זיך איינלעבן מיטן ווערק, און דער גייסט פון ווערק דארף א לענגערע צייט שטיין אין קלאס און דארף צעמענטירן אלע אַרבעטן, וואס פירן זיך אין קלאס אין צוזאמענהאנג מיטן יידיש־לימוד און נישט נאר מיט אים. די קינדער דארפן האבן דאס געפיל און איבער־לעבונג פון „התחלת הספר" און פון זיין „סיום", עס דארף זיך אין קלאס פילן: מיר האבן פארענדיקט א גרעסערע ארבעט און מיר גייען צו א צווייטער. די קינדער דארפן האבן גענוג צייט, זיי זאלן זיך קאנען אינ־טים אויסער די לעקציעס איינלעבן מיט אלע שטריכן פון ווערק, מיט זיינע העלדן, מיט זייער שפראך, אפילו מיט זייער אויסזען. די העלדן דארפן שטיין פאר די קינדער ווי לעבעדיקע, זיי דארפן דערקאנען זייער האנדלען אין פארשידענע סיטואציעס. מיט איין ווארט: יעדעס ווערק איז א גאנצע קינסטלעריש־געשאפענע סביבה, און דער לימוד מוז די תלמידים אין אט דער סביבה אריינפירן און זיי לאזן דארטן זיך אריינלעבן, באַ־פריינדן זיך מיט די העלדן. די ליטעראַרישע סביבה דארף אזוי לעבעדיק ווערן אין גייסט פון קינד, אז זי זאל ווערן א לעבעדיקער פאקטאר אין זיין ווירקלעכער לעבעדיקער סביבה.

מיר האבן אזוי הונדערטער יארן זיך געהאדעוועט אויף ספרים, א דור נאך א דור; דער ספר איז געווען אזא געשטאלטנדיקער פאקטאר אין לעבן. גאנצע לעבנס פלעגט א ייד אפלעבן מיטן ספר און מיט זיינע העלדן דורות קולטור פלעגן אנוואקסן אויף אט דעם ספר, פאלקסטימלעכע קול־טור...

איך בענק נישט נאך דעם סתם אזוי צוליב פיעטעט צום „פארשימלטן" עבר, אבער אויף וואס האבן מיר פארביטן? וואס האבן מיר דערגרייכט מיט אונזער „נייעם"*) ציגאנג? אפשר די פלאג פון פ י ל ל יי ע ־

*) דער דאזיקער „נייער צוגאנג שטאמט אויך פון דער יעזואיטישער פעדאגאגיק, בכן זיינען די געגזפיסלעך גאנץ בארעכטיקט.

נ ע ז ? פון אַנזופּן זיך מיט ביכער, פאַרלירן דאָס געזונט און די אויגן און בשכר זה באַקומען אַ פּלאָנטער און כאַאָס אין קאָפּ, וואָס טויט אָפּ די אַקטיוויקייט, דאָס זעלבשטענדיקע דענקען און גיט עפּעס אַ פּאַרמלאָז בענקען, אַ געפּל אין קאָפּ און אין האַרצן?

מען זאָגט: „מיר לערנען די שרייבער. אויף קלענערע פראַגמענטן באַווייזן מיר צו באַקאַנען די קינדער מיטן סטיל, געמיט און פירן אַריין די קינדער אין וועלט־באַנעם פון אונדזערע שרייבער".

צי איז עס אָבער ריכטיק און נויטיק?

טויזנטער יאָרן איז דער ספר געווען דער לעבעדיקער פאַקטאָר, דאָס ווערק, נישט דער שרייבער. האָבן מיר עס פאַרביטן אויף אַ קולט פון פּער־זאָנען, פון שרייבער.

סוף־כל־סוף זענען שרייבער מער נישט ווי מענטשן, מענטשן מיט אַלע מעלות און חסרונות פון מענטשן (און אָפט מיט גאָר גרויסע), זייער גרויסקייט ליגט נישט אין זיי, נאָר אין זייערע ווערק. און אַ וועלטלעכע, פּראַגמאַטישע דערציאונג דאַרף נעמען דאָס, וואָס האָט אַ ווירקלעכע באַ־דייטונג אין לעבן, אין אַנטוויקלונג פון תלמיד, — אָבער שאַפן אַ קולט אַ בענקעניש צום שרייבער, אָפט ביז צו אַ היסטערישער עקזאַלטאַציע, דאָס איז נאָר שעדלעך.

וואָס־זשע דען בלייבט פון דעם צו רייכן אַסאָרטימענט ליטעראַרישע מוסטערן אין שול? — עס בלייבט דער לעקסישער, סטיליסטישער מאַטע־ריאַל, אָבער ער איז נישט דורכגעגאַנגען דורך די ע מ אָ צ י ע ס פון קינד, ער האָט זיך נישט איינגעלעבט און איז ממילא נישט אַסימילירט געוואָרן. דעריבער שניידט אונדז אָפט אַזוי שטאַרק דאָס „ליטעראַרעווען" פון קינדער. עס דאַכט זיך — פאַר אונדז שטייען קליינע אַקטיאָרן, קאָמע־דיאַנטשיקעס, וואָס ווילן און קאָנען אַפילו נישט נאָכמאַכן.

מיט איין וואָרט. כדי דער ליטעראַטור־לימוד (ריכטיקער, דאָס לער־נען ליטעראַרישע ווערק) זאָל באמת געבן דאָס, וואָס ער קאָן געבן, מוזן מיר קודם־כל אים פאַרוואַנדלען אין אַ לימוד פון ספרים. יעדעס יאָר זאָל אין יעדן קלאַס פון שול פיגורירן איין גרעסער ווערק, העכסטנס צוויי

דריי. די אטמאָספער פון שול דאַרף א לענגערע צייט זיין אָנגעזאַפּט מיטן גייסט פון די געלערנטע ווערק. יעדעס יאָר קאָן די שול בייטן דעם לעקטור־מאַטעריאַל פאַר יעדן קלאַס. אזוי ארום וועט יעדער תלמיד, וואָס פאַר־ברענגט אין שול עטלעכע יאָר, זיך אויך אָנזאַפּן נישט נאָר מיטן גייסט פון די ווערק, וואָס זיין קלאַס האָט געלערנט, נאָר אויך מיטן גייסט פון די ווערק, וואָס מיט זיי האָט די שול זיך פאַרנומען בכלל.

ווייטער, די „אריינפיר־שמועסן" וואָרף איך אָפּ ווי אן איבעריקן און אָפּט שעדלעכן מאָמענט אין לימוד. ממה נפשך — דאַרף אָט דער שמועס אריינפירן די קינדער אין שטימונג פון דער זאַך, וועט עס דאָך דאָס קינסטלערישע ווערק מאַכן בעסער פון לערער (און נישט־קינסטלערישע זאַכן דאַרפן אויף דעם יידיש־לימוד נישט געלערנט ווערן), אלא, וואָס דען — עס איז שווער? — איז ווידער ממה נפשך — איז דאָס ווערק פרעמד און ווייט פסיכאָלאָגיש, — איז עס נישט צוטריטלעך און מיט דעם אריינפיר־שמועס דערגרייכן מיר לחלוטין גאָרנישט. אלא, זענען די שוועריקייטן רייןטעכנישע — ווערטער, אויסדרוקן זענען שווער? — נו, דאַן דאַרף מען צוקומען תמיד פון גאַנצן צו עלעמענטן, פון אינהאַלט צו די אויסדרוקן און ווערטער. ממילא — אזוי צי אזוי, איז דער אריינ־פיר־שמועס איבעריק. און באמת, זענען די דאָזיקע אריינפיר־שמועסן על־פי־רוב גאָרנישט ווערט.

פאַרשטייט זיך, אז אריינפירן וועט נישט אין א פאַרגלייך בעסער דאָס ווערק אליין, דאָס גוטע איבערלייענען פון לערער.

וויפל מיר איז נישט אויסגעקומען בייצוזיין אויף אריינפיר־שמועסן, באַקומט זיך אלעמאָל עפּעס אזוינס, וואָס פירט איבער די לעקציע. העכסטנס דערקלערט עס א פּאָר ווערטער, וואָס וועלן זיך שפּעטער באַ־געגענען אין ווערק. אָבער אויב אין קאָנטעקסט, ביים לערערס לייענען, וועלן די קינדער פון דער גאַנצן אינהאַלט שוין ממילא באַגרייפן אויך די איינציקע ווערטער אין פולן זינען, ווי זיי זיינען באַנוצט אין טעקסט, איז עס אָבער ביי די פאַרויס־דערקלערונגען תמיד געמלאכהטע עפּעס

קינסטלער, וואס די קינדער ווייסן נישט צו וואס מען דארף עס און וואס גיט עס.

די טיר צום קינדס נשמה, וואס איז אממיינסטן אפן, איז די עסטעטישע. נישט די לאגיק, נישט די אידעען און געדאנקען אין זייער אבסטראקטער פארם זענען כאראקטעריסטיש פארן קינד, נישט קיין עלעמענטן פאסט עס אויף, נאר בילדער און סיטואציעס. דא איז זיין שאפונגסטיכיע און נאר פון דעם דעם גאנצן קאן קאן דאס קינד שפעטער אויסטיילען קלענערע דעטאלן, עלעמענטן. צוגרייטן דורך לאגישע, זאכלעכע אויפקלערונגען די קינסטלערישע ווערק — הייסט פשוט דערקלערן דאס באגרייפלעכע דורך דעם אומבאגרייפלעכן. בכן, הויבן מיר אן יעדעס נייווערק אין קלאס דירעקט פון גאנצן ווערק גופא. און דא ווען מיר נאכהאלטן די אלגעמיינע געזעצן פון דער קינדערשער תפיסה בכלל.

דעם קינדס תפיסה מאכט דורך מיטן עלטער פון קינד עטלעכע פאזן. לכתחילה כאפט דאס קינד אויף נאר אלגעמיינע איינדרוקן. קיינע דעטאלן. דאס אויפגעפאסטע האט נישט קיין קאנטורן באשטימטע, קיינע לאגישע דעפיניציעס, קיינע עלעמענטן ווערן נישט אויסגעטיילט, — עס איז, „פון ערשטן בליק" אויפגענומען ווי א גאנצס און מער נישט. — עס איז די מדרגה פון סינקרעטיזם. אין דעם עלטער איז אויך דאס דענקען ריין אינטואיטיוו, אן באגריפן, שטארק עמאציאנעל באפארבט, פאנטאסטיש־בילדעריש. עס איז דאס „פארלאגיש" דענקען. דער איינציקער מעטאד איז דאן די אנאלאגיע. ערשט שפעטער קומט די פעאיקייט אויפצונעמען עלעמענטן, צו אנאליזירן א גאנצע זאך אויף אירע באשטאנד־טיילן. דער סינטעז איז די העכסטע און די שפעטסטע מדרגה.

אט די דריי מדרגות מאכן מיר אלע דורך ביים אויפנעמען יעדע נייע זאך. די מדרגות גייען דורך אין זעלביקן סדר איינע נאך דער צווייטער אין א קירצערער צייט, אפט באמערקן מיר זיי נישט, אבער זיי זענען פאראן. דער אונטערשיד איז, וואס קינדער בלייבן שטיין אויף איינער פון די ערשטע צוויי מדרגות אפהענגיק פון זייער עלטער און גייסטיקער אנטוויקלונג. בעת מיר מאכן דורך אלע דריי מדרגות. אבער אויך נישט

אַרבעט־סכעמע איבער אַ ליטעראַריש־ווערק אין שול

צוועקן	עמאָציאָנעל דערציִערישער	קענטעניש און געניטונגען	ידיעות און בקיאות
מדרגות	א י נ ה אַ ל ט		
סינקרעטישע	אַלגעמיינע איבערלעבונג, עסטעטישע, עטישע אָנרעגונגען מצד דעם אינהאַלט און פאָרם.	הויפט־מאָטיוו, פאַרגלייך מיט ענלעכע מאָטיוון פון ליטעראַטור און פון לעבן־אויסדרוק.	פאַרגלייך־לעקטור לויט דעם הויפט־מאָטיוו.
אַנאַליטישע	צעגלידערונג פון ווערק אויף מאָמענטן, טיפּן, בילדער; באַציאונגען, אָפּשאַצונגען פון דעם אַלעמען. אינטעלעקטועל באַנעמען סיטואַציעס פון לעבן.	רעדן, דערציילן, פאָרמולירן. לייענען — פאַרגלייכן, אונטערשיידן: ענלעכס, וויכטיקערס אא״וו. שרייבן (ווי אין שורה 1). אָריענטאַציע אין לעבעדיקער סביבה.	באַגריפן, אויסדרוקן, פאָרמען, גראַמאַטיקאַלישער אַנאַליז און געניטונגען. פאַרגלייך־לעקטור לויט איינצלנע עלעמענטן, טיפּן, סיטואַציעס וכדומה. אויסדרוקן און פאָרמען פון דער שפּראַך שבעל־פה.
סינטעטישע	אויפשטעלן דאָס גאַנצע, האַרמאָניע פון טיילן צווישנאַנאַנד און מיט דעם גאַנצן, צווישן פאָרם און אינהאַלט (אַסאָציאַטיווע עסטעטיק); מאָטיוון און פאָרמען אין ווערק און אין לעבן.	דאָס זעלבע, וואָס אויף דער צווייטער מדרגה, קאָנסטרוקציע אין פאַרשידענע פאָרמען (וואָרט, בילד, מימיק און באַוועגונג), שאַפונג לויט אַנאַלאָגיע, באַגרייפן די לעבעדיקע סביבה.	שפּראַכלעכע, ליטעראַרישע, געשיכטלעכע און סאָציאַלע עלעמענטן און באַהערשונג פון פאָרמען.

תמיד. אפט בלייבן מיר אויך (אין געביטן ווייטערע, ווו מיר האבן ווייניק דערפארונג) אויף דער ערשטער מדרגה. לאמיר זיך דערמאנען דעם ערשטן איינדרוק פון א נייער שטאט, א ניי ווערק אדער בילד, אדער פון א סימפאניע פאר א מענטש, וואס איז מוזיקאליש נישט אויסגעבילדעט, אדער פשוט א נאטור־פייזשאזש פאר א מענטש, וואס „האלט נישט פון נאטור־שמור".

דאס לערנען שטרעבט טאקע איינצוגעווינען די קינדער, זיי זאלן די אלע מדרגות קאנען דורכמאכן אויף די געביטן פון שול־אינהאלט, פון לעבן אלזוי -- און זיי קאנען פארמולירן. אבער דער וועג, אויף וועלכן מיר פירן די קינדער, מוז זיין אין איינקלאנג מיט דעם נאטירלעכן תפיסה־וועג פון קינד.

בכן, האבן מיר ביים דורכנעמען מיט די קינדער א ליטעראריש ווערק אויך די דאזיקע דריי דידאקטישע מדרגות (נישט די, וואס הערבארט גיט), און דאס זענען זיי:

1. די סינקרעטישע, 2. די אנאליטישע און 3. די סינטעטישע.

אבער דער שפראך־לימוד אין שול איז דאך פילזייטיק. די פראגראם פון יידיש־לימוד ווייזט אז מיט רעכט אריבער א צענדליק ארבעט־געביטן, און זיי אלע ווילן מיר ארגאניש קאנצענטרירן ארום דעם לימוד פון ליטע־ראַרישע ווערק. און אויסער די געביטן, וואס זענען אויסגערעכנט אין פראגראם, קומט נאך איינער — דאס זעלבשטענדיקע לייענען פון די קינדער׳ וואס מוז סוף־כל־סוף אויך פארבינדן ווערן מיט דער קלאס־לעק־טור. אזוי ארום ווערט די סכעמע קאמפליצירטער.

מיר טיילן איין אלע מינים ארבעט פון יידיש־לימוד אויף דריי קאַ־טעגאריעס לויט די צוועקן, וואס זיי שטעלן זיך, אויף אזא אופן: 1) אר־בעטן, וואס זייער הויפט־צוועק איז די עמאציאנעל־דערציערישע זייט, 2) ארבעטן, וואס האבן אין זינען דערגרייכונגען אויפן געביט פון קענטענישן און געניטונגען. און לעצטנס 3) — ארבעטן צוליב בקיאות און ידיעות.

פארשטייט זיך, אז אין יעדן מין ארבעט קרייצן זיך מער ווייניק אלע דריי צוועקן. אבער דאך לאזט זיך תמיד אויסטיילן דער הויפט־צוועק.

אזוי, למשל, קאן מען צו דער צווייטער קאטעגאריע (קענטעניש) צורע־בענען: דערציילן, אינסצעניזאציע, פרייע שריפטלעכע ארבעטן אאז"וו. צו דער דריטער — לייענען פאר זיך, גראמאטיק וכדומה.

יעדע מדרגה פון דורכנעמען א ווערק דארף, ווי ווייט מעגלעך, זען צו האבן אין זינען אלע דריי צוועקן און אריינפלעכטן צוליב זיי די פאַ־סיקע ארבעטן.

אזוי ארום באקומען מיר א טאפעלע סכעמע, וואס איך וועל זי געבן צוליב באשיינפערלעכקייט־צוועקן אין א גראפישער פארם (זע טאבעלע.

עס טרעפט גאנץ אפט, אז די מדרגות זענען גארנישט בולט אפגע־טיילט פונאנאנד. עס קומט אוים צו פירן סינטעטישע ארבעט איבער קלענערע טיילן, נישט נאכן גאנצן ווערק, באלד נאכדעם ווי עס האט זיך פארענדיקט די אנאליטישע ארבעט איבער דעם געגעבענעם טייל. דאס שטערט לגמרי נישט דער סכעמע, עס הייסט נאר, אז מיר נעמען אויף יעדן טייל ווי א באזונדערן, מער ווייניק זעלבשטענדיקן מעטאדישן איינס. עס איז אויך לגמרי נישט נויטיק אויסצושעפן אומבאדינגט דעם סינקרע־טישן טייל, למשל, איינגאנצן, איידער מען טרעט צו צום אנאליז. פאר־קערט, דאס, וואס עס האט זיך נישט געלאזט דורכפירן בולקאס ביי דער ערשטער מדרגה, דאס וועט געלינגען ביסלעכווייז בעתן אנאליז, אאז"וו.

כדי צו קאנקרעטיזירן דעם צוגאנג צו א ווערק, וועל איך זיך דא טיילן מיט די חברים לערער מיטן אויפן, ווי אזוי מיר האבן דורכגעפירט אזא פלאן אין דער ווילנער שול א. נ. פון ל. גורוויטש. די לעקציעס גופא האבן געפירט די סעמינאריסטן פון פערטן קורס, ווי פראקטישע איבונג־שעהן אין שול.

מיר האבן גענומען פארן פערטן פאלק־שול „דאס מעסערל".

די ארבעט איז אנגעמערקט געווען אזוי: דער סינקרעטישער טייל דארף אויסער דעם איבערלייענען פון לערער געבן אן אויסדרוק דעם מיט־געפיל פון די קינדער צו שלומען, קלאר מאכן דעם אנוווקס און די מאר־ביוון פון זיינע ליידן (אומבאפרידיקטער באגער, געוויסן־יסורים), לייד־מערונג דורך יסורים און די סביבה ווי די סיבה פון זיינע ליידן.

אויף דעם זיינען לכתחילה געווען באשטימט 3 לעקציעס. דערביי איז יעדעס מאל ארויסגעגעבן געווארן שטוביקע ארבעט אזוינע: איבער־לייענען און אנמערקן די מאמענטן פון שלומס לײדן, איבערלייענען א צווייט מאל און באשטימען אלע שטעלן, ווו עס ווערט קלאר די ראלע פון פאטער ווי א סיבה פון דעם קינדס פאלן. דערביי איז דא וויכטיק צוצו־געבן אט וואס: די קינדער דארפן א געלערנטע זאך אינדערהיים נישט סתם לייענען („לערנט זיך אויס ג ו ט (?) לייענען"). אזוינע אויפ־גאבן אן א ציל, וואס זאל די קינדער זיין פארשטענדלעך, זיינען מעכא־נישע, זינלאזע פאר די קינדער און ווי אזוינע זיינען זיי שעדלעך. די איבונגען, וואס מיר פארגיבן, דארפן תמיד האבן א לאגישע אויפגאבע אויך — דאס לייענען מוז תמיד זיין פארבונדן מיט א קלארער און קאנ־קרעטער אויפגאבע. מהאי טעמא פארגיבן מיר נישט קיין סתם לייענען, נאר מיר פלעגטן תמיד אריין א לאגישע אויפגאבע, צוליב וועלכער דאס לייענען איז אומבאדינגט נייטק פאר די קינדער. ווייטער האט אויף דער מדרגה געדארפט קומען א שטוביקע פארגלייך־לעקטור פון דערציילונגען מיט ענלעכע מאטיוון (ליידן צוליב באגער) ווי „א פארשטערטער פסח", „אויפן פידל", „די פאן", „יאנקא מוזיקאנט". צוליב דעם, וואס די לעק־ציעס גופא ווערן געפירט דורך יונגע סעמינאריסטן, וואס טרעטן דאס ערשטע מאל צו צום לערער־טיש, האט זיך דער סינקרעטישער טייל פאר־צויגן אויף פיר לעקציעס, און נישט אלע מאמענטן זיינען אויסגעקלערט געווארן. עס איז אבער פארגעבן געווארן א שריפטלעכע ארבעט מיט אזא קעפל: „איך וועל עס מער קיינמאל, קיינמאל נישט טון".

די ערשטע לעקציע פון דער אנאליטישער מדרגה האט גענומען נאר דעם פראגמענט וועגן ערשטן מעסערל. די לעקציע איז געפירט געווארן ווי א געוויינלעכע לעקציע פון לייענען־מיט־דערקלערונגען. און דא וויל איך אויך צוגעבן: אלע דערקלערונגען גייען אנאליטיש — דער גאנצער פראג־מענט ווערט איבערגעלייענט, דער אינהאלט ווערט איבערגעגעבן וואס קירצער. ער ווערט צעטיילט אויף מאמענטן. די מאמענטן ווערן אנגערופן מיט נעמען פון פארשידענע קאטעגאריעס (דערציילערישע, עמאציאנעלע).

דאָ, למשל, זיינען געווען אזוינע נעמען: שלום מאכט זיך א מעסערל, דער טאַטע שרייט, די מאמע נעמט זיך אָן. פון דער צווייטער קאטעגאָריע: — אַט האָב איך שוין אויך א מעסערל; געוואלט, וואָס וויל דער טאטע! ס'אַראַ גוטע די מאמע איז. די נעמען גיבן די קינדער פאַרשידענע. מען קלייבט נישט דוקא די „שענסטע" נעמען, וויכטיק איז פריי לאָזן די קינדער שאפן, און מער נישט.

ערשט איצט קומט דער אנאליז לויט זאצן, אָדער גאָר קליינע פראַג־מענטן. דער זאכלעכער, שפראכלעכער אַנאַליז גייט אומבאדינגט צוזאמען מיטן אנאליז פון אינהאלט, פון די בילדער, טיפן אַזן"ו. דאן ערשט ווערט בולטער קלאָר דער זין פון יעדן וואָרט, יעדן אויסדרוק. שווערע ווערטער ווערן אויפגעקלערט נאָר אין קאָנטעקסטן, אין זאצן. איינציייטיק גייט אויך א פאַרשונג פון דער שפראך שבעל־פה — מיט מאָמענטן פון דער פאקטי־שער סביבה פון די קינדער; למשל — צונויפזאמלען אלע אויסדרוקן מיטן וואָרט „יאָר" (שוואַרץ־יאָר, מזלדיק יאָר, א גוט יאָר, א פינצטער יאָר וכדומה). אין צוזאמענהאנג מיט שלומס אויסדרוק „זאָלן מיינע חברים ויסן" — און מיט וואָס פיינט מען זיך בכלל אויס?" (מיט א גוט שפּילן אין פילקע, מיט גוטע מיינונגען, מיט א ניי קלייד...) קומט די פראגע: און ווי באציען מיר זיך צו א מענטש וואָס פיינט זיך אויס כ ס ד ר ? *)

---

*) דאָס וואָרט „כסדר" איז אין דער פראגע אונטערגעשטראָכן געוואָרן פרינציפיעל, ווייל מיר ווילן נישט אונטערהאלטן די כלומרשטע, צביעותדיקע פאַרשטעלונג, אז א גוטער מענטש איז נאָר דער, וואָס טוט קיינמאָל, קיינמאָל נישט קיין עברה, און אויב יאָ איינמאָל געזינדיקט, דאן איז שוין שלעכט. אזא צוגאנג פון לערער ווירקט פאטאל אויף דער דער־ציאונג פון די קינדער: אלע מענטשן זינדיקן, ביי אונדז אלעמען טרעפן זיך עברות. מיר דאַרפן אָבער צוליב דעם צו זיך נישט באציען ווי צו גע־פאלענע און פאַרפאלענע אָדער טון די עברות שטיל און האלטן אָפן אין איין שרייען „מען טאָר נישט!". צוגעוויינען די קינדער צו קאָנען אָפן דערציילן וועגן אייגענע עברות און מיט א שמייכל־באציאונג „אַט, עס

און — צי איז שלום באמת געווען אן אויספיינער. מיט די פּאָר ביישפּילן באַגנוגן איך זיך.

דער אַנאַליז פון ערשטן קאַפּיטל האָט פאַרנומען צוויי לעקציעס. די דריטע לעקציע האָט פאַרנומען די אינסצעניזאַציע פון אַלע געשפּרעכן פון ערשטן קאַפּיטל. דערביי זיינען געווען אַן א שיעור (און זייער טרעפלעכע) מאָמענטן פון קאָנסטרוקטיווער שאַפונג מצד די קינדער: די שטוב, דאָס מעבל, די האַלטונג פון די העלדן, דער טאָן פון רעדן — אַלץ ווערט צוגע־גרייט קאָלעקטיוו. דערביי איז ווידער פאַרגעבן געוואָרן א פאַרגלייך־לעקטור) דאָס שטוביקע, זעלבסטשטענדיקע לייענען פון די קינדער און דער קאָנטראָל!) מיט אזא טעמע: „פאַרשידענע טאַטעס" („מעסערל", „חנוכה־געלט", „ביים קעניג אחשורוש" און „א פאַרשטערטער פּסח"). דער קלאַס ווערט דערביי צעטיילט אויף קליינע גרופּעס. יעדע גרופּע גרייט זיך קאָלעקטיוו צו נאָר פון איין ווערק, פאַרגלייכנדיק מיטן טאַטן פון „מעסערל". דאַן קומט צו א קאָנסטרוקציע־מאָמענט: „דער פעטער בעני" פון „חנוכה־געלט" ווי א טאַטע, און א שמועס פון אַלע פינף טאַטעס אויף איין טעמע, און געפינען צווישן די „באַקאַנטע לעבעדיקע טאַטעס" אַזוינע, וואָס זיינען ענלעך צו איינעם פון די פינף. ווייטער איז דורכגעפירט געוואָרן א צווייטע קאָלעקטיווע גרופּן־אַרבעט אויף פאַרגלייך־לעקטור — אד"ט: „ליידן צוליב באַגערן" (אויפן פידל, תתחדש, פאַרשטערטער פּסח, די פּאַן, יאַנקאָ מוזיקאַנט). צו דער לעקציע וועלן זיך די קינדער גרייטן אויף א קלוב־שעה אונטער דער השגחה פון די לערער און מיט זייער הילף**)

טרעפט זיך ביי מיר א נאַרישקייט" — דאָס איז א גרויסער אויפטו אין דער עטישער דערציאונג.

**) דאָס פאַרבינדן דעם קלוב מיט דער שול האַלטן מיר פאַר אומ־געהייער וויכטיק פון ריין־דערציערישער זייט און פאַר א דרינגענדיקער אויפגאַבע פאַר אונדזער שול אין היינטיקן מאָמענט. אין דער פראַגע זיי־נען מיר קאַטעגאָריש קעגן דער זעלבשטענדיקייט פון קלוב.

עס איז ווייטער געווען אַ שריפטלעכע שטוביקע אַרבעט — אַ שמועס פון טאַטע־מאַמע וועגן שלומקען און זיינע שפּילערייען. קינדער האָבן באַשריבן זייערע טאַטעס, געשאַפן און אינסצענירט שמועסן צווישן די פאַרשידענע מאַמעס.

די ווייטערדיקע לעקציעס זענען געווען אַזוינע:

1. אַנאַליז פון קאַפּיטל ב׳. די סכעמע איז דאָ געווען עטוואָס פאַרענדערט — נישט פון לעקטור צום אַנאַליז, נאָר פון די סיטואַציעס צום טעקסט. בכלל דאַרף די פאָרם פון אַנאַליז נישט זיין קיין שאַבלאָן־מאָסיקע.

2. די אָפּהאַנדלונג וועגן די טאַטעס אין פאַרשידענע דערציילונגען. וואָס די קינדער האָבן געדאַרפט זעלבסטשטענדיק איבערלייענען.

3. אָפּגעגעבן די שריפטלעכע אַרבעטן.

4. איבערגעריסן די אַרבעט איבערן „מעסערל״ מיט נסתרם ,,אַ מעשה מיט אַ האָן״ (עס איז געווען פּרייטיק). אָן אַן אַנאַליז.

5. שריפטלעכע אַרבעט: אַ שמועס צווישן טאַטע־מאַמע, שמועסן צווישן פאַרשידענע טאַטעס און מאַמעס פון די געלייענטע ווערק.

6. ווייטערדיקער אַנאַליז פון טעקסט. דערביי גראַמאַטיקאַלישע איבונגען: לייענען אין 3־טער פּערזאָן, שרייבן עס, פון קעגנוואַרט איבערפירן אין פאַרגאַנגענהייט. אַרבעט איבער העברעאישע עלעמענטן, וואָס באַגעגענען זיך אין טעקסט.

7. אַן אָפּהאַנדלונג וועגן די פאַרשידענע לײדן פון די קינדער אין די געלייענטע ווערק.

8. דער ווייטערדיקער אַנאַליז פון טעקסט*). מחמת מיר האָבן געוואָלט ביז פסחענדיקן די גאַנצע אַרבעט איבערן „מעסערל״, האָבן מיר אויף די לעצטע לעקציעס געפירט נאָר דעם אַנאַליז פון טעקסט און דאָס אויך נישט גענוי.

---

*) אויף אַ פּאָר לעקציעס מיט טעקסט אַנאַליז איז געווען אָנגעווענדט דער מעטאָד פון שטילן לייענען פאַר זיך ד. ה. די ערשטע עטלעכע מינוט פון דער לעקציע האָבן די קינדער אליין און פאַר זיך געדאַרפט איבערלייע־

צום סוף האָבן מיר צוגעגעבן איין לעקציע פון אן אלגעמיינעם סינ־טעטישן כאַראַקטער. די דאָזיקע לעקציע האָט סומירט דעם אינהאַלט פון דער דערציילונג אין קורצע בילדערישע זאצן. דאן — א פראגע: וואָס וואָלטן געטאָן די קינדער ווען עס קומט אריין אין קלאַס שלומקע (דער העלד פון „מעסערל"). דאָ איז געקומען צום אויסדרוק די באַציאונג פון די קינדער און עס זענען געווען ארויסגעזאָגט זייער פיינע גדאַנקען, ווי למשל: „אוי, שלומקע, האָסטו געליטן!", „פארגעס שוין דיינע צרות" — „מען דאַרף נישט זאָגן „פארגעס", ווייל, ווען מען זאָגט „פארגעס", דערמאָנט מען דאָך דווקא"... די קינדער ווען שרייבן א בריוו צו שלומקען. דאן ווייטער — א שטיקל דעבאַטע אין קלאַס וועגן די סיבות פון קינדס ליידן אין אן אלגעמיינער אויספיר, אז אין דער דערציילונג רעדט זיך וועגן צרות „פון א גרויסן חשק" אָדער פון א „שטרעבונג צו עפּעס".

אינגאַנצן האָט די גאַנצע ארבעט צוגענומען 17 לעקציעס (אויסער די „מעשה מיטן האָן"), פון זיי האָבן פופצן לעקציעס געפירט כעמינאַ־ריסטן און צוויי — דער שרייבער פון די שורות. פארשטייט זיך, אז נישט אלע לעקציעס זענען ארויס ווי געהעריק. דאָך האָבן די קינדער זיך שטאַרק אריינגעלעבט, און אויב ביי די ערשטע לעקציעס האָבן זיך געלאָזט הערן טענות, אז שוין גענוג מיטן „מעסערל", זיינען צום סוף לגמרי אזוינע טענות נישט געדאַכט געוואָרן. פאַרקערט, האָט מען אין די קינדערשע העפטן געקאָנט געפינען פרייע קאָמפּאָזיציעס און ארבעטן. עס איז געווען אין קלאַס א געהויבענע שטימונג. די קינדער האָבן דעם טעקסט געקאָנט במעט אויסנווייניק, מען האָט גערעדט מיט ציטאַטן, פריי אָפּערירט מיט בילדער. מען האָט אסימילירט גוט דעם מאַטעריאַל מיט דער פאָרם צו־זאַמען, און זייער פיל באַקומען אין זינען פון אָריענטאַציע אין דער איי־

נען דעם באַטרעפנדיקן פראַגמענט און געבן אן ענטפער אויף א פארגעבענער אויפגאַבע. דאָס דאַרף פּראַקטיצירט ווערן אָפּט ווי אן איבונג אין זעלבשטענדיקן לייענען. (אין פּראָגראַם פון יידיש פעלט אן אָנווייזונג וועגן דעם).

גענער סביבה און אין אויסדרוק־פארמען. א לאנגע צייט זיינען די סעמי־נאריסטן געווען פארצווייפלט, ווייל עס האט זיך זיי אויסגעדאכט, אז די קינדער נעמען נישט אויף ווי געהעריק דעם מאראלישן כאראקטער פון דעם העלדס ליידן. אין די ארויסזאגונגען פון די קינדער האט מערער פי־גורירט דער עלעמענט פון פיזישער מורא, נישט געקוקט אויף דעם, וואס מיר האבן זיך כסדר באמיט אונטערצושטרייכן דעם מאמענט פון געוויסן. צום סוף האט זיך ארויסגעוויזן, אז די שרעק איז נישט באגרינדעט. נישט געקוקט אויף דעם, וואס נישט די סביבה און נישט די עלטערן פון די קינ־דער גופא האבן זיי נישט געגעבן קיין געניטקייט צו אפערירן מיט בא־גריפן פון מאראלישן כאראקטער, נישט געקוקט אויף דעם, וואס א גרויסער טייל לעקציעס טעכניש־שוואכע האבן עס אויך נישט געגעבן. — נישט געקוקט אויף דעם אלעם האט די קינסטלערישע גאנצקייט פון ווערק און די גאנצקייט פון דער באארבעטונג געגעבן די מאראלישע איבערלעבונגען, דעם מיטגעפיל און שפעטער אויך די געהעריקע אויסדרוקן.

עס זיינען אויך ארויסגעזאגט געווארן ספקות בנוגע צו דער עצם צוגעפאסטקייט פון מאטעריאל פאר אונדזערע היינטיקע קינדער פון דער גרויסער שטאט. יענע סביבה איז דאך אזוי ווייט און פרעמד. אויך די ספקות האבן זיך ארויסגעוויזן פאר לגמרי נישט באגרינדעט. בעת די קאנסטרוקציע־ארבעטן האבן קינדער ארויסגעוויזן אזוי פיל באאבאכטונג־פעאיקייט און אזא נאַטקייט, אז שוין נאך די ערשטע לעקציעס זיינען די ספקות אפגע־פאלן.

דערמיט האבן מיר די אייגנטלעכע ארבעט פארענדיקט. עס איז אבער געבליבן אויף נאך פסח א סיום־פייערונג. דאס איז די קינדער פארגעלייגט געווארן, און זיי האבן זיך גערן גענומען גרייטן צו אזא יום־טוב. דער לעצטער וועט ווארשיינלעך באשטיין פון עטלעכע טיילן:

א) פארלייענען פון טעקסט־פראגמענטן.

ב) פארלייענען אפגעקליבענע קינדערשע שריפטלעכע ארבעטן (דאס אפקליבן ווערט דורכגעפירט דורך די קינדער גופא).

ג) אינסצעניזאציעס און

ד) אפשר א ,,פארטראג" פון איין קינד וועגן ,,מעסערל". עס גרייטן זיך אויך איניקע בילדער, אילוסטראציעס צום ,,מעסערל" אונטער דער אנפירונג פון דער צייכן־לערערין. צום סיום וועלן איינגעלאדן ווערן די איבעריקע קלאסן פון שול.

די בילדער און די העפטן מיט די אפגעקליבענע ארבעטן וועלן בלייבן אין שול.

אזוי ארום דערגרייכן מיר ווידער א פארבינדונג פון קל״ב, פון פארוויילונג מיט דער נארמאלער ארבעט אין קלאס. דאס, וואס שטערט געוויינלעך איינס דעם צווייטן, ווערט דא איין גאנצע זאך. די דאזיקע פארבינדונג צווישן שול און קלוב, פון לימוד אין שול און קאלעקטיוון לעבן אין שול — דאס איז ביי אונדז איינע פון די אקטועלסטע טעמעס אין סעמינאר. דעם דאזיקן פרינציפ באמיט זיך אויך ארייננצופירן אונדזער פראגראם פון נאטור־לימוד. נאך בולטער שטרייכן מיר עס אונטער אין דער ,,שטאט־פארטיילונג פאר נאטור־לימוד". מיר האלטן דעם וועג פאר דעם ריכטיקסטן פרינציפיעל און טעכניש גרינגסטן צו דערפירן אונדזער שול צו דער קאלעקטיווער שעפערישקייט לויט די פאדערונגען פון דער מאדערנער פעדאגאגיק.

כמייו נישט, דאס איז דער איינציק מעגלעכער און ריכטיקער וועג צו באארבעטן א ווערק. איך האלט עס נאר פאר א מ ע ג ל ע כ ן ביישפיל, וואס זאל אילוסטרירן די גדאנקען, וואס זיינען ארויסגעזאגט אין ערשטן טייל פון דעם ארטיקל.

מיר זיינען געבליבן זייער צופרידן פון דעם צוגאנג. ה' מ. יפה האט דעם זעלביקן מעטאד גענומען אין זיבעטן קלאס. גענומען האט מען זיך דארטן צו ,,קידוש־השם". די גאנצע ארבעט ווערט דארטן פראטאקאלירט דורך די תלמידים און עס וועט זיכער זיין אן אינטערעסאנטער צושטייער צו אונדזער מעטאדיק פון יידיש־לימוד.

באמערקונג: — פון דער צייט ווען די סבעמע איז דאס ערשטע מאל דורכגעפירט געווארן זיינען אוועק א סך יארן. צוזאמען מיט די

געוועזענע תלמידים פון דעם יידישן לערער־סעמינאר אין ווילנע איז דער מעטאָד פון גאנצע ווערק צעטראָגן געוואָרן אין אלע ווינקעלעך ווו נאָר יידן האָבן יידישע שולן. אייניקע פון יענע געוועזענע תלמידים האָבן שוין אין זייער ווייטערדיקער שול־ארבעט מער קיין שום כרעס־טאמאטיעס ניט גענוצט. אייניקע פון זיי האָבן די סכעמע פון דער באארבעטונג געמאכט פיל ברייטער און טיפער, נאָר די פּרינציפּן זיינען געבליבן. מיר זיינען באקאנט געוואָרן אייניקע ווערטפולע מעטאָדישע ארבעטן. לײדער איז אונדזער פּעדאגאָגישער קאָלעקטיוו שוין לאנג צעשאָטן געוואָרן און איצט... ווער ווייס וואָס, ווער און ווו עס איז נאָך געבליבן, גאָט?!!

מען האָט מיר איבערגעגעבן, אז אין די דרייסיקער יאָרן, ווען איך בין געווען אפּגעריסן פון די יידישע שולן אין פּוילן, זאָל דער פּעדאגאָגישער צענטער פון ציש"אָ האָבן באקעמפט דעם מעטאָד. אין א מעטאָדיק וואָס איז געדרוקט אין 1939 איז וואַרשע האָבן איך געפונען א רמז אויף דעם אָבער אָן א באגרינדונג.

די שפּעטערדיקע וואנדערונגען איבער יידישע שולן אין ווייטע לענדער האָבן אונדז פולשטענדיק איבערצייגט, אז דער פּחד פאַר ניט־צוגעפּאסטקייט פון דעם ליטעראַרישן מאטעריאל פון איין תקופה און איין יידישן קיבוץ אין אנדערע סביבות און אין אנדערע תקופות איז לחלוטין ניט באגרינדעט. דאָס טיף נאציאָנאלע און קינסטלעריש גאנצע איז גוט און פּאסיק אומעטום און אלע מאָל. זיינען דאָך די „ספרים" אונדזערע, די שאפונגען פון דער אלטער און פון דער נייער יידישער ליטעראַטור געווען און וועט בלייבן דער צעמענט וואָס האָט און וואָס וועט באהעפטן אונדזערע צעשפּרייטונגען איבער לענדער און איבער צייטן.

וואָס מיינט אינטעגראלע יידישקייט.

איסער אלע צרות וואָס גיסן זיך אויף אונזער קאָפּ איז נאָך בּאראַן נאָך איינע: עס איז ביי אונדז א דור הפלגה: איינער פארשטייט ניט דעם צווייטן און איינער וויל ניט פארשטיין דעם צווייטן. דער קלוגער קריטישער לייענער, דער אמאָליקער קורא נכבד, ער ווייס אייגנטלעך פון פריער וואָס איר שרייבט. איטלעכער שרייבער האָט שוין פון שטענדיק ביי אים זיין „מארקע" ווייס ער דאָך שוין פון פאָרויס וואָס אָט די מארקע שרייבט און וואָס יענע. טאָמער געפינט ער ניט וואָס ער דאַרף געפינען, טאָמער שרייבט גאָר דער שרייבער ניט דאָס וואָס ער דאַרף שרייבן לויט דער סכעמע פון חשובן לייענער, גיט ער זיך אן עצה און לייענט „צווישן די שורות" און קריטיקירט וואָס ער אליין האָט אייך צוגעשריבן און גענוג. און אזוי אָפּעּ רירט מען ביי אונדז מיט אלטע און פארעלטערטע פארשטעלונגען און באַגריפן און מען וויל זיך אָפּט ניט מטריח זיין אויפצונעמען א נייעם געדאנק, וואָס פּאסט זיך ניט אריין אין די אלטע סכעמעס פון אמאָל. אפשר איז די דערשיינונג פארבונדן מיט דעם הויכן דורכשניטלעכן פיזישן עלטער פון דעם יידיש-לייענער. אָבער ווי עס זאָל ניט זיין, — א מכה איז דאָס.

* *
*

איינע פון אָט די פארעלטערטע מכות איז אונדזער אידעאישע צעשפּליטערטקייט אָן א סוף, וואָס באזירט זיך אלץ אויף גאנץ אלטע און לאנג פאַרעלטערטע פרינציפּן. מיר זענען צעבראָקלט אויף א סך מינים רעליגיעזע

יידן און א סך מינים וועלטלעכע; אויף פילערליי ציוניסטן און אַן א שיר גלותיסטן; העברעאיסטן און יידישיסטן; אויף נאַציאָנאַליסטישע און פּאַר־קערטע, סאָציאַליסטישע פון אַלערליי טיפּן און פאָרמען; אויף קאָמוניסטן און אַנטי; אויף אַנהענגער פון איין לאַנד און אויף חסידים פון א צווייטן און אזוי אָן א סוף און אָן א ברעג. שוין ניט רעדנדיק וועגן אָט דער גרויסער און אמתער טראַגעדיע וואָס פון איין פאָלק מיט כמעט איין שפּראַך און איין שטייגער אין מזרח־אייראָפּע זענען מיר צעברעקלט געוואָרן אויף אַן א שיר שבטים און שבטימלעך — אין וויפל מדינות מיר האָבן זיך צעזייט און צעשפּרייט.

און וואָס איז דער הצד השווה, דער אַלגעמיינער סימן פון אַלע גרופּעס, סעקציעס, פראַקציעס, ריכטונגען, קרייזן, פּאַרטייען און סובפּאַרטייען א. א. וו.?

דער אַלגעמיינער סימן מובהק איז וואָס איטלעכע גרופּע זוכט ווי מיט ליכט אָפּצושיידן זיך פון אַלע אַנדערע ריכטונגען, האַלט ניט פון זיי און האָט זיי פיינט. מען זוכט זיך אויס אַלערליי נעמען, אַדיעקטיוון, ביינעמען כדי אונטערצושטרייכן אַז מיר זענען חלילה, ניט קיין געוויינטלעכע יידן, מיר זענען עפּעס אָפּגעזונדערט, אַנדערש אין, זייט אַזוי גוט, מישט אונדז ניט צונויף מיט אַלע אַנדערע יידן. איטלעכע פון די אַלע ריכטונגען זאָגט זיך אייגנטלעך אָפּ פון דער „געוויינטלעכער" יידישקייט, וואַרפט עס אָפּ און לאָזט פאַר זיך איין עלעמענט — אָט דאָס איז אונדזער יידישקייט און ווייטער ניט; איטלעכע גרופּע אין יידנטום איז א פראַקציאָנעלע, זי אַנערקענט בלויז איין פראַגמענט פון דעם אַלעם וואָס דאָס יידיש פאָלק האָט געשאַפן. האַלט די יידישע אָרטאָדאָקסיע נאָר פון רעליגיע און דאַגעגן לייקנט זי אין אַלץ וואָס עס איז נישט רעגיסטרירט אין שולחן־ערוך, לייקענען די וועלטלעכע אַלץ פאַרקערט וואָס עס טראָגט א רעליגיעזן חותם, וואַרפן אָפּ די העברעאיסטן אַלץ וואָס עס איז פאַרבונדן מיט דעם יידישן לשון, אפילו דעם נאָמען ייד באַמיען זיי זיך צו פאַרבייטן מיט דעם נאָמען „עברי". האַלטן ניט די יידישיסטן פון אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט העברעאיש. האַלטן משכילים און זייערע נאָכגייערס זייער שטאַרק פון תנ"ך,

אָבער דערפאַר האָבן זיי שוין גאָר ניט ליב דעם תלמוד און די גאַנצע תלמודישע ליטעראַטור. און אַזוי כסדר, אַז אַ סוף: איטלעכע גרופּע און ריכטונג האָט זיך אָפּגעקליבן איין שטיקל פון יידישקייט, אָפּגעשניטן איין טייל פון דעם גאַנצן פירטויזנט יאָריקן שאַפן פון יידישן פאָלק, און זיי ווילן מיט דעם טייל פאַרשטעלן דאָס גאַנצע. ווען משה האָט צעבראָכן די לוחות, האָבן יידן געכאַפּט איינציקע שטיקלעך, — ווער עס האָט געכאַפּט דעם „לא" און ווער — דעם „תגנוב" און איטלעכער מיינט אַז זיין שטיקל איז די כל התורה כולה און ער וויל פון דעם איבעריקן ניט וויסן.

אָבער — די שענסטע אויגן ווען מען נעמט זיי אַרויס פון קאָפּ, זענען טויט, דער שענסטער קאָפּ ווען מען שניידט אים אָפּ פון גוף, איז אָפּגעשניטן — כרת און ער קען מער ניט לעבען.

און יידן וואָלטן געמעגט פאַרשטיין, אַז אויך אונדזער יידישקייט — אַלדאָס וואָס עס איז אָנגעזאַמלט אין שריפטן, אין זיטן און מנהגים, אין ווערטלעך און אידיאָמען, אין כאַראַקטער־שטריכן און אין פירונגען — אַלדאָס איז אויך אַזוי אָרגאַניש ווי אַ לעבעדיקער גוף, און ווען מען שניידט אויס איין טייל פון דעם קען עס ניט לעבן, בשום אופן ניט. מעג עס זיין די גרעסטע געניאַלע שאַפונג פון יידישן גייסט, מעגן זיך מיט דעם באַגייסטערן מילי־מיליאָנען מענטשן, קען עס, אויסגעשניטן און אויסגעטיילט פון אַל דעם גאַנצן סכום יידישקייט, ניט לעבן און ניט איינהאַלטן די יידישקייט פון די וואָס האַלטן בלויז פון דעם און מער ניט. פון בראשית ברא און ביז יוחנן דעם מלמד (פּרץ), יאָסל דעם פּולם (לייוויק) און נח דעם גייער (מנחם) גייט עס איין גאַנג, איין גאַנצקייט ווי פון די טיפסטע וואָרצלען ביז די דינסטע צווייגן און צווייגעלעך. און וויי איז צו דעם בוים וואָס זיינע וואָרצלען פאַרדאַרן און וויי און ווינד איז צו אַ בוים וואָס מזיקים־שעדיקער פרעסן אָפּ זיינע קנאָפּסן וואָס פון זיי קומען אַרויס די נייע צווייגן!

אַט דאָ ליגט עס דער זינען פון דעם וואָס מיר רופן אַן אינטעגראַלע יידישקייט — פון בית־לחם און ביז קאַסרילעווקע ציט זי זיך, די גאָלדענע קייט, די גאַנצע און אָרגאַניש וואַקסנדיקע יידישקייט, — און זי קען לעבן בלויז ווען זי איז גאַנץ. אין אַ קייט אַז מען נעמט אַרויס איין רינג, — איז

די גאנצע קייט צעריסן — אין געביידע פון יידישן לעבן און שאפן אז מען נעמט ארויס איין שטיין, פאלט איין די גאנצע געביידע. דער תנ"ך — די אוניווערסאלסטע שאפונג פון גאר דער מענטשהייט — ווען מען נעמט אים אן דעם תלמוד און אן אלעם דעם וואס איז אין דער לעבעדיקער טראדיציע פון פאלק אנגעוואקסן אויף אים, אן דעם אלעם איז דער תנ"ך פאר אונדז ניט מער ווי א טויטע צירונג, א שיינע אלטע וואזע וואס מען היט אין שאפע. קיין לעבעדיקער פאקטאר ווי הייוון אין טייג, ווי פערמענטן און וויטאמינען אין ארגאניזם פון פאלק איז דער אויסגעזונדערטער תנ"ך שוין מער ניט.

דאס האבן שוין גוט געוווסט די בעלי התלמוד, וואס זיי זענען עס געווען די שעפער פון אייביקער יידישקייט, זיי האבן עס געפילט בהויש און שטארק באקעמפט די „תנכיסטן" פון זייער צייט — די צדוקים; שפעטער האבן די טראדיציע־געטרייע יידן באקעמפט די קאראימען, און נאך שפעטער — די משכילים. פאר אונדז איצט איז דער תלמוד ניט מער קיין תורה שבעל פה, נאר אויך א פארשריבענע, שבכתב און אן די ווייטערדיקע אנוווקסן קען ער ניט העלפן דעם קיום פון פאלק.

זיכער, נאך היינט איז אין תלמוד מער יידישע ספעציפישקייט איידער אין תנ"ך, מער נשמה. געוויס האט דער תנ"ך ביי אונדזערע מאדערנע יידן מער חשיבות און אנזען נאר דערפאר ווייל ער איז חשוב ביי לייט, און די לייט האלטן פון תנ"ך טאקע דערפאר וואס זיי קענען אים אבסטראגירן פון יידישן פאלק, פון יידישקייט. ערשט אין תלמוד אבער זענען געקומען צום אויסדרוק די אלע אייגנטימלעכקייטן וואס האבן געגעבן א ריכטונג דעם יידישען פאלק צווישן פעלקער; עס איז א שאד וואס אפילו די וועלטלעכע יידן וואס האבן זיך שוין מתיר נדר געווען אויף א שטיקל תנ"ך, האבן נאך אלץ מורא פאר א שטיקל גמרא. אבער דאך קען אויך דער תלמוד אליין אן ווייטערדיקע אנוווקסן ניט זיין מער ווי הייליקע באלזאמירטע מעקסמן, און מיט זיי אליין קענען יידן ניט לעבן.

א מענטש וואקסט און אנטוויקלט זיך. קעמערלעך (סעלס) קומען פון קעמערלעך, געוועבן אנטוויקלען זיך פון פריערדיקע, נייגינגען און כאראק־

טער פון דערוואקסענעם זענען טראנספארמירט (א גילגול) פון דעם וואס עס איז געווען אין קינד. ניטא אין מענטשן — אין זיין גוף ווי אין זיין גייסט גארנישט וואס עס איז פון פריער ניט געווען אין אים אין זיין קינדהייט.

און א פאלק ווי א מענטש: אלץ מוז ארגאניש אנוואקסן (א דאנק דער דערנערונג) פון אינעווייניק, פון דעם איינגעפלאנצטן אין די פריערדיקע דורות, אין דעם פאלקס קינדהייט. דאס איז טראדיציע, מסירה און קבלה, אדער גאר „הלכה למשה מסיני" און ריש"י טייטשט עס אויס — „קבלה כאבותינו" — מיר האבן דאס איבערגענומען דור פון דור, ס'איז א גאנג אזא פון משה און ביז אונדז.

אט דאס איז דער זינען פון אינטעגראלער יידישקייט. „אלץ וואס א תלמיד ותיק וועט ווען עס איז מחדש זיין אין גייסט פון יידישקייט איז געגעבן למשה מסיני" — דאס נייע וואס אנטוויקלט זיך אין יידישקייט, וואס וואקסט אן אין טראדיציע ווי נייע צווייגן אויף אלטע שטאמען — דאס איז אזוי הייליק אין אזוי וויכטיק ווי דער אלטער קאנאן פון פארהייליקטן אלטן. דער הייליקסטער בוים וואס עס וואקסן אויף אים ניט מער קיין נייע צווייגן איז טויט, און מיט טויטער הייליקייט און מיט הייליקע טויטע קען אונדזער יידיש פאלק ניט לעבן ווייטער. אט דאס מיינט סינטעטישע יידישקייט.

א שאד וואס אזוי ווייניק יידן ווילן דאס באגרייפן, א שאד וואס אזוי פיל יידן, כמעט אלע יידן האלטן כסדר פון פראקציאנאלער יידישקייט און נים מער, פון שטיקלעך און ווילן בשום אופן ניט אנערקענען די גאנצע יידישקייט און דאס גאנצע יידנטום, א שאד.

*   *

*

און נעמען נעמט זיך עס פון דעם וואס עס פעלט אונדז א „וויטאמין" אזא, א גייסטיקער, דער וויטאמין פון ליבע און דרך־ארץ צום אייגענעם

פאָלק. ווען די רוהיישע אינטעליגענץ האט זיך איבגעקערט צו איר פאָלק, איז איר אַלץ דעם פאָלקס געוואָרן ליב און אנגענעם. אפילו די בלוזע די פויערשע איבער די הויזן — אַלץ. ביי אונדז אבער איז דאָ גאָר אנדערש: מיר קענען זיך ניט אנערקענען פאר פשוטע יידן, סיידן מיר ווארפן אָפּ א סך עלעמענטן פון פאָלקס לעבן און פון זיין אינהאלט. פאר אונדז אלעמען איז „שניפעשאק", „איישישאק" געוואָרן א שפּאָט לשון, צו שאנד און צו שפּאָט ביי אונדז אליין. מיר אליין, די בעסטע פון אונדז האָבן נאָך ניט באוויזן זיך דורכצודרינגען מיט דער שטילער מענטשלעכער פעסטקייט פון ווילנער שול־הויף און פון בערדיטשעווער יאריד. אין אונדז אליין האָט עס נאָך ניט אויסגעשריען אינעווייניק: דרך־ארץ, שנעקעס; פאר דער אייביקייט פון אייער שטאם! און מען מוז דאָס איינוואָרצלען אין אונדז. אָז דעם ווערן מיר צעפיצלט, צעשטויבט און צעברעקלט — שערבלעך פון א פאָלק און ניט קיין פאָלק.

בלויז דריי יידישע שרייבערס האָבן פארמאָגט אָט די אהבת ישראל וואָס איז נייטיק פאר דער אינטעגראלער יידישקייט, דאָס זענען שלום־עליכם, אַנ־סקי און פּרץ. כ'האָב געפּרובירט אריינפירן מענדעלן מוכר ספרים אין שול, און איבערגעריסן: זיין בייסיקע סאטירע קען ניט איינפלאנצן קיין אהבת ישראל. און אָז דעם צוליב וואָס לערנען?

* *
*

דער פּרינציפּ פון אינטעגראלער יידישקייט איז דער עיקר נויטיק אין דערציאונג. און צום אומגליק זענען אלע אונדזערע יידישע שולן כמעט אָז אויסנאַם פראקציאָנעלע. ניטאָ אין זיי קיין גאנצע יידישקייט פון אברהם אבינו און ביז אונדז. איטלעכע גרופּע און ריכטונג נעמט זיך איר שטיקל און פאַרוואַרפט מיט שנאה און האָס אלדאָס איבעריקע. איך קען דעם יידישן שול־וועזן פון אלע ריכטונגען איבער גאָר דער וועלט, און איך קען זיך ניט דערמאָנען קיין אינטעגראלע יידישקייט אין דערציאונג. איין פּרווו אזא איז

מיר באקאנט, איז ער ווייט ניט קיין אנערקענטער, ווייט ניט פארשפריי־טער. און דער געדאנק פון אינטעגראלער יידישקייט אונטער דער אדער אן אנדער נאמען פולסירט שוין אין די מוחות און נאך מער אין די הערצער פון א סך וואכע יידישע מענטשן. אפשר איז שוין די ריכטיקע צייט זיי זאלן זיך צונויפרעדן און נעמען ווירקן ענערגישער אין יידישן לעבן. ווארום — אדער־אדער: אדער עס וועט זיין א יידיש פאלק, וועט עס זיין אויף דעם באזיס פון אינטעגראלער יידישקייט, אדער... זאל שוין בעסער קומען א סוף אויף אלע שונאי ישראל...

פרינציפן פון אינטעגראלער יידישער דערציאונג.

1. אין אמעריקע ווי אומעטום קענען יידן לעבן נאר מיטן כוח פון ארגאניזירטן יידנטום. די מעגלעכקייט פאר יידן יחידים צו לעבן אין אמעריקע ווי יחידים-בירגער מיטן כוח פון אלגעמיינע געזעצן, פרייהייטן, קאנסטיטוציעס און רעכט-טראדיציעס איז איצט שוין אן אילוזיע און וועט ווערן אזא אלץ מער און מער. פארלאזן זיך אויף יורידישע פרייהייטן און ליבעראלע געזעצן איז נישט קליגער ווי פארלאזן זיך אויף פאפירענע בריקן.

2. דער קיום פון יידן איז אפהענגיק פון קיום פון יידנטום. די איינ־ציקע גאראנטיע פארן קיום פון יידן איז די צילוויסיקע ארגאניזירטקייט און די צילגעוועגדעטע אקטיווקייט פון יידישע פאראייניקטע און דיסצי־פלינירטע קאלעקטיוון. און דעריבער טאר מער נישט זיין ביי יידן קיין ליבעראל-אינדיווידואליסטישער (און ריכטיקער א הפקר אנארכישער) צוגאנג צו יידישקייט און יידישע פליכטן ביי באזונדערע יידן. יידישקייט איז מער נישט קיין פריוואטע זאך פון איטלעכן יידן באזונדער.

3. אמעריקאניזירן זיך, ד"ה איינווארצלען זיך אין אמעריקע, פאר־זיכערן אן ארט פאר זיך און פאר דורות נאך זיך, וועלן יידן קענען נישט דורך צופאסן זיך צו דעם הערשנדיקן פאלק און זיינע טראדיציעס, נייערט פארקערט — דורך יידיזאציע.

4. „יידיזאציע" מיינט — סאציאלע עקאנאמישע און פאליטישע ארגאניזירטקייט און פארזיכיקייט ווי אויך נאציאנאלע דיסציפלין פון ארגאניזירטן יידנטום איבער יחידים יידן. אזא דיסציפלין און נאציאנאלע

פארפליכטקייט איז לגמרי נישט קעגן דעמאקראטיע. פארקערט, דעמאָ־קראטיע מיינט די רעכט פון דעמאָס־פאָלק־קאָלעקטיוו איבער דעם יחיד. די יחידישע „כל הישר בעיניו" איז הפקר־אנארכיע, אָבער דאָך נישט קיין דעמאָקראטיע.

5. מהאי טעמא דארף די גאנצע ענערגיע פון אלע צילוויסיקע יידן געווענדעט ווערן צו שטארקן די נאציאָנאַל־קאָלעקטיוויסטישע שטרע־בונגען, צילוויסיקייט, אָרגאַניזירטקייט און אקטיווקייט פון יידן אין אלע לענדער און איבער אלע לענדער.

דאָס איז בפירוש א כל ישראל פאָליטיק און א ריכטיקע! דאָס איז דער זינען וואָס מיר אין אונדזער דור דארפן ארײנלייגן אין דעם אייביקן „שמע ישראל" — אויב שמע, איז דאָ א ישראל און אן אחד!

6. אָט די פאקטאָרן זענען פסיכיש־מאָראַלישע אײַנגעשאפטן און זיי קענען אײַנגעפלאנצט ווערן דורך דערציאונג אין שול און אין סביבה. סביבה דארף און קען אײַנפלאנצן געוווינהייטן, רעגילתדיקע אקטיווקייט, און במילא — מיינונגען, סימפאטיעס און נייגונגען. שול דארף צוגעבן: צילוויסיקייט און אינטעלעקטועל־גייסטיקע אײַנגעוואָרצלטקייט אין יידיש־קייט, אײַנגעפלאַכטנקייט אין דורות יידן.

נאָר דורך די פאקטאָרן קען מען דערפירן צו א נאציאָנאַלן באוווסט־זיין, צו וויליקער נאציאָנאַלער גראוויטאציע און צו נאציאָנאַלער דיסצי־פלינירטער אָרגאַניזירטקייט פון יידן יחידים אין יידישע קאָלעקטיוון — דאָס איז דער וועג פון הפקרדיקער אינדיווידואַליזאציע צו א פעסט אָרגאַ־ניזירטן פאָלק.

7. אינטעלעקטועל־גייסטיקע אײַנגעוואָרצלטקייט ווי אזוי? —

עס קען נישט זיין אין מענטשן קיין צוגעבונדנקייט צו מיליאָנען מענטשן ווייל זיי געהערן צו מיין פאָלק. אַנשטאָט דעם קומט און מוז קו־מען א וויליקע, וויסיקע און געטרײַע איבערגעגעבנקייט צו א סכום פאָלקס אינסטיטוציעס און נאָרמירונגען וואָס סימבאָליזירן דאָס פאָלק, זיין איינ־קייט, גאנצקייט און צוזאמענגעבונדנקייט איבער דורות און לענדער. יע־דער מענטש טראָגט זיין פאָלק אין זיך (אינהאַלט פון דעם באגריף) און

בלויז די וואָס טראָגן אין זיך אַט די געטרייקייט צו די פאָלקס אינסטי־טוציעס, בלויז די געהערן צום פאָלק (פאַרנעם פון באַגריף פאָלק). געהערן צו א פאָלק הייסט זיין געטריי זיינע זיטן, מינהגים און נאַציאָנאַלע דורותדיקע געוווינהייטן, זיינע טראַדיציעס. א מענטש געהערט צו דעם פאָלק וואָס דיסציפּלינירט זיין לעבן שטייגער, אין דעם — די שכינה פון פאָלק און זיין נשמה.

ביי אַלע פעלקער איז זייער פאָלקישקייט א מאַטעריעלע — לאַנד, נאַטירלעכע און געשאַפענע רייכטימער, קיניג, שטעט וכדומה. די שכינה פון פעלקער האַלט זיך איין אין זיי.

ביי יידן זענען די נאַציאָנאַלע אינהאַלטן פון גייסטיקן כאַראַקטער.

ענגליש פאָלק איז ע נ ג ל א נ ד,

יידיש פאָלק איז י י ד י ש ק י י ט.

8. וואָס מיינט יידישקייט? — דאָס זענען די אַפּזונדערנדיקע אייגנטימלעכקייטן אין פירונג, אין שטייגער, אין רעדן און אין שווייגן, אין פאַרווייַלונג און אין טרויער, אין פירונג און אין דענקען, — אַלץ וואָס טיילט אָפּ דעם לעבנס שטייגער פון דעם יידן פון דעם זעלביקן ביי אַלע נישט יידן. עס איז נישטאָ קיין יידישקייט און מען קען נישט זיין קיין ייד ווען דער שטייגער לעבן איז נישט ספּעציפיש, אַנדערש, אייגנטימלעך. דאָס איז די תורה שבעל פה (ריכטיקער — די תורה שבמעשים און פּי־רונגען) וואָס יעדעס פאָלק פאַרמאָגט, אומאָפּהענגיק צי עס איז פאָרמו־לירט אין ווערטער אָדער נישט.

9. בלויז אַט די „תורה שבפירונגען" דיסציפּלינירט דעם מענטשנס גייסט און כאַראַקטער און פיקסירט אויף דורות זיין אָנגעהעריקייט צו דעם אָדער יענעם פאָלק. לא כרת הקב"ה ברית עם ישראל אלא בשביל דברים שבעל פה (גיטין ס:) מיט אַנדערע ווערטער רופט מען דאָס פאָלקס־טימלעכקייט. אַט די געירשנטע דורך דורות פאָלקסטימלעכע טראַדיציע איז דער איינציקער יסוד פון איטלעכן פאָלקס לעבן, פון זיין קולטור, אין דעם דורותדיקן אָפּהיטן די פאָלקסטימלעכע טראַדיציע קריסטאַליזירט זיך אויס דעם פאָלקס כאַראַקטער, זיין „איך" און זיין אכטונג צו זיך.

10. פעלקער היטן אָפּ זייער שכינה מיט דער הילף פון מאכט, דרוק און געזעצן, מיט נאָרמען פון קאָמפּאַקטע ישובים. מיר יידן האָבן נישט קיין מאכט איבער די יידישע יחידים און אין זיך פאַרמאָגן מיר נישט קיין טיפע צוגעבונדקייט צו דער פאָלקסטימלעכער טראַדיציע. איז זי אָפּגעהיט געוואָרן דורך דורות אונטער דעם פּסעוודאָנים רעליגיע. מיר האָבן נאָך דערווייל נישט געשאַפן קיין אנדער אידעע פון געטרייקייט צו אונדזער פאָלקסטימלעכקייט.

11. אָבער דער סכום יידישע נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקייטן און ספּעציפישקייטן איז לגמרי נישט אידענטיש מיט רעליגיע. די לעצטע איז א סכום פּרינציפּן און נאָרמירונגען פאַרבונדן מיט א אידעע פון א גאָט אויסער דעם פאָלק און אומאָפּהענגיק פון אים. ביי יידן איז אָבער פאַראַן אנשטאָט א אידעע פון גאָט א גאָט פון אידעען, פּרינציפּן, יסודות, וואָס עקזיסטירן נישט פאַר זיך אויסער דער וועלט און איבער דער וועלט, נייערט אין דער וועלט, אין די נשמות פון דער וועלט און איבערהויפּט אין די נשמות פון פילנדיקע יידן. נישטאָ קיין יידישער גאָט אויסער די נשמות פון די יידן מחוץ זייער גלויבן אין זייער יידישקייט. נישט מיר גלייבן אין דער הייליקייט פון עפּעס א גאָט צי פון גאָלד, פון שטיין, צי פון פלייש וכדומה. אונזער גאָט איז אל דאָס „הייליקע פון ישראל״, קודשא בריך הוא ואוריתא איז איינס. בכן האָבן מיר נישט קיין רעליגיע אין געוויינלעכן זינען, און גערעכט זענען געווען די אמאָליקע גריכן וואָס האָבן געקוקט אויף יידן ווי אויף א פאָלק וואָס האָט נישט קיין גאָט, אזוינס ווי זיי, א פליישענעם גאָט, צי א לעבעדיקן ווי ביי די מיצרים, צי א געהאָנגענעם האָבן מיר נישט אויך היינט. אלץ וואָס עס גילט ביי אונדז אונטער דעם נאָמען רעליגיע איז אין תוך אריין גאָר דעם סכום פון די נאַציאָנאַלע נאָרמירונגען פון אלע זיטן און פירונגען לשם יחוד פון קיום פון פאָלק, דאָס זענען די רינגען וואָס דאַרפן צונויפהאַלטן די באַזונדערע שטיקער פון עם מפוזר ומפורד. נישט דאָס יידישע פאָלק האַלט זיך מיט זיין גלויבן אין גאָט, נאָר פאַרקערט, איז דאָס יידישע פאָלק א פאָלק כל זמן עס איז גאָט און געטלעך דער גלויבן אין אל דעם ספּעציפישן וואָס

אין לעבן, אין דענקען און אין פילן פון דעם יידישן פאלק, כל זמן עס זענען דא יידן וואס אט דאס פאלקישעס איז ביי זיי הייליק, געטלעך.

12. דער דראנג צו פארוואנדלען יידישקייט אין א רעליגיע איז א פארמע פון נאכמאכן דער ארומיקער וועלט, פון קנאפן דרך ארץ צום אייגענעם פאלק, פון וועלן נישט ד י נ ע ן צו גאט נאר צו פ א ר־ד י נ ע ן פון אים.

13. פארוואנדלען יידישקייט אין א רעליגיע הייסט אננעמען אנשטאט א ה ב ת י ש ר א ל וואס איז תמיד דער מקור ראשון פון נאציאנאלן לעבן, א ה ב ת ה מ ק ו ם און דאס מוז פירן צו א פארגליווערטקייט און טויטער קאנסערווירטקייט, וואס קען קיינמאל נישט ביישטיין דעם אנגריף פון הערשנדיקע קולטורן און במילא — קומט פון דעם צו אסימילאציע.

14. יידיש פאלק איז דער סכום יידישקייט וואס ווירקט איינהייט־לעך איגעווייניק אין דעם גייסט פון יחידים־יידן און פורעמט די איינ־הייטלעכקייט פון זייערע רעאקציעס און האנדלונגען. איטלעכער אמתער ייד טראגט אין זיך גאנצע אקטיווע יידישקייט און איז א גאנץ פאלק אין זיך, פונקט אזוי איז א טראפן וואסער כולו וואסער אין שפיגלט אפ די גאנצע זון אין זיך. יידיש פאלק איז דער סכום יידן מיט גאנצער אקטיווער יידישקייט אין זייער הארצן און אין זייערע מעשים.

15. גאנצע יידישקייט איז נישט פראקציאנעל, אפגעקליבן: דאס נעמען מיר און דאס נישט. אט די אלע פראקציאנעלע יידישקייט: עטישע, חנ״בישע, רעליגיעזע, וועלטלעכע, ארטאדאקסישע, רעפארמירטע אאז״וו, אוו. — אלע טראגן זיי אין זיך א נעגאציע־קאמפלעקס: מען טיילט ארויס דעם „כשרן״ עלעמענט כדי מען זאל קענען אפווארפן אל דאס איבעריקע. און אלע אט די באזונדערע יידישקייטן האבן ביז איצט פארפירט צו אוי־סיידישונג. עס איז ווידער נישטא קיין גאראנטיע אז להבא זאלן זיי נישט פירן צו אומקום. און בכן מיינען מיר מיט דעם ווארט „יידישקייט״ בלויז די אינטעגראלע, ארגאנישע וואקסנדיקע „פון בית לחם ביז קאסרילעווקע״.

אלץ וואָס קומט ווי א נייער צווייג אויף אן עלטערן, אלץ אחוץ דאָס אימי־טירטע, נאָכגעמאכטע.

גאנצע אינטעגראַלע יידישקייט קען נישט דערגרייכט ווערן דורך צונויפפירן העברעאיסטן מיט יידישיסטן אונטער איין דאך, רעליגיעזע מיט וועלטלעכע — אויף איין מיטינג; אינטעגראַלע דערציאונג איז נישט קיין מעכאניש צונויפגעשטוקעוועטע עלעמענטן פון ת"ת און אדן שולן. אינטעגראַל מיינט אז איטלעכער עלעמענט פון קולטור, פון לערנען זאָל אין זיך טראָגן אלע טעמים פון אלט און פון ניי, צוזאמען פון רעליגיע און פון וועלטלעכקייט. דאָס נייע דארף זיין א גילגול (טראנספאָרמירונג בלעז) פון דעם אלטן און דאָס אלטע דארף אין זיך טראָגן אלע פּאָטענצן פון דעם נייעם. סינטעז איז נישט קיין סומע פון באזונדערע איינסן, עס איז א „כעמישע" פאַרבינדונג, ריכטיקער — אן אָרגאניש וועזן וואָס טראָגט אין זיך די פּאָטענצן פון די עלטערן אין זיינע נייע קאָמבינאציעס.

16. וועלטלעכקייט מיינט נישט אָפּזאָגן זיך פון גאָר דער טראדיציע מחמת זי איז כלומרשט „מקוצה מחמת רעליגיע", נייערט פאַרקערט — אננעמען די גאנצע טראדיציע נישט לשם שמים, גן עדן, פריוואטן שכר ועונש נאָר לשם יחוד פון קיום האומה און איר איינהייטלעכקייט איבער לענדער און פעלקער. אין דער יידישער געשיכטע איז תמיד געגאנגען א פּראָצעס אָפּצונעמען אלץ וואָס דאָס יידיש פאָלק האָט געשאפן גוטס און עס איבערשרייבן אויף דעם חשבון פון גאָט: מיר זענען אין די אויגן פון אונדזערע בעסטע אן „עם כבד עוון", נאָר אונדזער גאָט איז „קדוש, קדוש, קדוש, מלא כל הארץ כבודו". דריי גרויסע מאָמענטן נאָר אין דער יידישער געשיכטע האָבן געשמידט אייביקייט מיטן כוח פון אהבת ישראל, פון געטרייקייט צום פאָלקס טראדיציע ווייל זי איז דעם פאָלקס, **זי איז דאָס פאָלק.** זיי זענען די נביאים און סופרים פון גלות בבל און שיבת ציון, יבנה, און דער חסידיזם. דאָס זענען געווען שווערע מאָמענטן אין לעבן פון פאָלק, און אָט די באוועגונגען האָבן געראַטעוועט. מיר לעבן אין א צייט פון נישט קיין קלענערע סכנות, און נאָר אזא אָרגאניש

פאָלקסטימלעכע וועלטלעכקייט (להבדיל פון דער משכילישׁ נעגירנדיקער) קען ראַטעווען פון יאוש און ענערגעטישער אַטראָפיע.

17. ווי פלאַנצט מען איין אין די יחידים פון פאָלק אָט די שטייגערישע דיסציפּלינירנדיקע פאָלקסטימלעכע טראַדיציע? די זעלביקע פראַגע קען פאָרמולירט ווערן: ווי האַלט מען אויף דעם קיום פון יידישן פאָלק, וואָס נאָר מיט אים קען געזיכערט ווערן דאָס לעבן פון יידן־יחידים?

— דורך וויליקער אויסגעהאַלטנקייט פון צילוויסיקע יחידים און גרופּעס. די זענען דער מוסטער, דער קערן פון פאָלק און זיינע ל"ו; דורך געזעלשאַפטלעכן צוואַנג פון מאָראַלישן כאַראַקטער וואָס ווערט געשאַפן דורך אָרגאַניזירטע צילוויסיקע קאָלעקטיוון, און על כולם דורך דערציאונג פון יוגנט.

18. דער יסוד פון דערציאונג איז נישט דאָס אויסלערנען פּראָגראַמען, נאָר דאָס אריינלעבן אין איינגעשטעלטע לעבנספאָרמעס, אין אַ סביבה. אויסגעלערנטע יידישקייט וואָס איז דאָ אין ווייסן און איז אָבער נישטאָ אין מעשים קען נישט אויסהאָדעווען קיין יידן, פּונקט ווי די בעסטע קענער פון עסקימאָסן זענען דאָך נאָך דערמיט נישט קיין עסקימאָסן. דאָס יוצא זיין מיטן ווייסן וועגן יידן איז צו אונדז געקומען פון די משכילים וואָס פאַר זיי איז יידישקייט געוועזן אַ זאַך פון עבר און נישט מער.

19. לשם יחוד פון קיום האומה דאַרפן צילוויסיקע יידן שאַפן אין זייערע היימען און קאָלעקטיוון אזוינע סביבות פון אויסגעהאַלטענער יידישקייט:

וויליקע אויסגעהאַלטנקייט אין יידישקייט.

אָפּזאָג פון פרעמדע שפּראַכן און זיטן, פון פרעמדע מנהגים און שטייגערס.

אָפּהיטן דאָס טראַדיציאָנעלע אין פאָרמען וואָס דאַרפן סימבאָליזירן די גאולה אידעאַלן און דעם גלויבן פון היינט —

דאָס אַלץ איז דער יידישער חוב פון די אחריותדיקע יידן היינט צום טאָג. דאָס איז אויך דער פאַקטאָר ראשון אין דערציאונג.

20. דאָס עצם לערנען האָט צוויי צילן:

א) מען דארף לערנען נישט כדי אויסצולערנען די אדער יענע סכו־מים וויסן. מען דארף אויסלערנען לערנען: מען מוז צוגעוויינען צו קענען דענקען און פראדוצירן געדאנקען ווי א פונקציע אין לעבן. די וויכטיקסטע און הייליקסטע תורות וואס אויף זיי וואקסן נישט אן קיין נייע אידעען און געדאנקען זענען טויטע תורות און א פאלק קען מיט זיי נישט לעבן.

ב) מען מוז גאנגבאר מאכן אין די הערצער און מוחות פון די נייע דורות די אינהאלטן וואס מיט זיי האט דאס פאלק געלעבט ביז אונדז. די אינהאלטן זענען אונדזער היימלאנד וואס בלויז אין זיי האבן מיר א קיום. מען דארף פון דעם שאפן אין די מוחות פון די תלמידים דאמינירנדיקע געדאנקען־קאמפלעקסן, וואס זיי, די „דאמינאנטעם" האלטן דעם מענטשן און שאפן אין אים דעם קרייז אינטערעסן. און דאס איז דער „והגית בם יומם ולילה".

אויב דאס יידיש פאלק לעבט מיט זיינע תורות, מוזן די תורות לעבן אין פאלק, איז תורה נאר דאס מיט וואס דאס פאלק לעבט, און יעדער אפרייסן זיך פון דורותדיקע אינהאלטן, יעדער ארייגלעבן זיך אין נייע אינהאלטן איז כרת. אפשניידן זיך פון פאלקסשטאם. אן אפגעשניטענער צווייג, אפילו דער שטארקסטער מוז דאך אפשטארבן.

21. ביים לערנען איז וויכטיק נישט דער סכום קלאר פארמולירטע באגריפן און סומירנדיקע ידיעות וועגן פאלקס תורות, נייערט עס איז א סך וויכטיקער ארייבצופירן די תלמידים אין דעם ספעציפישן איראציאנעלן גייסט פון דעם פאלקס תורות, אין די אייגנטימלעכע וועגן פון דענקען און וועלטבאנעמען, וואס בלויז מיט דעם שליסט א מענטש זיך אן אן דעם שטאם פון זיין פאלק.

22. אלע סיסטעמען צו לערנען פארקירצונגען, אפהאנדלונגען, סו־מירונגען וועגן דעם אינהאלט, פארמולירונגען זענען ביי אונדז נאכמאכונגען פון פעלקער וואס האבן גאר אנדערע צילן אין זייערע שולן און אנדערע גורלות אין לעבן. אויך ביי זיי שטאמען אט די וועגן פון אפגעלעבטע טעא־

ריעם וואָס האַלטן זיך צוליב אינערץ און צוליב סאָציאַלן קאָנסערוואַטיזם. פאַר אונדז זענען די וועגן נישט נוציק און אַפּט שעדלעך.

דאָס מאַטעריאַליסטיש לערנען אינהאַלטן מיט קאָנאַניזירטן סכום וויסן און קענטעניש מיט מעטאָדן וואָס אַפּעלירן בלויז צום ראציאָ, און וואָס מושטרירן אים אויס אין געוואונטשענער רעכטונג, — די סיסטעם האָט געקראָגן איר סמיכה נאָך פון הערבאַטן און זיינע תלמידים דורכן גאַנצן 19־טן י״ה און זי איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר א וועלט וואָס איז באַזירט אויף מאַס־פּראָדוקציע און מאַכן לעבן.

די סיסטעם שטרעבט אויסצוהאָדעווען גוטוויליקע נאָכגייערס נאָך אידעען און געדאַנקען וואָס זענען געגעבן פאַרטיקערהייט. דאָס איז די פּעדאַגאָגיק פון ראַציאָ כדי צו באַלאָדן מיט דעם סכום וויסן און טרענירונג וואָס די וועלט פון פּראָדוקציע און פאַרברויך נייטיקט זיך אין דעם. אַלץ און אַלע דאַרפן דינען דער פּראָדוקציע און פאַרשפּרייטונג פון גיטער.

די יידישע דערציאונג אָבער האָט פון אייביק אָן אַפּעלירט איבער־הויפּט צו דער שעפערישער אינטואיציע אין יעדן יחידי וואָס פירט אָן מיט דעם מענטשן פון אינעווייניק ארויס, פון זיין גייסטיק מאָראַלישן ״איך״. ווייל דער אידעאַל איז דאָ נישט קיין מאַטעריעלע גיטער פאַר דעם פיזישן סטאַנדאַרט פון דעם מענטשן, נייערט דער סטאַנדאַרט פון דער גייסטיק־מאָראַלישער פּערזענלעכקייט אין מענטשן גופא. די שלמות ניט באַהערשן און קולטיווירן די דרויסנדיקע וועלט פאַר דעם מענטשן, נאָר קולטיווירן די וועלט וואָס א י ז דעם מענטשן און מהאי טעמא איז דער ציל פון לערנען נישט דער סכום וויסן נאָר די איראַציאָנעלע פעאיקייט צו פאַנאַנדערוואַקסן און פאַרמערן זיך פון דעם געלערנטן. ״אין הברכה מצויה אלא בדבר הסמוי מן העין״; אין הברכה מצויה לא בדבר המדוד ולא בדבר המנוי״ (תענית ח:) — נישט אין קלאָר פאָרמולירטן וויסן איז דער זינען פון לערנען.

די גאולה פאַר דער וועלט פּעדאַגאָגיק וואָלט געקענט קומען דורך אונדז פון אונדזער טראַדיציע אויב מיר וואָלטן זוכה געווען צו שעפּן פון אונדזערע אייגענע קוואַלן און נישט מאַפירן און איטיטירן בסדר.

23. פון דאנען שטאמען אייניקע פאָדערונגען צו דער יידישער שול:

א) די יידישע שול מוז זיין א שול פון מקורים, פון אָריגינעלע ווערק, וואָס זענען גאַנגבאַר אין פאָלק און נישט פון סיסטעמאַטישן וויסן וועגן די מקורים.

ב) די מעטאָדן און פאָרמען זיינען וויכטיקער ווי די אינהאַלטן, דאָס אריינלעבן זיך אין זיי — וויכטיקער ווי דאָס וויסן זיי.

ג) דער יידיש דערציערישער ווערט פון געשיכטע ווערט רעדוצירט ביז צו א מינימום, און עס איז וויכטיק נישט דער היסטאָרישער אמת פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר די אַקטואַליזאַציע פון די פאַרגאַנגענע תקופות אין היינטיקן לעבן אונדזערן.

ד) אַלע אינהאַלטן און לערנונגען מוזן זיין דורכגעדרונגען מיט דער אידעע פון יידישער פאַרזיכיקייט אין גייסט און מיט דער שטרעבונג צו פאַרזיכיקייט נישט נאָר אין גייסט.

24. דאָס יידיש פאָלק לעבט, עם ישראל חי — נישט אין פּראָזע, נאָר שעפעריש, בכן מוזן זיך שאַפן תורות אויך היינט אין פאָלק. דער וואָס לייקנט אין די תורות פון דעם יידישן פאָלק אין זיינע איצטיקע דורות דער איז א כופר בעיקר — ער לייקנט אין לעבן פון פאָלק, ער גלייבט נישט אין דער צוקונפט פון פאָלק. דאָס זענען די צדוקים פון היינט, און ווער זיי זאָלן נישט זיין, זענען זיי שעדיקער. אַלע יידישע קיבוצים וואָס האָבן אויפגעהערט צו שאַפן ספּעציפיש־יידישע קולטור־ווערטן — תורות אַלע זענען זיי פאַרדאַרט געוואָרן, געשטאָרבן. אַט דאָס אויפהערן צו שאַפן איז דער ערשטער טריט צום טויט און אומקום.

25 אויב דאָס יידיש פאָלק לעבט, און עס לעבט מיט זיינע תורות, און תורות זענען נאָר די שאַפונגען וואָס טראָגן אין זיך דעם בת קול פון דורות, זענען אויך פון היינט ווערט אַרנצוקומען אין שול נאָר די ווערק וואָס שפּיגלען אָפּ יידישע דורות. נישט „ליטעראַטור", נאָר ספרים פון יידישן פאָלק דאַרפן זיין דער יסוד פון שול.

און דערביי — וואָס נענטער צום לעבן פון היינטיקע דורות, אַלץ ווירקזאַמער דער צובונד, וואָס זיי שאַפן צום פאָלק. מחאי טעמא־תנ"ד —

וויכטיק, תלמוד — וויכטיקער, געקליבענע ספרים פון היינט — גאר וויכ־טיק.עס טאר אבער נישט זיין איינס אן דעם צווייטן, ווייל ווו עס איז נישטא קיין המשכדיקייט, איז נישטא קיין לעבן, אן מסורת־טראדיציע איז נישטא קיין צוקונפט, אן א נעכטן איז נישטא קיין מארגן.

26. שפראכן פאר זיך האבן נישט קיין אייגענע קדושה. די הייליקסטע שפראכן ווען זיי זיינען אויסגעליידיקט פון אינהאלטן וואס דאס פאלק האט אין זיי אריינגעלייגט, זענען ווי ליידיקע פלאשן און זיי קענען קיין דארשטיקן נישט דערקוויקן, אפגעשונדענע פעלן פון די הייליקסטע באשע־פענישן. שפראכן זענען הייליק אבער נאר מיט דער קדושת העם. ווער עס ווארפט ארויס דאס פאלקסטימלעכע פון שפראך און האלט טייער די שפראך אליין, דער בוקט זיך צו א געץ. דער גאנצער ,,שפראכיזם״ ביי אונדז פון אמאל און ביז היינט איז נישט מער ווי איין פארמע פון די פראקציא־נעלע יידישקייטן, וואס פארדעקן זייער נעגאציע פון יידישקייט בכלל מיט א פייגנבלעטל פון א גאלדן קעלבל. אבי מען האט אויף וואס צו שרייען ,,אלה אלוהיך ישראל״. ווער עס באזירט יידישקייט אויף קדושת השפראך, דער פארהייליקט דאס מענטעלע און די ספר תורה פארווארפט ער.

27. אין קיין איין לאנד טארן יידן נישט שטעלן פארויס דאס לאנד. בכן ניט: ,,מיר זיינען אמעריקאנער, ארגענטינער, מעקסיקאנער, פוילישע יידן וכדומה״. נאר ,,מיר זענען יידן ווו מיר זענען״. מיר זענען ,,יידן אין אמעריקע״ און נישט ,,אמעריקאנער יידן״. מיר שטייען פאר א גרויסער סכנה פון צעפיצלען דאס יידיש פאלק אויף א סך שערבלעך פון פאלקי־און אפהיטן די איינהייטלעכע גאנצקייט איבער לענדער איז די גרעסטע מצוה, ביי היינטיקן טאג. נישט ,,מיר לעבן דאך אין אן ע נ ג ל י ש ן לאנד״, נאר מיר לעבן דאך. נישט צופאסן זיך צום הערשנדיקן פאלק אין לאנד, נישט צופאסן זיך דורך אימיטאציע און נאכמאכונג, נאר צופאסן אלע דרויסנדיקע מעגלעכקייטן צום אייגענעם קאלעקטיוו, נישט אפמעקן דעם אייגענעם ,,איך״ צוליב צופאסונג, נאר צופאסן אל דאס מעגלעכע אפצוהיטן דעם נאציאנאלן ,,איך״ אין שפראך, פירונגען און שטייגער.

28. און מהאי טעמא — די יידישע שול טאר נישט האדעווען קיין

מאסן מענטש, אַט די וואָס גייען מיטן שטראָם און לאָזן זיך פּאַסיוו טראָגן מיט די הערישנדיקע ווינטן, נאָר פאַרקערט דאַרפן מיר זיך באַמיען צו האָדעווען מענטשן וואָס קענען גיין קעגן שטראָם, וואָס ווילן און האָבן מוט צו גיין קעגן שטראָם.

29. דער ציוניזם ווי א שטרעבונג צו פאַרזיכיקייט איז א פונקציע פון פולער יידישקייט. יידישקייט דאַרף האָבן א היים, אן אָרט פאַר איר אומגעשטערטער אנטוויקלונג. נישט פאַר געדרודפטע יידן אן אָרט, נאָר פאַר פולער יידישקייט א היים. אַלע פאָרמען פון ציוניסטישער דערציאונג אַן פולער יידישקייט באַטייטן בויען א דאַך אָן פונדאַמענט. ציוניזם אָן דער אויסגעהאַלטענער פאַרזיכיקער יידישקייט, וואָס האָט אויפגעהאַלטן דעם קיום פון פאָלק אפילו אין גלות, קען פאַרפירן חלילה צו א מין שבתי צביייש־קייט. אַלע נאַציאָנאַלע אידעאַלן וואָס באַזירן זיך נישט אויף דער דירות־דיקער טראַדיציע אין לעבן האָבן פאַרפירט און מען מיז זיך זייער אָפּהיטן.

30. אַלע אנדערע אידעאַלן וואָס באַזירן אונזער צוקונפט אויף פרעמ־דע פונדאַמענטן: דאָס יידיש לעבן וועט ווערן נאָרמאַל ווען דאָס אָדער דאָס לאַנד וועט זיגן, ווען די אָדער יענע סיסטעם וועט הערשן — די אַלע טעאָריעס פאַרוואַנדלען דאָס יידיש פאָלק אין א פּאַסיוון באַל וואָס ווערט געשליידערט פון הארטע צו ווייכע פיס, און א פאָלק זענען מיר אפילו קעגן אונזער ווילן און פאַרלאַנג, און א פאָלק קען נישט און טאָר נישט פאַרלאָזן זיך אויף „ווייכע פיס", מיר יידן — געוויס נייסט.

31. נאָר א דערציאונג וואָס איז באַגרינדעט אויף די אויבן געבראַכ־טע פרינציפּן קען אנטוויקלען אין די תלמידים די נויטיקע מאָראַלישע ענערגיע (גלויבן, ווילן, מוט און מונטערע דרייסטקייט) צו בויען א לעבן אין אַלע סביבות און צו שטרעבן צו שאַפן אן אייגענע סביבה אומעטום— עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות. און בלויז אַט די וואָס טראָגן אין זייער הארצן זייער ישראל קענען, און בלויז אַט אזוינע וועלן אויסבויען אן אמתע ארץ ישראל.

32. אָבער קיינמאָל קען א שול פאַר זיך נישט באַזאָרגן די צוקונפט פון דער יוגנט — פון די קומענדיקע דורות. מען מוז אָרגאַניזירן די יידי־

שע סביבות ארום די שולן. עס מוזן אָרגאַניזירט ווערן ביי די שולן קרייזן פון היימען מיט אָ פּ ג ע ה י ט ע ר י י ד י ש ק י י ט. איטלעכע אַזאַ היים מוז נעמען אויף זיך אָפּצוהיטן זיך פון נאָכמאַכן און אימיטירן: קיינע פרעמדע שפּראַכן, קיינע פרעמדע זיטן און מנהגים אויב אַפילו זיי האָבן נישט קיין שום שייכות צו פרעמדע רעליגיעס, קיינע פרעמדע יום־טובים. — אַלץ וואָס איז פּשוט נאָכגעמאַכט, איבערגענומען פון פרעמדן שטייגער איז פּסול פאַר אָפּגעהיטע יידישע היימען. דאָס איז דער „לא תעשה". און פאַרקערט דאַרפן די אָפּגעהיטע יידן זיך באַמיען אָפּצוהיטן און ממשיך צו זיין נאָר די יידישע טראַדיציע און זען דאָס צו פירן אַזוי עס זאָל סימבאָליזירן די יידישע פּאַרזיכיקייט און דאָס שטרעבן צו פאַר־זיכיקייט.

33. יידישע שולן, גוטע יידישע שולן אָן אַזאַ סביבה פירן די יוגנט ביז צו אַ מדבר און לאָזן זיי דאָרטן אַליין אויף הפקר. שולן אָן קרייזן אָפּגעהיטע יידן, קרייזן, אָפּגעהיטע יידן אָן שולן — באַזונדער איינס אָן דעם צווייטן קען קיין קיום נישט האָבן.

34. שולן, אַפילו די קלענסטע, אַפילו בלויז א"ב שולן האָבן בלויז דעמאָלט אַ זינען ווען עס איז פאַראַן אַ הויך־שול — דער נידעריקסטער שטאַפּל פון אַ לייטער האָט בלויז דאַן אַ זינען ווען עס איז פאַראַן אַ העכס־טער. כל זמן עס פעלט אויף דעם גאַנצן אַמעריקאַנער קאָנטינענט אַ הויכע יידישע שול, אָן אוניווערזיטעט, אַ קאָלעדזש וכדומה, — כל זמן מיר האָבן נישט אין זינען דאָס אויפצושטעלן, האָט אויך דער זינען פון די אָנפאַנג־שולן אָנגעוואָרן זיין גרעסטן באַטייט. פונדאַמענטן אָן אַ דאַך זע־נען קיין מאָל נישט קיין הויז! שול אָן אַ העכערער אַקאַדעמיע, אָן אַן אַקאַדעמישער אינסטיטוציע זענען ווי פונדאַמענטן אָן דעכער.

35. דאָס אַלץ וועט נישט קענען דערגרייכט ווערן כל זמן די טוערס פון די שולן וועלן נישט באַגרייפן דעם זינען פון אינטעגראַלער יידישקייט, כל זמן אַ גרויסער טייל פון די שול טוערס און לערערס וועלן נישט זען אין זייער אַרבעט ווייטער ווי די ווענט פון ז י י ע ר שול, פון ז י י ע ר ווינקעלע כל־זמן זיי וועלן נישט פילן הינטער זייערע פּלייצעס דאָס גאַנץ

יידיש פאָלק, כל זמן זיי וועלן נישט דערשפירן די אחריות פאר דעם גאנצן פאָלק דורך דורות און לענדער. כל זמן מיר אלע וועלן נישט טאָן אונדזער ארבעט טאָג איין טאָג אויס „אין נאָמען פון זיין מאַיעסטעט דעם יידישן פאָלק".

36. לשם דעם וואָלט מען שוין איצט געדארפט זיך באמיען צו אָר־גאניזירן א פארבאנד פון שולן וואָס געהערן נישט צו סעפאראטיסטישע גרופקעלעך, נאָר זיי באמיען זיך אָפצוהיטן די פרינציפּן פון אינטעגראַ־לער יידישקייט. דער פארבאנד דארף פארשטייט זיך נישט באגרעניצן מיט איין לאנד. און צום סוף.

37. דער ענדגילטיקער ציל פון אלע נאציאָנאלע אָנשטרענגונגען איז לעבן און דערציאונג איז געווען און עס בלייבט — אן אייגענע היים. א פאָלק מוז האָבן זיין היים, אָבער דאָס איז גערעדט ווען דאָס פאָלק איז א פאָלק צונויפגעבונדן מיט אן איינהייטלעכער תורה שבמעשים. און דאָס מוז אָפגעהיט ווערן מער ווי אומעטום, אין גלות. אָן דעם וועלן קיינע לענדער קיין היים נישט ווערן. „עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל שיקבעו בארץ ישראל". ארץ ישראל וועט דאן ווערן אן אמתע ארץ ישראל ווען אָט דאָס ספעציפיש יידישעס וואָס וואקסט אָן אין אלע בבלם וועט איינ־געפלאנצט ווערן אין ארץ ישראל. זאָגט מען זיך אָפּ פון דער יידישקייט וואָס אין בבל (אלע גלותן), האָט מען נישט וואָס איינצופלאנצן אין ארץ ישראל, טאָ מיט וואָס איז עס ארץ ישראל? און דער אויספיר — „קדמה תורה לארץ ישראל" — אָן אויסגעהאלטענער יידישקייט און אָן א אינ־טעגראלער יידישער דערציאונג, האָט ציוניזם נישט קיין קיום, נישט קיין נוצן.

תיקון טעות

זייט	שורה	געדרוקט	דארף זיין
66	8 אויבן	קאז. רוסא	קאז־רוסא
70	3 אויבן	ניט צוגעפאסט	גוט צוגעפאסט
74	13 אונטן	אפן	האפן
78	6 אונטן	העלפט	העלפט ניט
79	9 אויבן	דאן	דאך
96	12 אויבן	מען	מער
100	11 אונטן	פעסט	פעסטע
105	6 אויבן	קען	קען מען
107	2 אונטן	ניט מיטגליד	ניט קיין מיטגליד
108	11 אונטן	בונט	בונד
111	4 אויבן	פון די	אין די
114	14 אויבן	שולנס	שול
139	6 אויבן	מענטשן	מענטש
144	14 אויבן	אלא ואלה	אלה ואלה
150	6 אויבן	ייד און יידן	ייד אין יידן
151	11 אויבן	זיי	זיין
155	10 אויבן	ווארעמקייט	ווארעמקייט וואס איז
157	3 אויבן	סבעציפישער	ספעציפישער
166	9 אויבן	בויעם.	„בויעם
179	10 אויבן	לעמענטן	עלעמענטן
181	3 אונטן	אויסלגעדריקט	אויסגעדריקט
184	12 אונטן	דרעשט	דרעסירט
189	14 אונטן	רגולאמין	רעגולאמין
190	6 אונטן	אפערציפירט	אפערצעפירט
197	12 אונטן	אימרא״	אירא״
219	5 אונטן	קמאפלעקסן	קאמפלעקסן
241	13 אויבן	יחיוח	אחיזה

זייט	שורה	געדרוקט	דארף זיין
244	5 אויבן	זי	זי.
250	9 אונטן	אלגמעיינע	אלגעמיינע
250	3 אונטן	רבנ'ס	רבינס
252	7 אויבן	זיין	זיי
269	14 אויבן	תקופה	תקיפות
279	5 אויבן	זאלע	זאלן
285	10 אונטן	נראגראם	פראגראם
297	9 אונטן	פולם	גולם
308	14 אונטן	מקוצה	מוקצה

אויף זייט 36, צווישן 3 און 2 אונטן פעלט א שורה: „פאררעכנט פאר שלעכטע תלמידים. דאס"

אויף דער זייט 78, 4 אויבן, ארויסווארפן די גאנצע שורה און אנשטאט איר ארייננשטעלן: „מענטש וואס פאר אים איז מייער די רעליגיעזע אי־בערלעבונג און"

אויף זייט 193, נאך דער 5־טער שורה אונטן, פעלן צוויי שורות. עס קו־מען דא ארײן די שורות 3,4 אונטן פון זייט 194 וואס זענען דארטן איבעריק.

אויף זייט 194, 3,4 אונטן, איבעריק אינגאנצן.

אינהאלט פון צווייטן טייל: פעדאגאגישע שריפטן.

זייט:

א לערער צו לערער (אנשטאט א הקדמה). —

א י ד ג ל יי ב — — — — — — — — — 157

ווער זיינען מיר און וועמען דינען מיר? — — — — — — — 161

אונדזער קאלטע יידישקייט און קאלטע תורה — — — — — 165

לאמיר ניט זיין קיין ליגנער — — — — — — — — 170

רעדט ניט פון יידישער קולטור — — — — — — — — 171

לייגט ניט קיין האפענונגען אויף דעם וויסן פון יידישער געשיכטע — 173

נ א ר נ י ט ק א פ י ר ן — — — — — — — — 175

א ת ה ב ח ר ת נ ו — — — — — — — — 176

פ ס יי ד א נ א צ י ז ם — — — — — — — — 177

די אידעע פון יידישער דערציאונג — — — — — — — 181

א פראגראם פאר יידישער דערציאונג — — — — — — 191

א גאנצע פערזענלעכקייט דורך דערציאונג — — — — — 205

אויסבילדונג פון כאראקטער ביי יידישע קינדער אין אמעריקע — — 215

יידישע יום־טובים אין דער יידישער שול — — — — — — 227

פעדאגאגישע פראבלעמען פון דער יידישער שול — — — — 235

סכעמע פון דורכנעמען א ווערק אין שול — — — — — — 277

וואס מיינט אינטעגראלע יידישקייט? — — — — — — 295

פרינציפיען פון אינטעגראלער יידישער דערציאונג — — — — 303

ת י ק ו ן ־ ט ע ו ת — — — — — — — — — —